STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03123

BALADE FUN A HOLEM

Blume Lempel

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

בלומע לעמפּעל



באַלאַדע פֿון אַ חלום

פֿאַרלאַג „ישׂראל־בוך" תל־אביב
הילפֿספֿאָנד פֿאַר ייִדיש־שאַפֿונג אין ישׂראל
תשמ"ו — 1986

בלומה למפל

בלדה של חלום

סיפורים

בלומע לעמפעל

באַלאַדע פון אַ חלום

דערציילונגען

BLUME LEMPEL

BALLAD OF A DREAM

Stories

שערבלאַט־צייכענונג: **יובל וולפסון**

נדפס בישראל 1986
Printed in Israel 1986

©
כל הזכויות שמורות

B. Lempel, 425 East Olive St.
Long Beach, N.Y. 11561, U.S.A.

דפוס „אורלי" — פרידמאַן תל־אביב, טל' 372062

...ואעבור עליך ואראך מתבוססת בדמיך
ואומר לך בדמיך חיי, ואומר לך בדמיך חיי...

יחזקאל, טז׳ ו.

און איך בין פֿאַרבײַגעגאַנגען פֿאַרבײַ דיר, און איך האָב דיך געזען זיך וואַלגערן אין דײַן בלוט, און איך האָב צו דיר געזאָגט: אין דײַן בלוט לעב! און איך האָב צו דיר געזאָגט: אין דײַן בלוט לעב!

במקום אַ פּירוואָרט

אַ נאַכט אין די אַדיראָנדאַקס

די מוזיק וואָס לויפט אויף מײַן שפּיל־פּלאַטע
באַגלייט די בילדער אין געדאַנק.
איך שווים אין מבול פון דיסאָנאַנסן,
פרעסקאָס פלאַמען אויף די ווענט.
נאַקעטע בערג בײַם הימלראַנד
שטייען ווי ייִדן בײַ דער וואַנט
מיטן פּנים צום אָפענעם קבר.

איך הייב אויף די אויגן צו די בערג,
די סטעשקע פאַרוואַקסן, פון שניי פאַרשאָטן.
זאָל איך לויפן, שטיין, אָדער גיין אויף צוריק?
שווײַגט דער באַרג, דער טײַך, די לאָנקע —
אַ רעגנבויגן נאָכן בראָד...

זעט דער באַרג זעונגען?
איז ער געפאַנגען פון זכרונות?
געדענקט ער דעם יהי, די ווייען פון ווערן?

בײַם נהר פון בבל בין איך ניט געווען,
די האַרפן פון פּימסנהאָלץ ניט געזען,
דער סאָסנעוואַלד אין מײַן זכרון איז פאַרשטאָכן
איך הער דעם זכור אין פרעמד געזאַנג,
דעם זאָג ניט קיינמאָל אין באַנזשאָ־קלאַנג,
אין וואַסערפאַל, אין שפּאַלט פון שטיין,
אין קריעה־ריס פון דער נשמה.

ב ל ו מ ע   ל ע מ פ ע ל

הערט דער באַרג דאָס וואָרט פון ווינט ?
די אותיות פון תּקיעת־כּף ?
איך בין דער באַרג, דער ווינט, די ווונד
און נאָך עפּעס
וואָס טרײַבט מיך מיט פײַערבײַטשן
איבער ווענט פון אײַז.

איך וויג זיך צום ריטעם פון ביט־דאָיִקע טריט,
צום ווײנען פון ווינט אין געוועזענעם וואַלד,
וועסנעטײַכן ברעכן קריִעס אויף די ברעגן
פון קיינעמסלאַנד.
איך הענג צווישן דאָ און דאָרט —
די מלכּה פון סתירות.

טיפע נאַכט אין מיטן טאָג,
פייגל טשאַטעווען בגילופין —
אַזאַ שפע אויפן טײַך, אַזש
ברעגן גיסן זיך אַריבער ;
האַרבער ריח פון גרינער מענטע,
פון פײַכטער ערד, פון זאַמענזאַפט.
איך בין די ערד וואָס וואַרט אויף אַקער,
דער ווינט אין בעט פון פעלדזנוואַנט.

געפּאַנצערטער גיבור אין שקיעה־גלי
שנײַדט די הימלען ווי אַ שווימער דאָס וואַסער,
זײַן קאָפּ גינגאָלד, די אָרעמס — פײַער,
זײַן ברוסט אַ פעלד ווו דער ווילד־מאָן בליט,
זײַן בויך אַ נעסט ווו דער חלום רוט,
ווו דער חלום בריט אויס וואָרע זוימען.

איך צוים די לייצעס פון צעפלאָשעטן געדאַנק,
אונטער דער הויט האָב איך מער ווי איין פנים.
בערג, אמתע און אויסגעטראַכטע, שטייען מיר אין וועג.
איך שוועב אויף אַ ניגון געלייטערט אין פּיין,
געהייליקט אין פייער, געבוירן אין בלוט,
פולע טענער, ווי פולע נעסטן, ווי רייכע ברוסטן
שווער און שוואַנגער.

מיט געצוימטע טריט פון אַן אַנטיקער צנועה
גייט אויף אַ בלייכע לבנה —
זי שווימט אויפן רוקן, ווי אַ כלה אין חלום,
אויפן בלויען דעקטוך פון מיין בעט.
לויטערע טענער לייכטן ווי קרישטאָלן,
ווי דאָס אויג וואָס לאָקערט
און מיידט מיך אויס.

איך לויף מיטן נעכטן אויף קיינמאָל מער וועגן —
צוויי־פּיסיקע סטאַדעס פאַרשטעלן דעם וועג,
סע ברענט דער וואַלד, סע שטיקט דער רויך,
גאַטס נאָמען גוססט אין טומאַן פון גאַז...
דער בופלאָקס לויפט אין ווילדער פּאַניק,
הירשן צירקלען אין פאַרצוימטן קרייז,
שטערן פאַלן ווי געקעפּטע פּרינצן,
פאַרדעקן דעם אומזין, פאַרדעקן דעם זין.

רויט איז דער טומאַן אין מיין מיטנאַכט־חדר,
רויט, ווי די פלאַמען פון דער אַלטער שול,
ווי די ליידיקע שיך פון מיידאַנעקס קינדער,
ווי דאָס מעסער פון מערדער, ווי דלילהס קוש;
רויט, ווי די ליפּן ביי פאַרזיגלטע קוואַלן,
ווי די קללה פון אַן אָפּגעשניטענער צונג;

רויט ווי דער צאָרן וואָס דרייט מיטן וויכער,
ווי דער וואַנדער־שטעקן אין דער האַנט;
רויט ווי די זון איבערן מאַסן־קבר,
ווי דאָס פײַער פון אוישוויץ,
ווי קינס האַרץ.

איך שפּאַן איבער בערג פון פאַרטרוקנטע ביינער
פון טויטנטאָל צום צוגעזאָגטן לאַנד,
שופרות שאַלן, סע פלאַמען שטורקאַצן,
מרים הנביאה שפּרייַזט פאָרויס —
סע גרינט דער מידבר, סע שוימען ימים,
בת־שבע גרייט דאָס חופּה־בעט.

איך טראָג ווי אַ טראָפּיי די הערנער פון הענקער,
דעם קייַלערס קלאָען — מייַן ברודערס בלוט:
שפּיזן און פייַלן אין זכרון, טיף אין האַרצן
מייַן מאַמעס שוואַרצער צאָפּ.

איבערן טומאַן פון טרוים גייט אויף דער קאַיאַר,
שאָטנס ציִען זיך צוריק.
די לופט איז קלאָר, דורכזיכטיק, ליידיק —
דער מעטאַפאָר טיף אין הינטערלאַנד.
נאָר די טאַשמע לויפט כסדר
אין איר אייַנגעפאַסטער ראַם —
האַלט דעם סוד אין זיך פאַרשלאָסן
ווי די פלאַש אין מיטן ים...

דער ראַנדעוווּ

סוף אָקטאָבער 1944 איז אַנאַ בערגער געשטאַנען פאַרן פאַריזער טריבונאַל אין אַלטן געריכט־בנין אויף קיי־דע־לאַ־סען.

דער זאַל ווו דער מישפּט איז פאָרגעקומען איז געווען פול געפּאַקט. רעפּאָרטערן באַלאָדענע מיט פאָטאָגראַפיר־אַפּאַראַטן האָבן זיך געשטופּט פאָרויס. צײַטונגסלײַט האָבן געשריבן און געמעקט. אַלע זיצפּלעצער זענען געווען פאַרנומען. אין די קאָרידאָרן זענען מענטשן געשטאַנען קאָפּ אויף קאָפּ. מיליטער־לײַט אין אויסלענדישע מונדירן האָבן זיך שטאַרק געוואָרפן אין די אויגן.

דער טאָג איז געשטאַנען אײַנגעטונקען אין האַרבסטיקן גאָלד. דאָס גאָלד האָט געשטראָמט דורך די הויכע גאָטישע פענצטער, געטאַנצט איבער די טישן, זיך געשפּיגלט אין די זשיראַנדאָלן, אַרײַנגעדרונגען אין די ווינקלען, אויפגערודערט דעם פאַרלעגענעם שטויב, געטאַנצט מיט אים, געדרייט זיך מיט אים, אים אויפגעהויבן פון דיל צום פענצטער, עלעהיי אַן עמוד־אש פאַר די פאַרלוירענע אין מידבר.

די אָנגעקלאָגטע איז געזעסן דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט און געקוקט אויף דעם גאָלד וואָס האָט געציטערט בײַ אירע פיס. די הענט האָט זי געהאַלטן אויפן שויס. די פינגער צונויפגעפלאָכטן. פון אונטער איר בלויען בערעט האָבן שוואַרצע פלאָכטן האָר פאַרשטעלט די רעכטע זײַט פון איר פנים. איר לינקער פּראָפיל, אַן אָפּגעדעקטער, האָט געוויזן אַ שאַרף געצייכנטע ליניע. וואָס האָט זיך געצויגן פון אירע הויכע קינבאַקן ביז צום אויער, ווו ס׳האָט געשטעקט, אין לעפּל, אַ גאָלדן אוירינגל באַזעצט מיט אַ בלוי שטיינדל.

דער טומל אין זאַל האָט זי ניט אָנגערירט. ס׳האָט זי ניט געאַרט דער מישפּט וואָס וועט זיך באַלד אָנהייבן. אַ מין ניט־געדאַכטע רו האָט זי אַרומגענומען. דאָס האַרץ האָט זיך אײַנגעשטילט. זי האָט זיך איבער־געגעבן דעם תּענוג פון דער אומדערוואַרטער שלווה און אַזוי ניט־טראַכטנ־

דיק זיך געלאָזט פירן צום המשך פון אַן איבערגעריסענעם חלום, וואָס איז געבוירן געוואָרן אין תמימות, אַרײַנגעצויגן געוואָרן אין ווירבלווינט און געבליבן אַליין אין אויג פון אוראַגאַן.

אין דרויסן, פאַרן געריכט, איז אָנגעגאַנגען אַ דעמאָנסטראַציע. ס׳איז געווען דאָס ערשטע מאָל וואָס אַ ייִדיש מיידל איז אָנגעקלאָגט געוואָרן פאַר טייטן אַ נאַצי. די דעמאָנסטראַנטן זענען באַשטאַנען מייִנסטנס פון ייִדן על־פּי־נס געראַטעוועטע פון היטלערס מאָרדלאַגערן. צווישן די צוריק־געקומענע זענען אויך געווען ייִדן וואָס האָבן איבערגעלעבט די מגפה אויף פרעמדע ביידעמער, אין פאַרסאַזשעטע קוימענס, אין קעלערן און גריבער. די ווײַס־בלויע פאָן האָט פּראָמינענט געפלאַטערט לעבן דער דרײַקאָלירטער פראַנצויזישער. לאָזונגען אויף ביידע לשונות האָבן זיך אַרײַנגעריסן דורך די פענצטער, זיך צונויפגעגאָסן און פאַראייביקט אין ספּאַראַדישע אויסבראָכן: „אַ טויט די נאַציס!"

דער ריכטער איז אַרײַן דורך אַ זײַטיקער טיר. דער רעש אין זאַל האָט זיך געהויבן און געפאַלן, ווי כוואַליעס וואָס פאַרשלינגען זיך אַליין. אַלע האָבן זיך אויפגעשטעלט. די אָנגעקלאָגטע איז געבליבן שטיין. זי האָט געהאַלטן די אויגן אַראָפּגעלאָזט, ווי דער מישפּט וואָלט אין גאַנצן ניט געווען איר עסק.

באַלד האָט זיך אָנגעהויבן די אויספאָרשונג. דער עולם האָט צוריק פאַרנומען די פלעצער. די אָנגעקלאָגטע איז געבליבן שטיין. דער ריכטער האָט אַרויפגעשאַרצט די ברילן. ער האָט געקוקט ווי דער געריכט־שרײַבער העלפט דעם מיידל אַרויפלייגן די האַנט אויף דער ביבל. איר קול האָט אים פאַרטשעפּעט, אָנגערירט עפּעס קענטיקס, היימישס, ווייטיקדיקס, און אויף אַ רגע געשטערט זײַן קאָנצענטרירונג. האָט ער אַרײַנגעטאָן דעם קאָפּ אין די פּאַפּירן וואָס זענען געלעגן אָנגעגרייט פאַר אים. ער האָט זיך געריבן דעם שטערן, געפּוצט די ברילן, געמישט די פּאַפּירן און פּלוצעם אַ פרעג געטון:

— איז אײַער נאָמען אַנאַ בערגער?

— Oui monsieur le Juge — האָט דאָס מיידל געענטפערט.

— אײַער אַדרעס?

— איך האָב ניט קיין אַדרעס.

דער ריכטער האָט ווידער אָרויסגעשאַרצט די ברילן. ער האָט גענו־מען אַ שלוק וואַסער און מיט נײַגער באַטראַכט די באַשולדיקטע.

— איר מיינט צו זאָגן אַז איר שלאָפט אין גאַס, מאַדעמואַזעל בערגער?

— ניין, אין גאַס שלאָף איך ניט. איך וווין בײַ פרײַנד, דאָ אַ טאָג, דאָרט אַ טאָג, ביז איך וועל זיך דערשלאָגן צו אַ פּערמאַנענטן אַדרעס.

— וווּ האָט איר געוווינט פאַרן אויסבראָך פון דער מלחמה?

— אין האָטעל נאַסיאָנאַל, צוואַנציקסטער אַראָנדיסמאַן.

— האָט איר אַן אַדוואָקאַט, מאַדעמואַזעל? איך מיין עמעץ וואָס זאָל פּרעזענטירן אײַער יורידישן ענין?

— ניין!

— איר האָט דאָס רעכט צו פאָדערן אַן אַדוואָקאַט, ווייסט איר דערפון?

— יאָ, איך ווייס.

— מיר קענען אָפּלייגן די אויספאָרשונג ביז וואַנען איר וועט אָפּ־קלײַבן אַ פאַרטיידיקער.

— איך האָב פאַרטיידיקערס, מער ווי איינעם, גאַנצע זעקס מיליאָן פון מײַן אויסגעקוילעט פאָלק.

זי האָט נאָך עפּעס געוואָלט זאָגן און גלײַך חרטה געהאַט אויף דעם וואָס זי האָט שוין געזאָגט. מיט וואָס פאַר אַ רעכט רעדט זי פאַר זיי? ווער האָט זי באַשטימט פאַר אַ מליץ־יושר, זי וואָס האָט געקושט דאָס מויל וואָס האָט נאָכגעזאָגט „הײַל היטלער״, זי, וואָס האָט געטראָגן זײַן הינטישע זרע אונטער איר האַרץ און געטרויערט ווען זי האָט זי פאַרלוירן? ניין, זי טאָר זיך ניט ריינוואַשן מיטן בלוט פון די מאַרטירערס; זי, וואָס איז ניט געשטאַנען פאַרן טויער פון גאַזקאַמער, ניט בײַם ראַנד פון מאַסנגרוב, מוז געפינען דאָס ריכטיקע וואָרט וואָס זאָל צו נישט מאַכן דאָס געזאָגטע. זי מוז אויסדרייען די שווערד אַנטקעגן זיך אַליין. דאָס וואָס זי האָט געטאָן איז איר פּריוואַטער ענין. איינס מיטן צווייטן טאָר נישט פאַרמישט ווערן.

— איר מוזט פאַרשטיין, מאַדעמואַזעל בערגער, אַז די שבועה וואָס איר האָט געשווירן מאַכט אײַך פאַראַנטוואָרטלעך פאַר יעדן אַרויסגע־זאָגטן וואָרט. נעמט איר אויף זיך דאָס אַחריות? ענטפערט, יאָ צי ניין?

— איך פאַרשטיי — האָט זי מיט אַ באַהערשט קול געענטפערט.

— פרוווט רעדן אַ ביסל העכער, איך בעט אײַך. דעם סטענאָגראַפיסט איז שווער צו פאַרשטיין.

דאָס מיידל האָט זיך אויסגעגלײַכט, אַ קוק געטאָן אויפן ריכטער און מיט חידוש באַמערקט אַז ער איז נאָך גאָר אַ יונגער מענטש. זי האָט געביטן איר פּאָזיציע, איבערגעשטעלט איין פוס פאַרן צווייטן און אײַנגעצויגן דעם גאַרטל פון איר אָפּגעשאָסענעם רעגן־מאַנטל. אַ פּאַסמע האָר האָט זיך אָפּירגעגליטשט פון אונטער איר בערעט און געבליבן הענגען ווי אַ פרעגצייכן אויף איר שטערן. פאַר אירע אויגן איז געשטאַנען דער פײַערזײַל וואָס האָט אַ מאָל געפירט די ייִדן דורכן מידבר. און כאָטש זי האָט פאַר זיך ניט געזען דאָס צוגעזאָגטע לאַנד — האָט זי באַשלאָסן זיך צו לאָזן פירן. זי האָט נאָך אַ מאָל איבערגעשטעלט איין פוס פאַרן צווייטן און געבליבן שטיין ווי צוגענאָגלט.

— צום לעצטן מאָל מאַדעמואַזעל, ענטפערט קלאָר און דײַטלעך, באַנעמט איר דעם ערנסט פון דער באַשולדיקונג וואָס איז אַרײַנגעטראָגן געוואָרן קעגן אײַך? אויב יאָ, באַנעמט איר די מעגלעכע שטראָף פאַר אַזאַ פאַרברעכן?

— איך גלייב אַז איך פאַרשטיי.

— אויב אַזוי, דערקלערט איר זיך שולדיק, אָדער אומשולדיק?

— שולדיק, פאַר וואָס?

— איר זענט אָנגעקלאָגט פאַרן מאָרד פון אַ מאַן מיטן נאָמען פראַנץ ליבקנעכט. איז דער נאָמען אײַך באַקאַנט?

די באַשולדיקטע האָט אַ ווײַלע נאָכגעטראַכט, ווי זי וואָלט זיך ערשט איצט געכאַפּט פאַר וואָס זי שטייט דאָ פאַרן געריכט. אין איר דמיון איז אויפגעגאַנגען דער לוקסענבורגער גאָרטן. ווײַסע כריזענטעמעס אין פולן בלי. ס'איז שוין געווען נאָך דער קרישטאָלנאַכט. דאָס בלוט אין אירע אָדערן האָט מער ניט געזונגען. זי האָט שפּאַצירט אַליין, אָן אים. אַן אומגעריכטער רעגן האָט זי אַרויסגעטריבן פון גאָרטן. זוכנדיק אַן אָפּדאַך, איז זי אַרײַן אין פּאַנטעאָן. באַלד בײַ דער טיר איז זי געבליבן שטיין. דאָס וואַנטגעמעל קעגן איבער האָט זי ווי אויפגעוועקט פון אַ חלום. דאָס פײַערדיקע רויט, רויט ווי בלוט, ווי די רעאַליטעט — האָט זי צוגעצויגן.

זי איז געשטאַנען און געקוקט אויף דעם גרויליקן בילד פון אַ געקעפּטן מענטשן, זי האָט געזען ווי דער אָפּגעהאַקטער קאָפּ קײַקלט זיך באַרג־אַראָפּ, אַוועק פון גוף. דער גוף, וואָס ווייסט נאָך ניט אַז ער איז אַ געקעפּ־טער, ציט אויס זײַנע הענט ווי ער וואָלט וועלן כאַפּן דעם קאָפּ. פון הענקערס האַק טריפט בלוט. רויטע וואָלקנס, רויטע הימלען... זי שטייט און גאַפט. עפּעס ציט זי צו דעם בילד. עפּעס זאָגט עס איר, נאָר זי ווייסט ניט וואָס. זי פילט ווי אויך זי וואָלט וועלן עפּעס צוריקכאַפּן, עפּעס גאַנץ מאָכן, עפּעס וואָס איז אויף אייביק פאַרלוירן.

שטייט זי און טראַכט, ביז דער וועכטער טרײַבט זי אַרויס. ס'איז פינף אַ זייגער. צײַט צו פאַרמאַכן די טירן. זי האָט אָבער דאָס טראַכטן ניט דערטראַכט. גייט זי אַוועק און באַשליסט צוריקצוקומען. איצט טראַכט זי אַז זי האָט איר וואָרט ניט געהאַלטן און דערפאַר ווייסט זי ניט ווו זי האַלט אין דער וועלט.

— מאַדמעאַזעל בערגער — האָט זי דערהערט דעם ריכטערס קול, — דער מאַן, פראַנץ ליבקנעכט, איז ער געווען אײַער פרײַנד, אַ באַקאַנטער, אָדער עפּעס נעענטערס ?

— אַלע דרײַ צוזאַמען ! האָט זי געענטפערט מיט אַ דרײַסטקייט ווי ניט זי, נאָר עמעץ אַנדערש וואָלט פון איר אַרויסגערעדט.

— קענט איר אונדז זאָגן ווען איר האָט צום ערשטן מאָל באַגעגנט אײַער פרײַנד ?

— יאָ, דאָס איז געווען אין 1938.

— האָט איר געוווּסט אַז ער איז אַ דײַטש ?

די באַשולדיקטע האָט ווידער געביטן איר פּאָזיציע. זי האָט פאַר־שאַרט די לאָק וואָס האָט זיך געבאַמבלט אויף איר שטערן, נאָר געענט־פערט האָט זי גאָרניט. דער עולם אין זאַל האָט אײַנגעהאַלטן דעם אָטעם. דער גאָלדענער ליכטזײַל וואָס האָט געצויגן פון דיל צום פענצטער און פון דאָרטן צוריק — האָט זיך אויסגעלאָשן.

— קענט איר אונדז דערקלערן דעם כאַראַקטער פון אײַערע באַציונ־גען ? איז דער דײַטש פראַנץ ליבקנעכט געווען מער ווי אַ באַקאַנטער ? מיט אַנדערע ווערטער, מאַדעמואַזעל, זענט איר געווען אינטים מיט אים ? ענטפערט, יאָ צי ניין ?

דאָס מיידל האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אין דער לענג.

— ענטפערט, איך בעט אײַך, אין ווערטער. די מאַשין פאַרשטייט ניט קיין שטום־לשון. די שאלה איז, איך זאָג איבער, האָט איר געהאַט אינטימע באַציִונגען מיט אײַער פרײַנד?

— יאָ, מיסיע לע זשיוש.

— מיט אײַערע אייגענע ווערטער מאַדעמואַזעל, ווי אַזוי דערקלערט איר אײַער פאַרברעכן, איז עס געווען אַן אַקט פון אײַפערזוכט. אַן אַקט פון נקמה, אַ פּאָליטישער מאָרד, אַן אידעאָלאָגישער? איך זע אין די פּאַפּירן אַז איר זענט געווען אַקטיוו אין אונטערגרונט. מיט וואָס קענט איר באַשטעטיקן די דערקלערונג?

דאָס מיידל האָט געעפנט דעם האַנטבײַטל, אַרויסגענומען איר מיט־גליד־קאַרטל און עס אָוועקגעלייגט אויפן טיש פאַרן ריכטער.

דאָס אָטעמען אין זאַל איז מיט אַ מאָל געוואָרן האַסטיקער, נער־וועזער, אָנגעלאָדן מיט געדיכטער שפּאַנונג.

דער ריכטער האָט באַקוקט דאָס קאַרטל פוןביידע זײַטן, עס אַ גלעט געטאָן און אָוועקגעלייגט אויף די אַנדערע פּאַפּירן.

— איר מוזט אונדז אָבער אָנגעבן אַ סיבה פאַר וואָס איר האָט דער־הרגעט אַ יונגן מענטשן?

דער „פּאַרוואָס", אַזוי איידל אַראָפּגעקײַקלט פון זײַנע ליפּן, האָט זי אַרײַנגעכאַפּט אין אַ קלעם. זי ווייס אַז זי מוז ענטפערן און קאָן ניט. אין מויל איז איר טרוקן. די צונג איז געליימט. ניין, זי קאָן ניט ענט־פערן. ווי אַזוי קאָן זי ענטפערן אויף אַ שאלה, וואָס אַ לעבן לאַנג קלערן וואָלט אויך ניט געסטײַעט אַרויסצוברענגען אַ לאָגישן ענטפער.

שטייט זי און טראַכט. זי ציטערט פון קעלט. זי פילט ווי זי וואָלט געשטאַנען אָפּגעדעקט, נאַקעט פאַר דער גאַרער וועלט. ניין, דאָס איז ניט איר מישפּט. איר מישפּט מוז זי אַליין אויסקרענקען, אויסברענען, ביז זי וועט זײַן ראוי זיך אומצוקערן צום מקור, געפינען אַ תיקון ווײַטער אָנצוגיין. דער מישפּט איז פאַר זיי, די טויזנטער, מיליאָנען אומשולדיקע, פאַרגאַזטע, אין מאַסנגריבער לעבעדיק באַגראָבענע. דער מישפּט איז פאַר די אַנאָנימע מיידלעך. מיט בריסטלעך ווי קנאָספּן פאַר זייערע פאַר־טיליקטע לעבנס איז דער מישפּט...

— אויב איר ווייסט נאָך אַלץ ניט פּאַר וואָס — רופֿט זי אויס מיט אַ פֿאַרשטיקט קול — פֿרעגט ביַי די דעמאָנסטראַנטן אין דרויסן, מיט אויסגעברענטע נומערן אויף די אָרעמס, ביַי די סקעלעטן וואָס קאָנען זיך אויף די פֿיס ניט שטעלן. פֿרעגט ביַים אַש אויסגעשפּרייט צו פֿיטערן די פֿעלדער, פֿרעגט ביַים זייף געמאַכט פֿון ייִדישע לייַבער... זיי האָבן דעם פּסק־דין אַרויסגעטראָגן. איך האָב אים אויסגעפֿירט.

„בראַוואָ!" — האָט עמעץ אויסגערופֿן. אַנדערע האָבן דעם צווישנרוף אויפֿגעכאַפּט, „אַ טויט דעם נאַצי, דעם דיַיטש, דעם מערדער!"

אומזיסט האָט דער האַמער געקלאַפּט אין טיש. די דעמאָנסטראַנטן אין דרויסן האָבן געוואָרפֿן הויפֿנס בלעטער אין די שויבן. איבעררייַביק האָבן מענטשן געטופּעט מיט די פֿיס.

— דאָס איז אַ געריכט, אַן אָרט פֿון מישפּט, געזעץ, אָרדענונג, ייִשוב־הדעת. ווער עס וויל דעמאָנסטרירן זאָל אַרויסגיין פֿון זאַל!

קיינער האָט זיך פֿון אָרט ניט גערירט. ס'איז פֿאַררופֿן געוואָרן אַ הפסקה אויף פֿופֿצן מינוט. דער טומל אין זאַל האָט זיך ניט אייַנגעשטילט. פֿאַרקערט, דאָס טופּען מיט די פֿיס איז געוואָרן נאָך שטאַרקער. ערשט ווען דער ריכטער איז צוריקגעקומען איז געוואָרן שטיל, אַזוי אַז מ'האָט געקאָנט הערן דאָס אָטעמען פֿון דער מאַסע וואָס האָט זיך צונויפֿגעגאָסן אין אַ מין סטאַקאַטאָ און ווינטלדיק אָפּגעפֿרישט די אָנגעצויגענע אַטמאָספֿער.

די אָנגעקלאָגטע האָט געהאַלטן די אויגן פֿאַרמאַכט. אירע געדאַנקען זענען געווען פֿאַרנומען מיט אַ חלום וואָס האָט זיך איבערגעחזרט נאַכט נאָך נאַכט. אין חלום שטייט זי אין דער רעם פֿון אַ פֿענצטער אויף אַ זייער הויכן שטאָק. זי ווייסט אַז זי מוז אַראָפּשפּרינגען, ווייַל די טרעפּ פֿון הויז שטייען אין פֿלאַמען. די פֿלאַמען קומען פֿון דער הייך. זיי גיסן זיך ווי בלוט. זי ווייסט אַז זי טאָר ניט פֿאַלן מיטן קאָפּ אַראָפּ. זי מוז בלייַבן שטיין אויף די פֿיס. באין־ברירה לאָזט זי זיך אַראָפּ פֿאַזע דער וואַנט. די הענט און פֿיס בלוטיקן, די קני ברעכן זיך אונטער. זי געדענקט אָבער אַז זי מוז לעבן — האַלט זי דעם קאָפּ אַוועק פֿון דער וואַנט. זי שוועבט פֿאַרביַי פֿענצטער, באַלקאָנען. פֿון אַלע פֿענצטער זעצט אַ רויך. אַלע באַלקאָנען גליִען רויט. זי מוז אָבער ווייַטער אַנגיין. אונטן שטייט איר

שוואַגער מיט זײַנע צוויי פּאַריתומטע קינדער. זיי האַלטן אַ נעץ אויס־געשפּרייט פאַר איר. „שפּרינג!" — שרײַט איר פאַרגאַזטע שוועסטער. „שפּרינג!" זי שפּרינגט און וועקט זיך איבער.

אין זאַל איז שטיל. דאָס העמערל קלאַפּט, איינס, צוויי, דרײַ... די אויספאָרשונג הייבט זיך ווידער אָן.

— איז דער דײַטש פראַנץ ליבקנעכט געווען אײַער ליבהאָבער, מאַדע־מואַזעל בערגער?

— יאָ, מעסיע לע זשיזש.

— ווי אָפט האָט איר זיך מיט אים געטראָפן?

— איין מאָל, אָדער צוויי מאָל אַ וואָך.

— דאָס איז געווען פאַרן אויסבראָך פון דער מלחמה, נישט אַזוי מאַדעמואַזעל?

— יאָ, מעסיע!

— אין צײַט פון דער מלחמה זענט איר אויך געווען מיט אים פאַר־בונדן? איר קאָנט בעטן אַ פּאָר מינוט צוצוגרייטן אײַער ענטפער.

— איך דאַרף זיך ניט צוגרייטן. דער אמת איז, אַז ער איז אַוועק צום האַקנקרייץ, איך — צום מגן־דוד. די בריק צווישן אונדז האָט אויפגע־ריסן. זײַנע מעסערשמידטס האָבן געדעגנט מיט פײַער אויף מײַן קאָפּ. אין דעם בלוטבאָד זענען מיליאָנען אומגעקומען. ער און איך זענען געבליבן לעבן...

— אַנטשולדיקט מאַדעמואַזעל, דאָ איז ניט קיין פּלאַטפאָרמע פאַר אָראַטאָרן. צום לעצטן מאָל, ענטפערט קלאָר, באַנעמט איר דעם ערנסט פון דער באַשולדיקונג וואָס איז אַרײַנגעטראָגן געוואָרן קעגן אײַך? מיר האָבן עדות וואָס האָבן אײַך געזען.

— איך קלײַב זיך ניט צו פאַרלייקענען וואָס איך האָב געטאָן.

— פאַרשטייט איר אויך אַז איר האָט זיך מודה געווען אין אַ מאָרד?

— איך האָב ניט געזאָגט „מאָרד". דאָס וואָרט האָט איר אויסגעקליבן.

— דאָס געזעץ שפּילט זיך ניט מיט קיין ווערטער, מאַדעמואַזעל. טויט איז טויט. דעריבער וואָרן איך אײַך איר זאָלט ניט פאַרבײַטן די ראָלעס. איר, מאַדעמואַזעל, זיצט אויף דער אָנקלאָגבאַנק, איך פאַרטרעט דאָס געזעץ. איז דאָס קלאָר גענוג פאַר אײַך?

— געזעץ? — האָט זי איבערגעפרעגט און דערפילט אַ שפּאַרעניש אין די זײַטן, אין קאָפּ, אין האַרץ. אַלץ אין איר האָט זיך געריסן צו שרײַען, וויינען, אָדער אפשר גאָר לאַכן, שלאָגן קאָפּ אין וואַנט, בײַסן די נעגל, רײַסן די האָר שרײַען צו גאָט: וואָס האָסטו מיך דאָ אַוועקגעשטעלט אַז איך האָב פאַרשטאָפּטע לעפצן? — אַוודאי איז דאָס געזעץ געמאַכט געוואָרן לטובת דעם קרבן, עס ווירקט אָבער פאַרקערט: די קרבנות ליגן שטיל, קאָנען זיך מער ניט פאַרטיידיקן. די אויסטײַטשערס, די מאַכטהאָבערס, די רעדלפירערס, זיי דרייען מיטן גראָבן פינגער, מאַגיפולירן, אַרגומענטירן, זוכן און געפינען תּירוצים פאַר זייערע ווילדע פאַרברעכנס. און דאָס געזעץ, יאָ, דאָס געזעץ לאָזט זיך ציִען אין אַלע זײַטן. די שפּאַנישע אינקוויזיציע האָט געברענט לעבעדיקע מענטשן אונטערן שוץ פון געזעץ. היטלער האָט פאַרטיליקט גאַנצע פעלקער ווערדליק זײַן טײַוולאַנישן געזעץ.

— מאַדעמואַזעל בערגער, איר האָט ניט געענטפערט אויף מײַן שאלה, איז דער מאָרד וואָס איר זענט באַגאַנגען געווען אַ געפּלאַנטער? ענטפערט, יאָ צי ניין?

— יאָ! — האָט זי אויסגערופן — טאָג און נאַכט האָב איך געפּלאַנט ווי אַזוי אים אומצוברענגען. איך האָב געפּלאַנט אין חלום און איך האָב געפּלאַנט אויף דער וואָר. וואָס מער איך האָב געפּלאַנט אַלץ קלערער איז פאַר מיר געוואָרן, אַז מיר ביידע מוזן צאָלן... און ווײַל איך האָב אַזוי געטראַכט, האָב איך אָנגעפילט דעם רעוואָלווער געגוג פאַר אונדז ביידן...

— איר האָט עס אָבער ניט געטאָן. קענט איר אונדז זאָגן פאַר וואָס?

— ווײַל איך בין אַ שלימזל!

— אַ וואָס? — האָט דער ריכטער געפרעגט.

— ס'איז ניט וויכטיק.

— וויכטיק צי ניט, דאָס וועל איך באַשליסן. חזרט איבער דאָס געזאָגטע.

— איך האָב געזאָגט שלימזל. דאָס איז אַ ייִדיש וואָרט, שווער צו פאַרטײַטשן.

— איז דאָ אין זאַל עמעץ וואָס קאָן דאָס וואָרט פאַרטײַטשן?

אַן אַמעריקאַנער סאָלדאַט האָט אויפגעהויבן אַ האַנט און דערקלערט,

אַז אַ שלימזל איז אַ מענטש וואָס לויפט ראַטעווען אַ צווייטן פון פייַער און ווערט באַשולדיקט אין אונטערצינדן דאָס הויז.

אויפן ריכטערס פּנים האָט זיך אויסגעלייגט אַ ברייטער שמייכל.

— איז דאָס דער ריכטיקער טייַטש, מאַדעמואַזעל?

— מער־וויניקער יאָ — האָט זי געענטפערט — דאָס איז אַן אידיאָ־מאַטיש וואָרט, וואָס לאָזט זיך בלויז טייַטשן אין בילדער.

— אויב אַזוי, וועלן מיר דורכלאָזן דאָס וואָרט און זיך אומקערן צום מישפּט. איר האָט געזאָגט, אַז איר האָט אָנגעפילט דעם רעוואָלווער געגנוג פאַר אייַך ביידן. איר האָט עס אָבער ניט אויסגעפירט. קענט איר אונדז דערקלערן פאַר וואָס?

דאָס מיידל האָט האַסטיק אייַנגעצויגן דעם גאַרטל פון איר רעגן־מאַנטל. זי האָט אַרונטערגעשאַרט איר בונטאַרישע לאָק אונטער איר בלויען בערעט, אַזוי אַז איר פּנים איז געבליבן אָפן. זי האָט אַ טראָט געטאָן נעענטער צו דער פּלאַטפאָרמע.

— ווי אַזוי קאָן איך דערקלערן פאַר וואָס, אַז איך ווייס ניט. אפשר דערפאַר ווייַל איך בין די טאָכטער פון אַ פאָלק פון מאַרטירערס. אפשר בין איך אַליין אויך אַ מאַרטירער? האָב איך גענומען אויף זיך די שטראָף פון לעבן און מיט מייַן טוונג אים געטאָן אַ חסד... ווער ווייס, אפשר האָב איך אים נאָך אַלץ ליב געהאַט? מ׳זאָגט, אַז גאָטס וועגן זענען פאַרבאָרגן. ווען ניט, מעסיע לע זשיזש, וואָלט ער ניט געווען אייַנגעפלאַנצט מערדער און מאַרטירער אין מוטער חוהס טראַכט.

נאָך אַ קורצן איבעררייַס האָט דער פּראָקוראָר איבערגענומען די אויספאָרשונג. קיין נייַעס האָט ער ניט אַרייַנגעבראַכט. אַלץ איז אַוועק אויפן זעלביקן נוסח. צום סוף איז אַרויסגעטראָגן געוואָרן דער פּסק־דין: פרייַ פון יעדער באַשולדיקונג.

— נעמענדיק אין באַטראַכט — האָט דער ריכטער געזאָגט — אַז די אָנגעקלאָגטע איז געווען אַקטיוו אין אונטערגרונט מער ווי צוויי און אַ האַלב יאָר, האָט דאָס געריכט באַשלאָסן זי אַרייַנצונעמען אין דער קאַטעגאָריע פון סאָלדאַטן, הגם זי האָט עס געטאָן אויף איר אייגן אחריות האָט זי מיט דעם געדינט דעם פאָלק. זי האָט דעם שונא געשאָסן אויף אונדזער ערד. איצט — האָט ער געזאָגט נאָך אַ רגע שטילשווייַגן —

האָב איך אַ נאָכוואָרט, אַ פּערזענלעך נאָכוואָרט. איך פֿיל אַז איך דאַרף און מוז עס זאָגן, ווײַל מײַן געוויסן דיקטירט מיר אַזוי. איך קען די מאַדע־מואַזעל בערגער. איך האָב זי באַגעגנט אויף איינעם פון מײַנע געהיימע שליחותן אין צײַט פון דער אָקופּאַציע, אין דער געגנט פון ליאָן, ווו די מאַקיס האָבן אָפּערירט. דאָס מיידל וואָס שטייט דאָ פאַר אונדז, האָט זיך יענעם טאָג אומגעקערט פון אַ זייער דערוועגטן אויפגאַבע. אַוועק אויף דעם אויפגאַבע זענען זיבן חברים, צוריקגעקומען זענען פינף. זיי זענען אַרײַן מיט אַ נצחון־געזאַנג, געווייקט אין טרערן. הײַנט, בײַם מישפּט, האָב איך זי גלײַך דערקענט. ניט לויטן אויסזען, נאָר לויטן קול. עפּעס פון יענעם געזאַנג איז שטעקן געבליבן אין מײַן אונטערבאַוווּסטזײַן. ווי נאָר זי האָט אַרויסגעזאָגט איר נאָמען, איז דאָס בילד פון יענער טרעפונג אויפגעגאַנגען פאַר מיר. איך האָב זיך באַמיט ניט צו מישפּטן ווערדליק סענטימענטן, נאָר ווערדליק דעם יורידישן קאָדעקס.

דער ריכטער האָט זיך אויסגעגלײַכט, ווי ער וואָלט זיך נאָר וואָס באַפרײַט פון אַ שווערן עול. ער האָט אויפגעהויבן די האַנט, ווי אַ סימן אַז ער האָט נאָך עפּעס צו זאָגן. ער איז אַראָפּ פון דער פּלאַטפאָרמע צום אָרט ווו די באַפרײַטע איז געשטאַנען, גענומען איר האַנט אין זײַנער:

— אָט איז אײַער מיטגליד־קאַרטל פון יענער העראָישער צײַט. היט עס אָפּ מאַדעמואַזעל בערגער, זאָל עס אײַך דינען ווי אַ דערמאָנונג...

דאָס מיידל אַנאַ בערגער האָט אײַנגעצויגן דעם גאַרטל, פאַרריכט דעם בערעט און אַרויס אין גאַס. זי האָט ניט געוווּסט צי זאָל זי וויינען, לאַכן אָדער גאָר באַדויערן דעם פּסק־דין. אָפּגעזונדערט אין אַ תּפיסה־קאַמער וואָלט זי צײַט געהאַט צו טראַכטן, געפינען דעם שליסל צו זיך אַליין, אַרײַנדרינגען אין די אייגענע טיפענישן און פון דאָרטן אַרויסציִען איר לאָטעריע־צעטל, אַ מאַפּע צו איר באַשערטקייט. זי האָט געוווּסט אַז בײַם הויפּטאַרויסגאַנג פון געריכט וואַרטן אויף איר פרײַנד, באַקאַנטע, דער שוואָגער מיט די קינדער.

ניין, ניין, ניט הײַנט — האָט זי געזאָגט צו זיי אין געדאַנק. — איך וועל קומען. אפשר מאָרגן און אפשר שפּעטער. הײַנט האָב איך אַ ראַנדעוווּ וואָס איך מוז האַלטן. הײַנט, איצטער, שוין... דער באַשלוס צו גיין זען דאָס בילד אין פאַנטעאָן וואָס האָט זיך אַזוי טיף אײַנגעקריצט אין איר

נשמה, האָט איצט גרינגער געמאַכט איר געמיט. זי איז געגאַנגען מיט פּאַמעלעכע טריט איבער דער בריק, צו דער לינקער זײַט סען.

גייענדיק האָט זי זיך געוווּנדערט ווער עס זענען די אַלע מענטשן וואָס פּילן אָן די קאַפעטעריעס און די טעראַסן אויפן בולוואַר סאַן־מישעל. ווי געמיטלעך זיי זיצן אַרום די טישלעך, זופּן געטראַנקען, רעדן און לאַכן, גלײַך ווי דער פעלקערמאָרד וואָלט קיין מאָל ניט פּאַרגעקו־מען. וווּ זענען זיי געווען בעת דער מלחמה? וואָס פּאַר אַ פּאַרכּישופטע שרעטעלע האָט זיי אַריבערגעפירט דעם ים פון בלוט און קיין סימן ניט געלאָזן?

וואָלט זי געהאַט גענוג צײַט, וואָלט זי זיך אַוועקגעזעצט ביי אַ טישל, באַשטעלט אַ קאַווע. זי דערמאָנט זיך ערשט איצטער, אַז זי האָט נאָך הײַנט ניט געגעסן. זי טאָר אָבער קיין צײַט ניט פּאַרלירן. זי קען אײַנ־האַנדלען אַ שקאַרמוץ רבי־ניסלעך און אַזוי גייענדיק קײַען.

אָט איז שוין רי ד'עקאָל. איינציקע מינוטן שיידן זי פון איר ציל. זי טוט זיך אָן אַ כּוח, הייבט אָן לויפן און שטויסט זיך אָן אין אַ געזעמל יונגטלעכע סטודענטן וואָס פּאַרשטעלן איר דעם וועג. זיי רינגלען זי אַרום, שפּאַסן און לאַכן. אַ דאַרער בחור מיט אַ באַוועגלעכן קנאָפּ אין גאָרגל פירט אָן מיט דער חברה.

— וווּהין אײַלט איר אַזוי, מאַדעמואַזעל עקס? — פרעגט ער מיט אַ געמאַכטן אַקצענט — קומט מיט אונדז אין צירק, הײַנט איז גראַטיס פּאַר אַלע מינים חיות, צווייפיסיקע, פירפיסיקע, ווער נאָר עס לאָזט זיך טרענירן. קומט מיט אונדז! מיר בייטיקן זיך אין אַ וועטעראַן.

אַ בלאָנד מיידל מיט חן־גריבעלעך אין אירע פולע באַקן צעלאַכט זיך אויפן קול:

— לאָז זי אָפּ, זעסט ניט אַז זי איז שוין אַ טרענירטע? לאָמיר גיין, די צײַט שטייט ניט, צום צירק, צום צירק! הוראַ!

אַן עקסקורסיע אויף צוריק

איך ווייס אַליין ניט פאַר וואָס עס ציט מיך דווקא צו די בערג? ווערדליק דער ענציקלאָפּעדיע בריטאַניקאַ בין איך גראַד אַ נעענטערע מחותּנתטע מיטן ים. אויך אין דיסטאַנץ איז מיר דער ים אַ סך נעענטער. פון דעסטוועגן, ווי נאָר איך האָב אַ פרייַען טאָג, נעם איך דעם אויטאָבוס און פאָר אָפּ גאַנצע פינף שעה פון דער מעטראָפּאָליע, ביז צו מייַנע צוגעאייגנטע בערג.

פאַראַן אַנדערע בערג אויפן וועג, באַוואָקסענע, צעשויבערטע, נאַקעטע, שטיין־פאַרהאַרטעוועטע, אומדורכדרינגלעכע, ווי דער מקור פון מייַן אייגע־נעם בראשית.

דורך דער גאַנצער צייַט פון דער נסיעה האַלט איך די אויגן פאַר־מאַכט. מיר דאַכט אַז אַזוי אַרום טאָפּ איך אַן דעם פאָדעם וואָס פירט מיך בלינדערהייט צו עפּעס אַ פאַרבינדונג, וואָס ניט איך קען, ניט איך ווייס, ניט איך קער צו וויסן. דער מיסטעריעזער וועגווייַזער, וואָס האָט קיין נאָמען ניט, זאָגט מיר אויך אונטער צו שפּאָרן מייַן ענערגיע פאַר אַן אומגעריכטן ווענד אין מזל, ווען דאָס ניט־געמאָלטע — קאָן גרייַלעך געמאָלט ווערן...

די בענקשאַפט צו די בערג איז פאַר מיר אַליין אַ מיסטעריע. איך גיי נאָך אַ געפיל, וואָס איז שטאַרקער ווי דער שׂכל. ווייזיעס, וואָס האָבן אַ מאָל געוואַקסט בייַ מייַן וויגל, לעבן אויף מיטן פולן כּישוף פון מייַן קינדערישער פאַנטאַזיע. איך זיץ און קוק אויף אַ פאַרנעפּלטן גיגאַנט, וועמענס שנייַ־באַדעקטער קאָפּ שפּאַרט אַן אין הימל. בעתן זיצן קלעטער איך איבער הייכן. איך טרעט איבער סטעזשקעס וואָס פירן אין ערגעץ ניט. איך קום צו די בערג ווי צו אַ פאַרזונקענעם בית־עולם. קיין אל־מלא־רחמים זאָג איך ניט. אויף וואָס צו בעטן האָב איך אויך ניט. איך האָב שוין אַ מאַן, אַ הויז, און קינדער פאַר לייַטן — זיץ איך און טראַכט וועגן אַלץ און וועגן גאָרניט. די פייגל וואָס נעמען מיך אַן פאַר אַ דומם, לאָזן זיך אַראָפּ אויף מיר צו פּיקן די פליגן וואָס זשומען אין מייַן קאָפּ.

פון די הויכע גראָזן שפּרינגט אַרויס אַן אומגעריכטע שלאַנג און שלאָגט מיר איבער דאָס ניט־טראַכטן. ווען זי דערשפּירט מײַן ריח, בלײַבט זי שטיין, קוקט מיך אָן מיט איר שלאַנגישן בליק, ווי זי וואָלט זיך וועלן אין עפּעס דערמאָנען. שטייט זי אַזוי מיט אַ פּאַרריסן קעפּל, איך קוק אויף איר, זי קוקט אויף מיר. איר בליק פול מיט שׂינאה — מײַנער, מיט באַדויער. מיט אַ מאָל גלײַכט זי זיך אויס, שפּײַט אויס און ציט אַוועק.

איך פּיל נאָך לאַנג איר גאַל אויף מײַן גומען. עס וווּנדערט מיך הלמאַי די שלאַנג האָט אַליין ניט געביסן דעם עפּל פון וויסן? הלמאַי האָט זי אַזוי ברייטהאַרציק אויסגעגעבן אַזאַ גורלדיקן סוד?

די בערג האָבן זייער אייגענע רעאַליטעט. זיך איך מיר אַזוי און וועב איין מחשבה אין דער צווייטער. די דרויסנוועלט ווײַט הינטער מיר. פרײַ־שטראָמענדיקע מעטאַפאָרן פיבערן אין געדאַנק. טרוימגעשטאַלטן טוקן זיך אַרויף ווי אונטערוואַסער־שיפן. לעגענדאַרע ריזן קלעטערן אויף די מאַסטן. זיי לאָקערן אויף די מענטשן־טעכטער וואָס צוימען דעם בופלאָקס מיט גלוסטיק געזאַנג. זיי נידערן אַראָפּ פון אַנדערע וועלטן צו לערנען די תּאווה פון ערדישן גליק.

איך זיץ אַזוי ביז אַ שטיק אין דער נאַכט אַרײַן. פון צײַט צו צײַט נעכטיק איך איבער אין וואַלדוועכטערס שטיבל, דאָס געשעט בלויז דעמאָלט ווען ער קומט צופעליק פאַרבײַ. קיין באַשטעלונג מאַכן מיר ניט. מירביידע האַלטן, אַז אַ מענטש קאָן ניט וויסן אין וואָס פאַר אַ שטימונג ער וועט זײַן מאָרגן, מיט אַ וואָך שפּעטער, אָדער אַפילו אין אַ שעה אַרום. דער אַ צוגאַנג איז ספּעציעל חל אויף די בערג־אײַנוווינערס. זיי קאָנען קיין מאָל ניט פּאַרויסזען וואָס ס'רוקט זיך אָן פון יענער זײַט באַרג. איבערן קאָפּ קאָן דער הימל זײַן תּכלת־בלוי. אַ לויטערע זון שפּיגלט זיך געמיטלעך אין דער סאַמעטגלאַטער אָזערע. מיט אַ מאָל אַ דונער. די בערג שפּיצן אָן די אויערן. ביימער בוקן זיך. דער טײַך רוישט. כוואַליעס יאָגן כוואַליעס. אַ מאַכטיקער וואָלקן, ווי אַ בונטאַרישער גאָט, געוועלטיקט איבער דער זון. די אייבערשטע וואַסערן נידערן צו דר'ערד, און די אונטערשטע שטײַגן קעגן זיי.

אין איינעם אַזאַ טאָג — וואָס איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין נאַכט —

בין איך אַראָפּ פון היימישן שליאַך און אַריַין אין וואַלד. דער שטורעם האָט געבושעוועט. די וואַסערן האָבן פאַרלאָשן ביימער וואָס דער בליץ האָט אָנגעצונדן. איך בין געשטאַנען אין וואַסער ביז צו די קני. אַרום מיר מיטנאַכטיקע פינצטערניש. איך האָב זיך אָנגעשפּאַרט אין אַ בוים, אויפגעהויבן די אָרעמס און געוואַרט אויף אַ נס. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איך הער דעם רוף פון דער סאָווע, דאָס געלעכטער פון דער יאַשטשער־קע. הגם איך האָב קיין שרעק ניט געפילט, האָב איך אָנגעהויבן שריַיען, אַ געשריי וואָס איז געווען מער ענלעך אויף אַ געזאַנג — אַזוי האָבן געזונגען די פאַסטעכקעס ביַים ברונעם, ווען וויַיטע טריט האָבן געמאַכט ציטערן די בערג.

מיַין געזאַנג האָט זיך אַרויסגעהויבן איבער די אַנדערע עלעמענטאַרע קולות און האָט געבראַכט דעם וואַלדוועכטער צום בוים ווו איך בין געשטאַנען און געוואַרט. איך האָב דערזען זיַין שיַינוואַרפער פון דער וויַיטנס. דאָס ליכט האָט געטאַנצט צווישן די ביימער, געזוכט אין די קוסטעס, זיך אָפּגעשטעלט ביַי מיַינע פיס, באַטאַפּט מיַין גוף, אָנגערירט מיַין פנים און פאַרבלענדט מיַין ראיה. דער וואַלדוועכטער האָט קיין שאלות ניט געפרעגט. ער האָט מיך אַ נעם געטאָן, פאַרוואָרפן איבערן אַקסל, עלעהיי אַ געשאָסענעם ווילדפאַנג.

אין שטוב ביַי אים איז געווען פינצטער. ער האָט מיך אַראָפּגעלאָזט אויף אַ געלעגער, אויסגעבעט מיט רויע פעלצן. איך האָב געהערט זיַינע שווערע טריט טאָפּטשען אומגעלומפּערט. ביַי דער שיַין פון אַ בליץ האָב איך דערזען זיַין געשטאַלט, איַינגעבויגן איבער אַ פיַיער וואָס ער האָט געהאַלטן אין אָנצינדן. דאָס פיַיער האָט זיך אָנגענומען און איך האָב דערזען דעם הירש אויף דער וואַנט, אָן אָנגעשטאָפּטער ביז צום פלאַצן. זיַין ברייט צעצוויַיגטע הערנערקרוין האָט עדות געזאָגט אויף זיַין אַדעליקן יִחוס. זיַינע גאָלד־געליישטע אויגן האָבן געקוקט מיט חידוש, ווי ער וואָלט זיך געוווּנדערט פאַר וועלכע זינד דער צאַרנדיקער גאָט האָט אים אָפּגעריסן פון זיַין היימישער סטאַדע און אים פאַרטראָגן אין אַזאַ ניטדאָיִקן פּייסאַזש ?

איך האָב געקוקט אויף די שאָטנס וואָס האָבן זיך געדראַפּעט אויף די ווענט און ניט באַמערקט ווי דער אויפזעער איבער באַרג און וואַלד

האָט זיך דערנענטערט צו מײַן געלעגער. זײַן האַנט אויף מײַן האַרץ איז געװען סײַ צערטלעך, סײַ שװער. „ניט פֿון די מקומות", — האָט ער אַ שפּעטשע געטאָן, װי ער װאָלט גערעדט צו זיך אַליין. — „װער װײס עס ניט, אַז ביימער ציִען צו זיך דעם בליץ?"

איך האָב אים געװאָלט זאָגן אַז ניט נאָר ביימער, נאָר אויך מענטשן זענען גענייגט צו דער זעלביקער שפּיל.

זײַן שאָטן אויף דער װאַנט האָט אָנגענומען משונהדיקע פֿאָרמען. דאָ האָט ער אויסגעזען װי אַ ציגנבאָק, דאָ װי אַ מיטאָלאָגישער אָפּגאָט מיט אָפּגעסמאָליעטע פֿליגל. איך האָב דערפֿילט זײַן צונג אויף מײַן שטערן ציִען פּאַראַלעלן אַהין און צוריק. „װיש ניט אָפּ דעם צייכן" — האָט ער געזאָגט — „איך קום באַלד צוריק".

װען ער איז צוריקגעקומען האָט ער מיר אָנטקעגנגעטראָגן אַ טעפּל שװאַרצע קאַװע, געמישט מיט אַ שאַרפֿן געטראַנק. פֿון אַלטפֿרענקישן גראַמאָפֿאָן האָט געקװעלט באַרבאַראַ סטרײַסענדס הייסבלוטיק געזאַנג. ער האָט װײניק גערעדט, איך נאָך װײניקער. אַזױ שװײַגנדיק האָט ער אַראָפּגעצױגן מײַנע שיך, מײַנע נאַסע מלבושים, אַן אַ װאָרט אַרויסצו־רעדן מיך צוגעדעקט מיט זיך אַליין.

אין דעם פּסיכישן מצב װאָס איך האָב זיך דעמאָלט געפֿונען, האָב איך גענומען יעדן װעג, אָדער אומװעג, פֿאַר אַ מעגלעכן שליסל צום געזוכטן. מיר האָט זיך געדאַכט אַז איך זע װי דער הירש אויף דער װאַנט לאָזט איבער די רעם און ציט אַװעק צום קװאַל, װוּ כּל־המינים בעל־חיים פּאַיִען זיך פֿון קלאָרן װאַסער. בײַם ראַנד פֿון קװאַל שטייט אַ נאַקעטער מאַן, ער שטייט אויף אַלע פֿיר, פּונקט װי אַלע אַנדערע חיות און טרינקט צו דער זעט פֿון גרייטן קװאַל. דער הירש שפּיצט אָן די אויערן, דער ריח פֿון צװייפֿיסיקן דערגייט צו זײַן חוש, הייבט ער אָן לױפֿן און לױפֿט גלײַך צוריק אין דער רעם אַרײַן.

דער מאַן װאָס װאַכט איבער באַרג און װאַלד, נייגט זײַן אויער צו מײַן האַרצן. זײַנע ליפּן באַװעגן זיך פֿאַמעלעך און באַדאַכט װי אין אַ געבעט. מיך װוּנדערט צו װעמען ער בעט און אויף װאָס ער בעט, נאָר איך דערװעג זיך ניט צו פֿרעגן. און װײַל איך האָב אַ טבע צו זוכן דעם

קנופּ אונטער איטלעכן פּלאָנטער, רעספּעקטיר איך אַלע פּעדעם אויפן וועג. טייל פּעדעם רײַסן זיך און מאַכן אַנדערע פּלאָנטערס. איך פּיל די שפּאַנונג פון דעם פּלאָנטער בהלהדיק אין מײַן בלוט. כּדי צו פאַרדעקן דעם אינעווייניקסטן ציטער, הייב איך אָן צו פּלאָנטערן מיט דער צונג. איך רוף אים מיט נעמען פאַר וועמען די בערג האָבן געציטערט און דער היישעריק איז געפאַלן מיטן פּנים צו דער ערד.

דער רעגן פּויקט מיט גראָבע פינגער און פאַרטויבט מײַנע רייד. די שויבן קלינגען. דער ווינט פּײַפט. דאָס האָלץ אין קאַמין פּלאַקערט, גיט זיך איבער אָן תּרועות דעם פאַרצערנדיקן פלאַם.

די האָר אויף זײַן ברוסט זענען האַרט און שטעכיק. דער ריח פון מיענטע גייט אויף פון זײַן לײַב.

איך גיב זיך אים איבער האַלב וואַך און גאַנץ אין חלום. איך בין גרייט פאַר אים פון נעכטן, פון פאַר אַ יאָרן, פון יאָרהונדערטער צוריק. איך דערקען אים אין אָדם-עפּל, וואָס איז שטעקן געבליבן אין זײַן האַלדז, ניט אויסצושפּײַען, ניט אַראָפּצושלינגען. מיר האָבן זיך געטראָפן אויף דער יונגער פּרעריע, די לאָנקע פון ווײַטן אַמאָל. איך ווייס זײַנע וועגן. איך קאָן זײַנע פאַרלאַנגען. איך בין אי איך פון הײַנט — אי זי פון נעכטן. איך בין דאָס ווײַב מיט די לאַנגע בריסט, מיט די אויפגעיווירטע היפטן, מיטן נידעריקן שטערן און מיטן ברייטן מויל. זי איז נאַקעט און ווייס ניט די שאַנד צוצודעקן. ציוויליזאַציע האָט נאָך ניט אָנגערירט איר ריין־ווילדע נאַטור. בושעוועט זי אין זײַנע אָרעמס. תּאווה ענטפערט תּאווה. גבורה שטראָמט פון אים צו איר און פון איר צו אים. אָן אַנדער חשבון, אָן אַנדער ריטעם. דער יחיד דרעמלט אויף יענער זײַט טיר. זי איז אי ער, אי זי — אַלע מינים זענען אײַנגעזאַמלט אין איר. זי איז שוואַרץ ווי דער טײַוול און ווײַס ווי אַ מלאך. און ווײַל זי ווייס ניט וואָס זי איז, וואוהין זי גייט און וואָס זי וועט ווערן, מאַכט זי אַ קנופּ אין דער נאָפּלשנור, וואָס זי ציט פון קדמונים איבער דער האַרטער ערד, פאַר מיר צו געדענקען, אָדער אפשר פאַרגעסן, אַז וואָס געווען איז געווען, וועט שוין מער ניט זײַן. זי הערט דאָס וויען פון וואָלף, טוליעט זי זיך נענטער צו אים. די היענע וויינט. ניטאָ קיין פּגרים הײַנטיקע נאַכט. דער לייב און די לייביכע ליגן זיך אין די אָרעמס. צײַט שטייט שטיל. ניט די צײַט,

נאָר די רגע רעכנט זיך. דער סכום פון דער רגע — איז דער סכום פון אַלצדינג.

געווען נאָך אַנדערע באַגעגענישן, נאָר יענע זענען שוין געווען נאָכגעמאַכט. קאָרופּטירט. דער געשטאַפּטער הירש איבערן אויסגעלאָשענעם פֿײַער האָט אויסגעזען פּאַטעטיש, מער טעאַטראַל ווי סוגעסטיוו. אין קאַמין האָט פֿײַער מער ניט געפֿלאַקערט. די קאָרע פֿון ליפּעבוים האָט מער ניט געשפּרייט איר אָנרעגנדיקן ריח. צענטראַלע באַהייצונג האָט פֿאַרלייגט אַ מעטאַלענע נערוונגעץ. אויך ער האָט איבער נאַכט געביטן דאָס פּנים. ער האָט איצט געטראָגן טונקעלע ברילן, געפּאַסטע הויזן, די האָר לויט דער מאָדע, ווי ער וואָלט זיך געגרייט צו שטעלן פֿאַר אַ פֿאָטאָגראַפֿיר־אַפּאַראַט. די מיסטעריע האָט זיך אָפּגעטאָן. ער איז אַרײַן אין דער קאַטעגאָריע פֿון פּאָפּולערע עטיקעטן. אַ פּאַפּירענער פּאַספּאָרט האָט פֿאַרביטן זײַן אידענטיטעט. דער אַמאָליקער וואַלדוועכטער האָט פֿאַרקויפֿט זײַן נחלה און איז אַוועק וווינען אין דער גרויסער שטאָט. ציוויליזאַציע האָט אָפּגעווישט דאָס שטיבל, פֿאַרשאָטן די אָזערע, אויפֿגעריסן דעם באַרג. אויף זײַן אָרט האָט דער גאָט פֿון מערוועריט אויפֿגעשטעלט אַ לוקסוס־פּאַלאַץ, צוועלף שטאָק די הייך. די ווענט פֿון גלאָז, דער דאַך פֿון שטאָל. אויפֿן קוימען אַ גאָלדענער האָן, עלעהיי דער עגל אנטקעגן באַרג סיני.

אָ, איך מאַך נאָך אַלץ עקסקורסיעס, ניט אַלע מאָל אין דער זעלביקער ריכטונג. איך זוך נאָך אַלץ, זוך כּסדר אַן ענטפֿער צו אַ שאלה וואָס איז מיר אַליין ניט קלאָר. איך זוך אין די בערג די שאלה און דעם ענטפֿער איך זוך אין דער הייך און זוך אין דער נידער. איך ווייס גענוי אין וועלכער צײַט פֿון יאָר די זון וועט בלײַבן שטיין אויף איר אָנגעצייכנטער סטעזשקע און ווי אויף באַפֿעל זיך אַ קער טון אויף צוריק. איך ווייס אויך ווען דער מאָרגן־שטערן וועט ווערן אַן אָוונט־שטערן, און ווען די דרײַ שוועסטער־שטערן וועלן געניזוקט ווערן. אויפֿן מילכוועג קוק איך ניט.

אַ משוגענער האָט מיר אַ מאָל געזאָגט: לאָז זיך ניט פֿאַרפֿירן פֿון אַזאַ פֿאַרפֿירעריש וואָרט ווי וואָר. אין דער אמתן ווייסן מיר ביידע, אַז אַחוץ איך און דו עקסיסטירט גאָרניט...

יאָסעלע

דעם טאָג וואָס צירעלע זילבער איז אַרויסגעפאַלן פון פענצטער און דערהרגעט געוואָרן, האָט די ראַדיאָ די נייעס ניט צעפּויקט, די צײַטונגען האָבן וועגן דעם ניט געשריבן. מאַלע וואָס אַן אומגליקספאַל פּאַסירט מיט אַ מענטשן. אין ניו־יאָרק ווערן מענטשן יעדן טאָג דערהרגעט, געניזוקט, פאַרגוואַלדיקט, באַרויבט, פאַרברענט. אַ סך מענטשן אײַלן צו דעם סוף מיט דער אייגענער האַנט.

וועגן צירעלעס טויט איז קיין ספק ניט געווען אַז דער אומגליקספאַל איז געווען אַ צופעליקער, מיט איין וואָרט „אַן אַקצידענט". אַ פאַר־דאַכט וועגן זעלבסטמאָרד איז קיינעם אויפן זינען ניט געקומען. איר מאַן יונה, האָט יאָ עפּעס פאַרדעכטיקט, נאָר ווי אַלע זײַנע פאַרדאַכטן — באַגראָבן אין זיך.

די פרימאָרגנס ביי די זילבערס זענען געווען די פײַנלעכסטע שעהען פון טאָג. זיי זענען נאָך ניט געווען צוגעוווינט צו דעם ראַסקאַש פון די „גאָלדענע יאָרן", איז מען געשלאָפן אַ ביסל שפּעטער: ער אין זײַן צימער, זי אין אירן. פרישטיק האָט יונה געגעסן אַליין. צירעלע איז געלעגן אין בעט, איבערגעדעקט ביז איבערן קאָפּ. זי האָט געוואָרט ער זאָל אַרויסגיין קויפן אַ צײַטונג, ווי זײַן שטייגער איז געווען. מיט דער צײַטונג אונטערן אָרעם האָט ער ליב געהאַט צו שפּאַצירן אויף דער אַוועניו, אַריינקוקן אין די קראָמען, ציילן די קונים. טייל מאָל פלעגט ער זיך אַרײַנ־כאַפּן אין דער סטאָרקע, וואָס ער האָט אָנגעהאַלטן פאַר איבער צוואַנציק יאָר. דאָרט פלעגט ער אויך איינהאַנדלען אַ קאַרטאָן מילך, אַ ברויט, איז געווען ביזי, פלעגט ער גערן העלפן באַדינען די קליענטן.

צירעלע פלעגט ליגן אין בעט און וואַרטן. אַזוי גיך ווי יונה האָט פאַרמאַכט די טיר אויף יענער זײַט, איז זי אַראָפּ פון בעט און דורך אַ זײַטיקן פענצטער נאָכגעקוקט זײַנע פּאַמעלעך באַדאַכטע טריט. אַ האַרבס־טיקער טרויער האָט באַשווערט זײַן פּלייצע, ווי זי וואָלט די ערשטע

דערפילט די סיגנאַלן פון נאָענטן ווינטער... זי האָט וועגן דעם מיט איר מאַן ניט גערעדט. מיט זיך אַליין, האָט זי גערעדט אָן אויפהער. ווי ווײַט מעגלעך האָט צירעלע אויסגעמיטן אַרונטערצוגיין אין גאַס, באַזונדערס ווען דער טאָג איז געווען אַ זוניקער, אַ שיינער, אַ פּערפעקטער, אין אַזאַ טאָג זיצן ווײַבער אין פּאַרק און שמועסן. „יאָ אַ שיינער טאָג, אַ פּרעכטי־קער טאָג, אויף דער שוואַרצער ערד בליִען רויטע בלומען"... אין אַזאַ טאָג איז גוט צו באַגיין זעלבסטמאָרד — בליצט דורך אַ געדאַנק וואָס האָט זיך אויסבאַהאַלטן אין איר זכרון און איבערראַשט זי אַליין מיט זײַן פּלוצלונגדיקייט. די ווײַבער רעדן. צירעלע שאָקלט מיטן קאָפּ. זי ענט־פּערט עפּעס, זייער ניט פּאַסיקס, עפּעס נאַריש, סתּם אַזוי וואָס גליטשט זיך אַראָפּ פון דער צונג כּדי צו פאַרדעקן עפּעס וואָס גייט אָן אין איר נשמה אָן אָפּשטעל, טאָג און נאַכט — צווישן איר און איר יאָסעלען. יעדע אָפּוויַכונג פון געדאַנקלעכער פאַרבינדונג, באַטראַכט צירעלע ווי אַ זינד. זי האָט זיך קיין מאָל ניט מוחל געווען דעם חטא וואָס זי האָט חתונה געהאַט מיט יונה'ן, פאַרראַטן יאָסעלעס אָנדענק מיט שפּילן די ראָלע פון אַ מאַמע צו יונה'ס יתומה. זי האָט דאָס קינד גוט באַהאַנדלט, נאָר קיין מאַמע איז זי צו איר ניט געווען, ניט געקאָנט זײַן. ווען זי האָט גערעדט צו איר, איר דערציילט אַ מעשה, געזונגען אַ לידל, איז עס אַלע מאָל געווען פאַר אים — פאַר איר יאָסעלען — און ניט פאַר יונה'ס טאָכטער.

„אַ מאָל איז געווען אַ שרהלע" / האָט צירעלע פאַר איר געזונגען: „אַ מיידעלע אַ פײַנס / האָט זי געהאַט אַ ברודערל / אַ יאָסעלע אַ שיינס" /. ווען יונה איז געווען אין הויז, איז פון יאָסעלען געוואָרן אַ משהלע, אַזוי ווי דאָס לידל האָט פאַרלאַנגט. איין מאָל האָט זיך דאָס קינד צעזונגען „האָט זי געהאַט אַ ברודערל / אַ יאָסעלע אַ שיינס" /. יונה האָט אַ קוק געטאָן אויף זײַן ווײַבל זײַטיק, ער האָט געזען ווי דאָס מעסער וואָס זי האַלט אין דער האַנט, ציטערט.

יונה ווייסט אַז זי טראַכט כּסדר פון איר יאָסעלען. אירע קאָשמאַרנע חלומות מאַכן די פרימאַרגנס אַזוי שווער. דער אָנגעלאָדענער שווײַגן זיצט צווישן זיי ווי אַ מוסר, טײַטלט פון אים צו איר, און פון איר צו אים. יונה ווייסט אַז זי שלאָפט ניט ווען זי ליגט אין בעט איבערגעדעקט

ביז איבערן קאָפּ. זי ווייסט אַז ער ווייסט און מאַכט זיך ניט וויסנדיק. ער האָט געוווּסט ווען זי רעדט וועגן פאַרהענגלעך, מיינט זי ניט צו פאַרדעקן די פענצטער, נאָר די דיבוקים וואָס מאַטערן זי. אויך וועגן דעם האָט זי געוווּסט אַז ער ווייסט — און זיך ניט געקאָנט העלפן. יאָסעלע איז געווען און פאַרבליבן דער זין פון איר לעבן. זי האָט זיך אָנגעהאַלטן אין לעבן כדי ער זאָל לעבן; מיט איר דורך איר. ער זאָל זי באַגלייטן אויף אַלע אירע גלײַכע און קרומע וועגן, זיך טיילן מיט אירע איבער־לעבענישן, אויפהאַלטן זײַן אָנדענק אין איר אָפּגעשלאָסענעם אוניווערס, איר פּריוואַטן היכל, אונטערן אַליין געמאַכטן פּרוכת.

ווען יונה האָט באַגעגנט צירעלען האָט זי געפּיבערט, גערעדט פון היץ. זי האָט געוואָרנט יאָסעלען ניט צו גיין אין דאָרף אַרײַן. ווען די היץ איז געפאַלן האָט זי נאָך אַלץ קיינעם ניט דערקענט. זי איז באַשטאַנען אַז איר נאָמען איז קאַטערינאַ, פונעם דאָרף כלאָפּופּקע. זי האָט דאָרט אַ מאַן און אַ זון מיטן נאָמען יאָסיפּ. יונה האָט זי געפּרוּווט דערמאָנען, אַז זיי זענען צוזאַמען אין שול אַרײַן געגאַנגען. ער האָט געקאָנט איר טאַטן, דעם רײַכן וואַלד־סוחר, אויך איר מאַן דעם דענטיסט, וועמען די דײַטשן האָבן באַלד בײַם אַרײַנמאַרש דערשאָסן. טאַקע דאָרט, אין דער ליידיקער חורבה, זענען זיי געוואָרן מאַן און ווײַב.

יונה האָט געבראַכט זײַן אַכט יעריק טעכטערל, ווי אַ נדן צום שידוך. ביידע האָבן געצונדן יאָרצײַט־ליכט, ניט לויטן טאָג פון פיזישן אומקום, נאָר לויט דעם טאָג וואָס האָט זיי אויף אייביק צעשיידט.

פאַר יונה׳ן איז דער טאָג געווען ערב פּסח, ווען זײַן יונג ווײַבל מיטן זויג־קינד אויף די הענט, האָט זיך געשטעלט אין דער רעכטער ריי, ער מיטן מיידעלע, אין דער לינקער. די זון האָט געוואַרעמט. אַ מילד ווינטל אָנגעפּולט מיט פרילינג־ריחות האָט געגלעט די צונויפגעטריבענע ייִדן.

צווישן דעם עולם האָט זיך געפונען אַ פרעמדער ייִד, אַן אַנטרונע־נער פון אַ ווײַטער געגנט. ער האָט דערציילט וועגן מאַסן־שחיטות וואָס האָבן אין אַ פּאָר שעה אומגעבראַכט אַ גאַנצע שטאָט ייִדן. קוקנדיק אויף זײַן ווילדן הולך, אויף זײַן פאַרוואַקסן פּנים, האָט מען זיך צו אים ניט צוגעהערט. „אַ משוגענער נעבעך״, ווער הרגעט עס אויס אַ גאַנצע שטאָט ייִדן, מענער, פרויען און קינדער? אין ערגסטן פאַל וועט מען נעמען אויף

ארבעט. וואָס דער דײַטש זאָל ניט זײַן, זענען זיי דאָך אַ ציוויליזירט פאָלק. נאָר אַ משוגענער קאָן זיך צו אַזאַ גרויל דערטראַכטן... שטייט מען און מען וואַרט... און אָט איז ער, דער קאָמענדאַנט, הויך, שלאַנק, שוואַרצע ברילן, ווײַסע הענטשקעס, ער שטייט אין דער אָפענער טיר פון זײַן לאַסט־וואָגן און גיט באַפעלן: „רעכטס, לינקס!" זײַן ווײַבל מיטן עופּעלע אויף די הענט, פּאַכעט צו אים מיט דער האַנט. ער פּאַכעט צוריק. זי שמייכלט. ער שמייכלט...

הײַנט טראַכט יונה ווי נאַיִוו ער איז געווען. און אפשר איז ער נאָך הײַנט אויך נאַיִוו? ער קוקט אויפן דײַטשן שכן מיט וועלכן ער באַגריסט זיך יעדן טאָג. ער זוכט אַ שפּור פון יענע מעסער־שאַרפע מאָרדעס, פון די אײַז־קאַלטע אויגן וואָס האָבן קיין פינטל ניט געטאָן ווען קינדער האָבן געוויינט, געבעטן רחמים. יענער קוקט אים גלײַך אין פּנים, שמייכלט העפלעך. יונה זוכט דעם קין־צייכן וואָס ליגט פאַרבאָרגן אונטערן העפלעכן שמייכל. און כאָטש ער געפינט עס ניט, קאָן ער בשום אופן ניט צוריק שמייכלען. נאָך יעדער באַגעגעניש מיט דעם דייטשן שכן ווערט יונה מרה־שחורה׳דיק. בײַנאַכט ליגט ער אויפן געלעגער און טראַכט אַז ער מוז זיך דערטראַכטן צום כוח וואָס מאַכט פון אַ מענטש אַ מאָרד־מאַשין. יונה פּרוּווט אָנמעסטן יענעם מאַסן־פּסיכאָז אויף זיך אַליין, וואָלט ער געקאָנט שפּאַלטן דעם קאָפּ פון זײַן שכנ׳ס בלאָנדן בן־יחיד נאָר דערפאַר ווײַל ער איז אַ דײַטש? וואָלט ער געקאָנט צוזען ווי זײַן הויז ברענט און ניט לויפן ראַטעווען? אפשר וואָלט ער עס אַליין געדאַרפט אונטער־צינדן און זען ווי ער רעאַגירט? די מאַקאַברישע טראַכטענישן האַלטן אים וואַך אויפגערעגט, שלינגט ער אַראָפּ אַ פּיל און גייט איבער פון קאָשמאַרנער וואָר, צום קאָשמאַרנעם חלום.

באַלד אין דער פרי אײַלט זיך יונה אײַנצוהאַנדלען די יידישע צײַטונג, אויך די טיימס. אפשר וועלן זיי אים אויפקלערן דאָס רעטעניש מענטש, אפשר?

טאַקע מיט דער צײַטונג אונטערן אָרעם איז יונה אָנגעקומען ווען די גיכע הילף איז שוין געשטאַנען בײַ זײַן הויז. צירעלע ליגט מיט אַ צעפּלעטן קאָפּ, די האָר צעפּאַטלט, מענטשן רינגלען זי אַרום. אויך דער דײַטשער שכן מיט זײַנע צוויי קינדער שטייען און קוקן. זאָל ער זיך

וואַרפן אויף אים, מיט די נאַקעטע הענט אים דערשטיקן? דער געדאַנק דויערט ניט מער ווי אַ רגע. פּאָליציי עפנט די טיר. זיי זוכן שפּורן פון מעגלעכע אַריינדרינגער און געפינען גאָרניט. געלט, צירונג, דאָס חופּה־קדושין רינגל פון איר ערשטן מאַן, ניט גערירט. די בעטן זענען פאַרבעט. דער טעפּיך פריש גערייניקט, אָן אַ סימן פון פרעמדע טריט.

מ'האָט די טויטע צו קבורה געבראַכט. די טאָכטער האָט געקלאָגט, יונה האָט קדיש געזאָגט. אין אָוונט האָט ער אָנגעצונדן נאָך אַ יאָרצייט־ליכט. דאָס ליכט האָט געפלאַקערט, געמאַכט ציטערן דעם שאָטן אויף דער וואַנט. אויך יונה'ס ליפּן האָבן געציטערט, נאָר קיין קול איז ניט אַרויסגעקומען.

די צייַט האָט זיך געצויגן אויף איר אָנגעשטעלטן שטייגער. מענטשן האָבן פאַרגעסן, נאָר די פייגל האָבן געדענקט. זיי, די איינציקע עדות פון איר פאַטאַלן פאַל, זענען נאָך אַלץ געקומען, פאַרפּלייצט דאָס הייפל מיט זייערע הונגעריקע קולות און געוואַרט דאָס פענצטער זאָל זיך עפענען, ס'זאָל זיך באַוויַזן אַ קאָפּ, אַ האַנט זאָל אַ רעגן טאָן מיט קערנער. זיי האָבן אַרויסגעקוקט אויף איר פונקט ווי זי פלעגט אַרויסקוקן אויף זיי. צירעלע פלעגט אויך שפּייַזן די וועווערקעס, פאַר זיי האָט זי געהאַט רבי־ניסלעך. מיט יעדן ניסל וואָס זי האָט פאַר זיי געוואָרפן, האָט זי אָפּגע־צאָלט אַן אַלטן חוב: אַ חוב וואָס זי האָט צוגעזאָגט אָפּצוצאָלן זייערע ווייַטע קוזינען אין די וויַטע פּוילישע וועלדער.

ווי גליקלעך איר יאָסעלע איז געווען ווען אים איז געלונגען אַרויס־צוגראַבלען אַ פּאָר מאַטשיקע ניסלעך פון זייערע באַהעלטענישן. ער פלעגט זיי נאַכשפּירן קריכנדיק אויף אַלע פיר, ווי אַן אויסטערליש חיה'לע מיט רויטע האָר. ווי שטאָלץ ער איז געווען ווען ער האָט באַהערשט די טעכניק פון קלעטערן אויף ביימער. איין מאָל האָט ער געפונען אַן אויסגעקראַ־כענעם עק פון אַ פאַרצוקטן פוקס. ער האָט דעם עק צוגעפעסטיקט צו זייַנע הייזלעך, ער האָט געפילט, אַז אַזוי אַרום האָט ער זיך דערוואָרבן דעם סטאַטוס פון אַ חיה וואָס קאָן זיך נאָך פרייַ באַוועגן אויף גאָטס ערד. זייַן חוש צו זוכן און געפינען וועגן ווי דאָס לעבן גרינגער צו מאַכן, האָט קיין שיעור ניט געהאַט, צירעלע האָט זיך געפילט אומבאַ־

האָלפּן קעגן אים. זי, וואָס האָט קיין מאָל ניט געוווּסט פֿון וואַנען דאָס ברויט קומט אין שטוב אַריַין. אין וואַלד איז זי געווען אינגאַנצן אומבאַהאָלפֿן. ער, דאָס קליינע ייִנגעלע מיטן חייהשן עקל, האָט פֿון שפּיץ בוים אויס־געפֿאָרשט די געגנט, געוווּסט ווען דער וועג איז פֿריַי זיך אַריבערצוכאַפּן צו דער נאַניע אין דאָרף אַריַין. ביַי איר אויסבעטלען אַ פּאָר אייער, אַ שטיקל ברויט און זיי ביידע דערהאַלטן ביַים לעבן.

פּאָר אַ לאַנגער ציַיט האָבן מאַמע און זון זיך אויסבאַהאַלטן ביי דער נאַניע. די נאַניע האָט איבערגעטראָגן זייערע באַהאַלטענע פֿאַרמעגנס צו זיך אַהיים. שכנים האָבן באַמערקט אַז זי באַדט זיך ממש אין גאָלד: טראָגט אַהיים פּעק מיט עסן וואָס קאָסט אָפּ אַ פֿאַרמעגן. מ׳האָט אָנגע־הויבן רעדן, אַז עפּעס ניט גלאַטיקס גייט אָן אונטער איר דאַך. דעמאָלט האָט די נאַניע אָפּגעדעקט פֿאַר זיי די הייל, וווּ איר זיידע האָט זיך אַ מאָל אויסבאַהאַלטן. ער האָט דערהרגעט אַ צאָל־באַאַמטן, שפּעטער אַנטלאָפֿן פֿון טורמע און געלעבט פֿאַר יאָרן אין דער הייל.

יעדעס מאָל ווען יאָסעלע פֿלעגט זיך אומקערן בשלום, אָנגעלאָדן מיט אַ ביסל שפּיַיז, האָבן מאַמע און זון געפּראַוועט אַ סעודה. נאָך דער סעודה האָט יאָסעלע אַוועקגעלייגט זיַין קאָפּ אויף איר שויס. צירעלע האָט געגלעט זיַינע האָר, געזוכט די אומפֿלייט וואָס האָבן אים געגעסן. זיי האָבן די אומפֿלייט גערופֿן דיַיטשן, און מיט יעדן דערהרגעטן דיַיטש אָפּגעהאַלטן אַ פּערזענלעכן נצחון.

דאָס איז געווען די רעאַליטעט פֿון יענער ציַיט. אַ ציַיט וואָס האָט פֿאַרלוירן דעם זין פֿון ציַיט, דעם נעכטן, דעם מאָרגן. געבליבן איז בלויז דער איצט, די חיי־שעה, די רגע פֿון זען, די רגע פֿון פֿילן איינער דעם צווייטנס וואַרעמקייט, די איבערגעגעבנקייט. טיילמאָל האָט זיך איר גע־דאַכט, אַז זי און יאָסעלע זענען די לעצטע איבערלעבער אויף דער וועלט, די וועלט, אין וועלכער זי איז געבוירן און דערצויגן געוואָרן זיך אויס־צולעבן אין איר. זי האָט זיך פֿאַרגעשטעלט, אַז ווען זי וועט אַרויסקומען פֿון דער הייל, וועט דער הימל קיין הימל ניט זיַין. די זון וועט פֿון אָרט זיך ניט רירן, די בערג וועלן איינזינקען. די גאַנצע ערד וועט זיַין באַדעקט מיט וואַלד, און אפֿשר גאָר וועט דער ים זיך אויסגיסן, פֿאַרשווימען די

ערד. דער וואַלפיש וועט בלײַבן ליגן אויפן נאַקעטן זאַמד, קוקן מיט אויסגעלאָשענע אויגן אויף אַן אויסגעלאָשענער זון...

פאַר יאָסעלען האָט זי געמאָלן אַנדערע בילדער. זיי וועלן בלײַבן ווינען אין וואַלד. זיי וועלן זיך שפּײַזן מיט די פיש פון טײַך, מיט די יאַגעדעס פון וואַלד, מיט מילך פון הירש, מיטן האָניק פון דער בין. זי וועט צופּראַווען פאַר אים קרײַטעכצער וואָס וועלן אים מאַכן גרויס און שטאַרק. דעמאָלט וועלן זיי פאַרלאָזן דעם וואַלד און גיין זוכן פאַר אים אַ כלה. די כלה וועט זײַן געבענטשט מיט חן פון פרילינג־בלומען. זיי וועלן ברענגען קינדער אויף דער וועלט. קינדער וואָס וועלן ווערט זײַן צו טראָגן דעם נאָמען מענטש.

דעם טאָג וואָס צירעלע האָט צום לעצטן מאָל געזען איר יאָסעלע, איז געווען אַ זונטיק. זי האָט עס געוווּסט לויט די קלויסטער־גלאָקן. שוין עטלעכע טעג ווי זי האָט געברענט מיט פיבער. דער קלאַנג פון די קלויסטער־גלאָקן האָט זי היפּנאָטיזירט, איר האָט זיך געדאַכט אַז די קלאַנגען הייבן זי פון גרוב אַרויס און שטעלן זי אַוועק פאַרן כסא הכבוד. אַלע זאָרגן טוען זיך אָפּ פון איר. זי ליגט בײַ די פיס פון באַשעפער. דאָס ליכט וואָס הילט אים איין — נעמט זי אויך אַרום. איר איז גוט, גוט, גוט...

ווען זי האָט זיך אויפגעוועקט, איז שוין די היץ געפאַלן. זי האָט ניט געוווּסט ווי לאַנג זי איז געשלאָפן. צי דער טאָג איז נאָך דער זעלבער, אָדער שוין אַ געביטענער? צירעלע האָט זיך געכאַפּט אַז זי איז אַליין. יאָסעלע איז אין דער הייל ניט געווען. ער האָט זיך אוודאי דערשראָקן פאַר איר אויסזען, און געלאָפן צו דער נאַניע נאָך הילף. צירעלע פּרוּווט אויפשטיין און פאַלט צוריק. זי דראַפּעט זיך צו צום אַרויסגאַנג, שטעקט אַרויס דעם קאָפּ. אַ ווײַסער, ערשט געפאַלענער שניי שמעלצט שוין אין דער פרילינג־זון. דער שניי איז גלאַטיק. ניט קיין סימן פון יאָסעלעס פוסטריט. אפשר איז ער פאַרבליבן ביי דער נאַניע איבערנאַכט? זי ווייסט אַז זי נאַרט זיך. יאָסעלע וועט עס ניט טאָן. ער איז געלאָפן ברענגען אַ ביסל מילך פאַר איר. זי דערמאָנט זיך אַז זי האָט אים געפּרוּווט אָפּהאַלטן. און אפשר האָט זי ניט גענוג געפּרוּווט? די גלאָקן האָבן געקלונגען און פאַרטושט אירע געדאַנקען, געפּענטעט אירע הענט. די צונג ווי געליימט

האָט קיין קלאַנג ניט אַרויסגעבראַכט. און אפשר האָט זי גאָר געוואָלט ער זאָל גיין, ער זאָל ברענגען אַ ביסל מילך צו באַנעצן דעם גומען? צירעלע רירט אָן מיט איר פּנים דעם שניי. זי ציט אַרײַן אין זיך די קילע פליסיקייט. איר צונג ווערט לויז. „יאָסעלע!" רופט זי מיט ווילדער צערייצטקייט, דאָס ווידער־קול ענטפערט: יאָ־סע־לע־ע־ע...

✶

יעדעס מאָל ווען ס'פאַלט אויס אַ שניי, צינדט צירעלע אַ יאָרצייט־ליכט. זי צינדט עס בשתיקה. זי וויל ניט אויפרעגן איר יונהן, צינדט זי עס אין האַרצן. דער פלאַם טראָגט זיך איבער צו יענעם ווײַטן וואַלד. אַלע ביימער צינדן ליכט, שטראַלן ליכט פון זוניקן גאָלד. די ליכטער שמעלצן, טריפן ווײַסע שעפּעלעך אַראָפּ צו דער ערד, ספּאָלאָשעטע שעפּעלעך אָן אַ פּאַסטעך, לויפן בהלהדיק דער נאַכט אין מויל אַרײַן... די נאַכטיגאַל זינגט. די זשאַבעס קוואַקען. צירעלע מאַכט אויף דאָס פענצ־טער, עס פעלט איר לופט... די פייגל וואַרטן. אויך זיי שטעלן אײַן דאָס לעבן צוליב אַ ביסן ברויט. אַן אויסגעפּאַשעטער קאָטער טשאַטעוועט אויף זיי. אויפן טעלעפאָן־דראָט זיצן פייגל און וואַכן, בעת די אויף דער ערד פּיקן די קערנער, אפשר זענען די פייגל אויפן דראָט — די מאַמעס? זי, די מאַמע פון איר איינציק קינד איז געלעגן ווי אַ שטיין און געלאָזט לויפן איר קינד אין פײַער אַרײַן? צירעלע וואַרפט אַרויס אַ זשמעניע קערנער. זי רעדט אָן אויפהער צו זיך אַלײַן. טייל מאָל רעדט זי אויך צו די פייגל... עס אַרט זי ניט צי זיי הערן, צי זיי פאַרשטייען. זי רעדט ווײַל זי מוז רעדן. זי דערציילט זיי אַפילו, וועגן די צוויי מפּלען וואָס זי האָט געליטן. זי האָט ניט געקאָנט פאַרשעמען יאָסעלעס אָנדענק, איבער־טראָגן זײַן וואָרצל אויף אַן אַנדערער פּלאַנץ.

צירעלע רעדט און די פייגל פּיקן. ווען די וואַך אויפן דראָט ווערט גיריק נאָך אַ ביסן און נידערט אַראָפּ צו די געפּאַרן פון דער ערד, נעמט צירעלע איבער די וואַך. זי ווייסט אַז דער אָנגעפּרעסענער קאָטער ליגט פאַרשטעקט אין די בושעס. ער איז ניט הונגעריק. ער ווערט ממש צע־שפּאַרט פון שווילטאָג. דאָס רייפעלע אויף זײַן האַלדז איז באַזעצט מיט קאָלירטע שטיינדלעך. ער עסט ניט די פייגל. ער בייסט זיי איבער די העלדזער און קוקט מיט הנאה ווי זיי רירן זיך ניט.

צו יונה'ן און זײַן טאָכטער רעדט זי ניט וועגן יאָסעלען. זיי, וואָס האָבן אין זײַנע אויגן ניט אַרײַנגעקוקט, זײַן ציטער ניט געפילט, מיט זײַנע נצחונות זיך ניט געפרייט, זײַן אָנגסט ניט געטיילט, קאָנען ניט פאַרשטיין וואָס ער האָט געמיינט פאַר איר? רעדט זי צו די פייגל אין דער הייך, צו די וועווערקעס אויף דער ערד, צו דעם ווינט אין דער לופט. זי הערט איר אייגן ווידער־קול וואָס שפּרייט זיך אויס איבערן הויף: „יאָסעלע! יאָסעלע?"

איר מאַנס טאָכטער גרייט אַ בר־מצווה. זי וועט אוודאי גיין צו דער שמחה אויסגעפּוצט ווי עס פּאַסט פאַר אַ מחותנת'טע. אפשר וועט זי אויך טאַנצן? און פאַרוואָס טאָקע נישט? זי האָט דערלעבט צו זען די ברוינע מפּלה, פאַרוואָסזשע טאָקע זאָל זי ניט טאַנצן? זי האָט אַ דאַך איבערן קאָפּ, שיך אויף די פיס, אַ קלייד אויפן לייב, אַ מאַן — און דאָך וועלן אַלע גיטער פון דער גאַנצער וועלט ניט קאָנען דערזעצן יאָסעלעס ניט אויסגעלעבטן לעבן: דאָס לעבן פון די דורות וואָס זענען אים באַשערט געווען צו ברענגען אויף דער וועלט. וועמען וועט זי מאַנען, וועמען וועט זי קלאָגן? דער שכל זאָגט: גיב זיך אונטער נאָר דאָס האַרץ קאָן ניט אָננעמען דעם פּסק־דין.

קומט אַ יום־טוב זוכט צירעלע אָפּ די חורבן־ליטעראַטור, די יזכור־ביכער, זי טוט עס ניט צו צעשטערן די פרייד פון יום־טוב. זי טוט עס ווײַל זי קאָן ניט אַנדערש, טאָר ניט אַנדערש, איר געוויסן צווינגט זי אַזוי צו טאָן. ניט איינמאָל טראַכט זי, אַז צו דינען גאָטס געבאָט איז פיל גרינגער ווי צו זײַן דער אייגענער בעל־הבית...

ס'איז זונטיק אין דער פרי, איין וואָך פאַר פּסח. אַ נאַסער שניי האָט אָנגעפילט די לופט און פאַרשפּרייט די ערד מיט אַ ווײַסן טישטוך. צירעלע שטייט בײַם אָפענעם פענצטער. זי זייעט קערנער, די פייגל פּיקן. אירע געדאַנקען בלאָנדזשען איבער די וועגן פון איר לעבן. בילדער לויפן פאַר די אויגן, זי זעט איר יאָסעלען לויפן אויף אַלע פיר. דער עק פון פוקס פלאָנטערט זיך צווישן זײַנע פיס. די פוסטריט וואָס ער לאָזט נאָך זיך, זעען אויס ווי די טריט פון אַ חיה'לע. צירעלע ליידיקט אויס די רעשט קערנער פון שקאַרמויץ, פּלוצים דערזעט זי דעם ברוינעם קאָטער. ער

שפרינגט אַרויס פון באַהעלטעניש. „יאָסעלע!" רופט זי אויס מיט אַ ניט־דאָיִקן קול. זי בייגט זיך אַרויס פון פענצטער אַ ביסעלע צו ווײַט. דער קערפּער גיט נאָך. יאָסעלע איז געראַטעוועט — צירעלע זילבער ליגט אויפן נאַסן שניי. דער קאָפּ געשפּאָלטן, דאָס מויל אָפן, ווי זי וואָלט נאָך אַלץ גערופן: „יאָסעלע! יאָסעלע?"...

אינדיאַנער זומער

פאַר לאַנגע יאָרן איז סאָניע האַמער געווען ניין און פערציק יאָר אַלט. ווי וועמען — איר האָט עס געפּאַסט. זי איז געגאַנגען מיט אַ געפּליגלטן טראָט. דעם קאָפּ האָט זי געהאַלטן הויך. דאָס שייטעלע גאָלדן בלאָנד, די קליידער געפּאַסט צו איר שטאַלטנער פיגור וואָס האָט זיך מיט דער צייַט ווי ניט געביטן. זי האָט געטריבן איר פאָרד מיט אַ זיכערער האַנט יאָר אויס, יאָר איין ביז צום סאַמע טאָג פון איבערברוך.

ס'איז געווען אַ טאָג ווי אַלע אַנדערע טעג. באַלד אין דער פרי איז סאָניע אַוועק אין מושב זקנים צו טון וואָלאַנטיר אַרבעט. דער פאַקט וואָס זי איז בכוח צו באַדינען פרויען וואָס זענען אפשר ייִנגער פאַר איר, האָט געשטאַרקט איר גלויבן, אַז עס לעבט אין איר אַ פונק פון אירע הייליקע אָבות, די מתנגדישע רבנים וועמענס עקשנות און גייַסטיקע גבורה זי האָט איבערגענומען בירושה.

סאָניע האַמער האָט גערן אויסגעפירט אירע אַליין באַשטימטע פליכטן; זי האָט אָנגעשריבן אַ בריוול פאַר אייניקל, אָפּגערופן אויפן טעלעפאָן פאַר אַ צווייטער. זי האָט אויך פירגעלייענט די לעצטע נייעס פון דער לאָקאַלער צייַטונג. זי האָט אויסגעהערט קריוודעס אמתע און אויסגעטראַכטע. זיי, די אומבאַהאָלפענע האָבן געשלונגען יעדעס וואָרט וואָס איז אַרויסגעקומען פון דער רבנישער טאָכטערס מויל.

דאָס אַרייַנבריינגען די דרויסנדיקע וועלט צו די לעבעדיקע מתים האָט געהאַט זייַן שׂכר; דעם שׂכר פון גלויבן, אַז די העכערע השגחה פירט אָן מיט איר. ניט דער דער טויט פון איר בן־יחיד, ניט איר לאַנג־יאָריקע עגונהשאַפט האָבן באַוויזן זי איינצוברעכן. נאָך יעדן קלאַפּ האָבן אויפגעטויכט נייע קוואַלן פון ווידערשטאַנד. נאָכדעם ווי איר מאַן איז אַרויס קויפן אַ פלעשל מילך און מער ניט צוריקגעקומען, איז סאָניע אַוועק אַרבעטן אין רעאַלטי אָפיס. יעדן נאָכמיטאָג האָט זי דאָרט דורכגעפירט טראַנסאַקציעס מיט די בעלי־בתים פון שטעטל. סאָניע האָט געוווסט וועמען

מ׳קאָן צורעדן, און אויף וועמען מ׳דאַרף ניט דריקן. אויסער מיסחר איז מען אויך געקומען זיך באַראָטן וועגן סיכסוכים מיט שכנים, פּראָבלעמען מיט סאָשל סעקיוריטי, אויך וועגן די ניט געוווּנטשענע עלעמענטן וואָס האָבן זיך לעצטנס געיאָוועט אין שטעטל.

די טעמע פון פרעמדע ניט געוווּנטשענע עלעמענטן, איז סאָניען ניט געווען צום האַרצן. כאָטש זי האָט שוין דאָרט געוווינט ביי אַ דריי צענדליק יאָר, איז זי נאָך אַלץ אָנגעגאַנגען פאַר אַ פרעמדער. אירע עלטערן זענען מיט דער מאַי־פלאַווער ניט געקומען. מיט די אינדיאַנער קיין מלחמות ניט געפירט, די שטיינער פון וועג ניט געריייניקט, דעריבער איז זי אַריין אין דער קאַטעגאָריע פון די, וואָס קומען עסן פון צוגעגרייטע טישן.

דעם טאָג פון איר צוזאַמענבראָך איז צווישן די פּאָטענציעלע קויפערס און פאַרקויפערס, אַריינגעקומען דער מנהיג פון דער היגער ישיבה. ער זוכט אַן עסטעיט וואָס זאָל הויזן אַכציק, ביז הונדערט יונגע־לייט, ערשט געקומענע פון אויסלאַנד.

סאָניע האָמער האָט דעם מנהיג אַריינגענומען אין איר פאָרד. זי האָט פּונקט דאָס ריכטיקע אָרט פאַר אים. ס׳איז טאַקע אַ ביסל אויסער דער שטאָט, אומבאַאַרבעט פעלד אַרום און אַרום. דער וואַלד קוקט אַריין אין יעדן פענצטער. זומער איז דאָרט קיל, און ווינטער באַשיצט ער דאָס הויז פון די קאַלטע מערב־ווינטן וואָס קומען אַזש פון די ווייטע ראַקיעס. די בעלי־בתים קריסטן, האָבן ביז ניט לאַנג צוריק אָנגעפירט מיט אַ רעסטאָראַן. איצט, ווען דער מאָראַלישער קלימאַט האָט זיך אַזוי דראַסטיש געביטן, האַלטן זיך מענטשן אָפּ צו פאָרן ביינאַכט אין יענער געגנט, איבערהויפּט ווען ס׳זענען שוין דאָרט פאָרגעקומען עטלעכע אָנפאַלן. דעריבער גלייבט זי, אַז די אייגנטימער וואָס זענען שוין ניט מער קיין יונגעלייט, ווילן זיין מער ווי ווילליק צו פאַרקויפן. זיי האָבן פיל גערעדט וועגן דער געשאַפענער לאַגע, וועגן דער נויטווענדיקייט זיך אַנטקעגנ־צושטעלן די ווילדע מעשים פון דער היינטיקער יוגנט. „די איינציקע וואָס קאָנען דאָס טאָן — זענען טאַקע די ישיבה־בחורים״, האָט דער מנהיג געזאָגט. „תורה און חכמה איז נאָך אַלץ דער בעסטער קעגנמיטל אָפּצושלאָגן די הפקרות פון דער דראַג־מגיפה״.

זיי האָבן באַשטימט זיך צו טרעפן מיט אַ טאָג צוויי שפּעטער, נאָכדעם

ווי זי וועט האָבן אַ פּריוואַטן איבערררייד מיט די בעלי־בתים. זי מוז צום ערשט אַליין אויסגעפינען צי האַלטן זיי טאַקע דערבײַ, און אויב יאָ, ווײַל זי אויסגעפינען דעם פּרײַז. זי וועט זיי געבן צו פאַרשטיין, אַז אַזעלכע קונים קומען ניט יעדן אַנדערן טאָג.

יענעם אָוונט אויפן וועג אַ היים האָט סאָניע האַמער אונטערגעזונגען דעם ניגון פון אַ לאַנג פאַרגעסן לידל. די קאָמפּלימענטן מיט וועלכע דער מנהיג פון דער ישיבה האָט זי באַשאַנקען האָבן געשפּילט אויף איר געמיט מיט די ציטער־סטרונעס פון שיר השירים. דער שפּעט האַרבסטיקער הימל האָט געגליט. די לעצטע בלעטער אויף די נאַקעטעביימער האָבן געוועקט אין איר אַ געפיל פון קרובישאַפט צו אַלץ וואָס איז, און פאַרגייט. זי האָט געפילט אַ מין אַבסטראַקטע פאַרבינדונג מיט דעם מיסטעריעזן כוח וואָס האַלט די לעצטע בלעטער אויפן צווײַג. אין דער צײַט וואָס מיינסטע בלעטער וואַלגערן זיך אין רינשטאָק, פלאַטערן זיי אויפן בוים, ווי פאָנען פון ווידערשטאַנד.

ווען זי איז אַרויס פון אויטאָמאָביל איז שוין דער הימל געווען שוואַרץ. אַ ליכט אויפן אויבערשטן שטאָק האָט איר אַ שטאָך געטון אין די אויגן. ס׳קאָן דאָך ניט זיין אַז זי האָט געלאָזט דעם לאָמפּ ברענען? און אפשר טאַקע יאָ? זי איז דאָך פאָרט ניט קיין ניַין אין פערציק יאָר אַלט. אָט למשל טרעפט אַ מאָל אַז זי קאָן זיך ניט דערמאָנען איר אייגענעם טעלע־פאָן־נומער. אָן אמת, וואָס נאָר זי אַליין האָט געוווסט. אָט דער אמת האָט זי אַרומגעכאַפּט ווי אַ פלאַם. סאָניע האָט מיט אימפּעט אַ שטופּ געטון די פאָדערשטע טיר, און אין איר צעטומלעניש אפילו ניט באַמערקט, אַז זי האָט דעם שליסל צו דער טיר אין גאַנצן ניט געניצט. זי איז אַרויף־געלאָפן די שטיגן, אַריין צו זיך אין הויז — און וואָס זי האָט דערזען, האָט זי אויפן אָרט געמאַכט פאַר אַ זקנה. אַלע פאַרבאָרגענע קנייטשן זענען אַרויס פון באַהעלטעניש, זיך אויסגעשפּרייט אויף איר פּנים, אויף איר האַלדז. די אויגן זענען אַרויס פון די לעכער. די ציין אויסגעשפּיגן. דאָס מויל ליידיק. די ליפּן פאַרדאַרט.

סאָניע האַמער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אַ נידעריק בענקעלע און אַזוי זיצן געבליבן. די אויגן אָנגעצונדן, הייס און טרוקן האָבן געקוקט אויף דער קאַץ וואָס איז געלעגן אַ געקוילעטע בײַ אירע פיס. די היים

וואָס זי האָט איבערגעלאָזט היינטיקן פרימאָרגן אויפגעראַמט, שיין און ציכטיק אין יעדן ווינקל, איז איצט געווען אַ גיהנום. די פירהאַנגען אָפּגע־ריסן, די שויבן אויסגעהאַקט. דער ריח פון השתּנה האָט געשפּושט איבערן הויז. דער אייז־קאַסטן אָפן, אויסגעליידיקט. דאָס עסנוואַרג צעטראָטן אונטער די פיס. אין מיטן פון דעם חורבן ליגט די קאַץ מיט אַן איבער־געשניטענעם האַלדז און וויקלט זיך אין איר אייגן בלוט.

ערשט נעכטן איז סאָניע האַמער געווען יונג, געטראַכט יונג, געפילט יונג. די פייגעלעך וואָס האָבן זיך באַזעצט אונטערן דאַשעק פון איר פענצטער האָבן געזונגען פאַר איר. די רייד פון מנהיג זענען געקומען ווי אַ באַשטעטיקונג, אַז זי איז ניט גלאַט אַזוי אַרויסגעוואָרפן געוואָרן אויפן מאַרק פון לעבן אָן אַ מיין און אָן אַ זין. ער האָט זי אוועקגעשטעלט אין פולן פערספּעקטיוו פון איר איך, ער האָט איר געזאָגט, אַז זי האָט די זעלטענע פעיִקייט צו אַבסאָרבירן דאָס גוטע און דאָס בייזע, עס איבערקאָכן אין די אייגענע רעזערוואַרן און אַרויסקומען אַ געלייטערטע, אַ גאַנצע, מיט אַ שמייכל אויפן פּנים און פליגל אין דער נשמה.

איצט איז יענע סאָניע האַמער טויט. זי זיצט און רירט זיך ניט פון אָרט. זי האַלט די הענט אין די אַרבל, דעם קאָפּ אויף דער ברוסט. זי וויגט זיך אַבלדיק, ווי זי וואָלט געזעסן שבעה נאָך זיך אַליין. עס אַרט איר ניט וואָס זי איז שוין געשטאָרבן. דער אופן וויאַזוי דער טויט איז געקומען און דורך וועמען ער איז געקומען, רייסן פון איר לעבעדיקע שטיקער. אַזויפיל טראַגעדיעס איבערגעלעבט און אַרויס אַ גאַנצע. איצט קאָן זי זיך פון אָרט ניט רירן. אַלץ אין איר איז טויט. דאָס האַרץ פאַר־פרוירן. די געדאַנקען פאַרשטאַרט. אַ טויטע שטילקייט אַרום און אַרום. די געקוילעטע קאַץ ביי אירע פיס האַלט די אויגן אָפן. אפשר ווייסט זי, אַז זי איז טויט און וויל וואָס גיכער נידערן אין קבר. סאָניעס פאָטער, דער כהן האָט אויף פגרים ניט געקוקט. זי דעם רבס טאָכטער קוקט, קערט דעם בליק ניט אָפּ. וואָס האָבן זיי געהאַט צו דער קאַץ? פרעגט זי זיך אַליין. אין געדאַנק גייט אויף אַ פרילינג־טאָג, פול מיט צוויט און פייגל־געזאַנג. זי האָט נאָר וואָס געענדיקט די פיפטע קלאַס פאָלקס־שול. אַ זומער פון פרייד, פון שפיל, אַ זומער פון צוזאָג וואָרט אויף איר. זי לאָזט פאַלן דעם פּאַק מיט ביכער. זי איז טויט הונגעריק. די מאַמע

אָבער איַילט זיך ניט מיטן מאַלציַיט. זי דרייט אָוועק דעם קאָפּ. זי רעדט ניט. זי וויַיזט איר אָן מיטן פינגער אויף זעקס וויַיסינקע קעצעלעך וואָס ליגן אויסגעלייגט מיט איבערגעביסענע העלדזער. אָ ווי זי האָט דעמאָלט געוויינט. זי האָט באַקלאָגט דעם גורל פון די זעקס וויַיסינקע, בלינדע, אומשולדיקע קעצעלעך, יענעם מאָרד איז באַגאַנגען אָן איַיפערזיכטיקער קאָטער, אַזוי האָט די מאַמע געזאָגט. דאָס וואָרט איַיפערזוכט האָט דעמאָלט פאַר איר קיין באַדיַיטונג ניט געהאַט. עס האָט גאָרניט געמיינט, ניט פאַר איר, ניט פאַר דער מאַמע־קאַץ. עס האָט דער מאַמע־קאַץ דעם צער ניט געלינדערט. זי איז אַרומגעלאָפן געזוכט אין יעדן ווינקעלע, געוויינט און גערופן אירע קינדער. די קאַץ האָט זיך ניט געלאָזט טרייסטן, ניט מיט מילך און אַפילו ניט מיט סמעטענע. זי איז אַנטלאָפן פון הויז און מער קיין מאָל ניט צוריקגעקומען.

זינט יענעם וויַיטן פרילינג־טאָג האָט סאָניע אויפגעסילעט אויף איר לעבנס־שנור, פיל שוואַרצע און נאָך מער גרויע טעג, צווישן זיי וויאָלעטע פליטער: אַזעלכע ווי עס האָבן געשימערט אין די צעבליטע בושעס וואָס האָבן צוגעדעקט די וויַיסינקע קעצעלעך.

די געקוילעטע קאַץ ביַי אירע פיס, האָט קיין קעצעלעך ניט געלאָזן, אָן עקרה פונקט ווי זי. סאָניע האָט דעם סוד פאַר דער וועלט באַהאַלטן, אַפילו דעם אַדאָפּטירטן זון דעם אמת ניט אַנטפּלעקט. אַזוי האָבן זיי ביידע באַשלאָסן, זי און איר מאַן. זיי וועלן אויפברענגען דאָס אַדאָפּטירטע קינד גליַיך ווי עס וואָלט געווען זייער אייגן בלוט און פלייש. צוליב דעם האָט מיסטער האַמער איבערגעפירט זיַין מישפּחה פון ניו־יאָרק קיין קאָנעטיקוט. ער אַליין איז פאַרבליבן אין שטאָט אויף זיַין פּאָסטן. שבת און יום־טוב איז ער אַרויסגעקומען צו וויַיב און קינד.

סאָניע האָט יונג חתונה געהאַט. עס האָט לאַנג ניט גענומען איַינ־צוזען אַז זי און לייבל זענען ניט קיין פּאָר. ער, אַריַינגעטון אין ביכער, זי אין לעבן. דער ראָש פון ניו־יאָרקער ישיבה־קאָלעדזש, ווו לייבל איז געווען אַ לערער, האָט גראָד שטאַרק פון אים געהאַלטן. ער איז געקומען קיין אַמעריקע נאָכן גרויסן יידישן חורבן, געבראַכט מיט זיך אַ גרויסן באַגאַזש פון בילדונג און יחוס, אויסערלעך גאַנץ, אינעווייניק האָט קיינער ניט אַריַינגעקוקט. דער ראש־ישיבה, אַ פריַינד פון איר טאַטן האָט דעם

שידוך צו שטאַנד געבראַכט. ווען סאָניע האָט אײַנגעזען, אַז זי וועט קיין קינדער מיט אים ניט האָבן, האָט זי געוואָלט אַ גט. זי האָט אָבער ניט געקאָנט גיין קעגן אײַנשטעל פון אירע עלטערן, אַזוי, ביז עס האָט פּאַסירט אַ נס. אַ יונגע ייִדישע פרוי וועמענס מאַן האָט זיך געשלאָגן אויפן וויעטנאַמער פראָנט, האָט ניט געקאָנט בײַשטיין דעם נסיון און זיך געלאָזט וויל גיין מיט אַ פרעמדן מאַן. ווען זי האָט זיך געכאַפּט אַז זי שוואַנגערט, איז זי אַוועק מיט איר פּראָבלעם צום רב פון שטעטל. דער אַלטער רב האָט זיך צוגעהערט צו אירע רייד, און אין דער זעלבער צײַט אויסגעמיטן צו קוקן אין איר זײַט. ער האָט זיך געריבן דעם שטערן, אַרײַנגעקוקט אין ספרים און צו קיין באַשלוס ניט געקאָנט קומען.

די רביצין האָט איין קוק געטון אויפן ווײַבל, און איר האָט זיך געדאַכט, אַז זי זעט נח'ס טויב מיט אַ שפּראָצנדיקן צווײַגל אין שנאָבל. האָט זי לאַנג ניט געטראַכט, גענומען דאָס ווײַבל און זי אַוועקגעפירט צו איר טאָכטער אין ניו־יאָרק. סאָניע האָט זי אויפגענומען מיט אָפענע אָרעמס. זי האָט זי געקעכלט און געפּעכלט, געציטערט איבער איר וווילזײַן, ביז צום טאָג ווען זי האָט מיט מזל געבוירן אַ ייִנגעלע. סאָניע און לייבל האָבן דאָס קינד אַדאָפּטירט. די מוטער פון קינד האָט איר וואָרט געהאַלטן, זי האָט פאַרביטן ניו־ענגלאַנד פאַר קאַליפאָרניע, ווו זי האָט שפּעטער געבוירן כשרע קינדער מיטן אייגענעם מאַן.

סאָניע דאַקעגן האָט אײַנגעפּאַקט איר האָב־און־גוטס, גענומען דאָס עופעלע און איז אַוועק וווינען מיט אירע עלטערן אין ניו ענגלאַנד. לייבל, איר מאַן פלעגט אַרויסקומען אויף שבת און יום טוב און ווען נאָר ס'האָט זיך געמאַכט אַ פרײַער טאָג. צווישן טאַטן און זון האָט זיך קיין נאָענטע פאַרבינדונג ניט אײַנגעשטעלט. פאַר סאָניען האָט זיך געעפנט אַ נײַע וועלט. זי איז אַרײַן אין דער געזעלשאַפט פון יונגע מאַמעס. איר האָט זיך רק געדאַכט אַז זי טוט ניט גענוג, ווייסט ניט גענוג ווי אומצוגיין זיך מיט איר קינדעלע. זיי, די נאַטירלעכע מאַמעס דאַרפן ניט וויסן. זיי פאָלגן נאָך דעם אינסטינקט. גרויס איז געווען איר צער ווען זי האָט געזען ווי דאָס קינד באַוועגט די ליפּעלעך, זוכט דער מאַמעס ברוסט, וואָס זי קאָן אים ניט געבן. שפּעטער האָט דאָס וואָרט מאַמע פון קינדס מויל טיילווײַז פאַרגיטיקט אירע יסורים. זי האָט זיך געשפּיגלט אין זײַן

שיינקייט, אין זײַן גערעכטיקייט, נאָר אין חדר האָט ער ניט געוואָלט גיין. זלינדע געדאַנקען האָבן געעקבערט אין מוח: פאַרט ניט קיין אייגנס. אין זײַנע אָדערן קוועלט ניט די פרייד פון לערנען. ער ציט ניט דעם פאָדעם פון דורות גוטע ייִדן — און דאָך איז די ליבשאַפט געוואַקסן מיט יעדן מעשהלע וואָס זי האָט אים דערציילט, מיט יעדן סוועטער וואָס זי האָט פאַר אים געשטריקט. דאָס אַבסטראַקטע וואָרט אײַפּערזוכט איז געוואָרן אַ רעאַליטעט. זי האָט אים מיט קיינעם ניט געוואָלט טיילן, אַפילו ניט מיטן אייגענעם מאַן. דער שאָטן פון קינדס נאַטירלעכער מאַמען איז איר כסדר נאָכגעגאַנגען. אַפילו מיטן וויטיק נאָך זײַן טויט, האָט זיך סאָניע מיט איר ניט געוואָלט טיילן, כאָטש זי האָט וויל געוווסט ווו יענע געפינט זיך.

אויך איצט האָט זיך סאָניע מיט איר אומגליק ניט געוואָלט טיילן. דאָס איז איר פּערזענלעכע טראַגעדיע. זי וויל די פּרטים קיינעם ניט איבער־געבן. צופיל נשמה ליגט אין די זאַכן וואָס זיי האָבן פאַראומרייניקט. ווי קאָן זי דערקלערן דעם איירישן פאָליסמאַן וואָס אַזוינס איז אַ בשמים ביקסל, אַ חנוכה־לעמפּל, לײַכטער וואָס האָבן דעם שבת אין שטוב אַרײַנ־געבראַכט. ווייסן זיי וואָס איז אַזוינס אַן אתרוג, אַ לולב, אַ מיניאַטור תורהלע, אַ טײַטש־חומש מיט אַ זילבער־הילע? חפצים וואָס זענען געקו־מען פון יענער זײַט ים? דער אָפּדרוק פון יענע ניט געקענטע דורות האָט זיי געהייליקט. דאָס שענקל אין וועלכן זיי זענען געשטאַנען, האָט פון זיך אַליין אין אַן אָרון זיך פאַרוואַנדלט. אין טעג פון קלעמעניש פלעגט סאָניע האַמער אַרויפציִען אויפן קאָפּ איר מוטערס זײַדענע פאַ־טשיילע. אַן דעם ליפּן־שטיפט, אַן די זון־ברילן, אַן דעם סקאַרבאָוון שמייכל, אַן דעם אימפּראָוויזירטן שטעל — איז די מאַסקע צו נישט געוואָרן. דאָס האַרץ האָט גערעדט. די ליפּן האָבן געשוויגן. די חפצים אונטערן גלאָז האָבן געהאַלטן זייער צוזאָג.

יעדן טאָג פלעגט די יונגע פּרימאַרגן־זון אָפּשטאַטן אַ פּערזענלעכן וויזיט. זי איז אַרײַנגעדרונגען דורכן מיזרח־פענצטער, באַשײַנט און באַ־שטראַלט דאָס געלעזערנע שענקל, געפינגערט יעדן חפץ, באַגאָסן מיט גאָלד די זילבערנע הילע פון מיניאַטור־תורהלע, אָנגערירט די פאַרטרוקנ־

טע טרערן אויפֿן אַלטן טײַטש־חומש, אויסגעגלעגט די קנייטשן אויפֿן שטערן־טיכל, אין וועלכן אַן אומבאַקאַנטע עלטער־באָבע האָט זיך אַ מאָל געצירט. זי האָט זיך אָנגעשפּיגלט אין מעשענעם שטייסל, אין זונס ערשטע פּאָר שיכלעך אָפּגעזוימדערט, אַליין, פֿאַרגילדעט און פֿאַרפּאַנצערט ווי אַ סימבאָל — אויסגעלייִדיקט פֿון זײַן אינהאַלט. פֿאַרן אַוועקגיין האָט די זון נאָך אַ גלעט געטון דעם פֿאַרבלאַנדזשעטן פֿידעלע וואָס שפּילט פֿאַר די וואָס ווילן עס הערן. סאָניע האָמער האָט געוואָלט און געהערט. בײַם פּריוואַטן אָרון אין דער שטילער אַליינקייט האָט דאָס פֿידעלע אויסגעשפּילט פֿאַר איר ניגונים וואָס האָבן געשמאָלצן איר עלנט. זי האָט געטאַנצט קעגן שפּיגל אַרומגענומען מיט אירע ווײַזיעס. די העלדן פֿון אירע חלומות האָבן אויפֿגעלעבט. דער מאַן וואָס האָט זי פֿאַרשעמט פֿאַר גאָט און פֿאַר לײַט, האָט זיך אומגעקערט צו איר, געבעטן מחילה, איר געגעבן אַ גט. אויסגעטון ביז צום קערן — איז זי געגאַנגען צוריקוועגס אין צײַט, אין פֿאַרויס, אין געדאַנק. די סימפּטאָמען וואָס זי האָט פֿריִער געזען און ניט דערקענט, זענען איצט געשטאַנען בולט פֿאַר אירע אויגן. איר האָט זיך געדאַכט, אַז זי באַנעמט איצט דעם „פֿאַרוואָס". איר מאַן איז אַרויס קויפֿן אַ פֿלאַש מילך — און מער ניט צוריקגעקומען. זי האָט ניט דערלאָזט ער זאָל דעם זון דערציילן די גרוילן פֿון זײַן עבר. וואָלט ער אים אפֿשר יאָ געוועזן געוואָרנט זיך צו היטן פֿאַר מענטשן — וואָלט איר בלאָנדער קראַסאַוועץ, דער עלם מיט די לאַנגע פּאַטלעס, זיך געוועזן געלאָזט אויף אַנדערע וועגן. זײַנע חברים אין קאָלאָמביע אוני־ווערסיטעט זענען געווען פֿון אַלע קאָלירן: שוואַרץ־הויטיקע, געל־הויטי־קע, די מיט שמאָלע אויגן און אויגן געווענדט צו דער גאַנצער וועלט. ער האָט זיי אַלע אַרײַנגענומען אין דער דיסערטאַציע וואָס ער האָט געגרייט פֿאַר זײַנע עקזאַמענס. ער האָט געגלייבט אין דער אומשולד פֿון די שולדיקע, להיפּוך פֿון זײַן טאַטן. ער האָט זיך געגריבלט אין דעם מקור וואָס פֿירט צו שולד.

אין שיינעם פֿרילינג־אווגנט, נאָך אַ לאַנגן טאָג ביי דער שרײַב־מאַשין, איז ער אַרויס אין גאַס אָפּצופֿרישן זײַנע געדאַנקען. ער האָט פֿאַרלאָזט דעם קעמפּוס און שפּאַצירט אויף דער זעכצנטער גאַס. אַ באַנדע יוגנטלעכע זענען אים באַפֿאַלן און אַ סוף געמאַכט צו זײַן קורצן לעבן.

ער האָט געשטעלט אַ ווידערשטאַנד. די קעשענעס פון זײַן מאַרינאַרקע זענען געווען איבערגעדרייט. מסתמא האָט ער זיי געוואָלט ווײַזן, אַז ער האָט ניט בײַ זיך קיין געלט. האָבן זיי אַראָפּגעריסן זײַן גאָלדן זייגערל און אים באַצאָלט מיט אַ מעסער אין האַרצן.

בײַ איר פּריוואַטן אָרון האָט סאָניע האָמער געצונדן אירע יאָרצײַט־ליכט. זי האָט אויך דאָ מזכיר נשמה געווען. פרײַ פון דרויסנדיקע שטע־רונגען, איז איר תפילה געפלאָסן. זי האָט זיך געקאָנט פאַרגינען אויפצוהייבן איר קול, אויסגיסן איר האַרץ, ביז צום דנאָ פון איר נשמה. קיינער קוקט ניט, קיינער פרעגט ניט, פרעמדע אויגן שטערן ניט איר ספּאָנטאַנעם נשמה־אויסגוס. ביחידות איז זי נעענטער צו דעם וואָס זי בעט, ווי אויך צו די נשמות פון די פאַר וועמען זי בעט. זי האָט ממש געפילט ווי די נשמות זאָגן נאָך, „אָמן ואָמן...״

נאָך לייבלען איר מאַן האָט זי קיין יזכור ניט געזאָגט. ווי קאָן מען זאָגן יזכור נאָך אַ מענטש וואָס האָט זי געמאַכט פאַר אַן עגונה אויפן גאַנצן לעבן? אפשר לעבט ער גאָר, אפשר וווינט ער מיט אַן אַנדערער פרוי, אפשר האָט ער אייגענע קינדער אויף דער וועלט געבראַכט? דער אמת איז, אַז זי האָט אים קיין מאָל ניט ליב געהאַט. זי האָט ניט פאַר־טראָגן די מעלאַנכאָליע אין זײַנע אויגן. דער ריח פון זײַן לײַב האָט זי אָפּגעשטויסן. זײַנע קאַלטע ליפּן האָבן געשמעקט מיט טויט, מיטן אַש פון זיין פאַרברענטער משפחה. כאָטש זי האָט אירע געפילן אין ווערטער ניט אַנטפּלעקט — האָט זי געפילט אַז זי זינדיקט און זיך ניט געקאָנט העלפן...

כדי ניט אַרײַנצופאַלן אין ייאוש, האָט זיך סאָניע פאַרנומען אין אַן אומגעריכטער ריכטונג. זי האָט באַשלאָסן שטיין צו בלײַבן אויפן זעלבן אָרט, דעם זעלבן יאָר, דעם זעלבן טאָג פון איר אומגליק. אַ מין פּיקטיוועדער זעלבסמאָרד, אַ פאַרצווייפלטער פּרווו אויסצומעקן דעם מאָרגן און שטיין בלײַבן ווי אַ מאָנאָליט אויף איין אָרט...

מיט דער צײַט האָט סאָניע אַליין אָנגעהויבן גלייבן אין אַ העכערן כוח וואָס האַלט אָן איר פאַרמאַנענטע יוגנט. עס האָט אויסגעזען ווי די עלטער האָט טאַקע איבער איר קיין שליטה ניט געהאַט. אַחוץ דעם יונגן פּנים, האָט אויך סאָניע פאַרמאָגט אַ יונגע נשמה. מ׳האָט געזאָגט אויף איר, אַז עס זיצט אין איר אַ דיבוק. ניט פון דעם מין וואַנדערנדיקע נשמות,

גיכער דאָס האַרץ פון אַ כלה וואָס האָט פאַרלוירן איר חתן אויפן וועג צו דער חופּה, האָט מען געדעדט אונטער די אויגן, פאַרשטייט זיך. פּנים אל פּנים איז דער דרך־ארץ פאַר דער בת הרב געווען אין לשער...

סאָניע האַמער איז געזעסן אויף איר נידעריקן בענקעלע און געטראַכט. אַז ערשט נעכטן איז זי יונג געווען. יוגנטלעכע פאַנטאַזיעס האָבן גע־שפּילט ווי ווײַן און אירע אָדערן. בילדער פון דערנענטערונג מיטן מנהיג פון דער ישיבה האָבן געעפנט אַ קײַזער־וועג צו אַ נײַעם מאָרגן. די פּרוי אין איר האָט גענומען די אויבערהאַנט איבער דער רבנישער טאָכטער. זי האָט ניט צוריקגעצויגן איר האַנט וואָס ער האָט געהאַלטן אין זײַנער. זי האָט ניט אויסגעדרייט דעם שמועס אויפן סוחרישן וועג, ווי זי פּלעג עס טון מיט אַנדערע. ווען ער האָט איר געזאָגט, אַז ער וווּנדערט זיך וואָס אַזאַ פּרוי ווי זי, זיצט אַליין — האָט זי אויפגעהויבן די אויגן און געזען ווי איין בוים צווישן אַ סך נאַקעטע ביימער האַלט אָן זײַן גאָלדענע קרוין. די זון האָט געשײַנט און די בלעטער האָבן זיך געווינט אַהין און צוריק, ווי אין אַן עראָטישן חלום. די וויזיע איז איר נאָכגעגאַנגען לאַנג נאָכדעם ווי זיי זענען דעם בוים פאַרבײַגעפאָרן.

יאָ, ערשט נעכטן איז זי יונג געווען. הײַנט איז זי אַ זקנה. אופן מלבוש איבער איר ברוסט — אַ קריעה־שניט. דאָס מויל ליידיק. די אויגן טרוקן. זי קוקט אויף דעם ריס און געדענקט ניט ווען און ווער עס האָט דעם ריס געמאַכט? זי פּילט אָבער, אַז אַזוי מוז עס זײַן; דער קריעה־שניט. דער פאַרהאַנגענער שפּיגל. די פּאַטשיילע אויפן קאָפּ. דאָס נידעריקע בענקעלע אויף וועלכן זי זיצט...

סאָניע זוכט און געפינט דעם אוראַלטן קוואַל וואָס האָט זי געשטאַרקט אין יעדער עת־צרה. זי גראָבט טיף אין אָנגעזאַמלטן זאַמד פון יאָרן, ביז זי דערגרונטעוועט דעם לעצטן טראָפּן, דעם ריינעם טראָפּן פון אַלטן קוואַל. דער טראָפּן הייבט זי אויף פון נידעריקן בענקעלע, אָנצוגיין מיט דעם פּלאַן וואָס זי מוז דורכפירן, וואָס זי דאַרף דורכפירן, וואָס זי וויל דורכפירן...

הייבט זי זיך אויף, סאָניע האַמער, רייניקט אָפּ דעם שמוץ. שרײַבט אויס אַ צוואה, אַז דאָס הויז, און אַלץ וואָס געפינט זיך אין הויז גיט זי

איבער מיט איר גוטן ווילן צו דער היגער ישיבה, לכבוד איר פאָטער, הרב אברהם שפּיגל. זי האָט דעם כתב געלאָזט אונטערשרייַבן פון צוויי עדות. דאָס האָרץ האָט איר אונטערגעזאָגט, אַז דאָס איז דער ריכטיקער וועג, אַז דאָס באַווייַזן זיך פון מנהיג אין לעצטן טאָג פון איר לעבן — איז אַן אצבע־אלהים. ווי האָט ער געזאָגט ? „תורה און חכמה איז דער איינציקער כוח זיך אַנטקעגנצושטעלן דער מגפה וואָס איז באַפאַלן דעם מענטש".

וואָס קאָן זייַן בעסער, האָט זי געטראַכט, ווי יונגע ישיבה־בחורים מיט געשטריקטע יאַרמלקעס, לאַנגע פאות, ציצות ווי בייַטשן, פויסטן ווי העמער, זאָלן אָפּשטעלן די ווילדע מעשים, די געצנדינער, די משוגעים וואָס האָבן איר קאָץ געקוילעט, חרוב געמאַכט איר היים, איר וועלט. זי האָט זיי ניט איינמאָל געזען, די נייַע שכנים אירע טראָגן לעבעדיקע הענער מיט בלוט־רויטע קאַמען. זי האָט געהערט זייערע ווילדע געזאַנגען, דאָס פּויקן אין די טאַצן. דאָס טאַנצן אַרום די קרבנות בעת זיי האָבן געפּראַוועט זייער שוואַרצן סאַבאַט.

אָפּגעטון אירס, האָט זי שוין מער ניט געאַרט וואָס די כוחות פאַר־לאָזן זי. מיט פאַרמאַכטע אויגן האָט סאָניע האַמער געזען ווי דער בית־המדרש וואָס איר פאָטער האָט ניט באַוויזן אויפצושטעלן, גייט אויף מיט דער פּראַכט און גלאַנץ פון באַנייַטן גלויבן. דער בנין וואַקסט, הויך און העכער איבער די בערג, קוקט אַריבער צום ווייַטן האָריזאָנט — אַן אָפענער טויער צו דער אייביקייט...

די באַלאַדע פון אַ חלום

אפשר איז גאָרניט אַזאַ אומגליק צו זײַן אַ קינד פון דער הינטערגאַס. דאָרטן זענען די וועגן און שטעגן נאָך אַלץ ווי גאָט האָט געבאָטן. פאַר אַ קינדיש אויג איז עס גאָר אַ געווינס. טרעטנדיק מיט באָרוועסע פיס אויף דער נאַקעטער ערד, קאָן מען אַ מאָל אָנטרעטן אויף די שפּורן פון אַרכעטיפּן, וואָס אויף די אייבערגאַסן האָט מען זיי פאַרגאָסן מיט צעמענט, ברוקירט, אָפּגערייניקט די טראָטואַרן, אַזוי אַז מ'קאָן נאָר הערן דעם אָפּקלאַנג פון די אייגענע טריט.

געוויינטלעך האָלט איך מײַן רעאַלע וועלט אָפּגעשיידט פון דער אַנדערער, עמאַציאָנעלער, פאַרהוילענער וועלט, ווי זיי וואָלטן באַלאַנגט צו צוויי באַזונדערע העמיספערן. הגם ביידע גייען ווי אָקסן אײַנגעשפּאַנטע אין זעלביקן וואָגן, זענען זיי שטענדיק אויף מעסערשטעך. דער קידער-ווידער וואָס גייט אָן בשתיקה איז קיינעמס עסק ניט. אויף דער אייבער-פלאַך איז אַלץ כשורה.

צו מאָל טראַכט איך אַז הינטער דער שפּיל שטייט אַ פאַרהוילענער דיריגענט, אַ מין העכערער ווילן, צי גאָר אַ קאָמפּיוטער, אָנגעשטעלט פון ששת-ימי-בראשית. אַוודאי באַנעם איך ניט דעם זינען פון דער שפּיל; איך ווייס ניט וועמען זי דינט, צו וועלכן צוועק זי איז אײַנגעשטעלט געוואָרן און ווער דער אײַנשטעלער איז געווען. אין מעכאַנישע ענינים בין איך אַן עם-הארץ. אָט למשל באַניץ איך זיך מיטן טעלעפאָן און ווייס ניט ווי אַזוי ער אַרבעט. איך הייב ניט אָן צו פאַרשטיין ווי אַזוי די בילדער וואָס קוקן צו מיר אַרויס פון דער טעלעוויזיע טרעפן מײַן ניט-רעגיסטרירטן אַדרעס. כ'פאַרשטיי אויך ניט מײַן שײַכות צו די שטערן, הגם איך פאַרטרוי זיי מײַנע אינטימסטע סודות.

דאָס אַלץ איז מיר געקומען אויפן געדאַנק נאָך אַ חלום פון וועלכן די וואָר האָט מיך אויפגעוועקט. דאָס איז געווען איינער פון די חלומות וואָס קומען אָנזאָגן אַז עס בײַט זיך דער גורל. און בעת איך האָב געוואָלט

פּותר־חלום זײַן דעם חלום, האָב איך זיך דערמאָנט אין אַן אַנדער חלום, דעם ערשטן פון דעם מין. דעמאָלט בין איך נאָך ניט געווען באַהאַוונט אין אויסטײַטשן חלומות. דער חלום האָט זיך איבערגעחזרט נאָכט פאַר נאַכט, יעדער מאָל אין אַן אַנדער לבוש, און געקלאַפּט אין מײַן באַוווסט־זײַן ווי אַ שוואַלב אין שויב, בעת די ערד איז נאָך באַדעקט מיט שניי.

יענער ערשטער, גורלדיקער חלום איז געקומען אין דער געשטאַלט פון אַ טײַך, טאַקע אונדזער היימישער טײַך וואָס שטראָמט אַזוי געמיטלעך אַ גאַנץ יאָר, אָבער איטלעכן פרילינג טוט ער זיך אַ הייב און שווענקט אָפּ אַלץ וואָס שטייט אים אין וועג.

דער טײַך אין חלום איז געקומען מיט ווייכע, קעצישע טריט. ער האָט זיך פאַרהאַלטן בײַם פענצטער ווו מײַן בעט איז געשטאַנען און מיך פאַרבעטן צו כאַפּן אַ שווים.

— אַ שווים אין ווינטער?

— וואָסער ווינטער! זעסט ניט אַז דער פראָסט האָט געבראָכן און אין אַלע הילעצעס שפּראָצט דער רומיאַניק. דאָס פייגעלע מיטן רויטן בײַכל גרייט שוין אַ נעסט פאַר זײַן אייניציק באַשערטער.

האָב איך אַ קוק געטאָן און געזען אַז דער באַרג וואָס איז אָקערשט געווען באַדעקט מיט שניי גרייסט זיך איצט מיט זײַן גרינער דעק. בינען זשומען. שנייגלעקלעך שפּרינגען פון דער הויט אַרויס. דער פויגל מיטן רויטן בײַכל וויגט זיך אויף אַ צווײַג. ביידע חלומען — דער פויגל און דער צווײַג.

אין מײַנע קינדער־יאָרן איז נאָך קיין טעלעוויזיע ניט געווען. יוגנט־לעכע האָבן געשעפּט אינפאָרמאַציעס וועגן אינטימע ענינים דורך די איינגעבוירענע אַנטענעס, וואָס האָבן געבראַכט בילדער און רמזים און אָנגע־פילט דעם עקראַן פון געדאַנק מיט פאַנטאַסטישע וויזיעס, רעיונות, וואָס האָבן אויף אורלשון געזאָגט וואוהין דער מאָרגן פירט.

*

ס'איז געווען די נאַכט פון מײַן דרײַצנטן געבוירן־טאָג. דער טײַך וואָס האָט זיך מטריח געווען צו מײַן פענצטער איז געקומען מיר אַנטפּלעקן וואָס איך האָב שוין פריִער משער געווען. האָב איך אויסגעשטרעקט מײַן

האַנט און אָנגערירט דאָס וואַסער. געענטפערט האָט מיר אַ כליפּ פון די סאַמע טיפענישן. די אייבערפלאַך איז געווען וואַרעם, גלאַט און גליטשיק ווי אַ שוואַרצע סאַמעטענע דעק. גאָלדענע פישעלעך האָבן געשוויבלט אין וואַסער. ווי נאָר אַ גרויסער פיש האָט אײַנגעשלונגען אַ גאָלדן פישעלע, האָבן נײַגעבוירענע אויסגעפילט דאָס ליידיקע אָרט. די זוּנג האָט מיך אי געשראָקן אי געצויגן. מיר האָט זיך געדאַכט אַז אויך איך מוז אויספילן אַ ליידיק אָרט.

בעת איך בין אַזוי געשטאַנען אין גרויס פאַרלעגנהייט, ניט געוווּסט וווּהין זיך צו קערן, איז אויפגעגאַנגען די געשטאַלט פון בן־הרב פאַר מײַנע אויגן. ער איז אַרויסגעשווומען פון דער טיף ווי אַ לעגענדאַרער פיש מיט פלוספעדערן פון אַ פּאַווע. איך האָב אים דערקענט אין דער זעלביקער רגע וואָס ער האָט מיך דערקענט. איך בין שטיין געבליבן. ער, אין זײַן עניוות, האָט זיך אַראָפּגעלאָזט ביזן דנאָ און איז באַלד ווידער אַרויס־געשווומען. זײַנע בלייכע הענט האָבן געקעמט דאָס וואַסער. אויף איטלעכן פינגער האָט געלויכטן אַן אויג, אַ פײַערראָד אָנגעפילט מיט הימלישע סודות.

דער בן־הרב קומט אָפט אַרײַן צו אונדז אין הויז. ער איז מײַן גרויסן ברודערס נאָענטער חבר. ווען זיי זיצן ביידע בײַ אַן אָפענעם ספר, האָב איך ליב צו קוקן אויף זײַן הדרת־פּנים. איך קוק אויף זײַנע דינע פינגער, וואָס גלעטן אַן אויפהער די בלויע אָדערן אַרום זײַנע טיפע שטערן־ווינקלען. ער קוקט ניט אין מײַן זײַט. און אפשר קוקט ער יאָ, אָבער ניט אין דער זעלביקער צײַט ווען איך קוק אויף אים. און דאָך גייען מיר נאָך זײַנע אויגן, זיי דינען מיר ווי לאַמטערנס, ווען איך האַלט מײַנע אויגן פאַרמאַכט.

אין חלום קוקן די צען אויגן פון זײַנע צען פינגער מיר גלײַך אין האַרצן אַרײַן. דער טײַך בײַ מײַן פענצטער איז מילד, וואַרעם און פול מיט ווידמעניש. וועדליק זײַן טיפקייט פאַרשטיי איך אַז דאָס איז אַ ים. די אָרעמס פון בן־הרב ווירבלען אין וואַסער. זיי טיילן פונאַנדער די אייבערפלאַך, דעקן אָפּ דעם אָפּגרונט וואָס זעט אויס ווי אַ בעט באַצירט מיט רויטע קרעלן און בלייכע פּערל. אַ פאַרכּישופטע פּרינצעסין מיט צעלאָזטע האָר האַלט די אויגן פאַרמאַכט. אויך זי חלומט...

איך נידער אַראָפּ צו דער פּאַרכּישופטער פּרינצעסין, בעת דעם בן־הרבס אויגן באַלייַכטן מיר דעם וועג. אויסטערלישע געוויקסן מאַכן אַ וּאַרע. פאַר מיר שטייט דער וועג אָפן, הינטער מיר — אַ וואַנט. די געוויקסן פלאָנטערן זיך אין מייַנע האָר, ערשט געוואַשענע מיט רומיאַניק. זיי נעמען אַרום מייַן גוף, הייבן מיך אויף און לייגן מיך אַוועק אויף מייַן אייגן בעט.

איך עפן די אויגן. אין שטוב איז פינצטער. דער טאַטע אָטעמט שווער. איך דעק מיך צו איבערן קאָפּ און שלאָף ווידער איַין. דאָס וואַסער בייַם פענצטער איז שוין אָפּגעפּאַלן. ס'איז פאַלנער פרילינג. איך שפּיל אין באַלעם מיט מיידלעך פון מייַן גאַס. איך שפּרינג אונטער צו כאַפּן דעם באַלעם און קאָן מער ניט אַראָפּנידערן אויף דער ערד. אַן פליגל פלי איך אַוועק פון מייַן הינטערגאַס, פון מייַן באַרג, פון מייַן טייַך, פון מייַן היים. איך שוועב מיטן ווינט צום ווייַטן האָריזאָנט. מייַן טאַטע זאָגט, אַז דאָרטן, בייַם סאַמע ראַנד פון דער וועלט, איז דער הימל פאַרשטעקט מיט שטרוי. איך געדענק אין חלום מייַן טאַטנס רייד. איך פרוּוו אַראָפּנידערן צו דער ערד. איך וויל אַרויסשלעפּן די שטרוי און זען וואָס עס טוט זיך אויף יענער זייַט וועלט. אַ גאָלדענע זון אַזוי גרויס ווי מייַן באַלעם טאַנצט צווישן די ביימער און בלייַבט הענגען אויף אַ צווייַג. דער צווייַג ווינטלט זיך. די זון פאַלט אַראָפּ און בלייַבט ליגן אין פעלד, באַדעקט מיט גאָלדענע זאַנגען. די זאַנגען וויגן זיך און דעקן אָפּ די בלויע קאָרנבלימלעך, וואָס שטיקן זיך מיט אַ חוזק־געלעכטער.

אַ יונגער פויער שטייט אין פעלד און קאָסעט די זאַנגען. די פאַרשייַטע קאָרנבלימלעך שפּיגלען זיך אין זייַנע אויגן. איך טו אַ קוק — ער איז גאָרניט קיין פויער, נייַערט אַ חלוץ אויף הכשרה. ער קאָסעט די שטרוי בייַם ראַנד פון הימל־געוועלב. ער מאַכט פרייַ דעם וועג צום לאַנד פון די אָבות. איך קוק אויף דעם בחור און זע די געשטאַלט פון דוד המלך. איך קען זייַן מאַיעסטעטיש געשטאַלט פון דער מאַמעס טייַטש־חומש. אין איין האַנט האַלט ער אַ פייַל. אין דער צווייטער אַ בויגן. דער בויגן איז געשפּאַנט מיט אַ ווייַסער סטענגע. ווי קומט צו אים מייַן ווייַסע סטענגע וואָס איך פלעכט אַרייַן אין מייַנע צעפּ, איטלעכס מאָל ווען איך וואַש זיי מיט רומיאַניק? איך וויל אים פרעגן, ווייס איך אָבער ניט ווי

מ׳רעדט מיט אַ מלך. איין זאַך ווייס איך יאָ: פאַר אַ מלך דאַרף מען זיך בוקן. פאַרנויג איך זיך טאַקע ביז צו דער ערד. ווען איך גלײַך זיך צוריק אויס, ווערט פאַר מיר פּלוצעם קלאָר, אַז די געשטאַלט פון דוד המלך איז אַ גענויע אָפּשפּיגלונג פון דעם בן־הרב, צי גאָר פאַרקערט. איך זע איצט, אַז דער בויגן אין דער האַנט פון בן־הרב צילט גלײַך אויף אונדזער שכנס ווילדן בן־יחיד. מען זאָגט אַז ער עסט נאָר דעמאָלט, ווען זײַן טאַטע ציט זיך אויס אויף דער ערד, מיט די פיס צו דער טיר, עלעהיי אַ מת. אַלע מיידלעך פון דער הינטערגאַס האָבן פאַר אים מורא. מע זאָגט אויך, אַז ווען די לבנה איז פול, טשאַטעוועט ער נאָך קליינע מיידלעך. זײַנע קלאָען־פינגער דרינגען אַרײַן אין זייער אונטערלײַב און ער טרעט ניט אָפּ ביז ער זעט ניט קיין בלוט.

איך שטיי צווישן ביידע — דעם איידעלן בן־הרב, אין דער געשטאַלט פון דוד המלך, און דעם פּרא־אָדם. ביידע קומען נענטער, קלעמען מיך איַין. פון איין זײַט ווונדער, פון דער צווייטער — שרעק. איך רײַס אויף די אויגן און בלײַב ליגן אַ פאַרטראַכטע.

כאָטש אין שטוב איז פינצטער, פּרוּוו איך ניט מער שלאָפן. איך פיל אין איטלעכן אבר אַז מיט מיר האָט עפּעס געטראָפן — ווונדער און שרעק אין דער זעלביקער צײַט. דער ריח אונטערן איבערבעט זאָגט מיר אונטער, אַז דאָס מיידל וואָס איך בין געווען האָט נאָר וואָס אָפּגעטראָטן איר אָרט דער פרוי, וואָס זי מוז־ווערן...

✶

איך האָב שוין דעמלט אויף מײַן שמאָלן געלעגער דערפילט דעם עול וואָס מיר איז באַשערט צו טראָגן. איך האָב זיך אָפּגערוקט און געמאַכט פּלאַץ אויף מײַן געלעגער אי פאַר דער שרעק אי פאַרן ווונדער. יאָ, איך האָב שוין דעמאָלט געוווּסט, אַז דער בן־הרב און דער פּרא־אָדם וועלן זיך אייביק ראַנגלען אין מײַן נשמה. זיי וועלן מיר נאָכגיין אויף די בולווואַרן פון פּאַריז און אויף די גאַסן פון ניו־יאָרק. און איך וועל פּרוּוון פאַרבײַגיין מיט אַ גרויסשטאָטישן אָנשטעל, כדי זיי זאָלן מיינען אַז איך בין ניט איך.

הײַנט זע איך אַז איך האָב גאָר זיך אַליין גענאַרט; זיי האָב איך בשום־אופן ניט אָפּגענאַרט. אויף מײַן וואָגלוועג אַהער האָב איך זיך אָנ־

געשטויסן אין בן־הרב. ער איז מיר אַנטקעגנגעקומען ווי אַ גרייַז־גרויער זקן מיט אַ טאַרבע אויף דער פּלייצע. איך בין אים פאַרלאָפן דעם וועג: קאָן איך אייַך העלפן? — האָב איך אים געפרעגט. ער האָט ניט געענט־פערט, נאָר מיט די לאַנגע, דינע פינגער, וואָס איך האָב געדענקט פון אַ מאָל, האָט ער אַראָפּגענומען די שערבלעך פון זייַנע אויגן. ער האָט מיך אָנגעקוקט מיט אַ געלייַטערטן צער, וואָס האָט זיך אויסגעשפּרייט אויף זייַן פּנים מיט אַ ניט־דאָיִקער רו.

און ווייַל ער האָט זיך ניט געאייַלט מיט קיין ענטפער, האָב איך אים נאָך אַ מאָל אָנגעבאָטן מייַן הילף. אַ בלייכער שמייכל האָט אייַנ־געקנייטשט זייַן פאַרמעט־פּנים: גיי בשלום — האָט ער געזאָגט — דער עול פון נשמות איז ניט פאַר דיר.

נאָך מייַן אייגענעם תּחית־המתים האָט מיך שוין גאָרניט געוווּנדערט. ער איז אַוועק אויף זייַן וועג, איך — אויף מייַנעם.

דער פּרא־אָדם איז אַרומגעגאַנגען אויף גאָטס ערד. אויף זייַנע קרומע פאַנגפינגער האָבן געבלישטשעט אמתע ברילִיאַנטן. ווען ער האָט מיר אויסגעשטרעקט זייַן האַנט, האָבן די נשמות אין בן־הרבס טאָרבע זיך גענומען וואָרפן און ציטערן.

איין זכיה האָט ער געהאַט, דער פּרא־אָדם: ער האָט דעם בן־הרב געבראַכט צו קבורה. ער האָט אים אַרויסגעשמוגלט פון אונטער אַ באַרג צעשאָסענע גופים, אים אייַנגעהילט אין אַ טלית און מקבר געווען לעבן זייַנע אָבות.

ווי אַזוי דער פּרא־אָדם איז אַרויס אַ לעבעדיקער — ווייס איך ניט. איך וויל אויך ניט וויסן. ווען ער רעדט, הער איך וואָס ער זאָגט, אָבער דער מיין פון זייַנע רייד ווערט תּיכּף אויסגעמעקט. אים אַרט עס ניט. די האָר זייַנע — פּאָמאַדירט, נעגל — לאַקירט, די שיך — אין גלאַנץ.

— דערקענסט מיך ניט? — פרעגט ער — איך בין דאָס אַנדערע פּנים אויף דער זעלביקער קאָרט. מיר זענען ביידע געווינערס.

— געווינערס?

— אוודאי זענען מיר געווינערס. מיר לעבן, עסן, טרינקען, לאָזן זיך ווילגיין.

— דו רעדסט פאַר זיך אַליין!

— איך רעד פאַר אונדז ביידן. קענסט זיך פאַר מיר ניט אויסבאַהאַלטן. וועסט פאַרשליסן די טיר, וועל איך קומען דורכן פענצטער. וועסט פאַרקלאַפּן דאָס פענצטער — וועל איך סײַ ווי זײַן מיט דיר, אין דײַן חלום און אין דײַן וואָר. דו קענסט מיך ניט פאַרלייקענען. מיר זענען פאַרזיווגט ווי טאָג און נאַכט, ווי שוואַרץ און ווײַס. ווי חלום און וואָר...

איך האָב זיך קנאַפּ צוגעהערט צו זײַנע רייד. כ׳האָב נאָך אַלץ געזוכט אַן אייגענעם וועג, הגם איך האָב געוווּסט פון פאָרויס, אַז כ׳האָב אים אויף אייביק פאַרלוירן.

ווען יענער וואָלט געלעבט, וואָלט איך קיין לידער ניט געשריבן, קיין בילדער ניט געמאָלן. איך וואָלט געזונגען שיר־השירים און ניט געוווּסט ווער ס׳האָט אים פאַרפאַסט. וואָלט דער חורבן ניט געווען — וואָלט איך געזעסן דאָרטן ווו דער רומיאַניק וואַקסט אַריבער איבערן פּלויט און געלאָזט די שטרוי שטעקן אין הימלראַנד. אָנגעזאַפּט מיטן ריח פון שנייגלעקלעך — וואָלט איך קיין מאָל ניט אַלט געוואָרן. עס וואָלט געגנוג געווען פאַר מיר זיך אײַנצוהערן אין זײַן מתיקותדיקן ניגון, כּדי צו וויסן מײַן אָרט אין וועלטבאַשאַף, זײַן ניגון געקייטלט אין גאַנג פון די שטערן און פּלאַנעטן, אין גאַנצן אין־סוף. עס וואָלט געגנוג געווען פאַר מיר צו קוקן און צו שווײַגן, ער זאָל גאָר ניט מערקן אַז איך נער זיך פון זײַן עקסיסטענץ...

✶

אין ניו־יאָרק האָב איך זיך אָנגעשטעקט מיט אַ פּראַגמאַטיש טראַכטן: אפשר האָט גאָר דער פּרא־אָדם, אויף זײַן פּערווערסן אופן, געפונען דעם וועג צו דער אייביקייט? אפשר איז ער די פּאָזיטיווע אָפּשפּיגלונג פון אַ פאַרגעסענעם אַרכעטיפּ: דער אייביקער זיגער, דער איבערלעבער?

— ביז וואַנען איז דער שיעור צו לעבן אין אַ חלום? — האָט ער מיך געפרעגט, שוין איז גאַנצן אויף ענגליש. — אַזאַ אומבאַהאָלפענער מענטש ווי דו מוז פריִער אָדער שפּעטער ענדיקן אין אַ רינשטאָק. דו ווייסט אַז עס פעלן מיר ניט קיין ווײַבער: מאָדעלקעס, אַקטריסעס, שיינע מיידן אויפן פּוד. נאָר כ׳האָב דיר שוין געזאָגט: איך בין דאָס אַנדערע פּנים אויף דער זעלביקער קאָרט. מיר קענען זיך פון דער קאָמבינאַציע ניט מער אַרויסדרייען.

קאָן זײַן, האָב איך געטראַכט, אַז אין אַ שיינעם טאָג וועל איך זיך אויך אויסציִען אויף דר'ערד מיט די פיס צו דער טיר, כּדי דער נאָכשפּראָץ זאָל ווײַטער שפּראָצן.

און אפשר האָט מיר גאָר דער חלום אונטערגעזאָגט, אַז בײַם קאָמפּיוטער דינען אַלע וועגן און אַלע קאָמבינאַציעס דעם זעלביקן צוועק ? וועלכן צוועק ? — האָב איך געפרעגט שוין אין גאַנצן וואַך. דעם מענטשנס צוועק — פאַרשטייט זיך. וועלכן מענטש ? אויך דעם וואָס פאַרטראַכט גאַזקאַמערן, מאַסנגריבער, פעלקערמאָרד ? דעם מענטש וואָס האָט פאַרטיליקט פּאָטענציעלע אײַנשטיינס, פרוידס, שאַגאַלס ? און אין דער סטאַטיסטיק פון מיליאָנען — אויך דעם בן־הרב ?

בײַם קאָמפּיוטער זענען אַלע מענטשן גלײַך — האָט אַ קול מיר אַרײַנגעשעפּטשעט אין אויער...

דער קרבן

זי איז געגאַנגען מיט פּאַמעלעכע טריט אונטערן גאָס רעגן. איר שירעם, אַ פּאַרמאַכטער איז געהאַנגען אויף איר אָרעם. זי איז נאָר וואָס אַרויסגעקומען פון מעטראָ באַרבעס. ווי איינער וואָס קאָן דעם וועג פון אויסנווייניק האָט זי אָן זוכעניש אַריבערגעשפּרײַזט דעם בולוואַר צו רי קליניאַנקור. זי איז פאַרבײַגעגאַנגען די שאַרקוטערי ווו זי פלעגט אַ מאָל אײַנקויפן געווירצטע מאכלים צו באַשמעלצן איר טרוקן ברויט, דאָס מאָל האָט זי אויף דער שאַרקוטערי נישט געקוקט. אירע פיס האָבן זי אויטאָמאַטיש אַרײַנגעפירט אויף דער ערשטער גאָס לינקס. דאָס שילדל אין דער הייך האָט מיט נאַסע אותיות באַשטעטיקט, אַז דאָס איז אויף אַן אמת רי ד׳אָרסעל.

רי ד׳אָרסעל האָט זיך דורך דער צײַט ווי ניט געביטן; די שניטקראָם, דאָס בוד־געשעפט, דער טויער פון דעם הויז וואָס זי האָט געזוכט, האָבן ווי געוואַרט אויף איר אין זייער אַמאָליקן מעמד, זי זאָל קומען פון ווײַטן, נאָך אַ מאָל איבערצולעבן דאָס געלעבטע. דאָס מאָל פּאַמעלעך, געלאַסן, באַדאַכט, מיט דער הילף פון אָנגעזאַמלטן באַגאַזש פון לעבן קוקן און זען און אפשר אויך תופס זיין פאַרוואָס זי האָט גענומען דעם וועג, נישט יענעם? פאַרוואָס זי האָט אָן ווידערשטאַנד זיך אונטערגעגעבן דעם נעגאַטיוו, און געוואָרפן די שולד אויפן אומברחמנותדיקן גורל.

איצט, אין שפּעטן בלעטערפאַל פון איר לעבן, איז זי געקומען פון מרחקים נאָך אַ מאָל צו טרעטן אויף דער Via Dolorosa פון יענעם יונגן מיידל, אפשר וועט איר געלינגען צו באַלײַכטן די שאָטנדיקע ווינקלען אין איר געמיט, דערבליקן און אפשר אויך באַנעמען דעם „פאַרוואָס״ וואָס האָט זי געפירט צום ערשטן זעלבסטמאָרד?

בײַם טויער פון נומער דרײַצן האָט זיך די פרוי מיטן פאַרמאַכטן שירעם אָפּגעשטעלט. דער רעגן האָט זיך געשטאַרקט. אַ בליץ האָט איבערגעשניטן די אָנגעדראָלענע וואָלקנס און באַלד דאַרויף האָט דאָס קול

פון דונער דורכגענומען דעם אַוויר. די פרוי האָט זיך אָנגעלענט אין דער ראַם פון טויער, און מיט צוגעמאַכטע אויגן געזען דאָס מיידל אויפן צווייטן שטאָק. זי האָט געוווּסט, אַז ביים פענצטער צו וועלכן די זון האָט קיין צוטריט נישט, זיצט אסתרל און נייט צונויף פעלעכלעך פון ניי געבוירענע שעפּעלעך. דאָס ליכט וואָס פילטערט צווישן איין וואַנט אין אַ צווייטער, שפּיגלט זיך אָפּ אין די שויבן און לייגט זיך אויס ביי אירע פיס ווי זיי וואָלטן געווען די לעבעדיקע שעפּעלעך וואָס האָבן אַ מאָל אויסגעפּילט די זיידענע פעלעכלעך.

אסתרל איז געקומען קיין פּאַריז נישט צו ווערן אַ בייטאָרין פון ברייטשוואַנץ. די פּאַריז וואָס האָט זי געצויגן איז געווען די שטאָט פון קוואַליקן, שטורמישן צוזאַגנדיקן שטאָף פון לעבן: די שטאָט פון ראָמאַנס, קונסט און ליכט — אַריינגעפאַלן איז זי צו איר קוזינע אין אַ ד׳אמות׳דיקן צימער אויפן ערשטן שטאָק. דער איינציקער צימער האָט געדינט ווי אַ קיך צום קאָכן, אַ שטוב צום שלאָפן, אַ וואַרשטאַט צום אַרבעטן און פון צייט צו צייט אויפנעמען פריינד וועלכע האָבן דאָס אויך נישט געהאַט. דאָס פריי־ע אָרט אין איי־זערנעם בעט וואָס דער קוזינעס מאַן האָט איבער־געלאָזט, האָט איצט אסתרל פאַרנומען. ער איז אַנטלאָפן מיט אַ פראַנצויזקע און איבערגעלאָזט ווייב און קינד אויף גאָטס באַראָט.

אסתרל האָט פאַרביסן די ליפּן, פאַרשלאָסן דאָס האַרץ און זיך אונטער־געגעבן דעם גורל ווי איר ערשטן זעלבסטמאָרד.

דעם ערשטן טאָג אין דער שטאָט פון ליכט, האָט זי פאַרבראַכט אין דער פינצטער. די קוזינע איז אַוועק צו דער אַרבעט ווען זי איז נאָך געשלאָפן. דאָרט פון וואַנען אסתרל איז געקומען האָט זי אויפן זייגער נישט געקוקט. ווען די זון האָט אָנגערירט איר צוקאָפּנס — איז געווען די צייט אויפצושטיין. דאָ האָט די פּאַרע פון דער שכנותדיקער וועשאַרניע אָנגעפילט דאָס צימער מיט אַ נעפּל וואָס איז אויפגעגאַנגען פון די באַליעס הייסע וואַסער, איבער וועלכע ווייבער זענען געשטאַנען און געזשמיקעט פרעמדע וועש.

אין הויז איז קיין לויפנדיק וואַסער ניט געווען. אסתרל האָט גענומען דעם ליידיקן קרוג און אַראָפּ אין הויף שעפּן וואַסער. זי האָט לאַנג געזוכט, און ווען זי האָט געפונען דעם לאָך אין דער וואַנט, האָט ערשט דער צאַפּן

געפעלט. דעמאָלט איז פון דער קאָנסיערזש־לאָזשע אַרויסגעקומען דער ראַכיטישער זון מיט די זעבל־פיס און אָנגעצאַפּט פאַר איר דאָס וואַסער. ער האָט שוין געוווסט ווער זי איז. ער האָט זי געזען דורכן פענצטער אָנקומען מיט די וואַליזעס אין די הענט. איצט האָט ער זי באַטראַכט פון דער נאָענט. זײַנע אויגן האָבן באַטאַפּט אירע גלידער, זי אויסגעטאָן אין געדאַנק. ווען דער קרוג איז פול געוואָרן, האָט ער מעשה קאַוואַליר זי אַרויפבאַגלייט די שטיגן. ער האָט געראַעדט. זי האָט קיין וואָרט נישט פאַרשטאַנען, האָט זי געשאָקלט מיטן קאָפּ אין דער ברייט און אין דער לענג. שוין בײַ דער טיר האָט ער אָוועקגעשטעלט דעם קרוג, זי צוגעדריקט צו דער וואַנט און זי באַקענט מיט דעם ערשטן, ווילד־פרעמדן, פּראָוו־צוויזישן קוש. אין גערעאַנגל האָט זיך דער קרוג איבערגעקערט, אויסגעגאָסן דאָס וואַסער, ניט איבערלאָזנדיק געבוג אויסצוואַשן דעם נאַכטעם אין איר מויל.

יענעם פאַרנאַכט ווען די קוזינע האָט זיך אומגעקערט פון דער אַרבעט, האָט זי מיטגעבראַכט פאַר אסתרלען די סאַמעט־גלאַטע פעלעכלעך אויפּ־צונייען מיט דער האַנט. זי האָט איר געגעבן צו פאַרשטיין, אַז אַן אַרבעט־פּאַפּירן האָט זי נישט קיין „שאַנס" אָנגעשטעלט צו ווערן אין אַ לײַטישער „אַטעליע". אַזוי האָט זיך אײַנגעשטעלט אַ שותּפות צווישן ביידע קוזינעס. זיי האָבן געטיילט די הוצאות, די פּראָבלעמען און די האָפענונגען. אַ גאַנצע וואָך האָט מען געאַרבעט, זונטיק איז מען אַרויסגעפאָרן זען דאָס מיידעלע וואָס האָט זיך געכאָוועט ביי אַ „נוריס, אַ לאַ קאַמפּאַין".

דער שטייגער לעבן וואָס האָט זיך אײַנגעשטעלט, האָט מיט אסתרלס נשמה קיין שייכות ניט געהאַט. אַ גאַנצן טאָג האָט זי פאַרבראַכט מיט די שאַטנס בײַ אירע פיס, און די פאַרע איבערן קאָפּ. אין אָוונט איז די זון פאַר איר אויפגעגאַנגען. זי האָט באַלויכטן איר וועג באַרג אַרויף צו דער אָוונטשול, ווו דער לערער מיט די שוואַרצע האָר און בלויע אויגן, האָט אפילו די שאָטנס צו נישט געמאַכט.

אויך דאָרט, פון וואַנען זי איז געקומען האָבן די נעכט איר נשמה באַהעלט. זי האָט געקוקט און געזען דעם אָפענעם הימל ווי דעם אייבער־שטנס פּריוואַטן גאָרטן. יעדער שטערן, אַ בלום. ווען דער הימל איז געווען טונקל און די שטערן ליכטיק האָט זי אים געזען וואַנדערן צווישן

די בלומען. ווען ער האָט זיך צוגענייגט צו דער בלום, וואָס זי האָט אויסגעקליבן פאַר זיך — האָט זי געוווסט אַז איר מזל וועט שײַנען, אַזוי לאַנג זי וועט אויפהייבן די אויגן צום הימל און זען דעם שטערן וואָס ער האָט געקושט...

אין פּאַריז האָט זי פאַרלוירן דעם קאָנטאַקט מיט די הימלישע קערפּערס, נאָר דעם גאָט פון האָפענונג האָט זי נישט אויפגעהערט צו דינען.

דער לערער אויפן אוונטקורס האָט אויסגעמיטן איר בליק. קוים האָבן זיך זייערע בליקן צופעליק באַגעגנט, האָבן די כללים פון דער גראַמאַטיק געכאַפּט אַ שטויס. דער „פּאַרטיסיפּ־פּאַסעי״ איז געבליבן שטעקן אין אַ געדיכטער בלאָטע, פון וועלכער דער לערער אַליין האָט געהאַט שווע־ריקייטן זיך אַרויסצודרייען. אויך אסתרל האָט געפילט ווי זי זינקט אין זינק־זאַמד. אַ שילער האָט געפונען אַ בלעטל פון איר העפט ווו זי האָט אויסגעגאָסן איר האַרץ לויטן נוסח פון אָסקאַר ווײַלדס סאַלאָמע. זי האָט געשריבן: איך ביז געקומען צו דיר קיל ווי דער מירמלשטיין פון דער געטין עשתורת. איצט ברען איך מיט אַ פייער וואָס נישט די טײַכן און נישט די ימים זענען אימשטאַנד צו לעשן. רייד, רייד צו מיר, איך בעט דיך. דײַן שטים איז ווי דער זעפּירווינט ווען ער קושט דעם ירדן ביים לבנה־שײַן. לאָז מיך טרינקען דײַנע רייד און קיין מאָל פול נישט ווערן. לאָז מיך גלעטן דײַנע האָר, און קיין מאָל נישט מיד ווערן. לאָז מיך בענקען נאָך דיר, שטאַרבן נאָך דיר, ווײַל די מיסטעריע פון ליבע איז שטאַרקער ווי דער טויט.

דאָס געשריבענע איז געגאַנגען פון האַנט צו האַנט, ביז עס האָט פאַרבלאָנדזשעט אויפן לערערס טיש.

אַרויסגייענדיק פון קלאַס האָט זי דער לערער פאַרהאַלטן. „איר שרײַבט שיינע ליבע־בריוו״ האָט ער געזאָגט. „די גראַמאַטיק הינקט אונטער. מיט אַ ביסל מי קאָן מען דאָס אויך פאַרריכטן. איך וואָלט אייך גערן באַגלייט, געשמועסט אַ ביסל. אײַל איך זיך. מײַן פרוי וואַרט אויף מיר. זי ריכט זיך אין קימפּעט״.

יאָ, זי פאַרשטייט, אַוודאי פאַרשטייט זי. אויך אויף איר וואַרט מען, דער קאָנסיערזש־שגץ מיט די קרומע פיס. ער טשאַטעוועט אויף איר אין פינצטערן קאָרידאָר. ער שווערט, אַז זי איז אים אָנגעצייכנט פון יעזוס

קריסט אַליין, זי איז די באַלוינונג פאַר זײַן מוט. יאָרן איידער זי איז געקומען האָט ער געקענט איר קול, איר גוף, איר גאַנג. ער קען אַפילו איר נשמה. ער רעדט מיט האָרץ. אסתרל פילט מיט אים מיט, נאָר אַ טרייסטוואָרט פאַר אים קאָן זי נישט געפינען. וואָס זי געפינט יאָ, איז אַ נײַע דירה. ווײַט פונעם באַוויַבטן לערער, פון ראַכיטישן שגץ, און פון דעם עגונה־בעט פון איר קוזינע.

אויך דאָרט אויף רי ד׳אַרסעל זיצט זי בײַם פענצטער און נייט צונויף שאַפענע פעלעכלעך. אויפן אָרט פון דער פאַרע וואָס האָט געדאַמפט פון דער וועשאַרניע, פלייצט דאָ דער ריח פון געברענטער קאַווע. דער אַראָמאַט פון דער קאַווע קומט צו איר אַרויף דירעקט פון דער פאַבריק ווו די קאַווע ווערט געברענט. דער שאַרפער ריח פילט אָן איר צימער, הענגט אויף די ווענט, קריכט אַרײַן אין בעט, דרינגט אַרײַן אין איר גוף, אין איר גאַנצן וועזן. דער ריח אַבסאָרבירט אירע געדאַנקען, שיכורט זי אָן. זי פאַלט אונטער זײַן אינפלוענץ ווי אונטער דער אויסווירקונג פון נאַרקאָטיק. ער ווערט דער בעל הבית איבער איר לעבנסבאַנעם, דער קאַטאַליסט וואָס פאַרוואַנדלט רויטע מאַקרעווקעס אין שוואַרצן מאָן...

אומבאַמערקט פאַר זיך אַליין האָט זי אָנגעהויבן טראַכטן וועגן אַלייג־מאָרד. דער טײַך סען איז אַלע מאָל גרייט אײַנצושלינגען נײַע קאַנ־דידאַטן. געוועזן פילן וואָס פירן צום גן־עדן דורך אַ הינטערטיר. זי האָט זיך אויך געקאָנט הענגען מיט דער רויטער סטענגע וואָס ווינקט אַזוי שעלמיש אַרויס פון אירע שוואַרצע האָר. אָפּגעהאַלטן פון דעם רײַכן אויסוואַל האָט זי דער געדאַנק, אַז נאָך אָן אַליינמאָרד ווערן די קערפּערס געפאַלמעסט. ניט פאַר דעם צוועק האָט זי גאָט באַשאַפן, זי זאָל קומען אויף יענער וועלט מיט אָן אָפענעם בויך. ס׳איז פשוט נישט עסטעטיש, האָט זי געטראַכט, זיך צו שטעלן פאַרן כיסא־הכבוד מיט די קישקעס אין דרויסן. זי האָט ערגעץ ווו געלייענט, אַז שטאַרבן פון אַ בליץ איז אַ ראָמאַנטישער טויט. אין אַזאַ טויט קאָן מען אַפילו זען די סטיכישע פּאַסיע פון סאַלאָמעס קוש.

אסתרל האָט געזוכט און געפונען אַ מיניאַטור בליץ־אַפּלייטער. זי האָט אים צוגעפעסטיקט צום רעגן־שירעם און געוואַרט אויף דעם באַ־גערטן שטורעם.

ווען מ׳איז יונג אין פּאַריז שטורעמט עס צו יעדער צײַט פון יאָר. סע שטורעמט אין גאַס, אין הויז, אויף די בולוואַרן און אויף די הינטער־גאַסן, באַזונדערס שטורעמט עס אויפן מאָנטמאַרטר. עס שטורעמט מיט אַרטיסטן, מיט אַטלעטן, פּראָפעסיאָנעלע ליידיק־גייערס, רעוואָלוציאָנערן, פּאַשיסטן, קעמפּער פאַר יעדער מין פרײַהייט. זי האָט דער שטורעם געטראָפן אין אַן אויסגעשטערנטער נאַכט. דעם שירעם האָט זי נישט געהאַט מיט זיך. געהאַט האָט זי אַן אָנגעלאָדן האַרץ גרייט צו עקספּלאָדירן בײַם ערשטן צוזאַמענשטויס מיטן מענלעכן מין.

ס׳איז געווען די צײַט פון שפּאַנישן בירגערקריג. ראָמאַנטישע יונגעלייט פון דער גאָרער וועלט זענען געלאָפן העלפן די פרײַהייט־קעמפער. איינער אַזאַ בחור מיט אַ פּנים אײַנגעראַמט אין אַ רויטער באָרד, אַ צעכראַסטעט העמד, און אויגן ווי קוילן אין אַ צעגליטן קאַמין, האָט זי אַן שוועריקייטן איבערצײַגט, אַז מיטן געבן אים אַן אָרט ווו אָוועקצולייגן דעם קאָפּ — וועט זי בײַשטײַערן איר חלק אין קאַמף פאַר אַ בעסערן מאָרגן. ער האָט איר דערציילט אַז ער מוז וואַרטן אויף זײַן אָפּטיילונג וועלכע ער האָט אויפן וועג פאַרלוירן. שוואַרצנדיק די גרענעץ פון טשעכן קיין פּוילן, האָט מען אים באַרויבט, צוגענומען זײַן געלט, זײַן פּאַספּאָרט. ער וואָלט אַזאַ אַנבאַט נישט געמאַכט אַבי וועמען. אין איר זעט ער אַן אָפּשפּיגלונג פון זײַנע אייגענע אידעאַלן...

אסתרל האָט אויפגעהויבן אירע אויגן צום הימל. זי האָט געזען ווי דער שטערן מאַרס ברענט ווי דער בירגערקריג אויף יענער זײַט פון די פּירענעען. דער שטערן האָט געפּינטלט פּונקט אַזוי ממזריש פאַרשאַרט ווי די אויגן פון טשעכישן בחור וואָס רעדט מיט אַ וואַרשעווער אַקצענט. אסתרל האָט דעם יונגנמאַן מיט די פאַרזשמורעטע אויגן אַרײַנגענומען צו זיך אין שטוב. פון דער חברשאַפט איז געוואָרן אַ פרײַנדשאַפט און פון דער פרײַנדשאַפט אַ ליבע וואָס האָט אָנגעהאַלטן איבערן ווינטער. פרילינג, ווען דער שניי אין די פּירענעען האָט געשמאָלצן, איז ער אָוועק ווו ער האָט באַדאַרפט צו גיין. ערשט נאָך זײַן אָוועקגיין האָט זיך אסתרל געכאַפּט אַז זי איז אַ קאַפּיטשקע שוואַנגער.

אויף די גאַסן פון פּאַריז האָט אין יענער צײַט אַנגעריסן אַ לידל, וואָס וואָלט אויף יִדיש לשון זיך געלאָזט טײַטשן אַזוי: „ווען דו ווערסט

זיך אומקערן צו מיר / וועסטו מיך מער צווישן די לעבעדיקע ניט טרעפן". אַ סך יונגע מיידלעך זענען יענעם פרילינג באַגאַנגען זעלבסט־מאָרד. אסתרל האָט אין דעם לידל געזען אַן אצבע־אלוהים. אַלע פריִער געפּלאַנטע זעלבסטמאָרדן האָבן איצט אויסגעזען נישט נאָר נאַטירלעך, נאָר אַ מוז.

ערשט היינטיקן פרימאָרגן האָט זי געגומען אַ הייסע זיצבאָד. זי האָט צעקלאַפּט און אַראָפּגעשלונגען די יאָדרעס פון מוסקאַט־ניס, פאַרטרונקען מיט אַ גלאָז רויטן וויין. די באָבסקע רפואה האָט זי בפועל ממש אַרויס־געהויבן פון דער אייגענער קערפּערלעכער לאַסט. איר האָט זיך געדאַכט, אַז זי שוועבט אין דער לופטן, אָט אָט שלאָגט זי אָן דעם קאָפּ אין סופיט. זי האָט צוגעלייגט די האַנט צום האַרצן און דעם ריטעם נישט געפונען. אויך דער פּולס האָט אויפגעהערט צו פונקציאָנירן. אַ קאַלטער שווייס האָט באַדעקט איר לייַב. די ציין אין מויל האָבן געקלאַפּט ווי אַ מאָל, אַ מאָל די בוזשעקעס אויף מיקאָלקעס דאַך. אַלע סימפּטאָמען וואָס די באָבסקע רפואה האָט צוגעזאָגט צו ברענגען — האָט זי געבראַכט, נאָר דאָס סאַמע עצמדיקע — די דערוואַרטע אָנטבינדונג האָט זי פאַרפעלט צו ברענגען.

דעמאָלט, אין יענעם גורלדיקן שבת נאָכמיטאָג האָט זי שוין פון וויַיטנס דערהערט דעם דונער. ער האָט זיך געקאַליערט באַרג אַראָפּ פון נאָענטן סאַקרע־קער און גלייַך דערויף האָט אַ בליץ באַלויכטן די פאַבריק וואָס ברענט קאַווע, פון גרין אויף שוואַרץ. זי האָט דעם שטורעם אויפגענומען ווי אַ סימן, אַז גאָט אַליין איז מסכים מיט איר באַשלוס. דאָס מאָל מוז עס איר געלינגען, וועט עס איר געלינגען. אסתרל האָט געכאַפּט דעם שירעם מיטן בליץ־צוציִער און איז אַראָפּ אין גאַס.

די פרוי' אונטן בייַם טויער האָט זי געהערט קומען און זיך אָפּגערוקט אין אַ זייַט. זי האָט געוווּסט אַז דאָס מיידל אונטערן שירעם וועט אַ ווייַלע שטיין בלייַבן שטומערהייט זיך צו געזעגענען מיטן הויז און מיטן ריח פון געברענטער קאַווע וואָס גייט אויף פון רויטן קוימען, דערנאָך מיט גיכע טריט אַוועק צום סאַקרע־קער. באַלד אויפן ערשטן שטאָק וועט זי אויפהייבן די אויגן און זען, אַז דער שטורעם איז פּלוצלינג אַריבער. אַ הייסע יוני־זון שאַרט זיך אַפילו פון אונטער דער ברייט צעוואַקסענער באָרד פון אַ געוועזענעם אָפּגאָט. די אָנגעדראָלענע פּאַטיעקעס וואָס זענען

געלאָפן אין רונדע קרייזן, ציען איצט מיט אימפּעט צו זייער אייגענער באַשערטקייט. דאָס מיידל וועט שטיין בלײַבן אַ געפּלעפּטע. דערנאָך וועט זי פאַרמאַכן דעם שירעם, אים אַרײַנשטעקן אין זאַמד, דאָרט ווו די קינדער פון סקוועטר מאַנטאַלאַן־קינדער־גאָרטן, בויען זאַמד־פּאַלאַצן אין צוגעגרייטן זאַמד. אַליין וועט זי צוריקגיין מיט זעלבן וועג ווי זי איז געקומען שוין נישט מער מיט יענע דעצידירטע טריט, נאָר מער באַדאַכט, סטאַטעטשנע, ווי אַ קרבן פון שיקזאַל זיך לאָזן פירן טריט נאָך טריט צום רעסטאָראַטאָר פון כשרן רעסטאָראַן אויפן פּלעצל.

גייענדיק פּאַמעלעך האָט זי צײַט געהאַט צו טראַכטן, אַז דער רעס־טאָראַטאָר האָט אַ מאָדנע ענלעכקייט צו איר טאַטן. ניט נאָר מיטן אויסזען נאָר אויך מיט זײַנע תּנועות. אויך ער טראָגט אַ גאָלדענע קייט אויפן פולן וועסטל. ער האָט ליב צו נאַשן פון די טעפּ. אויך פון איר נאַשט ער צו ביסלעך. ער פאַרגינט זיך נישט מיט איין מאָל דעם גאַנצן פאַרגעניגן. נאָך עפּעס האָט זי געטראַכט אויפן לאַנגן וועג פון מאָנמאַרטר צום פּלעצל, אַז אַלע אירע וועגן זענען זעלבסטמערדערישע...

יענעם שבת צו נאַכטס, בײַם רב אין הויז, איר קאָפּ צוגעדעקט מיט דער רביצנס ווײַסן טיכל, איז אסתרל געשטאַנען אונטער דער חופּה. איר האַנט האָט לײַכט געציטערט בעת דער רעסטאָראַטאָר האָט איר אָנגעטון דאָס חופּה־קידושין רינגל. אויך דאָס גלאָז אונטער זײַנע פּיס האָט געצעגערט און דערנאָך מיט אַ קראַך זיך אונטערגעגעבן.

שפּעט בײַ נאַכט, אײַנגעפּרעסט אין זײַנע אָרעמס איז די אַנטבינדונג געקומען און פאַרגאָסן דאָס חופּה־בעט מיט אַ קאַלוזשע בלוט...

די פּרוי וואָס איז געקומען פון מרחקים איז נאָך לאַנג געשטאַנען פאַרן טויער נומער דרײַצן רי ד'אַרסעל. פאַרנאַכט איז זי אַוועק מיטן זעלבן וועג מיט וועלכן דאָס מיידל איז אַ מאָל געגאַנגען. כאָטש זי האָט ווויל געוווסט, אַז דער רעסטאָראַן אויפן פּלעצל איז שוין פון לאַנג מגולגל געוואָרן אין אַ געשעפט פון געניצטע קליידער. דעם רעסטאָ־ראַטאָר האָט דער דײַטש פאַרברענט. געבליבן זענען זכרונות פון אַ ווידערשפּעניקער עקזיסטענץ.

זשיזעל

איר מאַמע האָט זי גערופן זשיזעל, איר טאַטע — זיסעלע. זי האָט איר טאַטן ניט געקענט. זײַן קול בפועל־ממש ניט געהערט. אַלץ וואָס זי האָט געהאַט אויפצוהאַלטן זײַן אָנדענק, איז געווען אַ בילד אין מיליטערישן מונדיר. לעבן אים, אויפן בילד, שטייט די מאַמע, אין אַ לאַנג ווײַסן קלייד און אַ שלייער איבער אירע שוואַרצע האָר. זיי קוקן זיך אין די אויגן. ביידע שמייכלען. און נאָך אַ בילד האָט זי געהאַט פון זעלבן מיליטער־מאַן, אין זעלביקן מונדיר, נאָר מיט מער מעדאַלן. אויף דעם בילד טוליעט ער אַ מיידעלע צו זיך. דאָס מיידעלע איז זי, זשיזעל. זי האַלט אים אַרומגענומען מיט אירע דינע איין־און־ אַ־האַלב־יעריקע הענטעלעך. איר פּנים נאָענט צו זײַנעם, ווי זי וואָלט וועלן אין דער איינער רגע אײַנפּרעסן די ליבשאַפט און זי פאַרזיגלען אויף אַ לעבן־לאַנג.

באַלד אין דער פרי, ווי נאָר זשיזעל מאַכט אויף די אויגן, פאַר־טשעפּעט זיך איר בליק אין דעם בילד וואָס שטייט אויפן שענקל לעבן גרויסן בעט. קוקנדיק אויפן בילד, דאַכט זיך איר אויס אַז זי הערט אים רופן זי־סע־לע, זי־סע־לע! און זי ענטפערט אים: דאָ בין איך! די שפּיל גייט אָן צווישן זיי בשתיקה. מיט דער צײַט איז זי געוואָרן אַ געוווינהייט. זשיזעל האָט פאַרפלאָנצט איר געהיימע שפּיל אויף די פרײַע פעלדער פון איר יונגן לעבן. זי האָט אָנגעפילט די ליידיקע רעזערוואַרן מיט אויסגעחלומטע בילדער פון איר טאַטן, וועמען זי האָט פערזענלעך ניט געקענט.

ווען זשיזעל איז אויפגעשטאַנען איז שוין איר מאַמע אין הויז ניט געווען. די ניאַניע וואָס האָט באַדאַרפט האַלטן אַן אויג אויף איר, האָט געהאַט דעם קאָפּ בײַ די אילוסטרירטע זשורנאַלן, וואָס ווייסן גענוי וואָס עס טוט זיך אין די בעטן פון באַרימטע פילם־שטערן. זשיזעל האָט פון דער ניאַניע קיין פאַרוויילונג ניט דערוואַרט. אירע פינף חושים האָבן איר געסטײַעט אויסצופילן די ליידיקע צײַט. מיט באַזונדערער ליבשאַפט

האָט זי אויסגעגלעט דער מאַמעס בעט. זי האָט פאַרגראָבן די נאָז אין דער מאַמעס קישן, זיך אָנגענומען מיטן ריח פון דער מאַמעס פאַרפום. זי האָט אָנגעשטעלט דעם טייפ־רעקאָרדער, פון וואַנען איר טאַטנס קול האָט אויסגעזונגען: זי־סע־לע, זיסעלע — My darling.

אָן אויסגעפוצטע אין דער מאַמעס ספּאָדניצע, דער מאַמעס שאַליק, קאָקעטיש אויסגעבונדן אַרום איר האַלדז, טאַנצט זשיזעל קעגן איבער דעם שפּיגל, מיט איר טאַטן ווי אַ פּיקטיוּוער פּאַרטנער. זי האָט אַזוי לאַנג געגוצט דעם טייפ־רעקאָרדער ביז זי האָט אַ דריק געטאָן דאָס ניט־ריכטיקע קנעפּל און אויף אייביק אָפּגעמעקט דעם טאַטנס קול, וואָס האָט פון יענער וועלט גערופן: זי־סע־לע, זי־סע־לע!

די טראַוומע האָט זיך קיין מאָל ניט פאַרהיילט. זי האָט דעם קלאַנג פון איר נאָמען אײַנגעפלאַנצט אין די צעפּראַלטע געמאַכן פון איר נשמה, פון וואַנען אַ בת־קול, קלאָר און דײַטלעך, האָט איר אָנגעזאָגט, אַז דעם וועג פון לעבן מוז יעדער גיין אַליין.

— פאַר וואָס קומט דער טאַטע ניט אַהיים? — פרעגט זשיזעל איר מאַמען. — דער טי־ווי זאָגט, אַז דער קריג האָט זיך שוין געענדיקט.

— אמת! — ענטפערט די מאַמע — דער קריג האָט זיך טאַקע געענדיקט, פאַר אַנדערע, ניט פאַר דײַן טאַטן.

— פאַר וואָס ניט פאַר מײַן טאַטן?

— ווײַל דײַן טאַטן האָט דער דזשאָנגל אײַנגעשלונגען.

— וואָס איז אַ דזשאָנגל? — פרעגט די פיר־יעריקע זשיזעל.

— אַ דזשאָנגל איז אַ וואַלד, וווּ ווילדע חיות וווינען.

— איך ווייס, איך ווייס — שלאָגט איר איבער זשיזעל — ווילדע חיות און מיאוסע מכשפות פראַווען דאָרט כּישוף. כ'האָב עס אַליין געזען אויף סעסעמי־סטריט. די מכשפה וואָס וווינט אין יענעם וואַלד, האָט אים אוודאי פאַרוואַנדלט אין אַ פויגל.

— זייער גוט — ענטפערט די מאַמע. — אויב זי האָט אים געמאַכט פאַר אַ פויגל, וועט ער זיכער קומען צו פליִען.

— ווען? — ציטערט אויף די קליינע און פליעסקעט מיט די הענט.

— אויב ניט הײַנט, איז מאָרגן, און אויב ניט מאָרגן, איז מיט אַ יאָר שפּעטער.

— מיט אַ יאָר שפּעטער איז ניט גוט. מיט אַ יאָר שפּעטער וועל איך שוין גיין אין קינדער־גאָרטן. ווער וועט פֿאַר אים עפֿענען די טיר?

— זאָרג ניט טײַערע. דײַן טאַטע איז דאָך אַ פּליִער. אַז ער וועט ניט אַרײַן דורך דער טיר, וועט ער קומען דורכן פֿענצטער.

אַזוי לאַנג ווי זשיזעלס בעטל איז געשטאַנען אין דער מוטערס שלאָפֿשטוב, האָבן זיי געטײלט סײַ די האָפֿענונג סײַ דעם ספֿק. זיי האָבן גערעדט אין די פֿריִע מאָרגן־שעהען, אין די פֿרײַע שבתים און יום־טובים, ווען נאָר איר מוטער איז פֿאַרבליבן אין דער היים. זיי האָבן אויך גערעדט אין די אָוונטן, פֿאַרן שלאָפֿן. אָפֿט מאָל פֿלעגט די מוטער אײַנשלאָפֿן פֿאַר זשיזעלן. דעמאָלט האָט די קליינע ליב געהאַט צו קוקן אויף דער מוטערס סילועט, וואָס האָט זיך געצייכנט אונטערן צודעק. אירע שוואַרצע לאַנגע האָר, אויסגעשפּרייט איבערן ווײַסן קישן, האָבן אויסגעזען ווי פֿליגל פֿון אַן אַראָפּגעשאָסענעם פֿויגל. דער ריטעם פֿון איר אָטעם און דאָס טיקען פֿון זייגער, האָבן זי אַרײַנגעפֿירט אין אַ נאַכט פֿול מיט חלומות, ביז אין ווײַסן טאָג אַרײַן.

זשיזעלס צרות האָבן זיך אָנגעהויבן ווען איר מאַמע האָט אַריבערגעפֿירט איר בעטל אין דער אַלגעמיינער שטוב אַרײַן. זי האָט אַרומגענומען דאָס בעטל מיט אַ שווערן פֿירהאַנג, עס אָפּגעזונדערט פֿון דעם אַנדערן האַלבן צימער, וואָס האָט געדינט ווי אַ געסטשטוב, און ווי אַן עסשטוב, אויך ווי אַ מין ביוראָ, ווו דער טיש איז שטענדיק געווען פֿאַרוואָרפֿן מיט בריוו, צײַטונגען, זשורנאַלן, שפּיגעלעך, קעמעלעך, שפּילצײַג, גאַנצע און צעבראָכענע, אָפּגערעדט פֿון טעלער, לעפֿל, פֿאַרדאַרטע קרישקעס ברויט.

מיטן אַרויסגיין פֿון דער מוטערס שלאָפֿשטוב האָט זיך דער האַרץ־צו־האַרץ־אויסטויש צווישן מאַמע און קינד מיט אַ מאָל אָפּגעשטעלט. די טונקלהויטיקע ניאַניע און די אייביק־גרייטע טעלעוויזיע האָבן אויבנאויפֿיק אויסגעפֿילט דעם בלויז. אונטער דער אייבערפֿלאַך האָבן זיך געזאַמלט פֿאַרדראָסן; למאַי האָט איר שטאַרקער טאַטע ניט באַוויזן צו אַנטלויפֿן? למאַי זענען אַלע טאַטעס אַהיים געקומען, נאָר אירער איז פֿאַרבליבן אין דעם דזשאָנגל? למאַי גייט די מאַמע אַלע נאַכט אַוועק? למאַי קומט זי צוריק מיט אַ פֿרעמדן מאַן און נעמט אים אַרײַן צו זיך אין שלאָפֿשטוב?

זשיזעל ליגט הינטערן פּירהאַנג און כאַפּט אויף קלאַנגען, די באַסאָווע שטים פון דעם פרעמדן מאַן און איר מוטערס געדעמפּט געלעכטער. זי האָט נייטיק געוואָלט וויסן פאַר וואָס די מוטער לאַכט? אויך זי וואָלט געוואָלט לאַכן. נאָר אַנשטאָט געלעכטער קומען טרערן, שטילע ניט־געבעטענע, וואַרעמע טרערן גליטשן זיך אין קישן אַריין. און אַזוי אויפן פייַכטן קישן שלאָפט זשיזעל איַין.

אין חלום ווערט זשיזעל דאָס שיינע מיידל פון מעשה־ביכל. זי פאַרבלאָנדזשעט אין יענעם ווייַטן וואַלד, וואָס די מאַמע רופט אָן דזשאַנגל. זי שטייט אָנגעלענט אין דעם בוים, ווו איר טאַטע, דער פאַרכּישופטער פויגל, זיצט אין דער הייך פאַרשפּאַרט אין אַ שטייַג. אָט וועט ער איר אַראָפּוואַרפן דאָס שליסעלע וואָס וועט עפענען די שטייַג און ער וועט אַרויס אַ פרייַער. זי וויל אויפהייבן די הענט צו כאַפּן דאָס שליסעלע, נאָר די הענט אירע ווילן זיך פון אָרט ניט רירן. אַלע אירע אָנשטרענגונגען זענען אומזיסט. זי פילט דאָס האַמערן פון איר אייגן האַרץ. די שפּאַנונג איז אין־לשער. טאָמער, חלילה, פאַרפעלט זי צו כאַפּן דאָס שליסעלע און עס פאַלט אַרייַן אין גראָז — בלייַבט שוין איר טאַטע אויף אייביק אַ געפאַנגענער...

אַן אַנדער מאָל, אין אַן אַנדער חלום קומט דער טאַטע אַליין אַהיים. ער נעמט אַרויס איר בעטל פון הינטערן פּירהאַנג, און ברענגט עס צוריק אין דער מאַמעס שלאָפשטוב. זי הערט ווי ער רופט: זי־סע־לע! זי־סע־לע! די מאַמע לאַכט. לויפט זי אַראָפּ פון בעט, האַלב אין שלאָף, האַלב אין חלום. זי לויפט אַנטקעגן דעם טאַטנס קול, דער מאַמעס געלעכטער. זי לויפט צו צום גרויסן בעט און בלייַבט שטיין אַ צעטומלטע. בייַ דער שייַן פון נאַכטלאָמפּ זעט זי איר מוטער אין די נאַקעטע אָרעמס, פון אַ רויט־באַבערדלטן מאַן, וועמען זי האָט פריִער קיין מאָל ניט געזען.

— וואָס טוסטו דאָ אין מיטן נאַכט? — בייזערט זיך די מאַמע. זשיזעל ענטפערט ניט. זי דרייט זיך אויס און לויפט צוריק צו איר בעטל הינטערן פּירהאַנג. זי איז שוין מער ניט קיין קינד. זי איז איבער נאַכט געוואָרן אַ גרויסע.

און אַז מ׳איז גרויס, מוז מען אויך פאַרשטיין וואָס מ׳האָט קליינער־הייט ניט באַנומען. זי האָט למשל ניט פאַרשטאַנען, אַז ניט אַלע מאָל

לאַכט איר מוטער דערפאַר ווײַל ס׳איז איר אַזוי פריילעך אויפן האַרצן. עס טרעפט גאָר אָפט, אַז זי לאַכט און וויינט אין דער זעלביקער צײַט. עפעס ווי זי וואָלט געלאַכט פון איר געוויין, און געוויינט פון איר געלעכטער...

דער מאַן וועמען די מאַמע רופט פיל, האָט אַ רויטע באָרד און ברוינע פּאַטלעס. ער שפּילט אויף זײַן גיטאַרע און זינגט אונטער צום טאַקט. קיין סך מלבושים האָט ער נישט. דאָס וואָס ער האָט, האַלט ער אין זשיזעלס קליידערשאַנק. דער שאַרפער ריח פון זײַנע מלבושים טראָגט זיך אַריבער אויף אירע קליידער. דער ריח זײַנער קריכט אַרײַן אין אירע ביכער, אין אירע העפטן. זי זיצט אין קלאַס און טרײַבט פון זיך דעם ריח. זי הערט ניט רעכט וואָס די לערערין זאָגט. איר קאַראַפּוזע פּנים איז געוואָרן בלייך, אויסגעצויגן. די קאַנטורן שאַרפער, די אויגן אָפענער, ווי זיי וואָלטן זיך אָנגעשטרענגט צו דערבליקן די אומבאַקאַנטע רעאַליטעט.

זי איז אַלט געוואָרן דרײַצן יאָר. איר גוף, הונגעריק נאָך צערטלעכקייט, האָט אַרויסגעלאָזט בילדער, וואָס האָבן געפּישופט און געשראָקן אין דער זעלביקער צײַט. איר טאַטע דער פּליער, מיט די מעדאַלן, האָט אָפט געטיילט איר געלעגער. זי האָט געפילט זײַן נאָענטקייט פון אַזאַ מהלך, וואָס איז אוממעגלעך צו דערגרייכן. אויך פיל האָט גאַסטראָלירט אין אירע חלומות. דער טויטער פון איין זײַט, דער לעבעדיקער פון דער צווייטער. און זי אין מיטן, אין שרעק פאַרן לעבן און נאָך מער פאַרן טויט.

ווען זשיזעל קומט אַהיים פון דער שול, איז איר בעטל שוין פאַרבעט, דער טיש אָפּגערייניקט, גרייט מיט טעלער, לעפל, מעסער, גאָפּל, טייל מאָל אויך מיט אַ פלעשל ווײַן און אַפילו אַ לעבעדיק בלימל. פיל האָט ניט קיין באַשטענדיקע באַשעפטיקונג. ער זינגט און שפּילט אויף זײַן גיטאַרע אין ביליקע קנײַפּעס. ער שפּילט אויך אויף פּריוואַטע הוליאַנקעס, וווּ נאָר מען פאַרבעט אים. דעם טאָג ווען די טאַטעס קומען אין שול אַרײַן אָפּנעמען אַ באַריכט וועגן זייערע קינדערס דערגרייכונג, שטעלט זיך פיל אַרײַן אומגעבעטענערהייט. די לערערין פרעגט ניט קיין קשיות. די קינדער ווילן דווקא וויסן פאַר וואָס איר נאָמען איז שוואַרץ, ווען איר טאַטנס נאָמען איז מעקניעל? מיט דער סאָפיסטיקאַציע פון אַ דערוואַקסע־נער, דערקלערט זשיזעל, אַז פאַר אַן אַרטיסט איז מעקניעל מער געוויינטש.

פיל העלפט דער לערערין צונויפשטעלן אַ שפיל פאַר די קינדער. די שפיל איז אַ הצלחה. זי נעמט אויס סײַ בײַ די עלטערן, סײַ בײַ די קינדער. מיידלעך חנדלען זיך צו אים. זיי זוכן זשיזעלס פרײַנדשאַפט, כּדי צו זײַן נענטער צו אים. זשיזעל איז גרייט זיי צו העלפן. זי האָט איר אייגענע אויסרעכענונג; אפשר וועט אים עמעץ אָפּציִען פון איר מאַמען, און אויך פון איר אַליין. וואָס מער אויפמערק פיל שענקט איר, אַלץ גרעסער איז איר אָפּנייג צו אים. זי קאָן ניט פאַרטראָגן זײַן איבערגעטריבענע גוטקייט, זײַן אונטערטעניקייט. ווען ער טראָגט איר צו אַ גלאָז מילך, וויל זי עס דווקא ניט טרינקען. זי קאָן ניט לײַדן ווען ער לייגט צונויף אירע זאַכן, קוקט איבער איר היימאַרבעט. עס פאַרדריסט זי וואָס ער פירט זיך מעשׂה בעל־הבית. ניט בלויז האָט ער צוגענומען איר טאַטנס ווײַב, שלאָפט אין זײַן בעט, נאָר ער נעמט אויך איבער איר טאַטנס חוב. די מחשבות פלאָגן זי סײַ בײַ טאָג און סײַ בײַ נאַכט. אין חלום זעט זי פילן ווי אַן אַרטיסט, אַ פילם־שטערן. ער נידערט אַראָפּ צו איר פון פאַרנעפלטע הייכן. זי פילט זײַן ריח אויף איר קישן. זײַנע האָר ווי שלאַנגען וויקלען זיך אַרום איר לײַב, רירן אָן אירע אינטימע ערטער. זי פּרוווט אַנטלויפן און פאַלט פון אַ הויכן באַרג אין תּהום אַרײַן. פון אונטערן באַרג לויפט אָ אַ הינטל. דאָס איז עני, דער יתומהס הינטל. עני זינגט:

”Tomorrow, tomorrow, I’ll love you tomorro”.

זשיזעל האָט שוין געזען Orphan Annie צוויי מאָל אין טעאַטער און איין מאָל אין קינאָ, זי זיצט אויף איר בעטל מיט אַ בוך אין די הענט און טראַכט פון איר חלום. זי הערט ווי פיל פרעגט די מאַמען:

— ביסט שוין געווען בײַם דאָקטער?

— יאָ.

— און וואָס?...

— דאָס וואָס כ׳האָב פריִער געהאַט אַ חשד.

— טאָ וואָס האָסטו געוואַרט אַזוי לאַנג?

— כ׳האָב ניט ליב אַז מ׳שטעלט מיר צו פיל שאלות.

— און איך האָב ניט ליב אַז מ׳שטעלט מיך פאַר אַ געשעענעם פאַקט.

— די ברירה איז בײַ דיר. דו קענסט גיין. איך בינד דיך ניט.

— צו דײַן מאַן האָסטו אויך אַזוי גערעדט?

— מייַן מאַן האָט געאַרבעט. דו לעבסט נאָך אַלץ אויף זייַן פּענסיע. טויטערהייט איז ער נאָך אַלץ מער מאַן פון דיר.

זשיזעל האַלט דעם קאָפּ אין בוך פאַרבאָרגן, נאָר הערן הערט זי מיט אַלע אירע וואַכע אברים. זי הערט מיט די שפּיץ פינגער פון אירע הענט, מיט די וואָרצלען פון די האָר. איר יעדער נערוו איז אָנגעצויגן. דאָס האַרץ פּויקט. פיל לויפט אַרויס, מיט אַ זעץ אין טיר. די מאַמע וויינט. דאָס עסן אין אויוון ברענט. דער רויך שטיקט. די מאַמע לעשט אויס דאָס פייַער. פיל קומט צוריק. אַלע עסן שווייַגנדיק.

די בענקשאַפט נאָכן טאַטן וואָס האָט פאַר אַ לאַנגער צייַט געדרימלט, איז ראַפּטעם אויפגעשטאַנען פון הינערפלעט. די מעדאַלן אויף זייַן מונדיר האָבן זיך ווידער אָנגעצונדן. „ער איז נאָך אַלץ מער מאַן פון דיר!״ — די ווערטער שטראָמען פון דער מאַמען צו איר, פילן זי אָן מיט שטאָלץ. איר פאַרדראָס אויף דער מאַמען ווערט ווייכער, לייזט זיך אויף אין אַ רחמנות־געפיל. זשיזעל וואָלט זיך געוואָלט דערנענטערן צו איר, איז זי שוין אָבער צו ווייַט אַוועק. זי ווייסט אַז די באַריערע קאָן מען מיט ווערטער ניט אָפּווישן. און ליבע פאַר איר האָט זי ניט. זשיזעל קוקט און זעט ווי איר מאַמע ווערט ברייטער פון טאָג צו טאָג. זי ווערט אויך טרויעריקער. אין אירע שוואַרצע האָר וויַיזן זיך ווייַסע פעדעם. דער קריג צווישן איר און פילן גייט אָן כסדר. ער גייט אַוועק אין די אָוונטן, און ווען ער קומט צוריק, טרעפט ער די טיר פאַרשלאָסן. ער מאַכט ניט קיין סקאַנדאַלן. ער ציט זיך אויס אין קאָרידאָר, שפּאַרט אָן דעם קאָפּ אויף דער גיטאַרע און שלאָפט ביז וואַנען די מאַמע עפנט די טיר צו גיין צו דער אַרבעט.

— פאַר וואָס גייסטו ניט אַוועק פון דאַנען? — פרעגט אים זשיזעל.

— זעסט דאָך אַז מייַן מוטער וויל דיך ניט. טאָ וואָס זשע האַלט דיך דאָ?

— דו! — ענטפערט פיל, און קוקט איר גלייַך אין די אויגן.

— איך?

— יאָ, דו! איך האָב דיך ליב זשיזעל, מיט אַ ליבשאַפט וואָס איז שטאַרקער פון אַלע באַליידיקונגען, דערנידעריקונגען, שטאַרקער פון יעדן קרבן וואָס איך מוז ברענגען, שטאַרקער אַפילו פונעם טויט. אונדזערע מזלות זענען אַזוי פאַרפּיקסירט, אַז קיינער קאָן אונדז ניט צעשיידן. מיר

וועלן אַוועק פון דאַנען. ווײַט פון דײַן טאַטנס שאָטן און פון דײַן מאַמעס יאָך. בײַ מיר ביסטו אַ הייליקע, זשיזעל. איך דערוועג זיך ניט אָנצורירן דײַן האַנט, אויס מורא פאַר דעם כּישוף פון דײַן גוף.

פיל צעווײנט זיך. ער ווישט די אויגן מיט די נאַקעטע הענט. זײַן רויטע באָרד ציטערט. ער לאָזט זיך אַראָפּ אויף די קני. איר דאַכט זיך, אַז ער גייט זיך צלמען, דרייט זי זיך אַוועק. אויך איר באַפאַלט אַ טרויער. אויך זי וויל וויינען. אָבער ניט פאַר אים. אים וויל זי מער ניט זען. זי וויל מער ניט זען די שטוב, דאָס בעטל, דעם פירהאַנג, די מאַמען און דעם יורש וואָס זי טראָגט אונטערן האַרץ.

יענע נאַכט האָבן קאָשמאַרן אָן אַ סוף זי געמאַטערט. אַט האָט זיך די מאַמע אַראָפּגעוואָרפן פון פענצטער... דער טאַטע איז אַהיים געקומען און געטראָפן פילן בײַ דער מאַמען אין בעט... האָט ער זיי ביידן דער־הרגעט. אויך אויף איר האָלט ער דעם רעוואָלווער אָנגעשטעלט... „ניטע, טאַטע, שרײַט זי מיט אַ געליימטער צונג...״ זי זעט ניט זײַן פּנים. זי זעט זײַנע מעדאַלן, גרויס און גאָלדיק, ווי זונען. „איר זענט אַלע שולדיק!״ — שרײַט ער פון אַ הילכער אַרויס. „אויך דו, דײַן דייוויד, איר אַלע, אַלע!״

ווי קומט דייוויד אין איר חלום? — פרעגט זיך זשיזעל שוין אין גאַנצן אַ וואַכע. זי זעצט זיך אויף. דאָס ליכט פון גאַסנלאָמפּ שטעכט איר אין די אויגן. דרייט זי זיך איבער צו דער וואַנט. זי טראַכט דאָך אַזוי זעלטן וועגן אים, פּלוצעם קומט ער גאָר קאַפּויער אין חלום. זיי זענען קיין מאָל ניט געווען מער ווי פאַרעוועע פרײַנד. זיי שמועסן ווען זיי טרעפן זיך צופעליק אויפן ספּאָרטפּלאַץ. דייוויד נעמט ניט קיין אָנטייל אין די שפּילן. אַן אַקצידענט האָט פאַרקריפּלט זײַן רעכטן פוס. ער פאַרמאָגט אַ פײַנעם חוש פאַר הומאָר. שפּאַסן זיי צוזאַמען. זי פרעגט אים: וואָס מאַכט דײַן שוועסטערל פון דײַן שטיפמאַמעס זײַט, און דאָס ברודערל פון דײַן מאַמעס נײַעם מאַן?ביידע לאַכן. ליגט זי אַזוי און טראַכט: אפשר ווייסט דער חלום בעסער? אפשר ווייסט ער וואָס זי ווייסט ניט. טראַכט זי אַזוי ביז זי שלאָפט ווידער אײַן.

ווען זי עפנט די אויגן, שטייט די מאַמע בײַ איר בעט. זי האַלט אַ טעלעגראַמע אין דער האַנט: „שטיי אויף דאַרלינג — זאָגט זי — מיר

פאָרן היינט קיין וואַשינגטאָן. זיי האָבן אים שוין צוריקגעבראַכט, דיין טאַטן, אין אַ קאַסטן".

זשיזעל פרעגט ניט קיין שאלות. שוין אַ לענגערע צייט ווי זיי דער־וואַרטן אים. זי לויפט אַריין אין וואַשצימער, וואַשט די האָר. פוצט די נעגל. דאָס שענסטע קלייד איז נאָך אַלץ ניט גענוג צו באַגלייטן איר טאַטנס לוויה. זשיזעל איז אויפגערעגט, אָבער ניט טרויעריק. זי געדענקט דעם חלום, נאָר זי וויל אים ניט טייטשן. זי וויל אויך ניט הערן וואָס דאָס האַרץ האָט צו זאָגן. זאָל עס פויקן, ווער אַרט עס? היינט איז זיין טאָג. פאַר אים וויל זי היינט זיין שיין, ווי נאָך קיין מאָל ניט פריִער. זי וויל געפעלן איר טאַטן אין קאַסטן. ווער ווייסט, אפשר וועט זי נאָך איין מאָל הערן: זי־סע־לע, זי־סע־לע... אויך די מאַמע שמירט די ליפּן. זי פאַרבט די באַקן, שטרייכט אונטער די אויגן.

די נסיעה קיין וואַשינגטאָן שלעפּט זיך. ביי יעדער סטאַנציע שטעלט זיך די באַן אָפּ. דאָס בייטן זיך פון דער לאַנדשאַפט רייסט איבער די געדאַנקען און פרישט אַ ביסל אָפּ דאָס שווערע געמיט. מוטער און טאָכטער רעדן ניט צווישן זיך. זיי קוקן אַרויס דורכן פענצטער, איטלעכער פאַר זיך, אין איר אָפּגעזונדערטער אַליינקייט.

אין וואַשינגטאָן וואַרט שוין אויף זיי אַ רעזערווירטער האָטעל־צימער, אויף די הוצאות פון אָנקל סעם. אויך דער נאַכטמאָל איז אַ באַצאָלטער. אין דער לאָבי דרייען זיך אַרום הויכע מיליטער־לייט. זשיזעל דערקענט זייער ראַנג לויט די מעדאַלן. וואָס ווייסער די האָר אויפן קאָפּ, אַלץ מער מעדאַלן.

די מאַמע זעט אויס מיד. זי זיצט אויף אַ סאָפע און בלעטערט אַ זשורנאַל. זשיזעל באַטראַכט זי פון דער זייט. האָט זי ליב געהאַט דעם מאַן וואָס ליגט איצט אין קאַסטן? אָדער איז זי דער סאָרט מענטש וואָס איז ניט פעיִק ליב צו האָבן? זי זעט אויס צעשטרייט. זי מישט די בלעטער אַהין און צוריק. זי טראָגט אַ שוואַרץ קלייד און אַ בלויע אייבערבלוזקע. זשיזעל זעט ווי דער פליִער וועמען זי האָט שוין פריִער באַמערקט, דערנענטערט זיך צו איר מוטער. ער רעדט עפּעס צו איר. זי שטעלט זיך אויף און פאַלט אַריין אין זיינע אָרעמס. זי גראָבט איין איר פּנים אויף זיין אַקסל. ער קלאַפּט איר צערטלעך אויף דער פּלייצע. זיי שטייען

אַזוי אַ ווײַלע, דערנאָך זעצן זיי זיך אָוועק איינער לעבן צווייטן. זיי שמועסן פאַרטרוילעך. די מאַמע ווישט די אויגן. זשיזעלס האַרץ שטעלט זיך אָפּ. דער ריטעם רײַסט זיך איבער. טויזנט גלעקער קלינגען אין די אויערן. זי ווייסט, אַז דאָס קאָן ניט געמאָלט זײַן — און דאָך, געווינט די פאַנטאַזיע די אייבערהאַנט. דער שׂכל־הישר ציט זיך צוריק, אויף איין רגע בלויז — אַ טעות, אַ טעות, די סטאַטיסטיק האָט געמאַכט אַ טעות. זי בלײַבט שטיין פאַר דעם פליער ווי אַן אײַנגעמויערטע סטאַטוע: „באַקעז זיך, טײַערע, מיט מאַזשאַר סילווער, דײַן טאַטנס קאַפּילאַט און בעסטער פרײַנד".

זשיזעל דערלאַנגט אים אירע קאַלטע, שטײַפע פינגער. איר פּנים — אַ מאַסקע. די אויגן ברענען. „איז דאָס זי־סע־לע?" — פרעגט דער מאַזשאַר מיט אַ שטים וואָס האָט אין זיך אַלע עלעמענטן פון באַשערטקייט: זילבערנע גלעקעלעך, גאָלדענע קייטעלעך, דאָס געלעכטער פון טויטע און דאָס געוויין פון לעבעדיקע. זשיזעל ציטערט. דאָס איז די רגע פון דערקענטעניש. אויף דער רגע האָט זי אַ לעבן־לאַנג געוואַרט. זי וויל צופאַלן צו זײַנע פיס, פאַרבאַרגן דאָס פּנים אין זײַן שויס און לאָזן אירע געפילן שטראָמען צו אים, אין האַרץ אַרײַן. זי וויל רעדן, פרעגן, דער עיקר, וויינען. דער כּאַאָס אין איר לאָזט זיך אָבער ניט צוימען. לויפט זי אַרויף צו זיך אין צימער, פאַלט אַרויף אויפן בעט. זי ליגט אַזוי לאַנג מיטן קאָפּ אין קישן פאַרגראָבן, ביז די מוטער קומט אַרויף. דעמאָלט שטייט זי אויף. זי מאַכט צו רעכט אירע האָר, גלײַכט אויס דאָס קליידל. איצט, אָדער קיין מאָל ניט מער. זי טרעפט דעם מאַזשאַר זיצן אין באַר. זי בלײַבט שטיין און באַטראַכט אים פון הינטן. זײַן פּלייצע איז ברייט. די אַקסלען הויך. קורץ־געשוירענע בערשטלהאָר פון אומבאַשטימטן קאָליר. מסתּמא האָט איר טאַטע אַזוי אויסגעזען, ווען ער האָט צום ערשטן מאָל באַגעגנט איר מאַמען. זי טאָר די געלעגנהייט ניט אַדורכלאָזן. זי ווייסט אַז דער גורל קלאַפּט נאָר איין מאָל אין טיר. אירע געדאַנקען דרייען זיך ווי אַ ווירבער. איר מוח אַרבעט. דאָס האַרץ וואַקסט. זי איז גאַלע האַרץ. אַלץ אין איר שרײַט: דאָס איז ער! איר טאַטע האָט אים אַהער געשיקט. דאָס איז זײַן ווילן, און זי מוז אים אויספירן. אויב ער האָט אַ ווײַב, וועט זי ווערן זײַן געליבטע. אויב ער איז אַ פרײַליידיקער, וועט זי ווערן זײַן ווײַב.

איר צעגליטערט בליק טרעפט דעם מאַזשאַר אין רוקן. ער דרייט זיך אויס צוזאַמען מיט דער טאַבורעטקע. ער קוקט זי אָן מיט אָפענעם חידוש. ווי גיך די יאָרן לויפן, טראַכט ער. נײַע דורות אײַלן די אַלטע אַרויס־צושטופן, פרײַ מאַכן דעם וועג. דאָס מיידעלע וואָס ער האָט געקענט פונעם בילד, איז איצט אַ דערוואַקסענע. ער זעט ווי אירע בריסטלעך שפּאַרן פון אונטערן סוועטער אַרויס. זי האָט איר טאַטנס פײַערדיקע אויגן, די פולע אָפענע ליפּן. אים דאַכט, אַז ער וואָלט זי דערקענט אַפילו איז דער פינצטער. ער שטעלט אַראָפּ איין פוס, דערנאָך דעם צווייטן. ער טוט עס פאַרזיכטיק, גלײַכט זיך אויס, דערנעענטערט זיך צו איר:

— שוין געגעסן אָונטברויט? — פרעגט ער. ניט וואַרטנדיק אויף אַן ענטפער, נעמט ער אָן איר אָרעם און פירט זי אַרײַן אין עסצימער. זיי זיצן איינער קעגן צווייטן. ער באַשטעלט אַ טרונק. זשיזעל נעצט אײַן די ליפּן. דער טרונק איז זויער. רייד קומען ניט גרינג. זשיזעל טונקט ווידער אײַן די ליפּן. אַלץ אין איר שוימט, פּלייצט אַריבער דעם ברעג:

— איר האָט אַ פאַמיליע? — פרעגט זי אין איין אָטעם, ווי זי וואָלט זיך געאײַלט אויסצולאָדן אַן איבערגעפּאַקטן באַגאַזש.

דער מאַזשאַר איז איבעררעאַשט און אַפילו געטראָפן פון דעם מיידלס דערוועגטקייט. ער טראַכט נאָך אַ ווײַלע:

— איך בין אַ געגטער — ענטפערט ער קורץ.

— און קינדער האָט איר? — פרעגט זי ווײַטער, האַלטנדיק זײַן בליק.

יאָ, ער האָט צוויי קינדער. ביידע לעבן מיט זײַן געוועזענער ווײַב.

— טראַכט איר נאָך אַ מאָל חתונה צו האָבן?

וואָס איז דאָס פאַר אַן אויספאָרשונג? — טראַכט דער מאַזשאַר. עס פאַרדריסט אים איר חוצפּה און דאָך ענטפערט ער ווי ער וואָלט טאַקע געזעסן אויף דער אויספאָרשונג־באַנק.

— מכּוח אַזעלכע זאַכן מאַך איך ניט קיין באַשלוס. איך האָב נאָך פינף יאָר אין דער לופטפלאָט, דערנאָך וועל איך זען וואָס איך האָב צו טאָן?

זשיזעל פּלאַצט אַרויס מיט אַ הויכן געלעכטער:

— What a Coincident! — רופט זי אויס — אויך איך האָב פינף יאָר צו שטודירן. איין יאָר אין מיטלשול, פיר יאָר אין קאַלעדזש.

זשיזעל זעצט זיך איבער לעבן אים. זי גלעט זײַנע מעדאַלן, צו ערשט מיט די פינגער, דערנאָך מיט די ליפּן. דער ריח וואָס גייט אויף פון זײַן מונדיר, דערמאָנט זי אין עפּעס. זי האָט שוין אַ מאָל געפילט דעם ריח. זי קאָן זיך אָבער ניט דערמאָנען ווו. מאַכט זי צו די אויגן. פאַר איר גייט אויף אַ קינאָזאַל. אויפן עקראַן לויפט אַ בילד פון די פאַרצײַטיקע מאַיאַס. האַלב־נאַקעטע מענער גרייטן אַ פײַער, מקריב צו זײַן אַ קרבן צו זייער אַלטן גאָט. דער קרבן איז אַ יונגפרוי, נאָך כּמעט אַ קינד. ווײַבער טאַנצן. עס פּײַקלען פּויקן. מען לייגט אַרויף דאָס מיידל אויפן ברענענדיקן שײַטער־הויפן. זי ווערט זיך ניט. דאָס האַלץ אונטער איר ברענט. דער רויך אויפן לײַוונט פילט אָן זשיזעלס לונגען. זי פאַרגייט זיך אין אַ ווילדן הוסט. זי קאָן זיך ניט קאָנטראָלירן, פירט מען זי אַרויס.

איצט פילט זי דעם זעלבן ריח. ער שטיקט ניט. ער פילט אָן אירע אויגן מיט אַ הייסער פליסיקייט.

— האָסט אַ בוי־פרײַנד ? — פרעגט דער מאַזשאָר.

זשיזעל קוקט אים אָן, ווי זי וואָלט נאָר וואָס צוריקגעקומען פון אַן אַנדער וועלט.

— איך וויל ניט קיין בוי־פרײַנד, איך וויל אַ מאַן־פרײַנד, איך וויל דיך !...

דער מאַזשאָר ענטפערט ניט. ער נעמט איר האַנט און לייגט זי צו צו זײַן ליבקער היפט.

— וואָס פילסטו, קינד ? — פרעגט ער מיט אַן ערנסטער שטים.

— איך פיל דיך — ענטפערט זשיזעל.

— ניין, טײַער מיידל, דו פילסט ניט מיך. דו פילסט דעם פּראָטעז. די קאַלטע שטאָבע אײַזן וואָס האַלט מיך אונטער. ניין טאָכטער, דו ווילסט ניט קיין מאַן וואָס איז פאַראַליזירט. דו ביסט יונג און איך בין אימפּאָטענט.

די פײַערווערק וואָס האָבן זיך ערשט פאַרמאָסטן קעגן הימל, האָבן זיך ראַפּטעם אויסגעלאָשן. די פּײַקעלעך און די גלעקעלעך, די פײַפעלעך און די טרילעכלעך זענען פאַרשטומט געוואָרן. נאָר דער רויך פון די פאַרצײַטיקע קרבנות האָט נאָך לאַנג געשטיקט, לאַנג נאָך דעם ווי זיי האָבן זיך געזעגנט, מיטן צוזאָג זיך צו טרעפן אויפן טאַטנס לוויה...

מיט נעכטיקע און הײַנטיקע שכנים

מען זאָגט אַז ווען אַן עלעפאַנט דערפילט אַז זײַן סוף איז נאָענט, שיידט ער זיך אָפּ פון דער סטאַדע און ציט אַוועק צו אַן אָפּגעזונדערט אָרט, איבערצוענטפערן זײַן נשמה צו זײַן עלעפאַנטישן גאָט. דער מענטש גיט זיך אַזוי לײַכט ניט אונטער. פון דעם אומפאַרמײַדלעכן סוף, מאַכט ער אַן אין־סוף. ער באַרגט אויס דאָס שקיעה־גאָלד בײַ די ווינטער־הימלען און באַצייכנט די עלטער ווי די גאָלדענע יאָרן.

מיט אַזאַ גאָלדענער פּערספּעקטיוו פאַר די אויגן, האָבן מײַנע לאָנג־יאַריקע שכנים פאַרקויפט זייערע הייזער, דאָס מעבל, די פוטערנע מאַנט־לען און די וואַטענע פּיזשאַמעס. זיי האָבן איבערגעלאָזט די קינדער, די אייניקלעך און אַוועקגעצויגן, ניט צום עלעפאַנטס אָפּגעזונדערטקייט, נאָר צו די גערדיכט באַזעצטע קאָנדאָמיניומס אין דער אייביק־זומערדי־קער פלאָרידע. דאָרט איז יעדער שווימבאַסיין אַ מין פאָנס־דע־לעאָן פאַר־יינגערונגס־קוואַל. די דזשונגל מוזיק פּויקט דאָרט כסדר און פירט די גלייביקע אויף צוריק.

איך האָב ליב געהאַט מײַנע שכנים. נאָך יאָרן צוזאַמענלעבן זענען זיי געוואָרן אַ טייל פון מײַן טעגלעכקייט. בײַ דער שכנה פון דער רעכטער זײַט הויז האָב איך זיך אויסגעלערנט צוגרייטן קעלבערנע ציגעלעך אין זיס און זויערן. אויך וויאַזוי צו באַקן אַ קעז־קוכן אָן קעז. זי איז שוין געווען אַן אײַנגעפונדעוועטע בעל־הביתטע מיט דערוואַקסענע קינדער, אין דער צײַט ווען איך האָב ערשט אָנגעהויבן. איך בין אַרײַנגעפאַלן אין דער געגנט ווי אין אַ פרעמד לאַנד. כאָטש דער מהלך פון ניו יאָרק קיין לאָנג־אײלאַנד נעמט ניט מער ווי פון לאָנג־אײלאַנד קיין ניו־יאָרק, בין איך אַהין קיינמאָל ניט דערגאַנגען. ס'האָט געמוזט קומען אַן אלמן מיט אַ געניצט רינגל, עס אָנטון אויף מײַן פינגער, אין אַ רעגנדיקער נאַכט מיך אַרײַנזעצן אין זײַן אויטאָ און מיך ברענגען אין זײַן הויז, בײַם ברעג ים.

מיר זענען געזעסן איינס נעבן ס'אַנדערע. ער ביים רעדל, איך אין דער זייט. קיין געריידט צווישן אונדז איז ניט אָנגעגאַנגען. דער רעגן האָט געוואַשן די שויבן, געפּויקט אין דאַך. פון מאָל צו מאָל האָט אַ בליץ אויפגעריסן די נאַכט און נאָך אים אַן אויסגעצויגענער דונער.

אין הויז איז געווען פינצטער און קאַלט. דער מאַרצאָווער שטורעם האָט איבערגעריסן די עלעקטרישע דראָטן. מיר האָבן זיך אויסגעטון אין דער פינצטער און אין דער פינצטער אַריין אין בעט. ס'איז געשען וואָס ס'האָט געדאַרפט געשען. נאָך דעם איז ער גלייך איינגעשלאָפן. איך בין געלעגן מיט אָפענע אויגן, געזען ווי דער רעגן האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ שניי. צווישן מיר און אים האָט געגעסטיקט יענערס שאָטן. שאָטנס זענען שוין פון לאַנג געווען מיינע בעסטע פריינד. האָב איך זיך צוגע־טוליעט צו איר און מיטן טאָג־גלייך איינגעשלאָפן.

צומאָרגנס איז דער הימל געווען אויסגעוואַשן בלוי. אַ נאַקעטער בוים האָט אַריינגעקוקט אין פענצטער. זיין שאָטן אויפן ווייסן שניי האָט פאַרנומען כמעט דעם גאַנצן הויף. פון ווייטנס האָט גערוישט דער ים. אַ ווייסער פויגל האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ נאַקעטער צווייג און באַלד ווידער אָוועקגעפלויגן. וויאַזוי וועל איך זיך צופּאַסן צו אַזאַ אָפּע־נעם הימל, צו אַזאַ ברויזנדיקן ים, האָב איך געטראַכט.

אין שטאָט האָב איך דעם הימל ניט געזען. די פענצטער פון יענער דירה האָבן געפירט צו אַ בלינדער וואַנט. בלומען אוןביימער האָב איך געקענט פון די טאַפּעטן אויף די ווענט. ווען איך האָב צום ערשטן מאָל דערזען אַ מאַיאָווע בלימל אַרויסקריכן פון אונטערן שניי, האָבן זיך מיינע אויגן אָנגעפילט מיט טרערן. איך בין אַריין אין הויז, געכאַפּט אַ דעק צו באַשיצן דאָס צאַרטע געוויקסל פונעם אייז־קאַלטן ווינט. דעמאָלט איז ווי פון אונטער ד'ערד אויסגעוואַקסן מיין שכנה פון דער לינקער זייט הויז.

„ניטע, טוט עס ניט. מיט אייער רחמנות וועט איר עס דערשטיקן. זאָרגט אייך ניט. אָט דאָס נעבעכדיקע שפּראָצל ווייסט גענוי וואָס עס טוט. עס ווייסט אַז זיין צייט איז איצט, שוין. נוצט עס דעם היינט צו באַפעסטיקן דעם מאָרגן. שניי און ווינט האַלטן עס ניט אָפּ. ניטאָ קיין צייט צו וואַרטן. די קונץ, מיין טייערע שכנה, איז אויסצונוצן די צייט

אין דער זון. די פלאַנצן ווייסן עס, כאָטש זיי זענען אין שול אַריַין ניט געגאַנגען".

איך האָב געקוקט אויף מײַן שכנה ווי אויף אַן אָפּענעם בוך, אָנגע־פּראַפּט מיט וויסן.

„שרעקט אײַך ניט", האָט זי ווײַטער געזאָגט. אַ ברייטער שמייכל האָט אָפּגעדעקט אירע געלע ציין. „איר ווילט וויסן וויאַזוי זיך צו פירן, רעאַגירן? גייט מען אַרײַן אין סופּערמאַרקעט, טאַקע דאָרט ווו איר קויפט אײַן פּעטרושקע צו פאַרבראָקן די יויך. דאָרט קאָנט איר אײַנהאַנד־לען אַ גאַנצן קויבער מיט וויסן. איר דאַרפט ניט גיין צום עץ־הדעת. פאַר איין איינציקן דאָלער קריגט איר אַ ביכעלע, וואָס לערנט אײַך די חכמות־העולם. קוועלט אײַך עפּעס, פאַרלוירן דעם צוטרוי צו זיך אַליין? קויפט מען אַ ביכעלע. ווילט איר דערגיין די סודות פון אונטערן איבער־בעט, קויפט מען אַ ביכעלע. די ביכעלעך זענען צוגעפּאַסט פאַר יעדן עלטער, אויך גרינג צו טראָגן אין קעשענע, אָדער האַנטבײַטל. איר קאָנט עס אַפילו מיטנעמען צו אַ פּאַרטי. עס פעלט אַ מאָל אויס אַ בליציק וואָרט, אַ זאָג וואָס זאָל אויסנעמען, מישט מען אויף דאָס ריכטיקע זײַטל און די ווערטער קומען אײַך גלײַך אין מויל אַרײַן".

איך האָב זיך אָנגעלענט אויף מײַנע שכנטעס ווי אויף צוויי באַזונ־דערע קוליעס. די עצות וואָס אײנע האָט געגעבן, האָט די צווייטע צו נישט געמאַכט. די פון דער רעכטער זײַט האָט זיך מיט דער לינקער זײַט ניט פאַרטראָגן. „גייט ניט נאָך אירע דרכים", האָט זי מיך געוואָרנט. „זי איז אויף דער עלטער געוואָרן אַ „ליבער". זי האָט זיך שוין באַפרײַט פון צוויי מענער. איצט ווינט זי מיט אַ דריטן אויף פּראָבע".

להיפּוך צו דער שכנה פון לינקס, האָט די פון דער רעכטער זײַט געשפּרודלט מיט אויפריכטיקער וואַרעמקייט. זי איז געווען איינע פון די מאַמעס וואָס זענען שטעקן געבליבן מיט אַן איינגעבוירענער ליבשאַפט און האָבן זי ניט ווו אויסצולאָדן. אירע קינדער זענען געפאַלן אונטער דעם אײַנפלוס פון די וועגווײַזער וועלכע האָבן אַרויסגעשטופּט די ייִדישע מאַמע פון דער מאָדע. זי האָט דערפון אַ סך געליטן. איר איבערגע־געבנקייט וואָס אירע קינדער האָבן איר צוריקגעוואָרפן, האָט זי אומגע־בעטענערהייט אויסגעלאָדן אויף מיר.

ווען איך בין געוואָרן אַ מאַמע, האָט די שכנה פון דער רעכטער זײַט עס אָנגענומען פֿאַר אַ פּערזענלעכן נצחון. מיט יאָרן שפּעטער ווען איך האָב זיך געגעט, האָט די שכנה פון לינקס מיך הילכיק אַפּלאָדירט. „ענדלעך האָט איר אײַנגעזען אַז אַ פרוי איז ניט קיין סלוי אײַנגעמאַכטס אָנגעגרייט פֿאַר די מענער צו נאַשן. נישקשה, הײַנט קאָנען מיר זיך פאַרגינען אַליין אַ נאַש צו טון און ניט מורא האָבן פֿאַר דער עפּענט־לעכער מיינונג".

איך האָב נאָך אַלץ געשלונגען די פּאָפּולערע קעשענע־ביכעלעך. איך האָב געזוכט אַ וועג צו ווערן אַ מאַריאַ קאַלאַס, אַ גאָלדע מאיר, אַ באַרבאַראַ וואָלטערס. איך האָב אַזוי לאַנג געזוכט אין פרעמדע גערטנער, ביז איך האָב זיך אָנגעשטויסן אויף אַן אייגענעם קוואַל. אַ זאַפּאַס פון וועלכן איך האָב פריִער ניט גענוצט, האָט מיט אַ מאָל גענומען קוועלן. פאַרשטויסענע שאַטנס האָבן אָנגענומען פאָרעם און זיך געשטעלט אויף אַ פּעדעסטאַל קעגן דער זון. איך האָב אויסגעליידיקט די קעשענעס פון די פּאָפּולערע ביכעלעך, פון די פּירער און פאַרפירער און אָנגעהויבן טרויען מײַן אייגענעם באַדאַרף. מײַן פרײַ געלאָזטע פאַנטאַזיע האָט געמאָלן בילדער פֿאַר מיר, רעטעניש וואָס האָבן זיך געלאָזט טײַטשן און פאַרטײַטשן. זיי זענען געקומען צו מיר אונטער פאַרשיידענע מאַסקעס, ווי זיי וואָלטן מיך וועלן אויספּרוּוון צי בין איך בכוח צו שטיין אויף די אייגענע פיס.

מײַנע שכנים האָבן זיך געזעגנט און אַוועקגעצויגן. יונגע מענטשן האָבן אָנגעפילט די אויסגעליידיקטע הײַזער. איך בין ניט אַנטקעגן גע־גאַנגען מײַנע נײַע שכנים מיט היימיש געבאַקענע ראָגעלעך, ווי מײַן פריִערדיקע שכנה האָט עס פֿאַר מיר געטון. איך האָב ניט געקאָנט און אויך ניט געוואָלט. איך האָב אײַנגעזען אַז פון ווײַטנס זענען מיר מענטשן נעענטער.

דאָס הויז פון דער רעכטער זײַט האָט איצט פאַרנומען אַ יונגערמאַן מיט באָרד און פאות. פון אונטער זײַן מאַרינאַרקע האָבן זיך געבאָמבלט ווײַסע ציצית. איידער ער האָט אַרײַנגעפירט זײַן הויזגעזינד אין דער נײַער היים אַרײַן, האָט ער אַרומגעצוימט דאָס הויז מיט אַ זעקס־פוסיקן פּאַרקן. דערמיט האָט ער ווי געוויזן דער דרויסנדיקער וועלט, אַז זײַן

הויז איז זײַן פּריוואַטער פּאַלאַץ. ערשט נאָכדעם ווי דער פּלויט איז שוין געשטאַנען אַ באַפעסטיקטער, האָט ער געבראַכט צו פירן זײַן ווײַב מיט דרײַ קליינע קינדערלעך; און ווי מיר האָט זיך געדאַכט — מיט אַ פערטן אונטערוועגנס. איך האָב זיי אָפּטמאָל געזען אַרײַנגיין און אַרויסגיין פון זייער שעווראָלעט. די ייִנגעלעך מיט יאַרמלקעלעך, פּאהלעך און ציצית. די מאַמע מיט אַ טיכל אויפן קאָפּ און מיט אַ מיידעלע בײַ דער האַנט.

דער שכן פון לינקס איז געווען אַ הויכער, אַ דאַרער, אַ קנאָכיק פּנים און בלאָנדע האָר. ער האָט אויסגעהאַקט די אַלטעביימער, צעאַקערט די ערד און פאַרזעצט גרינוואַרג פון אַלע מינים. צווישן די גרינסן האָט זיך אַרומגעדרייט אַ האָן און אַ ווײַסע הון. דער ווײַסער קאָליר האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן. סײַ ער, סײַ זײַן ווײַב האָבן זיך געקליידט אין ווײַסן. בעת ער האָט געאַרבעט אין גאָרטן, האָט ער געטראָגן אַ ווײַסן כאַלאַט, אַרומגעגאַרטלט מיט אַ שטריק. לאַנגע בלאָנדע פּאַטליעס האָבן פאַרשטעלט זײַן פּנים. זײַן ווײַבל, אַ קליינינקע, אַ שוואַרץ־האָריקע, איז אַרומגעלאָפן באָרוועס, אָנגעטון און אַ לאַנגן ווײַסן שלאַפראָק.

ס'איז געווען קאָנטיק, אַז דער ווײַסער קאָליר האָט אַ שייכות מיט עפּעס אַ קולט. די פרײַנד וואָס זענען געקומען צו זייער חנוכת־הבית, האָבן זיך געקליידט פּונקט ווי זיי: סאַנדאַלן אויף די באָקעטע פיס. די ווײַבער באַצירט מיט לאַנגע עקזאָטישע אויערינגען, בראַנזלעטן אויף הענט און פיס. ווען די געסט האָבן זיך אויסגעזעצט אויפן דיל, האָב איך אויך אַזוי געטון. די פיס אונטער זיך. די הענט אין שויס. די מעדי־טאַציע האָט זיך פאַרצויגן ביז אין דער נאַכט אַרײַן. איך האָב זיך אַפילו געפּרווט קאָנצענטרירן און בשום־אופן ניט געקאָנט אָנכאַפּן דעם מיסטע־ריעזן פאָדעם וואָס האָט זיי פאַראייניקט אין אַ מין הינערפּלעט.

איך האָב די שכנים פון ביידע זײַטן הויז פאַרבעטן אויף כיבוד. די פון דער לינקער זײַט הויז אָפּצוזאָלן אַ חוב, די פון דער רעכטער זײַט, אַלס זשעסט פון גוטן ווילן. איך האָב באַלד געשט דערוואַרט אַז דאָס חסידישע פּאָר פאָלק זאָל אָננעמען מײַן פאַרבעטונג. אַזוי איז עס טאַקע געווען. איך האָב זיי פאַרזיכערט אַז איך פאַרשטיי. איך אַליין האָב אויך אַמאָל אָפּגעהיטן כשרות. די שכנים האָבן דאַרויף ניט געענטפערט. די קינדערלעך אַרום זיי האָבן געקוקט אויף מיר מיט צעשײַנטע אויגן.

בין איך אַוועק און אײַנגעהאַנדלט באַרטאַנס כשר לפסח שאָקאָלאַד־מצות און זיי אָפּגעשיקט מיט דער פּאָסט דירעקט צו די קינדער.

אַ ייִנגעלע מיט רויטינקע פּאַהלעך, אַ ווייס־בלוי יאַרמיקל אויפן שפּיץ קאָפּ, איז געקומען מיר דאַנקען. ער האָט אויסגעבריִעט דעם דאַנק אין ריינעם מאַמע־לשון, זיס און באַטעמט ווי די כשרע שאָקאָלאַדקעלעך. „וואָס איז דײַן נאָמען, ייִנגעלע?" האָב איך געפרעגט. „יענקעלע", האָט ער געענטפערט. „און ווי אַלט איז יענקעלע?" „פינעף", האָט ער אַ זינג געטון און שוין געוואָלט אַנטלויפן. זײַן ייִדיש האָט מיך דורכגענומען, אויפגעוועקט אין מיר אַ בענקעניש נאָך פאַרשטומטע ייִדישע קינדער־לעך וועלכע לעבן בלויז אין זכרון.

„שטיי נאָך אַ ווײַלע, יענקעלע", האָב איך געבעטן, און בעת מעשה אָנגעריירט זײַן גאָלדן רויט פּאַהלע. „איך קאָן ניט", ענטפערט יענקעלע. „איך דאַרף גיין מיט מײַן טאַטן דאַווענען מינחה". — „וואָס אײַלסטו זיך, ס'איז נאָך פרי?" — „דער טאַטע האָט געזאָגט איך זאָל באַלד אַהיים קומען. מיר פאָרן קיין ברוקלין, צום רבין זאָל לעבן".

אַזאַ געזאַנג האָט אַפילו מײַן מאַיאָווע ריטשקעלע ניט געזונגען. איך האָב אים אַרויסבאַגלייט און נאָכגעקוקט ביז ער איז פאַרשוווּנדן הינטערן פּלויט. עס האָבן מיך מער ניט געאַרט די אָפּגעצוימטע שטאַכעטן. איך האָב געזען רויט־בערדיקע ייִדן טאַנצן הינטער געטאָ־מויערן מיט ספרי־תורות אין די הענט. אויף יענער זײַט וואַנט האָבן געהאַוקעט היִנט, זיי זענען אָנגעגאַנגען מיטן טאַנץ, ניט מפסיק געווען אין דעם עם־קשה־עורפדיקן ריקוד, וואָס האָט צונישט געמאַכט די שרעק פאַרן טויט.

די שכנים פון דער לינקער זײַט זענען געקומען צו מײַן מסיבה. איך האָב זיי אויפגענומען מיט פּסחדיקע לאַטקעס, ניס און ווײַן. איידער דער בלוי־אויגיקער יונגערמאַן האָט זיך צוגערירט צו די לאַטקעס, האָט אים זײַן חנעוודיק ווײַבל דערקלערט, אַז דאָס איז אַ טראַדיציאָנעל, ייִדיש מאַכל, ריין פון פלייש.

„איר זענט אַ וועגעטעריאַנער?" האָב איך געפרעגט. „ניין, איך בין ניט קיין וועגעטעריאַנער איך בין וואָס מ'קאָן אָנרופן אַ פּראָטעסטירער". — „אויב איר זענט ניט קיין וועגעטעריאַנער, טאָ קעגן וועמען פּראָ־טעסירט איר?"

„איך פּראָטעסטיר קעגן דעם סיסטעם וואָס האָט זיך גענומען דאָס רעכט צו פאַבריצירן פלייש עלעהיי פערד פּראָדוצירט אויטאָמאַבילן. היגער זענען ניט געמאַכט פון שטאָל. דאָס זענען לעבעדיקע ברואים ווי איך און דו. זיי זענען ניט קיין טעכנישע דערפינדונג. דער מענטש האָט ניט קיין רעכט זיי צו פאַרשפּאַרן אין אייזערנע שטייגן, אויסבריִען זייערע אייער אונטער עלעקטרישע לאָמפּן. איך עס ניט קיין הון וואָס האָט קיינמאָל די זון ניט געזען, פון גאָטס דרויסן ניט געגאָסן, ניט געפילט די ערד אונטער די פיס, ניין איך בין ניט קיין וועגעטעריאַנער. איך עס פלייש פון מיַין אייגענער ביקס".

„דאָס מעג מען יאָ?"

„איך ווייס נישט צי מ'מעג, ס'איז אָבער נאַטירלעך. די ווילדע קאָטש־קע וואָס איך שיס אַראָפּ, קומט ניט פון קיין אינקובאַטאָר. זי קאָן די באַדינגונגען פון לעבן. זי קאָן די געפאַרן וואָס לויערן אויף איר. זי ווייסט די שפּיל פון כוח קעגן כוח, פון אָנגריַיפער און פאַרטיידיקער. די היגער דאַקעגן זענען ווי מענטשן אין קאָנצענטראַציע־לאַגערן, איר פאַרשטייט וואָס איך מיין?"

„עס טיַיערער", רופט זיך אָן דאָס ווייַבל. די לאַטקעס ווערן קאַלט. מיַין מוטער פלעגט סערווירן די לאַטקעס מיט עפּל־צימעס".

„ווו האָט איר זיך דערצויגן?" האָב איך געפרעגט, ניט אין גאַנצן פריַי פון הינטערגעדאַנקען.

„אין סאַן־פראַנציסקאָ". האָט זי געענטפערט.

„אייערע עלטערן ווינען דאָרט?" האָב איך וויַיטער געפאָרשט.

„יאָ, וואָס וויַיטער אַלץ בעסער".

„פאַרוואָס עפּעס?"

„דאָס איז אַ לאַנגע געשיכטע. זינט איך ווין מיט אים", זי האָט קאָקעטיש אַ שמייכל געטון צו איר מאַן, „ווילן זיי פון מיר ניט הערן. מיַין פאָטער האָט זיך געזעצט שיבעה נאָך מיר. פאַר זיי בין איך טויט".

איך האָב באַטראַכט דאָס דראָבנינקע וויַיבעלע, אַזוי קינדיש אומ־שולדיק: ראָזעווע ליפּעלעך, אַ פאַרריסן נעזל, מילדע אויגן. מיר איז געקומען אויפן געדאַנק, אַז אַזעלכע יונגפרויען האָט מען פאַרציַיטנס אויפגעבראַכט ווי אַ קרבן פאַר די שטיינערנע אָפּגעטער.

דאָס דראַבנינקע ווײַבעלע איז געוואָרן מײַן אָפטער גאַסט. זי האָט ניט געוואָרט איך זאָל זי פאַרבעטן. דאָס שולדגעפיל קעגן אירע עלטערן האָט געדריקט אויף איר געמיט, זי האָט מיר דערציילט אַז זי האָט שוין צוויי מאָל געמפּילט. איצט שוואַנגערט זי ווידער. זי איז איבערצײַגט, אַז איר מוטערס האַרבע קללות גייען איר נאָך. אויך דער דאָקטער האַלט, אַז דאָס מפּילן איז מער פּסיכאָלאָגיש, איידער פיזישע שוואַכקייט. איר מאַן גלייבט ניט אין דאָקטוירים. זי זעט דעם דאָקטער בשתיקה.

איך האָב איר געוואָלט זאָגן, אַז סודות צווישן מאַן און ווײַב ברענגען ניט קיין גליקלעכע צוקונפט. דאָס קליינע ווײַבעלע מיט די טיפע חן־גריבלעך, האָט ווי געלייענט מײַנע געדאַנקען. זי האָט זיך ביטער צעוויינט. „איך בין אַליין אויף דער וועלט", האָט זי געכליפּעט. „צוריק־גיין אַהיים קאָן איך ניט. מײַן מאַן איז בעצם אַ גוטער מענטש. ער האָט מיך ליב, אויף זײַן אייגענעם אופן, ער גלייבט אין דער ביבל, אין אַלטן ווי אויך אין נײַעם טעסטאַמענט. ער האָט זיך זײַנע שגעונות, ער רופט עס פּרינציפּן. קוים טו איך עפּעס וואָס אין היפוך צו זײַן פּרינציפּ, מאַכט ער מיך שטיין אין אַ ווינקל, מיטן פּנים צו דער וואַנט. אַ גאַנצע שעה צײַט מוז איך אַזוי שטיין, שטום ווי אַ סטאַטוע. שפּעטער האָט ער חרטה. ער פאַלט צו מײַנע פיס און שווערט אַז איך בין אַ הייליקע".

אירע מילדע טרויעריקע אויגן קוקן אויף מיר מיט געבעט. איך קאָן איר ניט אַנטקעגן קומען מיט דעם וואָס זי דאַרף, דריי איך אויס דעם שמועס צוריק צו איר שוואַנגערן. „ווי ווײַט זענט איר שוין פאַרגאַנגען?" פרעג איך. „דער פערטער חודש", ענטפערט זי.

לויט איר אויפגעיוירענעם בויך, פּאַסט איר מער צו זײַן אין ניינטן. אפשר טראָגט זי גאָר אַ צווילינג? „ווי איז אײַער ייִדישער נאָמען?" פרעג איך אומגעריכט פאַר זיך אַליין. זי קוקט מיך אָן מיט חשד. איך וואָלט וועלן צוריקכאַפּן דאָס געפרעגטע. איך וואָרט מיט שרעק אויף אַן ענטפער, און ווײַל איך וואָרט ווערט מיר קלאָר פאַרוואָס איך שרעק מיך. איך האָב מורא זי זאָל ניט זאָגן רבקה... מײַן מוטערס נאָמען. דאָס קליינע ווײַבעלע טראַכט אַ ווײַלע. ניין, זי זאָגט ניט רבקה, זי זאָגט רעבעקאַ!

מײַן פאַנטאַזיע פאַרפירט מיך אָפט אין ריזיקאַלישע השערות. דאָ אַנומלט איז געקומען צו מיר אַ ווײַטע קרובה, אַן איבערגעלעבטע פון

היטלערס גיהנום. מיר זענען געזעסן אויף דער וועראַנדע, געשמועסט ניט דווקא פון יענע ווילדע צײַטן. זי האָט מיר דערציילט אַז זי שטייט אין שידוכים. מיר האָבן געשפּאַסט, געלאַכט. פּלוצים פאַלט מיר אײַן אַז עס זיצט פאַר מיר אַ מת.

אַרום אונדז אַ שפּעט־זומערדיקע פּאַרטאַיעטקייט. דער טומאַן וואָס איז געהאַנגען אין דער לופטן האָט זיך מיט אַ מאָל אויפגעלייזט און אַנטפּלעקט אַ טיף בלויען הימל. די בלעטער אויף דיביימער האָבן זיך ניט גערירט. אַ נאַקעטע זון האָט זיך געטובלט אין ים. אַ שפּאַנונג פון אומבאַשטימטער דערוואַרטונג איז געהאַנגען אין דער לופט. מײַן קרובהס רייד זענען געקומען צו מיר ווי פון ווײַטנס. איך וויל זיך באַפרײַען פון דער ווילדער זעונג, לויף איך אַרײַן אין שטוב, נעם אַ טרונק וואַסער, נאָר די זעונג טרעט ניט אָפּ. צווישן די בילדער אויף די ווענט קומט מיר אַנטקעגן איר שאָטן. איך קער זיך אום צו דער וועראַנדע. מײַן קרובה שמירט זיך די ליפּן. פון אונטער איר בלאָנדן פּאַרוק, שאַרט זיך אַפיר אַ נאַקעטער שאַרבן. איך מייד אויס צו קוקן איר אין די אויגן. איך האָב מורא פאַר דעם בליק וואָס האָט אַרויסגערופן די זעונג. מיט צוויי וואָכן שפּעטער איז מיין קרובה געשטאָרבן.

ניט אַלע מאָל גיב איך זיך אונטער מײַנע זעונגען. קוים פיל איך אַז זיי נעמען די אויבערהאַנט, לויף איך אַראָפּ צום ים. דער ים איז שטענדיק אָנגעברייט צו באַרויִקן כאַאָטישע רעיונות. ער איז אי מיסטיש, אי רעאַליסטיש. איך האָב דורך ארץ פאַר אים. ער, וואָס איז געשטאַנען בײַ מעשה־בראשית, ווייסט אַז מיר האָבן קיין ברירה ניט. זיץ איך און קוק, קוק אַזוי לאַנג ביז די אויגן פאַלן מיר צו. און אַזוי מיט פאַרמאַכטע אויגן זאָג איך אָמן אויף דעם וואָס איך ווייס און נאָך מער אויף דעם וואָס איך ווייס ניט... וואָס שייך מײַן שכנה רבקה־רעבקאַ, איז מײַן השערה געבליבן הענגען אין דער לופט. זיי זענען אַוועק אָן אַ זײַ געזונט.

באַלד נאָך יום־כפור האָט דאָס קלאַפּן פון האַמער איבער מײַן שכנס פּלויט מיך אויפגעוועקט. עס איז צו מיר דערגאַנגען די פרייד פון די קינדער בעת זייער טאַטע האָט אויפגעשטעלט די סוכה. איך בין געשטאַנען בײַם פענצטער און געזען ווי די סוכה וואַקסט, ביז זי וואַקסט אַריבער דעם פּלויט. איך האָב געקוקט אויפן סכך באַלויכטן פון אינווייניק. דאָס

געזאַנג פון זמירות איז אַרײַן אין מײַן צימער, און מיט אים מײַן טאַטנס געשטאַלט אַליין אין דער סוכה, בײַם פאַררעגנטן טיש, קוקט אַרײַן אין מחזור און זופט די קאַלטע יויך. דער ווינט רײַסט דעם סכך, און דער רעגן טריפט, טראָפּ נאָך טראָפּ. איך טראָג אים צו דאָס עסן און לויף צוריק אין שטוב אַרײַן...

אין הויז איז וואַרעם. די פענצטער זענען פאַרהאַנגען. דאָס בילן פון די הינט האָבן דאָ קיין שליטה ניט. אין די פריש געשײַערטע מעשענע לײַכטער ברענען ליכט. מײַן פּנים קוקט צו מיר אַרויס — אַ געפּאַנגענע פּרינצעסן אין אַ פּריזמע ליכט. איך קוק אויף דעם פּנים וואָס כּפֿלט זיך כּסדר, קוק אַזוי לאַנג ביז די ליכט צאַנקען אויס.

אין בעט מיט פאַרמאַכטע אויגן קוקט דאָס בילד צוריק צו מיר. דער שטח אויף וועלכן איך זע זיך, איז אומבאַגרענעצט. איך פּלי אָן פליגל און פאַל ניט אַראָפּ. פאַר מיר — אַ רעגן־בויגן. אַזויפיל צוזאָג אין זײַן קרײַז. ער נעמט מיך אַרום מיט דעם פיל קאָלירטן מאַנטל פון ביבלישן בעל־חלום, אויסער צײַט און אויסער אָרט.

צומאָרגנס איז דער טאָג אַ זוניקער. דורך דעם שיטערן סכך ציִען זײַלן זון־שטויב. זיי שימערירן ווי דער בײַנאַכטיקער רעגן־בויגן. די הינט שווײַגן. מײַן גרויסער ברודער מיט זײַנע חברים פולן אָן די סוכה. זיי קנאַקן ניס און זינגען נײַע לידער. זיי באַזינגען דעם סיסטעם וואָס זאָגט צו צו פאַרטיילן גאָטס גיטער צווישן אַלע מענטשן־קינדער גלײַך אויף גלײַך. מענטש קעגן מענטש וועט מער ניט פירן קיין מלחמה. פרײַהייט. גלײַכהייט און ברודערלעכקייט וועט זיך אויסשפּרייטן איבערן ערד־קײַלעך ווי אַ באַשיצנדיקער דאַך.

מיר איז שווער געווען צו באַנעמען אַ ברודערלעכקייט מיט איוואַ־נען, וואָס שטייט און לאַכט ווען זײַן הונט בײַסט אויס אַ לעבעדיק שטיק פליייש בײַ אַ ייִדיש קינד. איך פיל אַז דער סאָרט ליד פּאַסט ניט אַרײַן אין דער אַטמאָספער פון אַ סוכה. אַזעלכע לידער באַלאַנגען אויף אַ קעסטל אין מיטן מאַרק, אויף אַן אויספלוג אין וואַלד, אָדער אויף אַ דעמאָנסטראַציע דעם ערשטן מאַי. דאָ, בײַ דעם טיש ווי מ׳מאַכט קידוש איבער ראָזשינקע־ווײַן, וווּ מ׳זופט יויך געמישט מיט רעגן, פּאַסטן זיך זמירות בעסער.

איצט קומען די זמירות צו מיר פון דרויסן. קיין הינט בילן ניט. און אַפילו ווען יאָ. איז עס ערגעץ ווײַט אין די וויסטע מידבריות, פון וואַנען נאָר אַן עוקץ פון אָפּקלאַנג גרייכט אונדז דאָ, אין גאָלדענעם לאַנד. דערנאָך טראַכט איך, אַז טראַכטן איז אַ חולאת, אַ פאַרשלעפּטע קרענק וואָס גייט איבער פון דור צו דור. צו וואָס טראַכטן, ווען אַלץ איז פאָרויסבאַשטימט. סײַ ווי ווערט דאָס נײַע אַלט און דאָס אַלטע באַנײַט זיך ווידער. אַ פאַרכישופטער קרײַז אָן פענצטער, אָן טירן, אָן אַ דאַך און אָן אַ דנאָ.

איך האָב זיך דערשראָקן פאַר מײַן דרויסנדיקן אַרײַנבליק אין לעבן; פאַר מײַן וויסן און ניט וויסן. ווער האָט מיך אָפּגעטיילט פון דער סטאַדע און צווינגט מיך צו גיין אויפן עלעפאַנטס וועגן? איך בין אַראָפּ פון בעט און שטיין געבליבן בײַם פענצטער. לכתחילה האָב איך גאָרניט געזען. נאָר ווען דאָס אויג האָט זיך צוגעוווינט צו דער פינצטערניש — האָב איך דערזען דעם מאָרגנשטערן. ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט נידעריק איבער דער סוכה און באַלד דאַרויף זיך צוריק אויפגעהויבן. אַ מין קאָס־מישע שרעק איז מיך באַפאַלן. האָב איך צוגעדעקט מײַנע אויגן מיט דער פלאַך פון מײַנע הענט, ווי מײַן מאַמע האָט עס געטון בעת ליכט־בענטשן. איך ווייס ניט ווי לאַנג איך בין אַזוי געשטאַנען. ווען איך האָב זיך צוריקגעקערט צו דער פינצטערניש, האָב איך פאַרנומען משה נאַדירס לעצטן געבעט: „זאָג מיר גאָט, יאָ צי ניין / צי וועסטו מיר אַנטקעגן ניין?"

די זיצערקע אויף דער זיבעטער עוועניו

זי איז געזעסן אויפן צעמענטענעם דיל; אַן אינדזועלע אין מיטן ברוויזנדיקן קאָך אַרום דער פּענסילווועניע־באַן־סטאַנציע אין ניו־יאָרק. דער טומל אַרום איר האָט זי ניט אַנגערירט. זי איז געזעסן אויף איר גומע־קישעלע, אַן אָפּגעשיידטע, אַ באַפּעסטיקטע אין איר פּריוואַטער איזאָלירט־קייט. אַ פּלאַסטיק־זעקל אַנגעפּילט מיט שמאַטעס איז געשטאַנען אָפּן בײַ אירע פיס. צווישן די שמאַטעס האָבן זיך געוואַלגערט קוואָטערס, ניקלס, פּעניס. דאָס קליינגעלט האָט געקלעפּט צו אויסגעשפּיגענער קײַגומע, שאָלעכץ פון פּאָמעראַנצן, פּענעצלעך ברויט, טשאָקאָלאַד, שפּיצלעך פון אויסגעברענטע פּאַפּיראָסן.

די אָפּגעשיידטע זיצערקע אין מיטן קאָכיקן ים, האָט ניט רעאַגירט אויף די געשאַנקען פון דורכגייערס, זי האָט אָנגענומען די קוואָטערס, די פּעניס, די שאָלעכץ פון פּאָמעראַנצן מיט דער זעלבער אַפּאַטישער מינע, וואָס זי האָט אַדאָפּטירט — און מער קיין מאָל ניט געביטן.

פון אונטער איר ברייטן הוט האָט מען איר פּנים ניט געזען. דערצו האָט זי נאָך געהאַלטן דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט. סײַ זומער, סײַ ווינטער האָט זי געטראָגן דעם זעלבן גאַרניטער: אַ סוועטער אויף אַ סוועטער, אַן אָפּגעריבענע פּעלערינע, ברייטע, שוואַרצע הויזן און לאַטשן אַן זאָקן. פון אונטער איר הוט האָבן שוואַרצע, ניט־אויסגעקעמטע האָר, האַלב אָפּגעדעקט, האַלב צוגעדעקט אירע לאַנגע אויערינגען, וואָס האָבן גע־בליצט מיט דער רעגלמאָסיקייט פון אַ שײַנטורעם אין מיטן ים.

איך ווייס ניט ווען און פאַר וואָס איך האָב זיך צוגעוווינט אַרײַנ־צוּוואַרפן אַ מטבע צו איר אין קאָשיק. נוצנדיק די לאָנג־אײַלאַנד־באַנ־ליניע צו און פון דער אַרבעט, איז די געוווינהייט מיט דער צײַט געוואָרן אַ באַדערפעניש. טייל מאָל, ווען איך בין אין אײַלעניש פאַרבײַגעלאָפן צו כאַפּן מײַן באַן אין צײַט, האָט עס מיך שפּעטער פאַרדראָסן, למאַי איך האָב ניט געהאַלטן די מטבע גרייט אין איר זאַק אַרײַנצוּוואַרפן.

איך האָב זיך קיין מאָל ניט אָפּגעשטעלט צו פאַרפירן אַ שמועס מיט איר, שוין דערפאַר וואָס איך האָב געגלייבט און גלייב נאָך אַלץ, אַז ווען איין מענטש רעדט צום צווייטן פון אויבן אַראָפּ, איז עס אַ באַליידי־קונג. זיך צוזעצן לעבן איר אויפן נאַקעטן דיל, האָב איך קיין קוראַזש ניט געהאַט...

איין מאָל האָב איך זי יאָ באַגעגנט אויג אויף אויג אין פרויען־טואַלעט, טאַקע פון דער פּענסילוועניע־באַסטאַנציע. ס׳איז געווען אַ שטור־מישער נאָכמיטאָג. אַ פריִער דעצעמבער־שניי געמישט מיט רעגן, שאַרף ווי גלאָז, האָט מיט געוואַלט זי אויפגעהויבן פון איר זיצאָרט און זי אַריַינגעטריבן אין דער לוקסוריעזער אַטמאָספערע פון שתּנה און פּאַרפום.

זי איז געזעסן אין אַ ווינקל ביַי דער וואַנט, איר פאַרמעגן ביַי אירע פיס. איך האָב באַמערקט אַז איר פעלערינע האָט געהאַט אַ ניַיעם ריס אין רעכטן אַרבל. איך האָב זיך דערנענטערט צו איר, זיך היימיש אָוועק־געזעצט אויף דער באַנק, ווו זי איז געזעסן. נאָך אַ לאַנגער וויַילע פון אָנגעצויגענעם שוויַיגן, האָב איך זי געפרעגט, צי זי וואָלט ניט וועלן פאַרביַיטן איר פעלערינע אויף אַ וואַרעמען ווינטער־מאַנטל, וואָס מיַין פאַרשטאָרבענע מוטער האָט איבערגעלאָזט. איך האָב איר פאַרזיכערט, אַז דער מאַנטל וועט איר פּאַסטן, וויַיל זי זעט מיר אויס צו זיַין פּונקט מיַין מאָמעס מאָס.

זי האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ נידעריקער ווי איר טבע, אַזוי אַז אירע אויערינגען האָבן אָנגערירט אירע אַקסלען. זי האָט מיר געענט־פערט מיט אַ קול, וואָס איז מיר פאַרגעקומען היימיש, באַקאַנט — און פרעמד פון דעם מויל פון וועלכן ס׳איז אַרויסגעקומען. „ניין, ניין!" האָט זי געזאָגט, ווי זי וואָלט גערעדט צו די לאַטשן, ניט צו מיר. „מיט דער פעלערינע וועל איך מיך מער ניט שיידן. זי איז גענוג גוט פאַר מיר. זי האָט מיר געדינט אין פרייד און אין לייד — זי וועט מיר שוין אַזוי דינען ביז אין גרוב אַריַין".

איך האָב זיך אָפּגעשטעלט פאַרן שפּיגל און געזען ווי זי קוקט מיר נאָך מיט דער זעלבער געגנבעטער ניַיגער, ווי איך קוק אויף איר.

איך קאָן נישט זאָגן, אַז איך האָב די זיצערין מיט אירע זעקלעך יעדן טאָג געזען, אָדער אַפילו געטראַכט פון איר. נאָר ווען איר פער־

זעגלעכקייט איז צופֿעליק אויפֿגעגאַנגען אין מײַן דמיון, האָב איך עפּעס ווי אומבאַוווסטזיניק גענומען צוטראַכטן פֿאַר איר אויסטערלישע געשאַנקען: פֿעדערן פֿון דעם פֿויגל וואָס באַהאַלט דעם קאָפּ אין זאַמד. בוקעטן פֿון מידבר־בלומען, מיניאַטור־מושלען, יעדע מושל אַ טורעם געבויט מיט דער כּוונה צו גרייכן דעם הימל. איך האָב מיט די בלומען באַצירט איר הוט. אויף איר האַלדז האָב איך אויפֿגעהאָנגען בלוטרויטע קאָראַלן, די וואָס ציִען זייער ייִחוס פֿונעם דנאָ פֿון ים. איך האָב אויסגעטרוימט פֿאַר איר אַ האָניק־לעקעך, ווי מײַן מאַמע פֿלעגט מאַכן, אַ שטרודל געווירצט מיט ייִדישן טעם. איך וואַרף איר אונטער די מתּנות אין געדאַנק, פֿאַרשטייט זיך, דעמאָלט ווען די זיצערקע האַלט די אויגן פֿאַרמאַכט. איך בין בײַ מיר זיכער, אַז ווען זי וועט עפֿענען די אויגן, וועט זי טראַכטן, אַז דער מלאך אויף וועלכן זי וואַרט — האָט זיך באַוויזן צו איר...

אַזוי האָב איך פֿאַנטאַזירט, נאָר ווײַטער פֿון מײַן פֿאַנטאַזיע בין איך ניט געגאַנגען. עס זענען אַוועק טעג און חדשים, זי איז נאָך אַלץ געזעסן אויפֿן זעלבן אָרט, אין זעלבן הולך זומער און ווינטער, ווי זי וואָלט געווען באַשאָנקען מיט אַן אינעווייניקסטער טעמפּעראַטור, איבער וועלכער דער וועטער האָט קיין שליטה ניט. אַזאַ אײַנגעזעסענע באַשטענדיקייט איז זי געווען אין מײַן געדאַנק, אַז איך האָב זי דערוואַרט צו זען צו יעדער צײַט פֿון טאָג, אָדער אַפֿילו פֿון דער נאַכט, עלעהיי די לײַבן בײַ דער שטאַטישער ביבליאָטעק.

דעם טאָג, ווען איך האָב פֿאַרענדיקט דעם לערנקורס און גענומען וואַקאַציע פֿאַרן זומער, האָב איך יאָ אַ טראַכט געטון, אַז עס וואָלט געווען ניט מער ווי רעכט, זי מיט עפּעס מהנה צו זײַן. אַזוי טראַכטנדיק, בין איך צוגעקומען צו דער פֿיר און דרײַסיקסטער גאַס און זיבעטער עוועניו. גראָד יענעם טאָג איז פֿאָרגעקומען אַ קאָנצערט פֿון אַ באַרימטער גרופּע ראַק־זינגער. די פּענסילוועניע־באַנסטאַנציע איז געווען פֿאַרפּלייצט מיט יוגנטלעכע. בילעטן צום קאָנצערט האָט מען שוין בײַ דער קאַסע ניט געקריגן. ס׳איז אָנגעגאַנגען אַ מין שוואַרצער מאַרק. מ׳האָט געקויפֿט און פֿאַרקויפֿט בילעטן צו פֿאַנטאַסטישע פּרײַזן. דער געדראַנג איז געווען אין־לשער, פּאָליציי אויף פֿערד האָבן געקרײַזט אַרום דער צעהיצטער יוגנט. איך האָב זיך קוים דורכגעשטופּט צום אַרײַנגאַנג, וואָס פֿירט צו

דער לאָנג־איילאַנד־באַן. פּלוצעם איז אָנגעלאָפן אַן אַמבולאַנס. סאַניטאַרן פון דער גיכער הילף האָבן מיר פאַרשטעלט דעם וועג. איך האָב זיך געשטעלט אויף די שפּיץ פינגער, זיך אָנגעשטרענגט צו זען, ווער עס איז געשעדיקט? פּלוצעם האָב איך אויפגעציטערט. ס׳האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז עמעץ האָט עמעצן פון די שטיגן אַרונטערגעוואָרפן. איך האָב גלייך דערפילט, אַז דאָס איז זי. אין זעלבן אויגנבליק האָב איך זי דערזען אויפן טראַגבעטל, אַ צעבלוטיקטע, אַ צעקרעלטע. דער הוט אירער אויף דר׳ערד, די האָר צעפלאָשעט, איבערן פּנים, איבער די אויגן. איך האָב אַ כאַפּ געטון איר הוט, אירע זיבן טאַרבעס און בין אַריין מיט איר אין אַמבולאַנס. דער פאַראַמעדיק האָט צעקנעפּלט אירע סוועטערס, אַנטבלויזט אירע בריסט. צווישן די בריסט האָט גערוט אַ גאָלדענער מעדאַליאָן. אויף דעם מעדאַליאָן — דער אויסגראַווירטער נאָמען: ראָזאַ שאַפּיראָ־סקאָט.

דער נאָמען שאַפּיראָ האָט ווי אַ פלאַם מיך אַרומגעכאַפּט. מיין מוטערס מיידלישער נאָמען איז געווען שאַפּיראָ. ס׳איז נישט מער ווי אַן אינצידענט, האָב איך זיך אַליין געפּרוווט איינרעדן. שאַפּיראָ איז אַ פּאָפּולערער נאָמען. פאַר וואָס זאָל איך זוכן דעם נעכטיקן טאָג?

נאָך אַ לאַנגן טאָג פון שפּאַנונג, האָט די נאַכט אויסגעשפּרייט פאַר מיר אַ נעץ קאָשמאַרן. איך בין אַרויס פון איין סכנה און אַריין אין אַ צווייטער. נאָך מיר האָבן זיך געיאָגט פּאָליציי אויף פערד. מחנות פלעדערמייז זענען מיך באַפאַלן, זיך פאַרפּלאָנטערט אין מיינע האָר. און זי, די זיצערין מיט די זיבן פּעקלעך אַרום איר, טייטלט מיט פאַרבלוטיקטע פינגער אויף מיר. „זי, זי, זי איז די שולדיקע!״ איך וועק זיך איבער און דרימל ווידער איין.

דאָס מאָל קומט מיין מאַמע מיר צו חלום. זי שטייט ביי דער טיר, דערוועגט זיך ניט די שוועל אַריבערצוטרעטן. זי ווייסט, אַז איך האָב מורא פאַר איר בלויען פּנים, פאַר די שערבלעך אויף אירע אויגן, פאַר אירע ווייסע תכריכים — ציט זי זיך צוריק. „בלייב מיט מיר, מאַמע!״ שריי איך מיט אַ געליימטער צונג, אַזוי ביז אין פריען טאָג אַריין. ערשט ווען די זומער־פייגל, וואָס נעסטיקן אין מיין בוים, האָבן מיך אויפגעוועקט, האָב איך פאַרגעסן אין אַלע בייזע חלומות.

דער זומער איז אַוועק גיכער ווי איך האָב געוואָלט. פון ראָזאַ שאַ־פּיראָ־סקאָט האָב איך מער ניט געטראַכט. איידער איך האָב זיך צוריק־געקערט צו דער אַרבעט, בין איך אַוועק אויפן בית־עולם — מײַן יערלעכן קבר־אָבות. איך האָב מיטגענומען אַ לאָפּעטקעלע אויסצוראָטן די ווילד־גראָזן, אַ שער אָרומצוגלײַכן די אָזאַליע־קשאַקעס. איידער איך האָב זיך גענומען צו דער אַרבעט, בין איך שטיין געבליבן און געקוקט אויף דער מצבה, וואָס האָט פאַראייביקט מײַנע עלטערן אין טויט, פּונקט ווי זיי זענען געווען אין לעבן. און ווי איך בין אַזוי געשטאַנען, געטראַכט פון אַלץ און פון גאָרניט, האָב איך באַמערקט ווי דאָס פרײַע שטיקל ערד אין מײַן מוטערס זײַט איז שוין פאַרנומען. איך האָב אַרויסגענומען מײַנע ברילן און מיט נײַגער איבערגעלייענט די אויסגעקריצטע אותיות: מרת ראָזאַ שאַפּיראָ־סקאָט, טאָכטער פון ר׳ שיִעלע און שפרה שאַפּיראָ...

ווײַטער האָב איך שוין ניט געלייענט. איך האָב אָנגעשפּאַרט מײַן קאָפּ אויף מײַן מוטערס שטיין. איך בין געשטאַנען און געוואַרט אויף אַן ענטפער, הגם איך האָב וווּל געוווּסט, אַז אַפילו די פראַגע מוז שטאַרבן אין שטילשווײַגן, פאַרחתמעט אויף אייביק.

אונטערן נאַקעטן הימל האָבן די זומער־פייגל געאײַלט צו אַנדערע האָריזאָנטן. געוויינלעך זע איך ניט, ווען זיי פליִען אַוועק. אויף זייער אָנקום וואַרט איך מיט תענוגדיק געפיל. איצט האָב איך זיי נאָכגעקוקט, די לאַנגע, פלאַטערנדיקע שורות, און געפילט ווי זיי נעמען עפּעס מיט פון מיר — עפּעס אַזוי סודותדיק, מיסטעריעז ווי דער דראַנג וואָס טרײַבט זיי אַהין און צוריק.

אויפֿן וועג צום גט

פֿיליס שטראָמוואַסער איז אַרײַן אין עראָפּלאַן אויפֿן וועג קיין רענאָ, נעוואַדע. זי האָט פֿאַרנומען איר זיצפּלאַץ בײַם פֿענצטער. נאָך דעם ווי זי האָט אָוועקגעלייגט איר האַנטבײַטל, דעם רעגנמאַנטל, אַראָפּגעצויגן די הענטשקעס, האָט זי אָנגעלענט דעם קאָפּ אין דער שויב און צוגעמאַכט די אויגן. זי האָט זיך באַמיט אײַנצושטילן אירע נערוון, נאָר די שפּאַנונג האָט ניט אָפּגעלאָזט. האָט זי אָפּגעזוכט אַ זשורנאַל און, אויף איר שטייגער, אָנגעהויבן בלעטערן פֿון לעצטן זײַטל אויף צוריק. אויך דאָ האָט זיך איר פּרווו ניט אײַנגעגעבן. אירע געדאַנקען זענען געלאָפֿן ווי אַ מעקער איבער דעם געדרוקטן וואָרט, אָפּגעווישט אַלץ וואָס דאָס אויג האָט אויפֿגעכאַפּט. האָט זי ווידער אַ מאָל אַרײַנגעטון דעם קאָפּ אין פֿענצטער. זי האָט געזען ווי דער עראָפּלאַן פֿאַרלאָזט דאָס פֿלי־פֿעלד, הייבט זיך אויף איבער דער אָנגעצייכנטער סטעזשקע, העכער און העכער איבער דעם פֿאַרנעפּלטן צודעק און דרינגט אַרײַן אין אַ וועלט פֿון גאָלער לויטערקייט, אַ וועלט וווּ קיין מענטשלעכע האַנט האָט גאָרניט געביטן, זינט ששת־ימי־בראשית. אַ גאָלדענע זון קומט צו לויפֿן צו איר פֿענצטערל, לויפֿט אַוועק און קומט באַלד ווידער צוריק. דער אונטערגרונט אויף וועלכן זי לויפֿט, איז טיף בלוי, דורכזיכטיק, ליידיק. די ערד אונטן זעט מען ניט. זי איז צוגעדעקט מיט אַ ווײַס־גרויען פֿאַרשפּרייטעכץ, וואָס ציטערט ווי אַ געפּרוווירענע דרעליע.

פֿיליס גאַפֿט אויף דעם בראשיתדיקן ספּעקטאַקל. דער ליידיקער חלל וואַרפֿט אויף איר אַן אַ מין אַטאַוויסטישע שרעק. אַ וועלט אָן צײַט, אָן בײַט, אָן לעבן, אָן טויט. ניטאָ דאָ קיין איך, קיין דו — קיין אָנווײַז אויף אַ וועג וואָס פֿירט פֿון ערגעץ קיין ערגעץ. פֿיליס ווערט זיך קעגן דער ווילדער ליידיקייט. דאָס פּינטעלע איך דערפֿילט די געפֿאַר און ציט זיך צוריק צום מער היימישן, צום פֿערזענלעכן, צום אָנגעצייכנטן וועג וווּהין זי גייט, נאָך וואָס זי גייט, און וווּהין דער וועג וועט ווײַטער פֿירן.

דאָס זענען געדאַנקען וואָס זי האָט שוין טויזנטער מאָל איבערגעטראַכט. אייגנטלעך, טראַכט זי, איז שוין מער וועגן דעם ענין ניטאָ וואָס צו טראַכטן אַלע פאָרמאַליטעטן זענען גרייט, וואַרטן בלויז אויף איר חתימה. מיטן אונטערשרײַבן איר נאָמען, ווערט זי אַ פרײַער מענטש...

אַזוי האָט פיליס שטראָמוואַסער געטראַכט יענעם טאָג ווען זי איז אַרויס פון הויז צום ערשטן מאָל אַליין, אָן איר מאַן. זי האָט אַ קלאַפּ געטון מיט דער טיר, אמת, איר קלאַפּ מיט דער טיר האָט מער קיינעם ניט איבערראַשט. צײַט האָט זיך געביטן. פרויען־רעכט איז אַרײַן מיטן רעכטן פוס אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. אַלטע ווערטן האָבן געברענט אויף נײַע מזבחות. פרויען האָבן געוואָרפן זייערע חופה קידושין־רינגלעך אין אָפענעם פײַער. דאָס וואָרט פרײַהייט האָט גערייצט די פאַנטאַזיע: פרײַהייט אויף אַלע געביטן בתוכם, סעקסועלע גלײַכבאַרעכטיקונג.

דאָ אויפן עראָפּלאַן, צווישן הימל און ערד, וווּנדערט זיך פיליס וואָס ס'איז געוואָרן פון נאָראַ'ן נאָכן זבענק מיט דער טיר? האָבן זיך אַנדערע טירן פאַר איר געעפנט? איז זי שטיין געבליבן אין דרויסן אַ דערשראָ־קענע, אַ פאַרצווייפלטע, ניט געוווּסט וווּאַהין זיך צו קערן, האָט זי די „פרײַהייט" אויפגענומען, ווי אַ פאָן איבער דער וועלט זי געטראָגן? האָט זי געפונען אַ וועג אין דעם ניט אויסגעפרוווטן תוהו־ובהו, אַ גרענעץ, אַ צאַם וואָס וואַרנט פאַר געפאַרן? און אפשר איז זי גאָר אַוועק אין אַ סינגל באַר, זיך אָנגעשיכורט, פאַרוויילט די נעכט אין דיסקאָטעקס, געביטן די בעט־שותּפים, יעדע נאַכט מיט אַן אַנדערן?

יעדע געבורט האָט אירע חבלי־לידה, רעדט פיליס צו זיך אַליין. איר מוטער האָט פון די ווייען ניט געליטן. איז איר אַ בחור געפעלן געוואָרן האָט זי אָן שום מינדערווערטיק געפיל געלאָזט פאַלן איר נאָז־טיכל: אַ סטראַטעגיע אַזאַ וואָס האָט זי טאַקע צונויפגעפירט מיטן טאַטן.

ס'איז געווען אַ זונטיק נאָכמיטאָג. זי האָט שפּאַצירט אויף דער פיפט־טער אוועניו. זי איז געגאַנגען אַזוי פּאַמעלעכל, מיט איין אויג אין די שויפענצטער, מיטן צווייטן אויף די שפּאַצירנדיקע יונגעלײַט. דער בחור פאַר וועמען זי האָט געלאָזט פאַלן איר טיכל, האָט געטראָגן אַ שטרוי־הוט, געשטרײַפטע הויזן, אַ ליכטיקע מאַרינאַרקע און לאַקירטע שיך. ער איז געגאַנגען מיט געמאָסטענע טריט, דעם קאָפּ הויך, די פּלייצע גלײַך,

גאָרניט ווי די שנײַדערלעך פון דער איסט־סײַד, האָט זי געטראַכט. דער שלל פון קאָלירן אין וועלכע ער האָט זיך געקליידט, האָט זי דערמאָנט אין אַ בלומען־גאָרטן. האָט זי ניט לאַנג געטראַכט, אַ לויף געטון פאָרויס און געלאָזט פאַלן איר נאָזטיכל. וועט ער עס אויפהייבן און עס איר דערלאַנגען — איז ער אַ דזשענטלמאַן. ווען נישט, טויג ער במילא אויף כּפּרות.

דער טאַטע האָט דאָס טיכל אויפגעהויבן. עס איז געווען פון רייִנעם זײַד, אויסגעהאָפטן מיט מיידלשע חלומות, צויבער־שפּרוכן פון עלטער־עלטער־באָבעס האָבן געווייעט פון אים. דערצו האָט עס נאָך געשמעקט מיט פראַנצויזישן פאַרפום. און כאָטש זיי האָבן זיך דערקאָנט ווי שכנים פון דער איסט־סײַד, האָט דער כּישוף פון טיכל שוין געהאַט אָפּגעטון זײַנס.

זי, פיליס, טראָגט ניט קיין טיכל. דאָס דינע פּאַפּירל וואָס פאַרנעמט איצט דאָס אָרט פון דעם פאַרפומירטן, האַנט־געשטיקטן, טרוים־באַצירטן פאַטשיילעכל, וועט קיין שום לײַטישער מאַנספּאַרשוין ניט אויפהייבן. יענע ראָמאַנטישע צײַט איז שוין לאַנג פאַרבײַ. ס'קאָן זײַן אַז אין דער מאַמעס צײַט איז שוין די טיכל־סטראַטעגיע געווען אויס מאָדע. ס'קאָן אויך געמאָלט זײַן אַז די מאָדע פון גטן איז שוין אויך ניט מער קיין נײַעס. די אַזוי גערופענע פאָרויסלויפער די אײַז־ברעכער, האָבן זיך ערגעץ ווו אויסגעגליטשט — און געלאָזט די נאָכלויפער אויף גאָטס באַראָט. דזשערי רובין זיצט אויף וואָל־סטריט, מען זאָגט, אַז די פּיסקעוואַטע מויד, מיט די ברילן איבערן האַלבן פּנים, האָט זיך אָפּגעזוכט אַ קאָכאַנקע — אוןביידע צוזאַמען שרײַבן איצט אַ בוך וועגן דער פעמיניסטישער מיסטיק וואָס וועט זיי זיכער אַרײַנברענגען אַ פאַרמעגן.

פיליס קוקט אַרויס דורכן פענצטער און טראַכט פון די אָדלער־פליגל וואָס האָבן זי אויפגעהויבן און געלאָזט הענגען אין חלל. אַ וועלט אָן טירן, אָן שלעסער, אָן אַ צאַם, אָן אַ גרענעץ. איר אויג, ווי נחת טויב, זוכט און געפינט ניט קיין אָפּרו־אָרט, אַ צווײַגל ווו דעם פוס אָוועקצושטעלן, אַ מאָראַל נאָך וועלכער זיך צו לענקען? די בלויע ווילדעניש פוסט און ליידיק — שטומט. אַוודאי קאָן זי אַראָפּרוקן דאָס ראָלעטל איבערן פענצטער, קויפן אַ פּאָר „עירפּאָנס" און פאַרטויבן די געדאַנקען מיטן לעבן פון די העלדן וואָס לויפן אויפן עקראַן. זי קאָן זיך אויך אויס־

ווייבען, אַפּוואַשן דעם ייאוש מיט אַ פּאָר געזאַלצענע טרערן. אַז אַ כּלה מעג וויינען אויף איר חתונה, מעג זי וויינען אויף איר גט.

דער ברייט־ביַיכיקער עראָפּלאַן איז געווען האַלב ליידיק. צוויי יונגע־ליַיט וועלכע פּיליס האָט באַמערקט ביַים איַינשטיַיגן, (נאָך אַ פּאַראַדאָקס, אַפילו איצט, אין דעם געמיט־צושטאַנד, לאָזט זי נאָך אַלץ ניט דורך אַ געוויסן בליק וואָס טרעפט אין פינטל. זי האָט אַפילו באַמערקט די לעדערנע אַקטן־טאַשן אין זייערע הענט, די זשאַמטשענע שיך מיט די לאַנגע שפּיצן וואָס האָבן אַזוי ווייך געטראָטן איבערן טיפן טעפּיך). דער וואָס האָט געשפּאַנט אין איין ריי מיט איר, האָט געהאַט לאַנגע האָר און אַ שפּיציק בערדל. דאָס פּנים פון צווייטן האָט זי נישט געזען. זי האָט ניט געוואָגט זיך אומצוקוקן, טאָמער דערקענט מען אויף איר אַז זי פּאָרט זיך גטן.

אין שמאָלן קאָרידאָר אויפן וועג צו די זיצפּלעצער האָט דער באַ־בערדלטער אָפּגעטראָטן אין אַ זיַיט, זי געלאָזט פּאָרויסגיין. ער האָט עפּעס געזאָגט צו איר, נאָר זי האָט דאָס געזאָגטע ניט אויפגעכאַפּט. אַנשטאָט אָן ענטפער האָט זי קונציק אַ וואָרף געטון מיט אירע וווּיל טרעניִרטע רויטלעך־ברוינע האָר, וואָס האָבן זיך אונטערטעניק אַ וויג געטון, זיך צעטיילט אין ביידע זיַיטן פון פּנים, ווי אַ פירהאַנג איבער אַ טעאַטער־שפּיל.

איצט האָט זיך דער באַבערדלטער ווידער באַוויזן. ער האָט זיך איבער־געטראָגן מיטן אַקטן־טאַש אונטערן אָרעם און מיטן קאָקטעל־גלאָז אין דער האַנט. זיַין בליק וואָס האָט זי פריִער אַזוי דורכגייענדיק פּאַרטשעפּעט, האָט זי איצט אָפּגעבריט. אויפן טונקעלן פלאַך פון איר נשמה האָבן גליִענדיקע פליגעלעך זיך אַוועקגעלאָזט אין אַ ווילדן טאַנץ. די זון, וואָס איז פריִער געלאָפן פון איין זיַיט עראָפּלאַן צום צווייטן — איז איצט שטיין געבליבן ביַי איר פענצטער. די טרערן וואָס זי האָט ביז איצט צוריקגעהאַלטן האָבן זיך מער ניט געלאָזט האַמעווען, זיי האָבן אַ פלייץ געטון פון אונטער אירע לאַנגע וויִעס און צעשמירט די מאַסקאַרע איבער איר פּנים. די מאַגנעטישע נאָדל וואָס ציילט יעדן האַרצקלאַפּ האָט אַ ציטער געטון, אַרויס פון קאָנטראָל — „אָט איז ער! ער, אויף

װעמען דו װאַרטסט, אויף װעמען דו האָפסט. זײַן אַקטן־טאַש איז פול מיט פּאָעזיע, ליבעס־לידער, מוזיק, אפשר גאָר אַ גאַנצע סימפאָניע?"...

פיליס שטראָמװאַסער פאַרשטעלט זיך דאָס פּנים. פאַרװאָס גראָד איצט? פאַרװאָס ניט נעכטן, מיט אַ יאָר צוריק? פאַרװאָס בין איך אַזאַ שלים־מזל, װען איך בין אַמװייניקסטן גרייט, שאַפן זיך אַלע געלעגנהייטן. װאָלט איך ניט געװען אַזוי פאַרייִאושט, טראַכט זי װײַטער, װאָלט איך אַרײַן אין װאַש־צימער, אויפגעפרישט דאָס פּנים, פאַרריכט די האָר, אָפּגעצויגן דעם סװעטער „גאָט, זעט איך בין אַ באַפרײַטע! דעם קאָרסעט האָב איך אויפן שײַטערהויפן געװאָרפן, איצט פאַר איך זיך גטן".

זינט פיליס האָט פאַרלאָזט איר מאַן און געװאָרן אַ פרײַער מענטש, האָט זי אָנגעהויבן לאַכן פון זיך אַליין. להיפּוך צום װיינען װאָס פלעגט איר ברענגען פאַרלײַכטערונג, האָט דאָס געלעכטער געשטאָכן ביז אין דער זיבעטער ריפּ. ניט געװען בײַ איר קיין מיטלװעג. פּונקט װי זי האָט סובלימירט דאָס פּאָזיטיװע, אַזוי האָט זי רעדוצירט דאָס נעגאַטיװע, געזונקען ביז אין שאול־תחתיה אַרײַן.

די בלאָנדע סטואַרדעס װאָס דרייט זיך אַהין און צוריק, האָט איבערגענומען דעם באַבערדלטן און זיך אַװעקגעזעצט לעבן אים. פיליס הערט איר געלעכטער. אויך ער לאַכט מיט איר. פיליס איז מקנא די סטואַרדעס װאָס נעמט דאָס לעבן אַזוי לײַכט. ס'קאָן געמאָלט זײַן אַז זי נעמט דעם טויט פּונקט אַזוי לײַכט, װען ניט װאָלט זי קיין סטואַרדעס ניט געװען. און אפשר אַנטלויפט זי גאָר פון דער ערד װאָס האָט די אַלע פּראָבלעמען באַשאַפן? פיליס שטראָמװאַסער שטרענגט זיך אָן צו הערן װעגן װאָס זיי רעדן, װעגן װאָס זיי לאַכן? גאָר עפּעס אין איר װיינט. זי װיינט מיט אויגן טרוקענע. זי װיינט אויף אַלע פאַרבײַלױפנדיקע מעטעאָרן װאָס שײַנען אויף און װערן צו נישט. אויך ער מיטן אַקטן־טאַש װאָס ראָמאַנסירט איצט מיט דער בלאָנדער װעט באַלד פאַרשװינדן. די סטואַרדעס װייסט עס. זי איז שוין געװוינט צו דינען װי אַ מין דורכפאָר־הויז. ס'קאָן געמאָלט זײַן אַז זיי האָבן זיך אָפּגערעדט צו טרעפן ערגעץ אין אַ מער אינטימען װינקל פון דער װעלט? אויף דער בלאָנדער סטואַרדעס דריקט ניט דער האַרבער „לאָ" װאָס װייסט ניט פון מחילה. זיצט זי אויף אים, לאָזט אים ניט אָפּ. װאָלט זי אים אַזוי ניט מאַניפּולירט, װאָלט ער איצט

געזעסן דאָ, מיט איר. זי וויסט עס. זי פילט עס. זײַן בליק איז ווי אַ פויגל אַרײַן אין דער צוגעגרייטער נעסט און אָנגעהויבן זינגען, אַ געזאַנג וואָס איז אין דמיון אַריבער אין אַ דועט: „יאָ, די רײַזע איז פײַן. דער אויסקוק פאַנטאַסטיש. ניין, זי פאָרט ניט געשעפטלעך. זי פאָרט אויף אַ חתונה. יאָ, מענטשן האָבן נאָך אַלץ חתונה". רעדט זי צו אים אין געדאַנק. זי גיט אָן איר נאָמען ווי לינדאַ לעווין. דער נאָמען לאָזט גלײַך וויסן אַז זי איז אַ ייִדישע. דאָס צווינגט אויך אים זיך צו לעגיטימירן. זי איז שוין בקי אין דעם ענין. זי דערקענט שוין ווער עס איז אַ פאַמיליע־מאַן, און ווער אַ פרײַלײדיקער. וועט זיך אַרויסווײַזן אַז ער איז אַ ייִד, ניט געבונדן צו פרוי און קינד וועט זי אויפדעקן אירע קאָרטן. ביידע וועלן האַרציק לאַכן. וועט ער פלאַנטערן מיט דער צונג, ניט געבן זײַן היים־אַדרעס, נאָר דעם טעלעפאָן פון אָפּיס, וועט זי אויך אָנגעבן אַ פאַלשן נומער. זי וועט אים געבן דעם אַדרעס פון איר פרײַנדינע מיט וועלכער זי האָט געטיילט איר וווינונג פאַר אַ שטיקל צײַט. אויב ער וועט זיך באַמיִען זי אָפּצוזוכן, פאַרגינט זי זיי ביידן דאָס גליק.

ביי איר געוועזענער פרײַנדינע איז סעקס אַ מין נקמה־אַקט. זי איז זיך נוקם אין אירע עלטערן, דערפאַר ווײַל זיי האָבן זי געהאַלטן אונטער שלאָס און ריגל נאָכדעם ווי זי האָט דורכגעמאַכט אַן אַבאָרט צו זעכצן יאָר. טאַקע צוליב אירע ליבעס־עקסצעסן — איז פיליס אַוועק וווינען אַליין. הגם זיי האָבן געהאַט באַזונדערע שלאָפצימערן, האָט פיליס געקאָנט הערן יעדן שאָרך איבער דער וואַנט. דאָס זענען געווען קאָשמאַרנע נעכט, עראָטיש אָנגעלאָדענע, אָן האָפענונג אויף רו. די מוזיק וואָס האָט באַגלייט זייערע האָלוביעס, האָבן ווי ווילדע בינען געזשומעט אין איר בלוט און איבערגעלאָזט אַ טעם פון ביטערן האָניק.

איצט וווינט פיליס אַליין. אין אָוונט ווען זי קומט פון דער אַרבעט שליסט זי ניט באַלד אויף איר טיר. זי לאָזט אַ ווײַלע קלינגען דאָס עלעקטרישע גלעקל, אַ טריק אַזאַ צו געבן דעם מעגלעכן אַרײַנדרינגער צײַט צו אַנטלויפן. די מורא פאַר פאַרברעכערס האָט זיך אַזוי אײַנגעגעסן אין איר געדאַנק, אַז זי קוקט אויף יעדן „דעיט" ווי אויף אַ פּאָטענציעלן פערווערט, אויב ניט אַ מעגלעכער מערדער.

שוין די ערשטע פאַרטי וואָס פיליס האָט בייגעוווינט אַלץ „סינגל"

האָט דערהרגעט אירע אילוזיעס. אַ באַקאַנטע פון אַ באַקאַנטן האָט זי פאַרבעטן צו דער פּאַרטי. באַלד בײַם אַרײַנקום איז די באַקאַנטע פאַרשווּנדן. פיליס איז שטיין געבליבן בײַ דער טיר, ניט געוווּסט צו וועמען זיך צו ווענדן. זי האָט גלײַך פאַרגעסן אַז זי דאַרף צירקולירן כדי צו מאַכן דעם אײַנדרוק אַז זי איז איינע פון די דערפאַרענע פּאַרטי־גייערס. אַזוי האָט די באַקאַנטע זי געלערנט. נאָך עפּעס האָט זי איר אָנגעזאָגט; דערצייל ניט קיינעם אַז דו ביסט אַ צעשיידטע. די מענער וואָס באַזוכן די פּאַרטיס, זוכן ניט קיין ערנסטע פאַרבינדונגען. ווען עס פּאַסירט אַ מאָל, אַז אַ פּאָרל פאַרליבט זיך אויף אַן אמת — איז עס אַן אמתער נס.

פיליס איז געשטאַנען און געגאַפט. שוואַרצע ליכט באַפּוצט מיט רויטע סטענגעס האָבן געברענט אין אַלע פיר ווינקלען פון זאַל. דער סטעריאָפאָן האָט געהילכט. פאַרלעך האָבן געטאַנצט ניט מיט אַנאַנדער, נאָר יעדער פאַר זיך. אַ ווענוס אין דזשינס מיט אַנטבלויזטע בריסטן, די וואָרצל גאָלד געליישט, האָט געטאַנצט קעגנאיבער אַ בחור אָנגעטון אין אַ ספּודניצע.

ערשט פריש פון פעמיניסטישן חדר, האָט פיליס ניט געוווּסט צי זאָל זי עס אָננעמען פאַר אַ סימבאָל פון זעלבסטאויסדרוק, אָדער אַ בפירוש צוריקטריט צו דער דזשונגל?

מיטל־יעריקע מענער מיט מאַרטיניס אין די הענט האָבן געוואַנדערט פון גרופּע צו גרופּע, געזוכט נײַע באַקאַנטשאַפט, אָדער בעסער געזאָגט אַ קרבן וואָס זאָל אים דינען ווי אַ דערמאָנונג אין קאַוואַליערסקן איבערפלוס.

פיליס איז נאָך אַלץ געשטאַנען בײַ דער טיר. קיינער איז זי בישט געקומען באַגריסן, זיך נאָכפרעגן ווער זי איז, מיט וועמען זי איז געקומען? אַ בחור מיט אַ רויטן פּנים, אָנגעטון אין עפּעס וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ זאַק אויף די פּלייצעס, האָט איר אָנגעבאָטן אַ גלאָז רויטן ווײַן. דאָס גלאָז אין זײַן האַנט האָט זיך געוואַקלט און פאַרשפּריצט איר ווײַס קליידל.

„וואָס איז דאָס? איר אַנאַנסירט דעם רויטן יום טוב?" האָט אַן אַנדערער דורכגייער זיך צעלאַכט.

פיליס האָט זיך אָנגענומען מיט קוראַזש און איז אַוועק זוכן אַ טואַלעט

צו פאַרוואָשן דעם פלעק. זי האָט באַמערקט, אַז געוויסע צימערן זענען געווען פאַרמאַכט, קענטיק פאַרשלאָסן פון אינווייניק. אויף דער דרויסנ־דיקער זײַט טיר האָט אַ שילדל מיט שרײַענדיקע אותיות אָנגעזאָגט, אַז דאָס צימער איז פאַרנומען.

אַ דאַמע, אָנגעטון אין אַ מענערישן קאָסטיום, האָט זי געגומען פאָרן אָרעם און מיט אַ פרײַנדלעכן שמייכל זי אַרײַנבאַגלייט אין וואַש־צימער. די דאַמע האָט פאַרריגלט די טיר פון אינווייניק. זי האָט איר געהאָלפן אַראָפּציען דאָס קליידל. די אונטערהייזלעך האָט זי מיט געוואַלד פון איר אַראָפּגעריסן. „נישקשה, ביסט שוין אַ גרויס מיידל, קאַליע מאַכן קאָן מען דיך שוין נישט. און שאַטן וועט עס דיר אויך ניט", האָט די דאַמע געהעשעט. וואָס מער פיליס האָט זיך געווערט, אַלץ מער אַגרעסיוו איז די דאַמע געוואָרן. פיליס האָט אויפגעריסן די טיר. אַ האַלב נאַקעטע מיטן קליידל אין די הענט איז זי אַרויס אין קאָרידאָר. „ווער האָט די וויטישע גאַנדז אַהער געבראַכט?" האָט די דאַמע געשריגן. זי האָט איר צוגעוואָרפן די אונטערוועש. „אַרויס פון מײַן הויז, און זאָל דײַן פוס מײַן שוועל מער ניט איבערטרעטן".

„איין שלעכטע דערפאַרונג מיינט נאָך גאָרניט. אין יעדן בושל געפינט זיך אַ פוילער עפּל", האָט איר באַקאַנטע אַרגומענטירט. „ניו־יאָרק איז אַ ים. יעדער מענטש האָט אַ ברירה צו מאַכן זײַן אייגענעם אויסוואַל".

וואָס הייסט אויסוואַל? טראַכט פיליס מיט ביטערנייש. מ'גייט אַרײַן אין אַ געשעפט, מ'מאַכט אויף אַ קאַטאַלאָג און מ'קלויבט זיך אויס אַ לעבן לויטן מאָדעל אויפן פּאַפּיר? אָט למשל איז מיר געפעלן געוואָרן דער יונגערמאַן מיטן אַקטן־טאַש, נו, וועל איך צוגיין צו אים און זאָגן: „אַנטשולדיקט סער, איר געפעלט מיר זייער. איר פּאַסט זיך פּונקט אַרײַן אין דעם חלום־בילד וואָס איך האָב אין אַ לבֿנה־נאַכט אויסגעהאָפטן. איך האָב אײַך געזוכט אויף אַלע אויסגעטראָטענע אין פאַרוואַקסענע וועגן. איך האָב געלעכצט מײַן קאָפּ אויף אײַער אַקסל אָנצושפּאַרן, צו פילן אײַער גלעט. צו הערן אײַער שטים. איך האָב פאַנטאַזירט צו זופּן שאַמפּאַ־ניער אין אײַער געזעלשאַפט, ערגעץ אונטער צעפעכערטע פּאַלמע־ביימער. אַרום אונדז טאַנצן ברוין־הויטיקע הולאַ־הולאַ מיידלעך באַקרענצלטע און באַקרייַנטע. זיי וואַרפן מיט די היפטן ווי די כוואַליעס בײַם ברעג ים.

און די זון, יאָ די זון — זעט נאָר ווי זי לויפט פון איין פענצטער צום צווייטן...

פיליס רוקט אַראָפּ דאָס ראָלעטל. זי וויל מער ניט קוקן אויף דעם קאָסמישן מידבר. זי גייט אַרײַן אין וואַשצימער, שטייט לאַנג פאַרן שפּיגל. זי באַרשט די האָר, שמירט די ליפּן. די לאַסט פון וועלן אָנהאַלטן די יוגנט, וועגט אויף איר שווער. זי רעדט זיך אײַן אַז מ׳יט נאָך אַ ביסל פאַרב אויף די באַקן, וועט זי אָפּנאַרן דעם אומרחמנותדיקן זייגער פון דער צײַט. נאָך דער גאַנצער „ליב״־באַוועגונג איז די פרוי נאָך אַלץ פרוי. זי נוצט נאָך אַלץ אַלע אויסגעפּרוּווטע מיטלען. זי קעכלט און פעכלט דעם „פּסעוודאָ מאַטשאָ קאָמפּלעקס פון מאַן״. ביז ער זאָגט „יאָ!״ ווען דער יאָ איז שוין אַ באַפעסטיקטער, כאַפּט זי זיך אַז זי איז אַ באַפרײַטע. טוט זי אָן די אַגרעסיווע מאַסקע — און בעט אַ גט.

פיליס קוקט אין שפּיגל. זי זעט ניט איר פּנים. זי פאָלגט נאָך די בילדער וואָס לעבן אין געדאַנק. זי זעט זיך אַליין ווי אַ טייל פון דער שפּיל. אויך זי האָט זיך געבוקט צו דער מאָדע פון דער צײַט, געעפנט די אָרעמס פאַר צופעליקע דורכגייער. ווי צוויי שיפן אין דער נאַכט זיך באַגעגנט און צעגאַנגען. אָן אַ פאַרוווּרף, אָן באַדויער.

די שיידונג צווישן פיליס און איר מאַן איז אויך פאַרגעקומען אָן באַדויער. זי איז אַרײַן אין זײַנע אָרעמס ווי אין אַ פעסטונג — און אַרויס איז זי ווי פון אַ תּפיסה. עס איז דערגאַנגען אַזוי ווײַט, אַז זי האָט אַנטוויקלט, אַן אַלערגישן ווידערגעפיל צו אים. די אַלערגיע האָט זיך אויסגעדריקט אין קאָפּ־ווייטיק, נערוועזער מאָגן, אין אַן אויסשיט פון פײַער־רויטע פּרישטשעס אויפן פּנים. זי האָט ניט פאַרטראָגן זײַן ריח, זײַנע קאַלטע, נאַסע ליפּן. אַפילו זײַן גאַנג האָט זי אויפגערעגט. קוקנדיק אויף אים האָט זיך איר אויסגעדאַכט, אַז איין זײַט פון זײַן קערפּער גייט פאָרויס, דער צווייטער — הינטערשטעליק, ווי ער וואָלט געשלעפּט אַ וועגעלע נאָך זיך, אויב ניט אַ גאַנצן וואָגן. אַזוי פאַרגלויבט איז ער געווען אין די רעגולאַציעס פון לעבן, אַז ער איז געוואָרן אַ קנעכט צו זײַנע אייגענע פּרינציפּן.

ווען פיליס האָט זיך אומגעקערט צו איר זיצפּלאַץ, האָט זיך דער עראָפּלאַן געזעצט איבערן לופטפעלד פון דענווער. ביידע יונגעלייט זענען

שוין געשטאַנען גרייט מיט די אַקטן־טאַשן אין די הענט, מיטן פּנים צום אַרויסגאַנג. די בלאָנדע סטואַרדעס האָט זיי באַגלייט.ביידע יונגעלייט האָבן זיך ווי אין עפּעס דערמאָנט, אויסגעדרייט די קעפּ און צוגעוואָרפן פּיליסן אַ לופטיקן „גוט־ביי״־קוש.

ווי אַזויפיל אַנדערע, ווי אַזויפיל אַנדערע, טראַכט פּיליס. געקומען און געגאַנגען. זי האָט דעם ראָלעט מער ניט אויפגעראָלט. זי האָט ניט געוואָלט זען ווער עס וואַרט זיי אָפּ, דאָרט אונטן אין זייער וועלט. זי האָט אויך ניט געוואָלט זען דעם ליידיקן חלל, נאָך דעם ווי דער עראָפּלאַן האָט זיך צוריק אויפגעהויבן אויפן וועג קיין רענאָ נעוואַדע...

דער איבערגעבליבענער

ער איז געגאַנגען, דער איבערגעבליבענער, אויף דער פאַרוואַקסענער סטעזשקע וואָס פירט מער אין ערגעץ ניט. ער איז געגאַנגען מיט געמאָסטענע טריט. אין איין האַנט האָט ער געהאַלטן אַ שטעקן, די צווייטע אין בוזעם פאַרשטעקט. דער מלבוש וואָס האָט צוגעדעקט זײַן לײַב, האָט אויך פאַרדעקט זײַן קאָפּ ביז איבער די אויגן. אַרויסגעזען האָט זיך בלויז די נאָז, פּראָמינענט פאַרשפּיצט, די נאָזלעכער צעקרומט, שוואַרץ, פאַרריסן, ווי אַ פרעג־צייכן קעגן הימלישן געוועלב.

דער מאַן אויפן שליאַך האָט אויף אַ מאָפּע ניט געקוקט, די צײַט ניט געדענקט, האָט ער געוואַנדערט אָן ציל באַרג־אַרויף, באַרג־אַראָפּ, פעלד־אײַן פעלד־אויס. ער האָט געבלאָנדזשעט אין וועלדער, געשווומען איבער טײַכן. ער האָט אפשר יאָ, אָדער ניט געוווּסט, אַז ער געפינט זיך אין דער געגנט פון די קאַרפּאַטן, ניט ווײַט פון טײַך דניעסטער. עס איז אים אויך ניט אָנגעגאַנגען. אים איז גוט געווען ניט צו טראַכטן, ניט צו פילן, דער עיקר ניט צו געדענקען. האָט זיך אַמאָל געטראָפן אַז אַ דערמאָנונג האָט אָנגערירט זײַן באַוווסטזײַן — איז דער סדר־העולם אַראָפּ פון וועג. פייגל האָבן זיך אָפּגעשטעלט אין מיטן פלי. איין מין האָט אַטאַקירט דעם צווייטן. לעבעדיקע שטיקער זענען געפאַלן צו דער ערד. בערג האָבן אויפגעריסן. גיפטיקע זונשטראַלן האָבן פאַרברענט די וועלדער. ביימער זענען געפאַלן מיט די וואָרצלען אַרויף... דעמאָלט, נאָך דער זעונג, האָט ער די לעצטע דערמאָנונג וואָס האָט נאָך געטליִעט אין אים, מיט די אייגענע הענט דערשטיקט. דעם באַגאַזש פון אַלע זײַנע נעכטנס, האָבן מענטשן בײַ אים פון קאָפּ אַרויסגעשלאָגן. ער האָט מער ניט געדענקט פון וואַנען ער איז געקומען און ניט געוווּסט וווּהין ער גייט. ער האָט אָבער געפילט, אַז ער מוז גיין. גיין, גיין, זאָל עס אַפילו נעמען ביז אחרית הימים.

ס'איז געווען בין השמשות. ס'איז געווען די צײַט פון פסח, די ערד האָט געפיבערט מיטן דראַנג פון אַ געוויינערן. דאָס אַש וואָס האָט געברענט

אונטער די פיס, האָבן וועסנע־רעגנס אויסגעלאָשן. ווילדע געגנדז האָבן מיט גרויס געפילדער געצויגן צו די נאָענטע אָזיערעס. פייגל האָבן אָנגע־פילט די נעסטן. חיה׳לעך פון אַלע מינים האָבן געאײַלט צו זייערע נאָרעס. די לופט איז פול געווען מיטן הארבן ריח פון סאָסנע־וואַלד.

דער מענטש אויפן וועג האָט זיך צוגעזעצט אויף אַ שטיין און מיט פאַרמאַכטע אויגן געלאָזט די געדאַנקען לויפן אָן אַ טאַלק, אָן אַ הפסקה, איין פּלאַנטער האָט גורם געווען אַ צווייטן אָן שום שטער, אָן ווילן תופס צו זײַן דאָס געטראַכטע, עפּענען דעם פּלאָנטער, געפינען אַ ברעג...

ווען ער האָט געעפנט די אויגן זענען שוין די קאָנטורן פון פעלד און וואַלד געשטאַנען אָנגעטון אין נאַכטיקן לבוש. די פינצטערניש האָט אים אַרומגענומען, ווי אַ קלאַש אים אײַנגעהילט. ער האָט ניט געוווּסט צי ס׳איז שפּעט, אָדער פרי. איז ער אויפגעשטאַנען פון זײַן זיץ־אָרט און זיך געלאָזט אין וועג אַרײַן.

פון ווײַטן ערגעץ, טיף באַגראָבן אין דער פינצטערניש האָט זיך דורכגעריסן אַ שײַן. ווען ער איז נאָך געווען אַ יִנגל אין חדר, פלעגט די מאַמע אָנצינדן אַ ליכט אין פענצטער. דאָס ליכט האָט אים געדינט ווי אַ וועגווײַזער, ער זאָל בײַנאַכט ניט פאַרקריכן אין אַ בלאָטע. ער האָט דאָס ליכט בילדלעך ניט דערבליקט. עס האָט אַ ווײ־געטון אויף אים ווינטלדיק, אַבסטראַקט און אים באַוויגן ווײַטער צו גיין, האָט ער פאַרהויבן זײַן לאַנגן כאַלאַט און מיט באָרוועסע פיס גענומען טאָפּטשען אין דער ווייכער בלאָטע. ער איז געגאַנגען טראָט בײַ טראָט, אַריבער דעם ריוו וואָס האָט אָפּגעטיילט דאָס פעלד פון יִשוב. דאָס ליכט וואָס האָט באַשײַנט זײַן וועג איז געקומען פון אַ פויערישער כאַטע. אַ נידעריק הײַזל, די ווענט געטינקט מיט ליים. דער דאַך באַשירעמט מיט בינטלעך שטרוי וואָס זענען זיך צונויפגעקומען אין דער מיטן, ווי צונויפגעפלאָכ־טענע פינגער פון צוויי פרײַנטלעכע הענט. דורך דעם נידעריקן פענצטערל האָט די שײַן זיך אויסגעלייגט בײַ זײַנע פיס און אים אָנגעוויזן די טיר צו דער כאַטע. און ווײַל ער האָט אויפן גדר קיין אַכט ניט געלייגט, האָבן די שטעכנדיקע דראָטן זיך אײַנגעביסן אין זײַן געוואַנט. פון הינטערן הויז איז אָנגעלאָפן אַ הונט אין מיט אַ געביל אים געשפּרונגען אין פּנים. נאָר באַלד האָט זיך דער הונט גענומען שאַרן אויף צוריק. ער האָט

פאַרשטעקט דעם עק צווישן די פיס און זיך פאַרגאַנגען אין אַ געהאַ־ רישן געוויין.

כהרף עין האָט דאָס ליכט אין פענצטער זיך אויסגעלאָשן. אין דער האַלב־אָפּענער טיר האָט זיך באַוויזן דער קאָפּ פון אַ מענטש, בעת דער גוף איז פאַרבליבן אויף יענער זײַט שוועל.

דער איבערגעבליבענער האָט זיך אינסטינקטיוו אַ צי געטאָן צו דער מענטשלעכער געשטאַלט, נאָר די שטים פון יענער זײַט שוועל האָט אים אָפּגעהאַלטן. „ניט אַ טריט נענטער! דו הערסט וואָס מ׳רעדט צו דיר? איך זע דאָך אַז דו ביסט אַ ייִד. אוודאי פון מאַסן־גרוב זיך אַרויסגעכאַפּט, טאָ זײַ זשע וויסן, אַז בײַ מיר וועסטו קיין מקום־מיקלט ניט געפינען״.

איצט איז שוין די טיר צווישןביידן געשטאַנען אָפן. דער מענטש פון אינווייניק האָט אַ טראָט געטון פאָרויס און אַנטקעגן געטראָגן דעם פרעמדן אַ פלאַך פּנים, די אויגן טיף אײַנגעגראָבן אונטערן שטערן, האָבן געבליצט מיט דער זעלבער שאַרף ווי די האַק אין זײַן האַנט.

„ס׳זעט אויס אַז דו הערסט ניט וואָס מ׳רעדט צו דיר? נאָך דאָס פעלט מיר, שכנים, זאָלן זיך דערוויסן אַז איך באַהאַלט זשידעס אונטער מײַן דאַך״.

ווען דער איבערגעבליבענער האָט זיך פון אָרט ניט גערירט, האָט דער מענטש אויפגעהויבן די האַק.

„אויב דו מיינסט, אַז דו וועסט מיך פאַרטשאַקען מיט דײַנע ייִדישע שטיק, מאַכסטו אַ טעות. זעסט די האַק, איין טריט פאָרויס, און דײַן קאָפּ פליט פון קאַרק אַראָפּ״.

דער בײַנאַכטיקער גאַסט אין גרויען כאַלאַט האָט געקוקט אויף דעם צאָרנדיקן באַשעפעניש און ניט געוווסט וואָס צו זאָגן. די ברוסטן אונטער איר העמד האָבן געוויזן אַז זי איז אַ פרוי.

„דאָס האַרץ זאָגט מיר אַז דו ביסט ניט גלאַט קיין האַלעדריגע״, האָט זי ווײַטער גערעדט, „אויב דו האָסט גאָלד, טאָ קום אַרײַן. די שכנים מײַנע שטייען שטענדיק אויף דער וואַך. זיי היטן מײַנע טריט. זיי אַליין האָבן זיך אָנגעשטאָפּט מיט ייִדיש פאַרמעגן, נאָר איך, אַ בידנע אַלמנה בין געבליבן מיט ליידיקע הענט״.

די פרוי האָט זיך אָפּגערוקט אין אַ זײַט און געלאָזט דעם גאַסט גיין

פּאַרויס. „ס'זעט אויס אַז דו האָסט שוין פאַרגעסן ווי אַזוי מ'גייט אַרײַן אין אַ מענטשלעכער דירה. בייג אָן דײַן קאָפּ אויב דו ווילסט אים ניט שפּאַלטן. אַ מין הייך בײַ דיר. אַוודאי אויף מילך און חלה זיך געפלעקעט. וואַרט צו אַ מינוטקעלע אָט מאַך איך ליכטיק. אפשר וועלן מיר זיך צו עפּעס דערשלאָגן. אויב דו ביסט געקומען זען מײַן טאָכטער, מוזסטע זאָגן ווער עס האָט דיך געשיקט".

אין שטוב איז געווען פינצטער. זויערע ריחות האָבן אים אַ שלאָג געטון אין דער נאָז אַרײַן. דער קאָפּ האָט זיך אים לײַכט פאַרדרייט. באַלד האָט ער ווידער דערזען די פרוי. אַנשטאָט אַ האַק, האָט זי איצט געטראָגן אַ נאַפּט-קנייטל אין דער האַנט. זי האָט פאַרהאָנגען דאָס פענצטער, פאַרשטעקט דאָס ליכט אונטערן פּריפּעטשיק. פון דוחק אין לופט האָט זיך דאָס ליכט געשטיקט. איין העלפט פון דער כאַטע האָט זיך געבאָדן אין ליכט, די צווייטע איז פאַרבליבן אין שאָטן.

אויף דער באַלויכטענער וואַנט האָבן געהאָנגען איקאָנעס: דער גע־קרייציקטער אותו האיש מיט דער דערנער-קרוין אויפן קאָפּ, מאַריאַ מיטן יעזוס-קינד בײַ דער ברוסט. די וואַנט אין שאָטן האָט געוויזן די בילדער ווי זיי וואָלטן געהאָנגען מיט די קעפּ אַראָפּ.

„שטיי אויף טאָכטער, אוצר מײַנער, האָט זי געדעדט צו עמעצן מיט אַ ווייכער שטים. מיר דאַכט אַז דער גאַסט איז פאַר דיר. נעם אויף זיך אַ קליידל, קעם צו די האָר. לאָז דעם גאַסט לאַנג ניט וואַרטן".

דאָס נאַפּט-קנייטל האָט געפלאַמט און באַלויכטן דעם פרעמדנס פּנים. ווען די פויערטע האָט אים דערזען אין פולן ליכט, האָט זי אַ פּאַטש געטון מיט די הענט. „באַזשע מאַי! פּאַטערל הייליקער, פאַרוואָס האָסטו זיך באַלד ניט געלאָזט דערקענען?" זי האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קני, זיך איבערגעצלמט. אַ פּחד האָט אָפּגענומען איר לשון. איר צונג איז הענגען געבליבן אין איר האַלב אָפענעם מויל. פאַר אַ לענגערער צײַט איז זי געלעגן אויף דער ערד, געקושט דעם זוים פון זײַן כאַלאַט. „זײַ מוחל פּאַטערל", האָט זי געיאָמערט. „שוין פאַר חדשים קיין ברעקל פלייש אין מויל ניט געהאַט. קומט די נאַכט, בין איך שטאַק בלינד. הײַנטיקע צײַטן ווען מ'זעט בײַנאַכט אַ מענטשן פאַרדעכטיקט מען באַלד אַז דאָס איז אַ ייִד. וויאַזוי האָב איך בידנע באַבע געזאָלט וויסן אַז אַזאַ הייליקער מאַן

קלאַפּט אין מײַן טיר? דו וואָס ביסט מסוגל צו זען די נשמה פון מענטשן, מוזסט אוודאי וויסן, אַז איך האָב קיין בייז ניט געמיינט. אַ וויסטע אלמנה בין איך, מיט צוויי יתומים אויף מײַנע הענט. אמת, דאָס מיידל ברענגט אַרײַן אַ פּאָר זלאָטעס. אַ מענטש דאַרף דאָך אַ פּאָר שיך, אַ קלייד. אַנדערע האָבן געכאַפּט יידן, זיי צום טויט אויסגעליפערט פאַר אַ קילאָ זאַלץ. מײַן מיידל האָט דער גלח מיט טויף־וואַסער געהייליקט. יעדן חודש גייט זי זיך ספּאָוויעדען. זי איז בײַ מיר ווי מײַן אייגן קינד. טאָ זײַ מיר מוחל, פּאַטערל וואָס איך פּלאַפּל אַזוי פיל. אפשר ביסטו גאָר הונגעריק? אָרעם בין איך טאַקע, אָבער דאָס שטיקל פעלד ברענגט נאָך אַלץ אַ ביסן ברויט. די קי אַ ביסל מילך. אָט לויף איך טאַקע אַרויסכאַפּן אַ טעפּעלע זויערמילך, אָפּבראָטן אַ פּאָר קאַרטאָפל, זאָל דער הייליקער פּאַסטוך עסן צו דער זעט".

פון אונטערן איווון האָט זיך באַוויזן אַ מיידל. מיט באָרוועסע פיס האָט זי זיך דערנענטערט צום פרעמדן. אויך זי האָט געטראָגן אַ מלבוש פון גראָבן לײַוונט, ווי איר מאַטקע. איר פּנים פריש, האָט אויסגעזען ווי די מאַדאָנע אויף דער וואַנט. איר קערפּער אָנגעלאָדן מיט די זאַפטן פון לעבן, האָט מיט יעדן קער געוויזן די ליניעס פון רײַפקייט. פאַרפלאָכטענע צעפּ האָבן באַצירט איר קאָפּ.

זיי האָבן זיך אָנגעקוקט פאַר אַ לענגערער צייט. זיי האָבן געקוקט און געגאַפט אין שטומער דערקענטעניש, ווי צוויי שפּיגלען וואָס האָבן פאַרלוירן דעם זילבער און געוואָרן דורכזיכטיק.

„איך ווייס ווער דו ביסט", האָט דאָס מיידל געזאָגט. „דו ביסט מײַן פעטער, מײַן מאַמעס ברודער. דײַן נאָמען געדענק איך מער ניט. איך געדענק אָבער די ליאַלקע וואָס דו האָסט מיר געשענקט צו מײַן צענטן געבוירנטאָג. איך האָב זיך מיט דער ליאַלקע קיינמאָל ניט געשיידט. זי איז געגאַנגען מיט מיר אין שול אַרײַן, צום רבי'ן אין חדר. ווען מ'האָט אונדז פון געטאָ אַרויסגעטריבן, האָב איך זי מיט זיך גענומען. אין געדרענג האָב איך טאַטע־מאַמע פאַרלוירן. זי, די ליאַלקע האָט זיך געטוליעט צו מיר. אַ סאָלדאַט מיט אַ ביקס אין האַנט האָט מיר באַפוילן צו לויפן. ער האָט געשאָסן איבער אונדזערע קעפּ, נאָר די קוילן האָבן אונדז ניט אָנ־גערירט. ער האָט געשאָסן און מיר זענען געלאָפן, ביז מיר זענען דערלאָפן

צו אַ צווינטער, איז שוין געווען נאַכט. אַ נאַכט אַזוי שוואַרץ און שווער ווי סמאַלע, האָט אונדז צוגעדריקט צו דער ערד. אונטער אונדז האָט די ערד געציטערט. פאַרשטיקטע קולות האָבן זיך דערטראָגן צו אונדז. די ליאַלקע האָט געזאָגט, אַז די קולות קומען פון ניט דערקווילטע העלדזער, ווי פון עופות אין שעכטהויז, וואָס וואַרפן זיך געפּענטעטע ביז זיי גייען אויס.

מײַן ליאַלקע האָט זייער ניט געוואָלט שטאַרבן. מילא איך, ווי אַ ייִדיש קינד האָב קיין ברירה ניט געהאַט. האָב איך זי אײַנגעהילט אין מײַן געבלימטן טיכל, זי באַהאַלטן אויפן צווינטער אין אַן אויסגעהוילטן בוים, וועמען ס'האָט אַ דונער געטראָפן. אַליין האָב איך זיך געלאָזט גיין נאָך די יאָמער־קולות. ווײַט בין איך אָבער ניט דערגאַנגען. די מאַטקאַ האָט מיך געפונען בײַ איר מאַנס קבר און מיך גענומען צו זיך אַ היים״.

„און די ליאַלקע?״ פרעגט דער פעטער, מיט אַ קול ווי ער וואָלט געקײַט צעבראָכן גלאָז. „אַ זי?״ ענטפערט דאָס מיידל. „זי וואַרט נאָך אַלץ אויף מיר. זי מיינט אַז איך בין נאָך אַלץ אַ קינד, הונגעריק נאָך מעשיות. קומט זי מיר צו חלום. זי האָט מיר אַפילו צו וויסן געטון, אַז דו וועסט קומען; און מיר וועלן ווידער ווערן קינדער...״

„איך ווייס, איך ווייס, צו מײַן גרויסן באַדויער ווייס איך״, האָט ער מער געטראַכט, ווי גערעדט, איך ווייס אַז מיר וועלן ווידער ווערן קינדער, אָפּזוכן די ליאַלקע וואָס האָט אונדז אין חדר אַרײַן געפירט. מיר וועלן באַנײַען די פאַרשפּילטע שפּיל, וויסנדיק אין פאָרויס, אַז קין האָט נאָך אַלץ אַ ווילדע הנאה זיך צו באָדן אין הבלס בלוט״.

*

ווען די פויערטע איז פון קעלער אַרויפגעקומען האָט זי שוין דעם גאַסט אין הויז ניט געטראָפן. דעם מיידלס געלעגער איז געווען ליידיק... זי איז געשטאַנען און געקלערט און ניט געקאָנט באַנעמען וויאַזוי אַ הייליקער מאַן וואָס וואַנדערט איבער די וועגן צו ברענגען טרייסט און האָפענונג פאַר אומגליקלעכע, קומט גאָר זוכן אַ נקבה? און ווײַל די פויערטע האָט דאָס רעטעניש ניט געקאָנט לייזן, האָט זי זיך אַראָפּגע־לאָזט אויף די קני תפילה צו טאָן. די תפילה וואָס זי האָט אין זינען

געהאַט, איז ווי אויסגעטריקנט געוואָרן. דאָס האַרץ האָט איר געזאָגט, אַז דאָס איז אַ שלעכטער סימן. אונטערן פּריפּעטשיק האָט דאָס נאַפּטקנייטל געצאַנקט און אָנגעפּילט די שטוב מיט טאַנצנדיקע שאָטנס. אַ גאַנצע נאַכט האָט עס אַזוי געטליִעט, און זי איז געזעסן און געקוקט אין צאַנקנדיקן פּינטל, אַזוי ביז אין ווייַסן טאָג אַרייַן.

צומאָרגנס איז ביי דער פֿויערטע אין הויף געוואָרן אַן אָנגעלאָף. שכנים זענען זיך געקומען דערוויסן, סטייַטש, זיי האָבן אַליין געזען ליכט אין איר פֿענצטער וואָס האָט געברענט ביז האַלבער נאַכט. ווער קאָן זיך הייַנט פֿאַרגינען ברענען נאַפֿט אומזיסט און אומנישט ? ניט אַנדערש נאָר עפּעס האָט געמוזט פּאַסירן ? האָט זיך אפשר די קו געקאַלבט, דאָס פֿערד פֿאַרקראַכן אין אַ זומפּ ? שטייט מען אַזוי און מען שמועסט : דער אַלטער בילאָוווז, די וואַסיליעכע, און די צעדרייטע יאַדוויגע. פֿאַרלייגט די וואַסיליעכע די הענט אויפֿן בויך, „האָט איר געזען ליבינקע די נעכטיקע שקיעה, צייַט איך לעב האָב איך אַזאַ הימל ניט געזען. מען זאָגט, אַז אַזעלכע הימלען ברענגען מגפֿות אויף דער וועלט״.

„אמת״, שלאָגט איר איבער די צעדרייטע יאַדוויגע, און איר שקראָפּל־נאָז פֿלאַמט פֿון באַגייַסטערונג. עס איז אַ סברא, אַז דאָס איז דאָס בלוט פֿון די אומגעבראַכטע ייִדן. אפשר ניט פֿון אַלע ייִדן, נאָר דעם ראַבינס בלוט איז זיכער אויפֿן הימל אַרויף. איך אַליין האָב אים געזען שטיין איינגעהילט אין ווייַסן טלית, ווען אַלע אַנדערע זענען געווען אויסגעטאָן ביז צום בייַן. דער קאָמענדאַנט האָט אים באַפֿוילן די שמאַטע אַראָפּצו־נעמען. דער ראַבין האָט זיך קיין ריר ניט געטאָן. האָט דער קאָמאַנדאַנט אים באַפֿוילן צו טאַנצן. דער ראַבין איז געשטאַנען ווי אַ בוים אַרייַנגעוואַקסן אין דער ערד. טאַנץ שווייַנהונט, צאָרנט דער דייַטש. דער ראַבין שטייט גלייַך ווי ניט אים מייַנט מען. ער שטייט איינגעהילט אין טלית און מאַדליעט זיך צו זייַן גאָט.

„איך וועל דייַן קאָפּ שפּאַלטן. דייַן פֿלייש פֿאַר די הינט וואַרפֿן. טאַנץ, זאָג איך דיר, טאַנץ!״ אַרום און אַרום שטייען אונדזעריקע און לאַכן. דער דייַטש ווערט מלא רציחה. ער ציט אַראָפּ זייַנע ווייַסע הענטש־קעס, כאַפּט אַרויס דעם רעוואָלווער און צילט דעם ראַבין גלייַך אין קאָפּ אַרייַן. ער פֿייַערט איין מאָל, און נאָך אַ מאָל. דער טלית פֿאַלט צו

דער ערד, אַ ליידיקער. מ׳זעט ניט קיין גוף, קיין סימן פון בלוט. דער טלית ליגט אַן אויסגעשפּרייטער, ווי די פליגל פון אַן אָדלער. ערשט איך הייב אויף די אויגן און זע ווי דער הימל איז איין גרויסער רויטער טײַך, קאָכט און שוימט מיט פרישן בלוט.

„עט וואָס אַ באַבע באַלאַבעטשעט". רופט זיך אָן דער אַלטער בילאָווז. „טויט איז טויט. מיטן מלאך המות מאַכט מען קיין קונצן בישט. נאַראָנים און ווײַבער גלייבן אין נסים. איך גלייב אין כוח. וואָלט איך נאָר געווען אַ ביסל ייִנגער, אַ ביסל שטאַרקער, וואָלט איך דאָ ניט באַלאַמוטשעט. אוצרות וואלגערן זיך אונטער יידישע חורבות, גאָלד אין די בײַכער פון די טויטע זשידעס. די טויטע זשידעס, וואָס האָבן ניט באַוויזן דאָס גאָלד צו באַגראָבן, האָבן זיי עס אײַנגעשלונגען. אוי וואָלט איך געשניטן בײַכער, געריסן גאָלדענע ציין פון מויל. נאָר גיי טו עפּעס, אַז די הענט דינען ניט מער. די פיס צוויי שברי־כלים, ווילן מער ניט טראָגן. אַפילו אויף די אויגן קאָן איך זיך מער ניט פאַרלאָזן. איך בין ווי אַן אויסגע־טרוקנטע זאַנג אין פעלד, די זערנע האָט דער ווינט פאַרטראָגן. דער שפּראָץ פון מײַנע לענדן איז ווי אין וואַסער אַריין. איך ווייס אַפילו ניט ווו זײַן געביין איז אַהינגעקומען? שטייט אַ באַבע און פּלוידערט וועגן נסים. פּראַוואָסלאַוונע וואַלגערן זיך נאַקעט אויף די פעלדער. שוואַרצע ראָבן פּיקן זייערע געדערעם און זי וויל מיך אײַנרעדן, אַז דאָס בלוט פון אומגלויביקע ייִדן קומט פאַר גאָט".

„אפשר טאַקע דערפאַר האָט זיך דער ראַבין ניט געוואָלט אויסטאָן", ענטפערט אים יאַדוויגע. „מסתמא האָט ער וויל געוווסט, אַז פאַר גאָט קאָן מען זיך נאַקעט ניט שטעלן".

„באָבע־מעשיות!" זאָגט בילאָווז. „מיר אַלע זענען געקומען אויף דער וועלט נאַקעטע. נאָר פאַר אַ מענטשן קאָן מען זיך פאַרדעקן. פאַר גאָט איז אַפילו די נשמה נאַקעט".

די אלמנה וואָס איז געשטאַנען די גאַנצע צײַט אַ שווײַגנדיקע, האָט פלוצים דערפילט אַ שוואַכקייט אין אירע גלידער. דער ראַבין! דער גאַסט אין איר הויז איז ניט געווען קיין מאַנאַך, ס׳איז געווען דער ראַבין. דער געדאַנק איז ווי אַ בליץ אַריבער איר לײַב. הענט און פיס האָבן זיך גענומען טרייסלען. דער ראַבין איז געקומען און צוגערויבט איר טאָכטער.

כדי צו פאַרדעקן איר אויפרעגונג, האָט זי אָנגעהויבן טרײַבן די הינער, זיך בייזערן אויפן הונט.

„ניטאָ קיין צײַט ליבינקע, די זון שטייט שוין הויך אין הימל און בײַ מיר איז די קו נאָך ניט קיין געמאָלקענע. די הינער ניט געקאָרמעט. דער חזיר איז כּליוּו פאַרשפּאַרט".

„נו, איר האָט דאָך אַ דערוואַקסענע טאָכטער", זאָגט די גוי'ע און אַ כיטרע שמייכל לייגט זיך אויס אויף איר פּנים.

די אַלמנה ענטפערט ניט. זי לויפט אַרײַן אין הויז. זי זוכט אויפן בוידעם, אין קעלער, אין גאָרטן. „האָסט געזען דײַן שוועסטער?" פרעגט זי איר יינגל.

„ניין מאַמע, ניט געזען".

„און דעם בײַנאַכטיקן גאַסט האָסטו יאָ געזען?"

„איך האָב קיינעם ניט געזען!"

„מאַריאַ, מאַריאַ!" רופט זי אין בלויען שטח אַרײַן. געענטפערט האָט איר אַ ווידערקול, וואָס האָט זיך אָנגעשלאָגן אין וואַלד, זיך אויסגעשפּרייט איבערן טײַך און צו נישט געוואָרן.

די אַלמנה האָט פאַרבראַכן די הענט. זי האָט אויפגעהויבן די אויגן צום הימל. „מאַריאַ, מאַריאַ!" האָט זי גערופן מיט פאַרמאַכטע ליפּן. קער זיך אום מאַריאַ. דו ביסט אַ געטויפטע, און ער אַן איבערגעבליבענער, איינער צו פיל, ער איז אַ ייִד, אַ ייִד...

דאָס ווידערקול האָט נאָכגעזאָגט אַן אויסגעצויגענעם, ביז אין דער אייביקייט אַרײַן: „ייִד, יי־ד, יי־ד!"

אין געוועט מיטן גורל

סעלמאַ האַלצמאַן איז געשטאַנען אין קיך און צוגעגרייט מיטאָג. זי האָט אויסגעלייגט קעז אויף אַ געבלימטן טעלער, געזוימט מיט אַ גאָלדן רעמל. זי האָט דעם קעז אויסגעפורעמט ווי אַ האַרץ, מיט צוויי רויטע פּאָזעמעקעס אין דער מיטן.

אין עס־שטוב אויפֿן טיש איז שוין געשטאַנען אַ פֿלאַש רויטער ווײַן, צוויי פֿינקלענדיקע גלעזער, טעלער, גאָפּל, לעפֿל, שעלעכלעך פֿאַר קאַווע. שטילע מוזיק האָט אײַנגעהילט דאָס הויז ווי אין אַ דרימל. אַ דראָבנער רעגן האָט באַטופּט די שויבן. כאָטש אין הויז איז געווען טונקל, האָט זיך סעלמאַ ניט געאײַלט צו מאַכן ליכט. זי האָט געטיילט אירע געפֿילן מיט די שאָטנדיקע ווינקלען, וואָס זאַפּן אין זיך די מוזיק ווי פּירות פֿון פֿאַרבאָט.

סעלמאַ האָט ווי פֿאַרגעסן פֿאַר וועמען זי גרייט דעם מאָלצײַט. אַזוי לאַנג זי איז געווען באַשעפֿטיקט האָבן אירע נערוון גערוט. און אפֿשר האָט זי בכיוון ניט געוואָלט געדענקען, אַז זי איז באַגאַנגען אַ נאַרישקייט, זיך געלאָזט איבעררעדן פֿון איר צעבאַלעוועטער קוזינע, צו דינען איר ווי אַ שירעם פֿאַר אירע טריפֿענע „סקאַנדקעס״.

די לעצטע נאַכט האָט סעלמאַ נישט געקאָנט שלאָפֿן. עס האָט זי פֿאַרדראָסן וואָס זי לאָזט זיך פֿירן בײַ דער נאָז. זי אַליין היט דעם כבוד פֿון חופּה וקידושין־רינגל, מאַכט צו־נישט דעם בליק וואָס רירט אָן אַ סטרונע, גרייט גאָר צו אַ געהיימע טרעפֿונג. ווײַל זי אַליין שטייט אין אַ זײַט, קוקט אויפֿן אָרום ווי פֿון אונטער אַ גלעזערנעם קלאָש. שוין באַלד צען יאָר ווי זי איז פֿאַרהייראַט. אַנדערע ווײַבער האָבן שוין קינדער אין שול, און זי האָפֿט נאָך אַלץ אויף אַ נס. יעדעס מאָל ווען זי זעט אַ פֿרוי פֿירן אַ קינדער־וועגעלע, פֿילן זיך אירע אויגן אָן מיט טרערן. דער דאָקטער זאָגט; אַז סײַ אוירווינג, סײַ זי זענען לויט אַלע כּללים

פּאַטענט. ס׳קאָן זײַן, זאָגט ער, אַז מיט געביטענע פּאַרטנערס, וואָלטן בײדע געווען פּרוכטיק. אויך אין דער פלאַנצן־וועלט, פּרווט ער דערקלערן, זענען פאַראַן געוויסע מינים וואָס פּראָדוצירן נישט אויף איין סאָרט ערד נאָר אויף אַ צווייטער זענען זיי גראָד פּראָדוקטיוו.

אירווינג וויל פון קיין שיידונג נישט הערן. לויט אים איז עס פּשוט אַ פאַרברעכן צו ברענגען קינדער אויף דער וועלט, וואָס שטייט אויפן ראַנד פון אונטערגאַנג. ער ווייסט, זאָגט ער, אַז די בעסטע מוחות אין דעם אַזוי גערופענעם „טינק טאַנק״ גרייטן אַ צוואָה פאַר אַ מעגלעכן באַזוכער פון חלל, ער זאָל וויסן ווי אַזוי אָנצוהייבן אַ נײַעם בראשית. זיי האָבן אַפילו צוגעטראַכט אַ געשריפט אַזאַ, אין דער פאָרעם פון חיות, מענטשן, ביימער, מכשירים צו נוצן פאַר אַ נײַעם פּאַרזיי. מיט איין וואָרט, אַ מין נח׳ס תיבה טאָמער וויל דאָס פאַרבלאָנדזשעטע באַשעפעניש זיך איינבעסטיקן אויף אונדזער וויסטן פּלאַנעט. בלויז פאַרוואָס און פאַר־ווען אַ וועלט איז משוגע געוואָרן און באַגאַנגען זעלבסטמאָרד, האַלטן די סופּיריער מוחות ניט נייטיק צו דערקלערן. זיי זענען זיכער אַז צו דעם סוד וועט זיך דער צוקונפטיקער ערד־מענטש אַליין דערשלאָגן.

סעלמאַן אינטערעסירן נישט קיין וועלט־פּראָבלעמען. צרות רבים רירן זי נישט אָן. זי דרייט זיך אויפן געלעגער, דרימלט אײַן און וועקט זיך איבער. אין דער פרי פאַרגעסט זי וואָס זי האָט בײַנאַכט באַשלאָסן. אַנשטאָט אָפּצורופן די טריפענע טרעפונג, גייט זי אַוועק אין „סופּער־מאַרקעט״, האַנדלט אײַן שוועמלעך, גריגע אַרבעסלעך, רויטע פּאַזעמקעס און פרישע זעמעלעך. זי טוט דאָס מיט צערייצטער ענערגיע, ווי דווקא די קאָנספּיראַציע פון דעם ענין וואָלט זי אויפגעלעבט. זי לויפט פון איין שטוב אין דער צווייטער, דאָ גלעט זי אויס דאָס בעט, דאָרט פּאַרציט זי די פירהאַנגען. פאַרן גרויסן שפּיגל בלײַבט זי שטיין. אַ שפּאָגל־נײַער קנייטש האָט זיך באַוויזן אַרום די אויגן. זעען אויך אַנדערע וואָס זי זעט? די קנייטשן מערן זיך. די יאָרן לויפן. באַלד וועט זײַן צו שפּעט. אויף וואָס וואָרט זי, אויף מענאָפּאַז? דאָראָטי, איר קוזינע, ערשט צוויי יאָר נאָך דער חתונה, האָט זיך שוין אײַנגעשאָפּט אַ געליבטן. זי היט זיך אַפילו נישט. זי זאָגט: ton corps est a toi און גיי טו איר עפּעס. אמת, זי איז ייִנגער פאַר איר. זי האָט זיך געכאָוועט אויף גלאָריאַ סטיינעמס

דיַעטע. איר אַרט נישט וואָס איר מאַן זאָגט, אָדער טראַכט. זי איז די מאָדערנע פרוי: אומאָפּהענגיק, פריַי, גײַסטיק, פיזיש און פינאַנסיעל.

בין איך איַפערזיכטיק אויף מיין קוזינע? טראַכט סעלמאַ. אין אַלע אירע מיידלשע יאָרן האָט זי קיינעם ניט מקנא געווען. איר לעבנסוועג איז געווען אָנגעצייכנט פאַר איר, און זי איז נאָכגעגאַנגען איר באַשערטקייט אָן תרעומות. זי האָט זיך אפילו ניט באַקלאָגט וואָס זי איז געבוירן געוואָרן אַ קײַלעכדיקע יתומה. איר מוטער איז געשטאָרבן אין קימפּעט. דער פאָטער אירער איז באַגאַנגען זעלבסמאָרד איינציקע וואָכן איידער זי איז געבוירן געוואָרן. דאָס האָבן זיידע־באָבע איר דערציילט ווען זי איז שוין געווען אַ דערוואַקסענע. סעלמאַ האָט גערופן איר באָבע מאַמע, און דעם זיידן טאַטע. צופיל חשק צום לערנען האָט סעלמאַ נישט געהאַט. זי האָט בעסער ליב געהאַט צו העלפן איר באָבען אין דער ווירטשאַפט, קאָכן, באַקן, רוימען דאָס הויז. בעת די באָבע האָט געגרייט וועטשערע, האָט זי ליב געהאַט צו זינגען ייִדישע לידער, וואָס זי האָט נאָך געדענקט פון דער אַלטער היים. זיי האָבן געוווינט אין פּענסילוועניע, געהאַט אַן אייגן הויז, אַ גאָרטן אַרום הויז. סעלמאַ איז געוואַקסן צוזאַמען מיט דיביימער, וואָס איר באָבע האָט לכבוד איר דאָרט פאַרפלאַנצט. סעלמאַ האָט זיך אָפּגעגעבן מיט די בלומען אין גאָרטן, זי האָט באַזונדערס ליב געהאַט די ניט פּרעטענציעזע יערלעכע בלימעלעך, וואָס באַגנוגענען זיך מיט ווייניק און גיבן אַ סך. ווען זי איז געוואָרן ראוי לחופה, האָט זי זיך באַקענט מיט אוירווינג האָלצמאַן. ער איז געווען פון זעלבן שטעטל, אַ בוכהאַלטער, מיט צען יאָר עלטער פון איר. מענטשן האָבן געשמועסט, אַז דאָס איז אַ שידוך געמאַכט אין הימל. ער תורה, סחורה און געפּוצטע שטיוול, זי אַ גאָט געבענטשטע באַלעבאָסטע, גאָרניט ווי הײַנטיקע מיידלעך. מ'האָט געפּראַוועט אַ חתונה. זיידע־באָבע זענען געווען גליקלעך. סעלמאַ האָט זיך געפריייט מער פאַר זיי ווי פאַר זיך אַליין. זי איז גערן־וויליק געגאַנגען פון מדרגה צו מדרגה, מיט דער זיכערקייט אַז דאָס איז גאָטס ווילן און אַזוי דאַרף צו זײַן.

באַלד נאָך דער חתונה איז דאָס יונגע פּאָרפאָלק אַריבער וווינען אין ניו־יאָרק. סעלמאַ איז געווען באַגײַסטערט פון דער שטאָט, פון די געשעפטן. איר איז נישט נימאס געוואָרן צו שפּאַצירן אויף דער פינפטער עוועניו,

אַרײַנקוקן אין די שוי־פֿענצטער, באַוווּנדערן די רײַכקייט, די שיינקייט, דעם צויבער פֿון זאַכן פֿון וועלכע זי האָט פֿריִער ניט געחלומט. זי האָט באַוווּנדערט די עלעגאַנטע דאַמעס, די אויסגעפּוצטע פּראַנטן. זי האָט זיך געוווּנדערט: ווער פּראָדוצירט עס די אַלע שיינע זאַכן, ווען די גאַסן זענען איבערגעפֿולט מיט ליידיק־גייערס. ווען זי האָט אײַנגעזען אַז די פֿראַגע איז נוגע אויך איר אַליין, האָט זי אויפֿגעגעבן אירע שפּאַצירן, און זיך אָפּגעגעבן מיט דער ווירטשאַפֿט און מיט דעם ווווילזײַן פֿון איר מאַן. די עלעגאַנטע געשעפֿטן האָבן זי מער נישט אינטערעסירט. אַרומפֿירן אַ קינדער־וועגעלע איבער די גאַסן פֿון ניו־יאָרק איז געוואָרן איר אייַנ־ציקער ציל. אַלע אַנדערע ווערטן האָבן זיך אונטערגעגעבן דער מאַנקאָליע. דאָס צוזאַמען לעבן פֿון מאַן און ווײַב האָט זיך אָנגעהויבן פֿונאַנדער צו גיין. זי, דאָס שטיל וואַסער וואָס גראָבט טיף. ער, דער ווינט וואָס קומט מיט רעש און לאָזט איבער מיט גאָרנישט. וואַרטנדיק אויפֿן נס, האָט זיך סעלמאַ דערווײַל פֿאַרזאָרגט מיט אַ קינדער־וועגעלע. זי האָט זיך פֿאַרשאַפֿט אַ קאַץ און אַרײַנגעזעצט די קאַץ אין וועגעלע. די קאַץ אָבער האָט געהאַט אירע אייגענע געשעפֿטן. אַנשטאָט צו זיצן אין וועגעלע, איז זי געלאָפֿן אין די הילנעציס צו באַפֿרידיקן אירע אייגענע נויטן. באין ברירה, האָט סעלמאַ אַרײַנגעבראַכט אין הויז אַרײַן צוויי יונגע פּאַפּוגײַעלעך. סעלמאַ האָט די פֿייגעלעך אַרײַנגעזעצט אין אַ שטײַגל און זיי אויסגעלערנט צו רופֿן מאַמאַ, מאַמאַ. דאָס הויז איז פֿול געוואָרן מיט לעבעדיקע קלאַנגען. די פּאַפּוגעס האָט דער דרויסן נישט געצויגן. די „זי" איז געוועזן פֿאַרליבט אין „ער" און דער „ער" איז געוועזן פֿאַרליבט אין דער „זי". זיי האָבן אויך ליב געהאַט די בעל־הביתטע און פֿײַנט געהאַט די קאַץ.

די מדרגות וואָס האָבן אַ מאָל געפֿירט סעלמאַן פֿון שטאָפּל צו שטאָפּל, האָבן זיך מיט אַ מאָל אויסגעלאָזט. אָן אויסזיכטן אויף אַ בײַט, האָט דער מאַנאַטאָנער אײַנשטעל שווער געפּרעסט אויף איר געמיט. אין דער פֿריילעכער „בת יחידה", ווי איר זיידע־באָבע האָבן זי גערופֿן, האָט זיך אין סאַמע מיטן זומער פֿון איר לעבן, באַזעצט אַ האַרבסטיקער טרויער. אוירווינג איז געוועזן פֿאַרנומען בײַ טאָג אין ביוראָ, דעם אָוונט האָט ער אָפּגעגעבן געזעלשאַפֿטלעכע פֿאַרפּליכטונגען. כּדי נישט צו בלײַבן

אַליין אין הויז, גייט סעלמאַ מיט אים מיט. די פרויען וואָס קומען צו די מיטינגען זענען מייסטנס עלטערע. די יונגע ווײַבלעך קומען נישט. זיי זענען פאַרנומען מיט קינדער, טראַכט סעלמאַ ניט ווילנדיק. די מאַנקאָ־ליע פאַרפאָלגט זי, לאָזט זי ניט צו רו. האַ, ווען זי וואָלט ניט געבוירן געוואָרן אַ יתומה, וואָלט זי נאָך הײַנט געהאַט עלטערן מיט וועמען זי וואָלט זיך געקאָנט באַראָטן, אויסגיסן איר האַרץ, ווי די באָבע פלעגט זאָגן. איצט זענען זיידע־באָבע טויט. דאָס הויז האָבן פרעמדע איבער־גענומען. די קאַרשן פון בוים וואָס זי האָט פאַרפלאַנצט עסן איצט אַנדערע. ווער ווייסט צי די יערלעכע בראַטקעלעך בליִען נאָך אַלץ מיט יענער אַמאָליקער גרייטוויליקייט? ווער ווייסט?...

די נאָסטאַלגיע באַפאַלט זי געוויינלעך אין די נאָכמיטאָג שעהן, ווען די אַרבעט אין הויז איז שוין געענדיקט. דעמאָלט חלומט זי פון אַן אונטערגעוואָרפן קינד, פון אַן אַדאָפּטירט קינד, פון אַ קינד וואָס זי האָט פאַרשוואַנגערט פון אַ פרעמדן מאַן. אויך איצט, שטייענדיק פאַרן שפּיגל, קימען איר די געדאַנקען ניט ווילנדיק אויפן זינען. זי דערמאָנט זיך אַז עמעץ האָט איר אַ מאָל געזאָגט, אַז זי איז אײַנגענעסטיקט ווי אַ בלום אין דער בייט. קומט אַ בין און זויגט איר נעקטאַר, לאָזט זי זיך. זי אַליין נעמט קיין אָנטייל ניט. זי וואַרפט זיך אונטער איר גורל אָן ווידערשטאַנד. זי פּראָטעסטירט ניט אויף איר דאָליע. זי געניסט ניט דעם רווח פון איר בליִונג, און נישט דעם היזק פון פאַרגיי. דער וואָס האָט איר דאָס געזאָגט, איז בלויז געווען האַלב גערעכט. אין דער אמת'ן האָט זי זיך שוין מער ווי איין מאָל פאַרמאָסטן אין אַ געוועט מיטן גורל. יעדעס מאָל ווען עס איז געקומען דערצו, האָט זיך איר שלים־מזל אַרײַנגעמישט. אָדער זי איז קראַנק געוואָרן, אָדער זי האָט זיך דערשראָקן און חרטה געקריגן. איין מאָל האָט זי פּשוט פאַרבלאָנדזשעט. נאָכן אָפּפאָרן אַ שעה צײַט מיט דער סאָבווײ, האָט זי זיך געכאַפּט, אַז זי פאָרט אין דער פאַרקערטער ריכטונג. עס האָט אויסגעזען ווי די השגחה אַליין האָט צו־נישט געמאַכט דאָס וואָס האָט געקאָנט ווערן...

ערשט נישט לאַנג צוריק האָט זי זיך באַקענט מיט אַ יונגן מאַן בעת אַ שלאַקסרעגן האָט זיי ביידע אַרײַנגעטריבן אין אַ קאַפעטעריע. די קאַפע־

טעריע איז געווען געפּאַקט מיט מענטשן. מען האָט זיי בײדע באַשטאַט אין אַ ווינקל, אײנער לעבן צווייטן. ער האָט זיך פאַרגעשטעלט פאַר איר, ווי אַ קונסטמאַלער. ער האָט איר געגעבן זײַן וויזיט־קאַרטל און זי פאַרבעטן אַרויפצוקומען צו אים אין אַטעליע. ער וויל זי זאָל זען זײַנע לײַוונטן וואָס ער גרייט אין קורצן אויסצושטעלן. ער וואָלט אויך געוועןאַ בעלן זי אַרויפצובֿעמען אויף אַ לײַוונט. בעת ער האָט גערעדט, האָבן זײַנע הענט זיך געשפּילט מיט אירע פינגער. ווען זי האָט זיך נישט געוועהרט, זענען זײַנע הענט געקראָכן העכער, אַרויף צו דער רויטער טאַפּעטאַ־בלוזקע, וואָס זי האָט דעמאָלט געטראָגן. זי דערמאָנט זיך אַז בײַ יעדן באַריר פון זײַנע פינגער, האָט די טאַפּעטאַ־בלוזקע גערוישט, ווי אַ ים־מושל וואָס שעפּטשעט סודות אין אויער אַרײַן. פאַרן צעשיידן האָט זי אים געגעבן אַ פאַלשן טעלעפאָן־נומער, אַ פאַלשן אַדרעס.

פאַרוואָס האָט זי דאָס געטון? פרעגט זי זיך קוקנדיק אין שפּיגל אַרײַן. צוויי הייסע אויגן קוקן שפּאָטיק אויף זיך אַליין. זי עפנט דאָס קאָסמעטיק שאַכטעלע, באַשמירט די ליפּן, שטרײַכט אונטער די אויגן, פאַררויטלט די באַקן. בילדער באַגראָבענע אין די אָפּגרונטן פון דער נשמה שווימען אַרויף אויף דער אויבערפלאַך. זי טוט אָן די זעלבע רויטע בלוזקע. אומגעוועענע פינגער רירן זי אָן. די וויבראַציע לויפט פון אויבן אַראָפּ און פון אונטן אַרויף. דער אַראָמאַט פון קאַווע, געמישט מיט מאַריאַ קאַלאַס מ. באַטערפליי, טרײַבן זי פון זינען. זי לויפט אַרײַן אין קיך, פאַרדרייט דעם גאַז, לעשט אויס די מוזיק. אין הויז ווערט שטיל, הויל, ליידיק...

פון זייטיקן צימער דערטראָגט זיך דאָס קול פון פּאַפּוגײַ. ער רופט: „מאַמאַ, מאַמאַ”. סעלמאַ האָט פאַרגעסן אַרויסצולאָזן די פייגל אויף זייער טעגלעכן שפּאַציר איבערן הויז. זי מוז אויך מאַכן זיכער אַז די קאַץ איז אין דרויסן. יאָ, זי האָט די קאַץ נאָך באַלד אין דער פרי אַרויסגעלאָזט. עפנט זי דאָס שטײַגל און לאָזט די פייגל אַרומפליִען פרײַ איבערן הויז. און אָט קלינגט דער טעלעפאָן. ס'איז דאָראָטי, איר קוזינע. „וואָס האָט פּאַסירט?” פרעגט סעלמאַ. זי איז אויפגעבראַכט אויף איר קוזינע. זי האָט אָנגעוואָרפן אויף איר די אַרבעט, און אַליין אײַלט זי זיך נישט צו קומען. „סאָרי, טײַערע”, לאַכט די קוזינע אַרײַן אין טעלעפאָן. „איך

קאָן נישט קומען. אונדזער שכן איז געשטאָרבן און איך מוז גיין צו דער לוויה".

„און וואָס זאָל איך טון מיט אים?"

„טו מיט אים וואָס דײַן האַרץ גלוסט. ביסט שוין אַ גרויס מיידל. איך דאַרף דיך נישט לערנען".

„ביסט גאָרניט אײַפערזיכטיק? איך האָב געמיינט אַז דו ביסט פאַרליבט?"

„מאַך דיך נישט נאַריש, אַזוי אַלט־מאָדיש בין איך נישט".

„דו שטעלסט מיך פאַר אַ דילעמע".

„וואָס פאַרא דילעמע? ער געפעלט דיר נישט, שיקט מען אים, דו ווייסט שוין וווהין". Good luck, זאָגט זי, און הענגט אויף דאָס טרײַבל.

סעלמאַ בלײַבט שטיין ווי אָפּגעגאָסן מיט אַ שעפּ קאַלטן וואַסער. ניין. דאָס מאָל וועט זי דער קוזינע נישט צוליב טון. זי וועט שוין בעסער אָפּשטאָטן אַ וויזיט דעם קונסטמאָלער. זי וועט אים איבערראַשן. פאַר דאָראָטי׳ס דעיט, ביל, וועט זי אָנקלעפּן אַ צעטל אויף דער טיר. זי דאַרף פאַר אים ניט זוכן קיין תירוץ, ער איז נישט איר דעיט. סעלמאַ נעמט די פּען אין האַנט. איר האַנט ציטערט. זי ווייסט אַז זי שפּילט זיך מיט פײַער. די פאַנטאַזיעס רעגן זי אויף און פירן אין ערגעץ ניט. זי טאָר מער נישט נאָכפאָלגן די זייף־אָפּערעס אויף טעלעוויזיע. זי מוז זיך אומקערן צום שכל הישר. צו אירע זיידע־באָבעס אויסגעטראָטענעם וועג. סעלמאַ כאַפּט אויף זיך דעם מאַנטל, דעם בײַטל. זי עפנט די טיר און פאַר איר שטייט ביל. זי ווייסט, אַז דאָס איז ער. ער איז אָנגעטון ווי די פראַנטן וואָס שפּאַצירן אויף פיפט עוועניו. טונקעלע זון־ברילן פאַרשטעלן אַ העלפט פון זיין פּנים. ער טראָגט דעם רעגן־מאַנטל פאַרוואָרפן אויף איין אַקסל. אַ בינטל בלומען אין דער האַנט.

„איר זענט אַוודאי סעלמאַ, דאָטי׳ס קוזינע. איר דאַרפט נישט אַנטלויפן. מיר בײַסן נישט".

„איך אַנטלויף נישט. פאַרענטפערט זיך סעלמאַ. איך וויל אײַך זאָגן אַז דאָראָטי קאָן הײַנט ניט קומען. זי וועט אײַך לאָזן וויסן פאַרוואָס און פאַרוווען".

„און איר ווו לויפט, טייערע קוזינע?"

„איך ? איך אײַל זיך זען אַ מוווי״.

„טײַערע קוזינע״, זאָגט ער אָן דעם מינדסטן טאָן פון באַדויער. „די מוווי קאָן וואַרטן. די בלומען אָן אַ ביסל וואַסער וועלן באַלד אָפּשטאַרבן״.

ביל גיט אַ שטופּ מיטן פוס די טיר. ער נעמט אָן איר אָרעם און פירט זי אַרײַן אין הויז. סעלמאַ גייט אים נאָך, ווי זי וואָלט געווען דער גאַסט, און ער דער בעל־הבית. ער גייט גלײַך אַרײַן אין קיך, געפינט אַ וואַזע, פילט זי אָן מיט וואַסער. ער אַראַנזשירט דעם בוקעט מיט דער געניטקייט פון אַ ספּעציאַליסט. „בלומען פאַר אַ בלום״, זאָגט ער און טראָגט איר אַנטקעגן די וואַזע.

סעלמאַ נעמט ניט די בלומען. זי איז נאָך אַלץ איבערראַשט, און נאָך מער שאָקירט.

„נו, גוט״, זאָגט ער. „מיר וועלן די בלומען אַוועקשטעלן אויפן טיש, לעבן די רויטע פּאַזעמקעס און דעם ווײַסן קעז״. ער טוט דאָס אַלץ ווי ער וואָלט געהאַט אַ פּלאַן פון הויז, געוווסט געניי ווו אַלץ אַוועקצושטעלן...

ער העלפט איר אויך אויסטון דעם מאַנטל. די טאַפּעטאַ־בלוזקע רוישט.

ערשט זיצנדיק בײַם טיש האָט סעלמאַ באַמערקט זײַן קרויזיקן קאָפּ האָר, די פּאַרשפּיצטע וואַנסעלעך און די לאָקירטע נעגל. זײַן עלטער האָט זי נישט געקאָנט באַשטימען. ער האָט געקאָנט זײַן אין די שפּעטע צוואַנ־ציקער, דרײַסיקער, אָדער אַפילו אין די פריִע פערציקער. זײַן האַלטונג פרײַ, שפּילעוודיק, ייִנגליש, פול מיט לעבנסלוסט. זי נעמט דאָס אַלעס אויף אין איין אויגנבליק. זי וווּנדערט זיך ווי זי זעט אויס אין זײַנע אויגן ? ער זעט זי אוודאי ווי אַ מיטליעריקע פרוי וואָס שפּילט די ראָלע פון אַ זעכצן יעריקער בתולה. זי ווייסט אַז זי דאַרף סערווירן דאָס עסן, נאָר העגט און פּיס זענען בײַ איר אָפּגענומען. זיין קאָלאָסאַלער עגאָ רעדוצירט זי, מאַכט זי פאַר אַ קאַרליק. אַ שלל פון צוגעגרייטע אַנעקדאָטן גליטשן זיך גלאַטיק פון זײַן צונג אַרונטער. סעלמאַ פּרווט אַרויספירן אין געדאַנק דאָס פּנים צו וועלכן ער איז אַזוי שטאַרק ענלעך. זי געדענקט אַז יענעמס פּאַרקאַטשעטע ליפּן, האָבן זי אי געצויגן, אי אָפּגעשטויסן. וואָס לענגער ביל רעדט, אַלץ נעענטער קומט דער געזוכטער. זי איז איצט זיכער אַז דאָס איז דער איטאַליענישער אַקטיאָר, וועמענס נאָמען זי האָט פאַרגעסן. זי וואָלט אים געוואָלט פרעגן מיט וואָס ער באַשעפטיקט

זיך? איז ער פאַרהייראַט? וואָס איז זיין באַציונג צו איר קוזינע? נאָר ווען זי דערוועגט זיך שוין עפּעס צו פרעגן, האָט עס מיט דעם וואָס זי וויל קיין שייכות נישט. ס'איז ווי דער אינעווייניקסטער בייגיר, און דער דרויסנדיקער רעאַקטאָר, וואָלטן באַלאַנגט צו צוויי פאַרשיידענע העמאָספערן. סעלמאַ וואָלט זייער נישט וועלן ער זאָל דערקענען וואָס זי טראַכט, פרעגט זי אים צי ער איז שוין אַמאָל געווען אין אַלאַסקאַ?

„וואָסזשע, איר קלויבט זיך פאָרן אַהין?" ביידע לאַכן. זי האָלט איר שמייכל צוגעקלעפּט, ווי דעם רוזש אויף אירע ליפּן. אין הויז איז טונקל. דער רעגן האָט זיך געשטאַרקט. ערגעץ נאָענט האָט אַ דונער עקספּלאָדירט. דער הענגלאָמפּ איבערן טיש ציטערט. ביל פילט אָן די גלעזער מיט ווייַן. סעלמאַס גלאָז גליטשט זיך אַרויס פון איר האַנט און פאַרפלעקט דאָס ווייַסע טישטוך. זי לויפט אַרייַן אין קיך. טרערן שטיקן. האָס און רחמנות צו דער אייגענער אומגעלומפּערטקייט פאַרשטעלן איר די ראיה. ביל מאַכט זיך נישט זעענדיק. ער גייט אָן מיט זייַנע אַנעקדאָטן. ער דערציילט איר וועגן דער קאַניבאַל־מאַמע וואָס איז געגאַנגען מיט איר קינד שפּאַצירן אין דער דזשונגל. דאָס קינד, ווי אַלע מענטשן־קינדער איז געווען בייגיריק צו וויסן וואָס דאָס איז, און וואָס דאָס אַנדערע איז. דאָס קינד האָט געפרעגט און די מאַמע האָט געענטפערט. „דאָס איז אַ יאַטשעשרקע, דאָרט איז אַ טשערעפּאַכע. די פרוכט מעג מען עסן. די אַנדערע איז סם".

„און דאָס וואָס איז?" פרעגט דאָס קינד, אָנווייַזנדיק אויף אַן אַראָפּגעפאַלענעם עראָפּלאַן. „דאָס", ענטפערט די מוטער, „קנאַקט מען אויף די שאָלעכץ, און מ'עסט דאָס אינעווייניקסטע פלייש..."

אַזוי רעדנדיק העלפט ער איר אויסטיילן די שוועמלעך, די גרינע צרבעסלעך. ער שמירט אָן די זעמל מיט פּוטער. ער צינדט אָן דעם הענגלאָמפּ. די הענגענדיקע קרישטאָלן אַרום דעם לאָמפּ כאַפּן אויף דאָס ליכט און צעשפּליטערן עס אויף טאַנצנדיקע אַטאָמען. זיי פילן אָן די לופט, קריכן אַרום אויפן ווייַסן טעפּיך ווי גאָלדענע חיהלעך פון אַן אומבאַקאַנטן מין.

„איר ווילט נאָך אַלץ גיין זען דעם פילם?" פרעגט ביל.

„ניט אין דעם וועטער". ענטפערט סעלמאַ שוין כמעט אַ באַרויִקטע.

— "You'te Sweet" זאָגט ביל. מיך פּערזענלעך אינטערעסירן נישט הײַנטיקע פילמען, דער שמייכל פון אַ רײַפער פרוי רייצט מיך מער ווי אַ נאַקעט מיידעלע אויפן לײַוונט".

דער זומער־שטורעם איז מיט אַ מאָל אַריבער. די זון האָט אויפגעשײַנט. די גאָלדענע חיהלעך וואָס האָבן געפּויזעט אַרום הענגלאָמפּ, פאַלן אויף זײַנע שוואַרצער האָר, פאַרפּלאָנטערן זיך אין זײַנע לאַנגע פּאָוואָריטן. זיי פאַלן אַרײַן אין רויטן ווײַן און ווערן דערטרונקען.

„איר האָט שוין אפשר געהערט וואָס דער דאָקטער האָט געזאָגט צו זײַן יונגער פּאַציענטקע?" „ניין", ענטפערט סעלמאַ. „זי האָט אים געפרעגט ווי אַזוי מ׳ווערט פּטור פון אומגעוווּנטשענער תאווה? זייער פּשוט. האָט איר דער דאָקטער געענטפערט. מ׳גיט איר נאָך. ווי געפעלט אײַך די עצה?" סעלמאַ ענטפערט נישט. ביידע עסן שווייגנדיק. „איר זעט מיר אויס טרויעריק, טײַערע קוזינע. איר האָט אפשר געהאַט אַ באַשטעלונג, און איך האָב אַלץ צעשטערט? איר מעגט מיר גלייבן, אַז איין דעיט איז פּונקט אַזוי גוט ווי אַ צווייטער. אָט בין איך געקומען זען דאָטי׳ן און בין גאָר באַגײַסטערט פון איר קוזינע". זײַן שטים האָט איצט געהאַט אַן אויפריכטיקן אונטערטאָן. „איך זע איר האָט היימיש געמאָלענע בילדער. ווער איז דער קינסטלער, איר?"

„ניין. דאָס מאָלט מײַן מאַן אין זײַן פרײַער צייט".

„און וואָס טוט איר מיט אײַער פרײַער צייט?"

סעלמאַ ענטפערט נישט אויף דער פראַגע. זי וואָלט אים וועלן זאָגן, אַז זי חלומט פון אָדם אין גן־עדן. פון נאַקעטן הייל־מענטש מיט אַ רוט אין דער האַנט. פון ווילדן אינדיאַנער, פון שמשון הגיבור. זי חלומט אויף דער וואַר און חלומט אין חלום. ער מוז דווקא ניט טראָגן קיין טונקעלע ברילן. ער מוז נישט רעדן אין וווּל־קלינגענדיקע סטראָפעס. ער קאָן זײַן דער קדמון, און ער קאָן זײַן דער אחרון. זי דאַרף ניט וויסן זײַן נאָמען, זײַן ייחוס, זײַן סטאַטוס אין דער געזעלשאַפט. זי דאַרף ניט דעפינירן זײַן כאַראַקטער. זי דאַרף ניט אַרײַנדרינגען אין זײַן נשמה. וואָס זי דאַרף — איז אויספירן דאָס וואָס דורות פאַר איר האָבן פאַרשריבן אין איר באַשטאַנד, מיט אַ טינט וואָס לאָזט זיך נישט אָפּמעקן, ניט אָפּוואַשן, ניט קאָרעגירן.

ביל וואַרט נישט אויף אַן ענטפער. ער רעדט אַן אויפהער. רייד וואָס וואַלטן פון אַן אַנדער מויל אַרויסגעקומען ווולגאַר, אַגרעסיוו און אפשר אויך באַליידיקנדיק, גיסן זיך ווי דער ווײַן אַרײַן אין איר בלוט. זיי האָבן אין זיך דעם צויבער פון פּאַסטוכס פּײַפל, די מיסטעריע פון וואַקסן, דעם מוז פון ווערן. וואָס ערשט איז געווען אַן אוממעגלעכער חלום, איז איצט דער וועג אָן אַ צוריק. אַלע שלוזן זענען אָפן. ריטעם מיט ריטעם גיסן זיך צונויף. ביל הערט אויף רעדן. ער קומט צו הינטער־ווײַלעכץ. ער נעמט זי אַרום. זי לאָזט זיך פון אים פירן. זיי זיצן שוין אין דער טיף פון דער פלושענער קושעטקע. די גאָלדענע חיהלעך וואָס האָבן געוווימלט אַרום הענגלאָמפּ, האָבן איבערגעטראָגן דאָס פײַער אין די נישעס פון איר מהות. די טאַפּעטאַ־בלוזקע רוישט, נישט אויף איר, נאָר אונטער איר. זי האַלט די אויגן אָפן. זי זעט נישט דעם מאַן מיט די צוגעפּוצטע האָר, מיט דעם טשערעפּאַכע־קאַלנער ביז צו דער גאָמבע. דעם וואָס זי זעט האָט אָקערשט אויפגעטויכט אין שוים פון ים, אָדער אויסגעפורעמט פון שטערן־שטויב אין גן־עדן. ער איז רוי, האַרט, און ביטער ווי גראָז. זי ווייסט נישט וואָס ער שטעלט אײַן. ער ווייסט נישט וואָס זי וויל געווינען. הערן זיי זיך אײַך איינס אין אַנאַנדער, אין זיך, אויסער זיך, און אויך אין דעם אוממיטלבאַרן אַרום. די שפּיל איז אײַנגעשטעלט. אַ געוועט מיטן גורל.

*

איין פייגעלע רופט מאַמאַ, מאַמאַ — דאָס צווייטע צאַפּלט ביי דער קאַץ אין מויל. פון אומגעזעענעם באַרג גליטשט זיך דער שניי אַרונטער. אַן אַוואַלאַנטש דעקט צו די חמימה אין טאָל. דער כישוף שמעלצט און ווערט צו גאָרנישט. סעלמאַ פאַרקנעפּלט די בלוזקע, זי גלײַכט אויס דאָס קליידל.

„זײַט מוחל, איך בעט אײַך", זאָגט זי מיט אַ געבראָכן קול. „אויך איך האָב הײַנט אַ לוויה".

דאָס רויטע שירעמל

דעם טאָג וואָס זשאַנעט סילווער האָט באַשטימט אַ דעיט מיט אַן אומבאַקאַנטן פּאָעט, האָט געדרעגנט. די טרעפונג האָט געזאָלט פאָרקומען אין דרויסן פאַרן פראַנצייזישן רעסטאָראַן. זי האָט אים געזאָגט אַז ער וועט זי דערקענען אין רויטן שירעמל וואָס זי וועט טראָגן אומאָפּהענגיק פונעם וועטער. ער האָט געענטפערט אַז זי איז אים ניט אין גאַנצן אומ־באַקאַנט. ער האָט זי באַמערקט אויף אַ חנוכה־פּאַרטי. דער אײַנדרוק וואָס זי האָט אויף אים געמאַכט, לעבט נאָך אַלץ אין זײַן זכרון. ער פילט ממש ווי עפּעס אוממיטלבאַרעס פאַרבינדט זיי ביידן. ער איז כמעט זיכער אַז אַ באַגעגעניש אויג אויף אויג וועט קלאָר מאַכן די מיסטעריע.

זײַן שטים אויפן טעלעפאָן האָט עפּעס ניט קאָאָרדינירט מיטן גע־זאָגטן. ס'האָט זיך געקאָנט דאַכטן אַז ער לייענט די ווערטער פון אַ פּירגעשריבענעם טעקסט. ער האָט קיין קשיות ניט געשטעלט. להיפּוך צו אַנדערע צוגעשאַנצטע, אַזוי גערופענע בלינדע דעיטס, האָט ער זי ניט באַלעסטיקט מיט אַזעלכע פראַגן ווי אַלט זי איז, וואָס איר שטעלונג איז בנוגע פרײַער ליבע? די קאַנדידאַטן ווילן באַלד אויפן טעלעפאָן אויס־געפינען וואָס זיי קאָנען דערוואַרטן? וועט זיך זיי לוינען אײַנצושטעלן אַ נאַכטמאָל? זשאַנעט סילווער קאָן זיי שוין. ענטפערט זי זיי אָפּ, אַז אויפן טעלעפאָן מאַכט זי ניט קיין טראַנסאַקציעס.

דער פאַקט אַז זי גייט זיך טרעפן מיט אַ פּאָעט, האָט זי אי געשראָקן, אי דערהויבן. מיט יאָרן צוריק ווען זי האָט געחלומט פון פּאָעטן, האָט זי באַגעגנט רעוואָלוציאָנערן. בײַ זיי האָט זיך פּאָעזיע געגראַמט מיט קליינבירגער, אויב ניט בפירוש מיט פאַרראַט. זי דערמאָנט זיך אַז זי איז אַ מאָל געגאַנגען הערן ט. עס. עליאָט, אַליין, אָן חברטעס, אָן חברים. ווען זי איז אַרײַן אין זאַל ווו דער פּאָעזיע־אָוונט איז פאָרגעקומען, זענען שוין אַלע זיצפּלעצער געווען פאַרנומען. אויך אויף שטיי־פּלאַץ האָבן קיין בעלנים ניט געפעלט. עמעץ האָט איר אָנגעטראָטן אויף דעם שוין

פון פריער אויסגעלענקטן פוס. איר האָט זיך געדאַכט אַז די ווונד בלוטיקט. אַראָפּציִען דעם שוך איז ניט געקומען אין באַטראַכט. מ׳איז געשטאַנען איַינגעפּרעסט איינער אין צווייטן. זי האָט זיך קוים באַפרייט פון עמעצנס נייגיריקער האַנט וואָס האָט זיך געפּאָרעט אונטער איר מאַנטל. די שפּאַ־נונג אין זאַל איז געווען אין לשער. ווען דער פּאָעט האָט זיך ענדלעך אויפגעשטעלט און אָנגעהויבן לייענען, האָט עפּעס אין איר זיך אָפּגעריסן, איבער די קעפּ פון די פאַרזאַמלטע דערגרייכט דעם שמאָל געפּאָרעמטן באַשאָפער פון "The Waste Land" און זי פאַרוואַנדלט אין אַ מין אויסטערלישער חיה פון וועמענס טיפּעניש עס האָט זיך אַרויסגעריסן אַ היסטערישער אויסגעשריי, באַגלייט פון אַ גרילצנדיקן שלוקערץ. זינט יענער פּאַסירונג איז זי מער צו פּאָעזיע־אָוונטן ניט געגאַנגען. די בושה פון ווערן אַרויסגעפירט פון זאַל, האָט זי באַגלייט פאַר אַ סך, אַ סך יאָרן.

איצט, טראַכט זשאַנעט, ווען ניט יענער צופאַל וואָלט זי אפשר אַליין אויך געשריבן לידער. אַנשטאָט שריַיבן האָט זי חתונה געהאַט, אויפגעצויגן קינדער, און שפּעטער געבליבן אַליין. נאָך איין אלמנה אויפן פּאַר־פלייצטן מאַרק. געווען אַמאָטאָרן צו טיילן דאָס טאָפּלטע בעט. זיי זענען געקומען און געגאַנגען ווי די שטערן אין דער נאַכט. אַן אויסגעשפּילטער אַקטיאָר, אַ פאַבריקאַנט פון זאָקן, אַ קאָרטן־שפּילער, אַ מאַן וואָס האָט פאַרלאָזט זיַין וויַיב און קינד און אַרומגעגאַנגען איבער דער וועלט אינקאָגניטאָ.

די ראַנדעוווּ מיטן פּאָעט איז געקומען ווי אַ באַריר פון סאַמע עצם לעבן, אויפגעוועקט די פלאָטערלעך פון לעטאַרגישן דרימל. וויַיס־זיַידענע פליגעלעך האָבן געטשאַטעוועט אין דער לופט. דער סטודיאָ־אַפּאַרטמענט וואָס איז אָקערשט געווען קאַלט און טונקל, איז באַהעלט געוואָרן פון אַ ניט דאָיִק ליכט. די ווענט האָבן ווידער אָנגעהויבן צו זינגען. „פאַראַן נאָך אַ לעבן קרוב צו פופציק”, האָט זי געזאָגט צום פליגעלע וואָס איז פאַרבליבן ווינטערן אין איר הויז. זשאַנעט האָט זיך געסטאַרעט אויפצו־האַלטן דאָס פליגעלע ביַים לעבן. זי האָט איבערגעלאָזט קרישקעס ברויט פאַר אים אויפן טיש, אַ ניט אויסגעוואַשענעם טעלער, אַ טראָפּן וואַסער, אַ ברעקל צוקער. דאָס פליגעלע איז אַרומגעפלויגן פון צימער צו צימער, זיך געוואַרעמט קעגן דער זון און אין די לאַנגע ווינטער־נעכט ביַים

שירעם פון איר נאַכט־לאָמפּ. איין מאָל, ווען עס איז אַזוי היימישלעך אַרומגעפלויגן, האָט עס באַגעגנט אַ פליגעלע פּונקט ווי זי. דאָס פליגעלע האָט צו איר אַרויסגעקוקט פון דעם שפּיגל אין קאָרידאָר. האָט עס זיך דערנענטערט. מיט איר פילבאַרער אַנטענע באַטאַפּט דאָס גלאָז. אַ גאַנצן טאָג איז דאָס פליגעלע געשטאַנען, פון אָרט זיך ניט גערירט. עס האָט געשמעקט, געלעקט, גערעדט און געבעטן דאָס אייבזאַמע פליגעלע זאָל אַרויסקומען צו איר. עס איז אַזוי געשטאַנען אַ גאַנצן טאָג און דורך דער נאַכט, ביז ביידע זענען אויסגעגאַנגען.

ווידער האָבן די ווענט געשוויגן. זיצט זי זשאַנעט אין בין השמשות פון פרימאָרגן אָן. ערשט פאַר זונאונטערגאַנג לעבט איר סטודיאָ אויף. דורך די שפּאַלטן פון די ווענעציאַנער לאָדנס מאָלט די שקיעה פאַנטאַס־טישע אוזאָרן. פאַרלוירענע שיפן שווימען צו צו איר ברעג. זיי ברענגען גרוסן פון ווײַטע לענדער, כּישוף־שליסעלעך צו פאַרמאַכטע טירן. זשאַנעט האָט זיך ליב צו שפּילן אין אויסדאַכטענישן, פּרוווט זי אויס די שליסלעך צו די פאַרזשאַווערטע קאַבינעס. אויף יעדער טיר — אַ נאָמען, יעדער נאָמען וועלט־באַרימט. טשווירטשילס נאָמען שײַנט אין גאָלד אויף אַ שילד פון שוואַרצן מאַרמאָר. גראַף און גרעפין ראַדזאָוויל. זשאַן־פּאָל סאַרטר און מאַדאַם דע־באָוואַר. זשאַנעט בלאָנדזשעט אין די געדרייטע קאָלוּאַרן. עס ציט זי מאַדאַם באַטערפלײַס האַרצרײַסנדיק געזאַנג. זי ווייסט אַז אַ חוץ מאַריאַ קאַלאַס קאָן קיינער אַזוי ניט זינגען. גייט זי נאָך דער שטים אין די טונקעלע קאָלוּאַרן. די טיר פון וואַנען דאָס קול קומט איז פאַרשלאָסן פון אינעווייניק. וואָס עס האָט יאָ — איז אַ קוקערל הויך איבער דער טיר. זשאַנעט געפינט אַ בענקל, שטעלט זיך אויף און קוקט אַרײַן. אַ פּורפּור־ליכט הילט אײַן דאָס צימער. אויף אַ בעט פון הימל־בלויען זײַד, וואַלגערט זיך דער גריך מיט אַ הויך געבוירענער דאַמע.

זשאַנעט ציט זיך צוריק צו אירע אייגענע ד׳ אמות. אין צימער טונקלט. די מוזיק צאַנקט. ווי האָט געזאָגט דער גרעסטער פון אַלע גרויסע פּאָעטן: „אַלע מאָרגנס ווערן נעכטנס״. דער געדאַנק וואַרפט אויף איר אָן אַ טרויער. מאַכט זי צו די אויגן און שווימט אַוועק מיט דער פאַנטאַם־שיף וואָס וואַרט אויף איר אין האַפן. זי שווימט אָן באַוועגונג איבער שטייענדיק וואַסער. זי שווימט ניט פאָרויס, זי גייט צוריק אין צײַט. פון

הײַנט צום נעכטן, צום פאַראַיאָרן, צום וואָס געווען. די שיף פירט זי צוריק פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, צום מיטל־אַלטער, צו אַן אַנדערער וועלט, אויף אַן אַנדערן קאָנטינענט, אין דער צײַט ווען גאַלילעאָ האָט אויסגע־רופן: „און זי באַוועגט זיך דאָך". זי לאָזט אים שטיין ביז איבערן האַלדז אין וואַסער און ציט ווײַטער אַוועק צום לאַנד פון סאָקראַטעס, פּלאַטאָ און אַריסטאָטעל, צום צוגעזאָגטן לאַנד פון מילך און האָניק. פון באַרג סיני נידערט משה. זײַן קאָפּ באַקרענצלט מיט אַ ברענענדיקן דאָרן. ער טראָגט דער וועלט אַנטקעגן די לוחות־הברית. עס קומט אים באַגריסן דער גאָלדענער קאַלב. די שיף שווימט טיפער אַרײַן אין קדמונים. זי גייט פאַרבײַ דעם ברונעם וווּ רבקה טרינקט אָן אירע שאָף. אברהם צעהאַקט די שטיינערנע געטשקעס, און שרה טרײַבט הגרן פון שטוב אַרויס.

אַרום און אַרום איז שטאָק־פינצטער, נאָר די שיף וואַרפט אַ שײַן אויף צײַט און פּאַסירונג. וואָס ווײַטער זי גייט אַלץ שמעלער ווערט דער שטראָם. ער פירט זי אַרײַן אין אַן ענגפּאַס פון וועלכן זי קאָן זיך מער ניט אַרויסדרייען. די יבשה פון ביידע זײַטן קומט זיך צונויף. זי קלעמט זי אײַן ווי אַ שער. די ווענט פּלאַצן. די מאַסט פאַלט אײַן. די היץ איז גרויס און ווערט אַלץ גרעסער. אויף ביידע זײַטן ברעג וואַקסן ריזיקעביימער. פאַנטאַסטישע פייגל נעסטיקן אין די צווײַגן. זיי פאָכען מיט די פליגל און קילן אָפּ די לופט. אונטער אַ ברייט צעצווײַגטן פײַגן־בוים דרימלט אָדם. ער האָט זיך נאָר וואָס אויסגעשיילט פונעם שטויב אין דער ערד, פון זאַלץ אין ים, און פון שטערן־שטויב. ער ווייסט נאָך ניט וואָס גוט און וואָס שלעכט, וואָס איז לעבן און וואָס איז טויט, וואָס איז מאַן און וואָס איז ווײַב.

זי לאָזט איבער די שיף און דערנענטערט זיך צו אים. זי בייגט זיך אַראָפּ, טיף צו אים אין גראָז אַרײַן. „איך זוך מײַן רויט שירעמל", שעפּטשעט זי אים אין אויער אַרײַן. „אָן דעם שירעמל וועט מיך דער פּאָעט קיינמאָל ניט דערקענען". אָדם עפנט די אויגן. צוויי קליינע שפּעל־טעלעך אָנגעפילט מיט בלוט. ער פינטלט. ער שאַרט אַוועק דאָס ווילדגראָז פון זײַן לײַב. ביַים שײַן פון מאָרגן־שטערן זעט זי אַז ער איז נאַקעט, אָן דעם פייגן־בלאַט. אויך זי איז נאַקעט און שעמט זיך ניט. ער שטרעקט אויס די האַנט און רירט זי אָן. דער באַריר צעלויפט זיך מיט פיבער־

ציטער איבער איר לײַב. ער דרינגט אַרײַן אין איר מהות ווי דער סאַמע עצם שטאָף פון לעבן וואָס טראָגט פאָרויס זײַנע אייגענע באַשלוסן. די היץ איז אומגעהייער. די שלאַנג אויפן בוים לאַכט. זי לאַכט הויך און גרילציק. ניין, ס׳איז ניט די שלאַנג. ס׳איז גאָר דער טעלעפאָן.

זשאַנעט סילוועטער טרייסלט זיך אָפּ פון דער קדמונישער באַגעגעניש. ס׳איז שוין ווידער דער פּאָעט. יאָ, זי געדענקט אַז זיי האָבן אַ באַשטעלונג. זיי דאַרפן זיך טרעפן ביים פראַנצייזישן רעסטאָראַן. ניין, אַ טעות, ס׳איז גאָר אַן ענגליש־רעדער. ער פרעגט זיך אויף עמעצן וואָס איז איר אומבאַקאַנט. זי זאָגט אים אַז ער האָט ניט דעם ריכטיקן נומער. „איך מאַך ניט קיין טעות״. לאַכט ער אַרײַן אין טעלעפאָן. „ניט געזאָרגט, טייערע פריילײַן, איך האָב דעם ריכטיקן נומער. מיר פעלט בלויז אײַער אַדרעס... זשאַנעט האַקט אים איבער. ער קליגנט נאָך אַ מאָל און ווידער אַ מאָל. פון זײַן מויל פּלייצט נבול־פּה.

זשאַנעט מאַכט ליכט. נאָר די שרעק טרעט ניט אָפּ. דער טעלעפאָן קלינגט אָן אויפהער. זי הייבט ניט אויף דאָס טרײַבל. דער זייגער אויפן נאַכט־קעסטל ווײַזט אַז ס׳איז ערשט נײַן דרייסיק. אין איין שעה צײַט האָט זי דורכגעמאַכט אַזאַ װעלטרײַזע. ווען ניט דער פּסיכאָפּאַט אויפן טעלעפאָן וואָלט זי נאָך ווײַטער געחלומט. עס קומט איר אויפן זינען דאָס רויטע שירעמל וואָס זי איז געגאַנגען זוכן צו אָדמען אין גן־עדן. דאָס שירעמל האָט איר געשענקט איר באָבע ווען זי איז געוואָרן אַ בת מצווה. עס האָט איר געזאָלט דינען ווי אַ קמיע. זי האָט דאָס שירעמל אָװעקגעשטעלט אין אַ ווינקל און אין גאַנצן דריבער פאַרגעסן. יאָרן זענען פאַרבײַ. זשאַנעט האָט פון שירעמל ניט געטראַכט, ניט געדענקט. ערשט ווען דער פּאָעט האָט טעלעפאָנירט, האָט זי אַזוי אומבאַוווסזיניק אַ זאָג געטון, אַז ער וועט זי דערקענען אין רויטן שירמל אונמאָפּהענגיק פון עם וועטער. איצט טראַכט זי, אַז לויטן חלום איז דאָס שירעמל גאָר אַ פרויידיאַנישער סימבאָל. ווי לאַנג איז דער שיער צו חלומען? פרעגט זי זיך אַליין. געווען אַ צײַט ווען זי איז געווען צופרידן צו זײַן זעלבסשטענדיק, פרײַ, טון וואָס איר געפעלט. איצט האָט די פרײַהייט אַן אַנדערן באַדײַט. זי איז פרײַ צו שלאָגן קאָפּ אין וואַנט און אפילו קיין ווידער־קול ניט הערן. און דאָך זוכט זי נאָך אַלץ. זי זוכט, געפינט, פאַרלירט און זוכט

ווײַטער. דאָס זוכן איז שוין געוואָרן אַ מין אַדיקציע, דאָס גלעזל בראָנפן אָן וועלכן דער שיכור קאָן זיך ניט באַגיין.

די נאַכט פאַר דער טרעפונג האָט זשאַנעט ניט געקאָנט שלאָפן. די דראָטן אין די האָר האָבן געשטעקט ווי טשוועקעס אין קישן. שטיקלעך קאָנווערזאַציע וואָס קאָנען גרייַלעך אויפקומען אין דער געזעלשאַפט פון אַ פּאָעט, האָבן זיך געפלאָנטערט אין איר רעיון. די רייד וואָס זענען איר ערשט פאַרגעקומען אויסערגעוויינלעך אינטערעסאַנט, זענען באַלד געוואָרן באַנאַל. אויך דאָס קלייד וואָס זי האָט צוגעגרייט פאַר דער באַגעגעניש, האָט אין דער פינצטער אויסגעזען ווולגאַר.

מיטן טאָג גלײַך איז זי איינגעשלאָפן און ווי דער שטייגער גייט, פאַרשלאָפן די שעה וועלכע זי האָט זיך פּירגענומען אויפצושטיין. צײַט צו מאַכן איר טואַלעט האָט זי שוין ניט געהאַט. זי האָט אַ כאַפּ געטון דאָס ערשטע בעסטע קליידל, אַרויסגעצויגן די דראָטן פון די האָר, פאַר־רויטלט די באַקן, צוגעשמירט די ליפּן, גענומען דאָס רויטע שירעמל און איז אַרויס פון הויז.

אין דרויסן האָט געגאָסן אַ מאַרצאָווער רעגן. די פאַרבײַלויפנדיקע טאַקסיס האָבן זיך ניט אָפּגעשטעלט פאַר איר. זשאַנעט איז געלאָפן אויף הויכע אָפּצאַסן, דאָס שירעמל הויך איבערן קאָפּ. מיט אַ מאָל האָט אַ ווינט געטון אַ ווינט, איבערגעדרייט דעם שירעם און געמאַכט אַ חורבן צו איר אויפגעטורמטער פריזור. אויך דאָס פּנים האָט שטאַרק געליטן. די מאַסקאַראַ האָט גערונען און איבערגעלאָזט שוואַרצע ריטשקעלעך אויפן וועג. זשאַנעט לויפט און טראַכט אַז אין אַזאַ מעמד איז גלײַכער אויף אַן ערשטן דעיט זיך ניט צו באַווײַזן. דער וועטער־נביא האָט דווקא צוגעזאָגט אַ זוניקן טאָג, און דאָ אַזאַ מבול. אויף להכעיס זענען אויך די קאַפעהײַזער ווי אויסגערונען. ניטאָ וווּ זיך אויסצובאַהאַלטן. לויפט זי ווײַטער. דאָס צע־בראָכענע שירעמל אונטערן אָרעם. פּלוצים דערפילט זי אַ האַנט אויפן אַקסל. עמעץ האַלט אַ שירעם איבער איר קאָפּ. זי זעט ניט זײַן פּנים. זי דערקענט אים אין קול.

„אַ ווו איז אײַער רויט שירעמל?" פרעגט ער. ער וואַרט ניט אויף אַן ענטפער. ער ציט זי צו צו זיך. „איך האָב שוין איבערגעקלערט, געמיינט אַז דער רעגן וועט אײַך אָפּהאַלטן פון קומען. זיי גייען פאַרבײַ

דעם פראַנצייזישן רעסטאָראַן, נאָר זיי שטעלן זיך ניט אָפּ. די רייד וואָס זי האָט זיך פירגענומען צו רעדן זענען איצט ניט שייך. זי איז שאָקירט פון זײַן אויסזען. קיין שום ענלעכקייט צום בילד וואָס זי האָט זיך וועגן אים געשאַפן. אַ חסידישע באָרד. אַ ברייטער קאַפעליוש. דאָס פּנים רויט. אויגן אָן ברעמען. „איך האָב אײַך איבערגעשראָקן?" הערט זי אים זאָגן. „איך בין שוין צוגעווינט דערצו. זינט די ציוויליזירטע דײַטשן האָבן מיך געמאַכט פאַר אַ סטראַשידלע, דריי איך זיך אַרום ווי אַ וואָלף צווישן שאָף. האָט ניט קיין מורא, אַ ייִדישער וואָלף בײַסט ניט". ער לאַכט. אויך זשאַנעט ציט אַרויף אַ שמייכל אויף איר פּנים.

„איר האָט ליב גולאַזש?" פרעגט ער.

„גולאַזש אין אַ פראַנצייזישן רעסטאָראַן?"

„מיר גייען ניט אין פראַנצייזישן רעסטאָראַן. מיר גייען אין אונגאַרישן רעסטאָראַן, מײַן רעסטאָראַן. דער בעסטער רעסטאָראַן אין ניו־יאָרק".

„פאַרוואָס ניט אין פראַנצייזישן רעסטאָראַן?" פרעגט זשאַנעט מיט פאַרסירטן הײַטער. „איך קאָן ניט פאַרטראָגן ווי די פײַנשמעקנדיקע פראַנצויזן ווישן אויס די טעלער מיטן ברויט".

אין אונגאַרישן רעסטאָראַן איז וואַרעם, ליכטיק, אַנגענעם. דער אָפּ־שײַן פון אַ ניט־געזעענער זון שפּיגלט זיך אין קלאָר געוואַשענעם פענצ־טער. אַ ווו איז דער רעגן אַהינגעקומען? טראַכט זי. זי באַמיט זיך ניט צו קוקן אויף זײַן שווארצן פאַרוק, אַראָפּגערוקט ביז איבער אַ האַלבן שטערן. און אפשר דאַכט זיך איר בלויז אַז זי קוקט ניט?

„נעמט אײַך ניט צום האַרצן", זאָגט ער. „ערגערע מעשים זענען אָפּגעטון געוואָרן און די וועלט האָט געשוויגן". ער רעדט, דערציילט וועגן זײַנע שוידערלעכע איבערלעבונגען. ער רעדט מיט אַ געלאַסענעם טאָן, ניט ווי אייגער וואָס רעדט וועגן זיך, נאָר ווי ער וואָלט גערעדט וועגן עפּעס אַן אומבאַקאַנטן מענטשן וואָס האָט מיט אים קיין שייכות ניט.

זשאַנעט פילט אַז זי דאַרף עפּעס זאָגן, אַ וואָרט, אַ געדאַנק וואָס זאָל אויסדריקן מיטגעפיל. זי איז נאָך אַלץ שאָקירט. פון אַלע מעגלעכע דער־וואַרטונגען, האָט זי זיך אויף אַזאַ באַגעגעניש ניט געריכט. זיצט זי און קוקט אַריבער זײַן קאָפּ צום ערב־פרילינגדיקן דרויסן. זי זוכט דאָרט דאָס

נייטיקע וואָרט וואָס זאָל דינען ווי אַ בריק, אויפבינדן די צונג פאַר פרײַער קאָנווערזאַציע.

דער פּאַעט רופט צו דעם סאַרווער און באַשטעלט אַ גולאַזש. זי, אַ שוואַרצע קאַווע. „דאָס אַלץ?" פרעגט ער ווי ער וואָלט געווען באַ־לייידיקט.

„אפשר שפּעטער", זאָגט זשאַנעט. „צום ערשט דאַרף איך אַ שוואַרצע קאַווע". ערשט איצט באַמערקט זי די זונגלעזער וואָס זיצן אויף זײַן נאָז. זיי דעקן צו די נאַקעטע וויעס און מאַכן גרינגער צו קוקן אויף אים. זי פּרוווט אַפילו שמייכלען.

דער פּאַעט בייגט זיך אַריבער איבערן טיש. „ווי רופט מען אײַך אייגנטלעך?"

„זשאַנעט. זשאַנעט סילווער".

„זאָגט מיר זשאַנעט, וואָלט אײַך ניט געאַרט ווען איך רוף אײַך גיטעלע?"

„פאַרוואָס עפּעס גיטעלע?"

„גיטעלע איז מיר נעענטער צום האַרצן. ערשט הײַנטיקן פרימאָרגן האָב איך אָנגעשריבן אַ ליד, געווידמעט מײַן שוועסטער גיטעלע. איך גלייב אַז ס'איז מיר אויך געלונגען".

„איר זענט אַ פּראָליפיק שרייבער, העי?"

„אַ ברירה האָב איך? אַז דאָס האַרץ דיקטירט און די פּען איז ווילּיק, שרײַבט מען. איר ווייסט גיטעלע, וואָס איך טראַכט?"

„ניין, איך ווייס ניט".

„איך קאָן פּרויען, ווען מען פרעגט זיי אַ פראַגע וואָס פאַרלאַנגט אַ יאָ, אָדער ניין, ענטפערן זיי מיט אַ גאַנצן פּאַראַגראַף. ביי אײַך, מײַן טײַערע, איז אַפילו אַ יאָ אָדער ניין אויך שווער אַרויסצוקריגן".

„עס דאַכט זיך אײַך אַזוי. איך וואַרט אויף דער קאַווע צו הייבן מײַן שטימונג. דערווײַל וואָלט איך גערן געוואָלט הערן אײַער ליד".

„איך געדענק ניט מיין ליד פון אויסנווייניק".

„דעם נאָמען פון ליד געדענקט איר יאָ?"

„דער נאָמען איז ניט וויכטיק".

„וואָס איז וויכטיק?"

„ווי ביי ווענען. ביי געוויסע דיכטער איז עס דער סינטאַקס, די מוזיק, דער גראַם. ביי מיר איז וויכטיק דער עצם געדאַנק ווי ער קומט אַרויס פון דמיונישן אָפּגרונט, נאַקעט, רוי, אָן פּאַרעם, אָן געשטאַלט, אָבער מיט אַ ווילן צו ווערן דער וויזועלער אויסדרוק פון אינעווייניקסטן דרוק".

זשאַנעט זופּט די קאַווע און קוקט אויף דעם פּאָעט. איר דאַכט אַז זי האָט נאָך אַזאַ זעלטענעם טעם אין קאַווע ניט געפּילט. דער פּאָעט קעגנאיבער עסט זיין גולאַזש. דאָס פעטס רינט אים איבער די ליפּן. עס אַרט זי ניט מער זיין שוידערלעך אויסזען, זיין פּאַרטאַטשנער וועג פון עסן. זי זוכט דעם מענטש אונטער דער הויט. זי וואָלט וועלן פילן וואָס ער פילט, וואָס ער ליידט, וואָס ער טראַכט. אויך ער באַמיט זיך אַריינ־צודרינגען אין אירע געדאַנקען. אָבער זען, זעט ער בלויז דאָס אויסערלעכע. דאָס פּנים שוין היבשלעך אָפּגענוצט, דער קערפּער ווייבלעך פול, אויס־גערונדיקט, פול מיט צוזאָג.

„איר האָט מיר נאָך ניט געזאָגט וואָס איז די טעמע פון אייער פּריי־מאַרגן־ליד ?"

דער פּאָעט שאַרט אַוועק דעם טעלער. ער ווישט אַרום די ליפּן, רוקט אַרויף זיינע טונקעלע ברילן און רוקט זיי גלייך צוריק אַרונטער. „מיין טעמע", זאָגט ער, „איז משה, משה רבנו".

„מיט, אָדער אָן הערנער ?" פרעגט זי שוין אין גאַנצן אַ באַרויקטע.

„מיין משה איז ניט קיין עקסעבישאָניסט. ער טראָגט זיינע הערנער אין זיך. ער ראַנגלט זיך מיט מענטש און מיט גאָט. מיין משה באַשטייט דווקא צו רעדן מיט גאָט פּנים אל פּנים. ער האָט אַזויפיל צו פרעגן, צו זאָגן. ווען דער רבונו של עולם זאָגט אים, אַז אַ מענטש קאָן ניט זען זיין פּנים און בלייבן לעבן, באַשטייט נאָך משה אַלץ אויף זיינעם. אַלע מיתה־משונה טויטן נעמט ער אָן פאַר ליב פאַר איין בליק אויף זיין באַשאַפער".

דער פּאָעט ווישט אַרום דעם שוויס פון שטערן. ער נעמט אַראָפּ זיין הוט, לייגט אים אַוועק אויף אַ זייטיק בענקל. זיין פּנים איז צונטער־רויט... די ליפּן גלאַנצן. ער עפנט דאָס סערוועטל, ווישט אָפּ דעם פלעק אויפן לאַץ פון זיין מאַרינאַרקע. זיינע אויגן אונטער די שוואַרצע ברילן גלאַנצן מיט פּאָעטישער תקיפות. ער נעמט איר האַנט איבערן טיש און טראָגט

זי צו צו די ליפּן. „ווי געפעלט אייך עפּעס ווי שיין עס האָט זיך אויס־געלייַטערט ?" זאָגט ער. אַ ניט באַהאַלטענער צוויי־דייַטיקער שמייכל צייכנט זיך אויף זייַן פּנים.

„איז דאָס וואָס איר טראַכט ?"

„ניין". ענטפערט ער. „ציוויליזירטע מענטשן זאָגן ניט וואָס זיי טראַכטן".

„וואָס האַלט אייַך אָפּ צו זאָגן וואָס איר טראַכט ? איך בין שוין אַ גרויסע, צוגעוווינט צו הייס און קאַלטס".

„איר זענט זיכער ?"

„אַלע הונדערט פּראָצענט".

„דער אמת איז אַז איך וואָלט אייַך געוואָלט פאַרבעטן אַרויף צו מיר אויפן דריטן שטאָק. איך וווין דאָ. דאָס איז מייַן בנין. מייַן רעסטאָראַן".

„איר שפּאַסט".

„ניין, איך שפּאַס ניט. אַ מענטש מוז מאַכן אַ לעבן. פון פּאָעזיע מאַכט מען קיין לעבן ניט. איך וויל איר זאָלט זיך באַקענען מיט מייַנע שאָפון־גען, מיט מייַן אמתן איך, מיט מייַן באַשטאַנד".

„ניט הייַנט". ענטפערט זשאַנעט. „איך האָב אַ קאָפּווייטיק".

אַ געדיכטע שטילקייט האָט זיך אַראָפּגעלאָזט איבערן טיש, זיי אייַנ־געהילט אין אַ פּריוואַטן נעפּל. אַרום זיי האָבן די געסט גערעדט, געלאַכט. אַ רויטע שקיעה האָט באַפאַרבט די שויבן. נאָך אַ פאַרצויגענעם שווייַגן האָט דער פּאָעט זיך צוגעבויגן נאָענט איבערן טיש, און מיט אַ געדעמפּטער שטים אַרייַנגערעדט איר אין פּנים אַרייַן: „אַנטשולדיקט וואָס איך האָב אייַך אַנטוישט. איר האָט אוודאי דערוואַרט אַ בייַראָן. אַ פּאָעט אין אַ שוואַרצער פּעלערינע מיט אַ רויטן אונטערשלאַק. איר האָט געהאָפט, אַז ער וועט אייַך באַצווינגען. ער וועט אייַך נעמען מיט געוואַלט. איר האָט אפשר געוואָלט ער זאָל אייַך קידנעפּן, פאַרגוואַלטיקן. אויף זייַן רייַטוואָגן אַרייַן אין די בלעטער, ווערן פּאָפּולער. זייַט מיר מוחל זשאַנעט אויב איך מאַך אַ טעות. דער אמת איז אַז מיר ביידע האָבן זיך גענאַרט. איך האָב געוואַרט אויף אייַך מיט גלי און גליווער. אַן אומבאַשטימט פאַרגעפיל האָט מיר צוגעזאָגט איבערצולעבן יענעם ווייַטן ציטער וואָס האָט מיך געמאַכט פאַר אַ פּאָעט. איך האָב געהאָפט אַז מיר וועלן זיך דערנענטערן איינער

צום צווייטן. מיר וועלן אַרויסברענגען אויף דער אויבערפלאַך, וואָס אונדז אַליין איז אפשר אומבאַקאַנט. איר אָבער זענט געקומען אָן אויפגערעגטע, אַ צעשטרײַטע. דאָס רויטע שירעמל האָט זיך בײַ אײַך געפעלט. ס'קאָן זײַן אַז דערפאַר זענען מיר אַזוי צערודערט, ניט וויסנדיק אַליין פאַר־וואָס".

זשאַנעטס בליק איז אָנגעשטעלט אויף אירע נאַסע שיך. אַ געדיכטער טרויער הילט זי אײַן, זונדערט זי אָפּ ווי אין אַ קלאָש. אַ געפיל פון הכנעה צווינגט זי די אויגן צו פאַרמאַכן, זיך איבערטראַגן אין געדאַנק ערגעץ אין אַ טונקעלן געבעטהויז. זי בעט אָן ווערטער, אָן טרערן, עלעהיי אַ וואָרעם וואָס ראַיעט זיך אין זײַן אייגענער צעריסנקייט. זי וויל בעטן פאַר זיך, פאַר אים, פאַר דער צעשפּאָלטענער מענטשלעכער נשמה, פאַר די סתירותדיקע געפילן וואָס שטופּן זי פאָרויס און האַלטן זי צוריק. זי ווייסט אַז זײַן אויסזען טאָר איר ניט שטיין אין וועג. זי ווייסט אויך אַז זי האָט געקאָנט אַרומגיין מיט אַזאַ פאַרברענטן שאַרבן, מיט אָפּ־געסמאַליעטע אויגן, נאָר דערפאַר ווײַל זי איז געבוירן אַ ייִדישע.

זשאַנעט הייבט אויף דאָס צעבראָכענע שירעמל און לייגט עס אַוועק אויף איר שויס. רעדן איז מער ניטאָ וועגן וואָס. פּרווון בײַטן זײַן מיינונג וועגן איר, איז אויך מער ניט וויכטיק. מיט צוגעמאַכטע ליפּן, פאַרשטייט זי אים בעסער. מיט צוגעמאַכטע אויגן, זעט זי אים בעסער. זי זעט אים ווי דעם אייביקן ייִד וועמען אַפילו דער טויט קאָן ניט פאַרטיליקן. ווען ער פאַרברענט זײַן פּנים, דערהייבט זיך זײַן נשמה. אַ קאַריקאַטור פון אויסן, אַ פּאָעט פון אינעווייניק. ער לעבט איבער אַלע בילבולים, אַלע פּאָגראָמען, ווײַל געשיכטלעך — איז ער אומשטערבלעך...

איר לעצטער טאַנץ

יענעם אָוונט ווען סימאָן באַנמאַרשעי איז אַרײַנגעקומען אין דעם עלעגאַנטן קאַבאַרעט אויף שאַמפּס־עליזעי, האָבן די רעגולערע יושבים גלײַך דערקענט דעם שינוי וואָס איז פאָרגעקומען אין פּאָליציי־שעפס מעטערעסע. עפּעס אַ פרעמדער, ביז איצט אומבאַקאַנטער עלעמענט האָט זיך אויסגעשפּרייט אויף איר פּנים און ווי אַ שאָטן פאַרווישט סײַ דעם שמייכל, סײַ דעם שטאָלץ, געבליבן איז דער נאַקעטער גדר וואָס איר פּאָזיציע האָט אויפגעשטעלט.

אַרום די באַזעצטע טישלעך האָבן זיך פרויען געסודעט. זיי האָבן געקוקט אויף זייערע באַגלייטער מיט פאַרשנדיקע אויגן, ווי זיי וואָלטן אויף שטומלשון געוואָלט אַראָפּלייענען דעם אײַנדרוק וואָס די בלאָנדע מאַדמואַזעל האָט אויף זיי געמאַכט. רעדן דאַריבער האָט מען ניט געוואָגט. ס'איז נישט געווען קיין סוד, אַז דאָ שוויבלט און גריבלט מיט געהיים־אַגענטן. מיטן פּאָליציי־שעף האָט זיך קיינעם נישט געגלוסט צו פאַר־טשעפּען.

יענעם אָוונט האָט דער פּאָליציי־שעף און זײַן בלאָנדע געליבטע אונטערהאַלטן דעם געשטאַפּאָ־אַגענט הער גרובער, און זײַן אַסיסטענט פריץ אונטערמייער. אייגנטלעך האָט דער געשטאַפּאָ־אַגענט אײַנגעלאַדן דאָס פּאָרל. די בלאָנדע מאַדעמואַזעל האָט זיך דווקא געפּרוווט אַרויס־צודרייען, נאָר דאָס איז איר נישט געלונגען. זי האָט דעם געשטאַפּאָ־אַגענט נישט פאַרטראָגן. נישט חלילה צוליב דעם וואָס ער האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט. זי איז שוין געווינט געווען צו אונטערהאַלטן דײַטשישע אַרײַנדרינגער, הער גרובער איז איר געווען דערווידער צוליב מער פּער־זענלעכע טעמים: ערשטנס האָט ער פאַר איר קיינמאָל ניט געהאַט אַ קאָמפּלימענטירנדיק וואָרט. ווען ער האָט גערעדט צו איר, האָט ער אַרי־בערגעקוקט איבער איר קאָפּ, ווי ער וואָלט בכיוון געוואָלט אויסמײַדן אַן אויג־אויף־אויג באַגעגעניש. זײַן אַנטיפּאַטיע צו איר האָט אים נאָך

געמאַכט מיאוסער אין אירע אויגן ווי ער איז באמת געווען. מען האָט געזאָגט, אַז ער טראָגט אַ ווילדן האָס אויף פראַנציייזישע פרויען. פאַר זײַן סעקסועלן געברויך באַשטעלט ער דויטשע פרײַלײַנס. אַפילו מיט זיי פירט ער נישט קיין געשפּרעכן. ביי אים איז אַ פרוי עפּעס ווייניקער ווי אַ מענטש. זי איז נאָך אַלץ די „פרויענצימער" פון מיטלאַלטער. ער האָט גערעדט ווייניק, נאָר ווען ער האָט זיך צערעדט, האָט ער מיט זײַנע קורצזיכטיקע אויגן געצווונגען דעם צוהערער אים צו קוקן אין מויל אַרײַן. אין דער געזעלשאַפט פון פרײַנט האָט ער זיך געהאַלטן שטײַף, קאַלט און פון ווײַטנס. די מעשענע קנעפּ אויף זײַן געפּאַסטן מונדיר האָבן געגלאַנצט מיט אַן אומהיימלעכער סופּעריאָריטעט. דער שראַם אויף זײַן פּנים האָט דערציילט פון זײַן העלדישקייט, ער האָט אויך אָפּגעשפּיגלט זײַנע שטימונגען. ביי דער מינדסטער אויפרעגונג האָט זיך זײַן שראַם אָנגעצונדן, ווי אַ בלוטיקער זעבל אויף זײַן רעכטן פּראָפיל, זיך אויסגעשפּרייט פון אויער ביז צום מויל־ווינקל.

להיפּוך צו אים איז זײַן אַסיסטאַנט אַ פרויען־פּרעסער. ער פּרעסט זיי מיט די אויגן, מיט די הענט, און אַפילו מיט די פיס. צום ווילן פון זײַן שטרענגן שעף איז ער אונטערטעניק. ער פונקציאָנירט ווי אַ זייגער... נאָר אין פּרט פון פרויען איז ער זעלבסשטענדיק. אַפילו דאָ, בײַם טיש בשעת ער איז פאַרנומען מיטן איבערזעצן אַ דויטשן באַריכט אויף פראַנצייזיש, שפּילט ער דערווײַל אַ פוס־צו־פוס שפּיל מיט דער שיינער מאַדעמואַזעל קעגנאיבער.

מאַדעמואַזעל באַנמאַרשעי איז פאַרטון אין זיך אַליין. זי קוקט אין שפּיגל. איר אייגן בילד פאַסצינירט זי. איז פאַרליבט אין איר אייגענעם אויסזען. איר אויסזען איז איר פאַספּאָרט וואָס עפנט פאַר איר גרענעצן וואָס זענען פאַר אַנדערע פאַרשלאָסן. זי אַרבעט איבער איר פּנים. דאָ פאַרריכט זי אַ לאָק, דאָ שמירט זי צו די ליפּן, שטרײַכט אונטער די אויגן. זי פירט דעם שטיפט מיט פלינקע פינגער, וואָס טונקעלער דאָס אייבער־דעקל, אַלץ ליכטיקער שײַנען אירע אויגן. פונקען פון עראָטישן זשאַר צינדן און לעשן זיך אין זיי. זי פילט די פונקען אין די שפּיץ פינגער פון אירע הענט. זיי צעלויפן זיך איבער איר רוקן ביז אַרונטער צו די פיס, מיט וועלכע דער אַסיסטאַנט זוכט אַ פאַרבינדונג. הייבט זי זיך אויף און

זעצט זיך איבער. דאָס מאָל איז דער פּלאַם נישט פאַר יענעם. זי האָט דעם פּלאַם אויפגעבלאָזן צוליב אַ קאַפּריז וואָס האַלט ערשט אין ווערן.

דער שמועס ביים טיש גייט אָן אויף דײַטש. מאַדעמואַזעל באַנמאַרשעי פאַרשטייט נישט קיין דײַטש. זי כאַפּט אויף איינציקע ווערטער וואָס זי האָט נאָך געדענקט פון אירע ייִדישע טאַטע־מאַמע. מעסיע דוראַנד ווייסט ניט, פאַרדעכטיקט ניט, אַפילו אין חלום וואָלט אים אַזאַ ווילדער געדאַנק ניט קאַפּויר געקומען, אַז זײַן געליבטע איז אַ ייִדישע. ער פירט זײַן געשפּרעך אין אַ געדעמפּטן טאָן. די הויט אויף זײַן פּנים איז אָנגעצויגן, געל ווי פאַרמעט. דאָס נערוועזע צוקן אַרום רעכטן מויל־ווינקל, זאָגט עדות אויף דעם ערנסט פון זייער שמועס.

אויפן טיש צווישן פולע און ליידיקע גלעזער ליגן צײַטונגען אין פאַרשידענע שפּראַכן. ס׳איז געווען דער זומער פון 1944. בײַ די ברעגן פון נאָרמאַנדי זענען די עלייס שוין געשטאַנען מיטביידע פיס אין גאַלדענעם זאַמד. די נײַ־געשאַפענע לאַגע האָט אָוועקגעשטעלט די בלאָנד געפאַרבטע מאַדעמואַזעל אין אַ דילעמע. דער וואָרעם פון ספקות וואָס לויערט אויף יעדן שיידוועג, האָט זיך אויך אַרײַנגעכאַפּט אין איר צע־פּיעשטשעטער נשמה. סימאָן האָט נישט געהאַלטן פון פּרינציפּן. זי האָט מאַנעוורירט איר לעבן לויטן צייכן פון קאַפּריז. פּרינציפּן האָבן זיך מיט איר נישט אָנגעקערט. זי האָט זיך פאַרלאָזט אויף איר אינטויִציע, זי זאָל זי פירן פון מדרגה צו מדרגה, זאָל עס אַפילו זײַן דורכן שלאָפצימער. איצט האָט די אינטויִציע איר אונטערגעזאָגט, אַז ס׳איז צײַט צו בײַטן די פעל. אויך אירע חלומות האָבן זיך דראַסטיש געביטן. די עראָטיק האָט אָפּגעטרעטן און געמאַכט פּלאַץ פאַר דעם קאָשמאַר. נאַכט נאָך נאַכט, האָט זי דער חלום געבראַכט צו אַ וועג אָן אַן אויסגאַנג. זי האָט געוואַנ־דערט אין אַ גאָרטן מיט געדרייטע סטעזשקעס. דער וועג איז געווען געזוימט מיט צוגעשווירענע ביימלעך: אַזעלכע וואָס וואַקסן אין גאָרטן פון ווערסאַי. זי קאָן דעם וועג. אין חלום איז זי שוין אַ סך מאָל דאָרט געווען. כדי אָנצוקומען וואוהין זי גייט — מוז זי אַריבערגיין די בריק. דער וועג איז אַ קאָמפּליצירטער. די סטעזשקעס שלענגלען זיך אין אַלע זײַטן. זיי טיילן זיך אַפּ די נישעס, ווו די קורטיזאַנעס פלעגן אויפנעמען די קעניגלעכע הויפלײַט. זי האָט אַפילו איבערגעלאָזט סימנים זי זאָל אין חלום פון וועג

נישט אַראָפּ. דער גערטנער מיטן לאַנגן בעזעם האָט די קענצייכנס אָפּגע־ווישט. זי בלאָנדזשעט אין אַ פרעמדער געגנט. די גאַסן שמאָל, פינצטער, טויט. זי דרייט זיך ווי אין אַ לאַבירינט. אין רינשטאָק פוןביידע זײַטן גאָס ווייקן זיך פון ווינט פאַרטראָגענע צײַטונגען, גלאָז פון אויסגע־האַקטע שויבן. אַלע טירן זענען פאַרקלאַפּט מיט ברעטער. אויף די ברע־טער האַקנקרייצן. אין חלום דערמאָנט זי זיך, אַז דאָס איז גאָר דער בעלוויל. ערגעץ דאָ אויף רי ראַמפּאָנאָ געפינט זיך די ייִדישע בעקערײַ. איר מאַמע פלעגט דאָ אײַנקויפן עפּל־שטרודל, צוקער־לעקעך. אין חלום איז די בעקערײַ פאַרחתמעט מיט ברוינע האַקנקרייצן. אַ דײַטשער סאָל־דאַט מיט אַ ביקס אויפן אַקסל שפּאַצירט אַ הין און צוריק. אונטערן לאַמטע־רן־סלופּ וויגט זיך אַ שילדל מיט דער אויפשריפט „בעלוויל יודן־ריין״.

סימאָן געדענקט דעם חלום. ער קומט צו איר אין פאַרשיידענע וואַר־יאַציעס, און זי ענטפערט אים אָפּ מיט ראַסקאַש און געפּאַר.

ערשט הײַנט פרימאָרגן האָט זי דורכגעפירט אַ געוואַגטע מיסיע. זי האָט געשוואָרצט אַן „אַר.עי.עף״.־פליִער, אַן אַנטלאָפענער פון געפאַנ־גענשאַפט און אים איבערגעגעבן אין די הענט פון דער רעזיסטאַנץ. זי האָט דעם פליִער אויסבאַהאַלטן אין איר דינסטמיידלס בוידעם־שטיבל. זי האָט געהיילט זײַנע וווּנדן, אים באַזאָרגט מיט ציווילע קליידער, אַ פאַלשן פּאַספּאָרט, אים אַרײַנגעזעצט אין איר אויטאָמאָביל און אים געבראַכט וווּ מ׳האָט באַדאַרפט. סימאָן באַנמאַרשעי האָט רק געאַרבעט פאַר גדולים. מיט פּראָסטע בשר־ודם האָט זי קיין מגע־משא ניט געוואָלט האָבן. צו איר געליבטן איז זי געווען די אידעאַלע מעטרעסע. זי האָט בײַ אים קיין טובות נישט געבעטן. די אונטער־שמשים האָבן שוין געטון די אַרבעט פאַר איר. זיי זענען געווען די וועלכע האָבן זי באַזאָרגט מיט פּאַספּאָרטן, זי געוואָרנט פאַר געפאַר. זי האָט זיי אָפּגעדינט מיט העכערע פּאַסטנס, בעסערע שכירות. איר עסטעטישער קוק אויפן לעבן האָט אָפּ־געוואָרפן די קלאַנגען וועגן מאַסן־מאָרד. אין איר בלאַנד־געפאַרבטן קאָפּ האָבן זיך אַזעלכע ווילדע מעשים ניט געקאָנט מיעשטשען. דער פאַרנעם פון די אכזריות זענען געווען אַזוי אומגעלומפּערט צום מענטשלעכן באַגריף, אַזוי אַז מ׳האָט זיך מער גענויגט צום ליגן ווי צום אמת.

אוודאי האָט סימאָן געוווּסט פון די שטראָף־עקספּידיציעס. פאַר דעם

טויט פון איין דײַטש, זענען צענדליקער פראַנצויזן געשטעלט געוואָרן צו דער וואַנט. „דאָס מיינט קריג!" האָט מעסיע דוראַנד געפּרוווט פּאַרענט־פערן זײַנע פאַרבינדעטע. ווען דאָס שיסן וועט זיך אָפּשטעלן, וועט אַלץ צוריקגיין צום אַלטן סדר".

אין דעם עליזעי נאַכט־קלוב האָט דער ליכט־פּראָיעקטאָר זיך געדרייט, געפּאַליעט מיט אַלע פאַרבן פון רעגנבויגן איבער די קעפּ פון די געסט. די מוזיק פון טאַנץ־זאַל האָט גערייצט די געמיטער. דער פולער בוזעם פון מאַדעמואַזעל באַנמאַרשעי האָט זיך געהויבן און געפאַלן לויט דעם טאַקט פון דער מוזיק. איר ווײַסער האַלדז האָט געבלענדט אין די אויגן. אין איר אויפגעטורעמטער פריזור האָט געשטעקט איין איינציקע רויז, נאָך אין גאַנצן אַ פאַרמאַכטע. אין געדאַנק האָט זי פאַרגליכן איר געליבטן מיטן ענגלישן אָפיציר. דער ענגלענדער פול מיט קוראַזש און האָפענונג, דער פראַנצויז פאַרשלאָסן, רעזיגנירט. קוקנדיק אויף אים האָט זי דער־פילט אַז זי איז אַ דרויסנדיקע. אמת, זי איז אַלע מאָל געווען ביי אים אַ דרויסנדיקע. ווי דורך אַ שפּאַרונע האָט זי אַרײַנגעקוקט צו אים אין האַרצן. איצט האָט זיך די שפּאַרונע אויך פאַרמאַכט. זי ווייסט אַפילו נישט צי ער פלאַנט צו לויפן מיטן שונא, אָדער בלײַבן אין לאַנד אינ־קאָגניטאָ? אַזוי, צי אַזוי, וואָס געווען איז נישטאָ מער. דער קאַפּיטל אין איר לעבן איז געקומען צו אַ סוף.

סימאָנס עלטערן זענען געקומען פון וואַרשע. זי איז געבוירן געוואָרן אין פּאַריז. אַלס קינד פלעגט זי זיך סטראָיען אין די פאַנטאַסטישע שמאַ־טעס וואָס האָבן אָנגעפּולט זייער הויז. דאָס זענען געווען גענוצטע קליי־דער, שיך, היט, זײַדענע אונטערוועש. דאָס אַלץ האָט דער טאַטע אירער אײַנגעהאַנדלט אין די רײַכע הײַזער אַרום די גרויסע בולוואַרן. ער איז אַרומגעגאַנגען מיט אַ זאַק אויף די פּלייצעס און אויסגעזונגען אויף פראַנצויזיש; „מאַרשאַן ד'האַבי שיפּאָן"! פענצטער האָבן זיך געעפנט. ווײַבער האָבן אַרויסגעשטעקט זייערע צעפּאַטלטע קעפּ. טייל האָבן די שמאַטעס אַרונטערגעוואָרפן אומזיסט. אַנדערע האָבן אים אַרויפגעבעטן, זיך געהייסן באַצאָלן און אים דערלאַנגט דאָס פּעקל פאַרמאַכטערהייט. די מוטער פלעגט די זאַכן אויסזאָרטירן. זי פלעגט אָנבייען קנעפּ, פאַר־צערעווען די לעכער, אַרויסנעמען די פלעקן. סוף וואָך פלעגט זי די סחורה

אַרויספירן אויף דער „מאַרשע”. זי האָט געצויגן אירע קונים מיטן וואַרשעווער ניגון. איר אַקצענט האָט איר צום מיסחר נישט געשאַדט. אויף דער „מאַרשע סאַנט־אַנטואַן”. האָבן זיך אַלע אַקצענטן געמישט: אַלזשיריאַנער, פּאָליאַקן, כינעזער, רוסן, אַפילו אַמעריקאַנער יאָלדן זענען געקומען זוכן מציאות.

די קליינע סימאָן האָט זיך געכאַוועט ביי אַ פראַנצייזישער ניאַניע. זי האָט איינגעזאַפּט אין זיך דער ניאַניעס מינהגים, דעם זינגנדיקן ריטעם פון איר שפּראַך. די ניאַניע האָט איינגעפּלאַנצט אין איר אַ ליבשאַפט צו דער גאָלדענער עפּאָכע, ווען די גרויסע מלכים אין געפודערטע פּאַרוקן האָבן געוועלטיקט איבערן לאַנד. שעהען לאַנג האָט די קליינע אויסגע־הערט די מעשיות פון די שיינע הויפדאַמען וואָס האָבן אונטער די קוליסן געפירט די פּאָליטיק. פון דער יידישער געשיכטע האָט זי כמעט גאָרניט געוווּסט. שפּעטער ווען זי האָט שוין געקאָנט לייענען פאַר זיך אַליין, איז איר דער יידישער גורל מער נישט אָנגעגאַנגען. מאַריע אַנטואַנעטס ביטערער סוף האָט זי מער אָנגערירט ווי די פּאָגראָמען אין צאַריש רוסלאַנד.

זיבעצן יאָר איז זי אַלט געווען ווען זי איז אָנגעקומען אַלס סעקרע־טאַרשע צו מעסיע לעגראַנד. ער איז געווען איינער פון די גרעסטע הורטאָווניקעס פון פּרוכט אין די פּאַריזער האַליעס. ביי אים אַ יונגע פרוי איז געווען ווי אַ יונגע פרוכט, ערשט פון בוים אַרונטער. עס האָט לאַנג ניט גענומען ביז מעסיע לעגראַנד האָט געמאַכט דער יונגער סימאָן אַן אָנבאָט. סימאָן האָט די געלעגנהייט ניט דורכגעלאָזט. לויט דעם נוסח פון די ראָמאַנען וואָס זי האָט געלייענט און די מעשיות וואָס איר ניאַניע האָט דערציילט, האָט זי ווייל געוווּסט אַז מזל קלאַפּט נישט צוויי מאָל אין דער טיר. זיי האָבן באַשטימט זייער ערשטע ראַנדעוווּ אין אַ דיסקרעטן האָטעל טיף אין בולאָנער וואַלד. זי האָט געוואַרט אויף אים אין אַ פּריוואַטן צימער. אונטער די פיס פּערסישע טעפּיכער. שווערע פּאָרטיערן אויף די פענצטער. די מעבל אין סטיל פון לואי דעם 14טן, אויף די ווענט קונסט־בילדער. שטילע מוזיק. פרישע בלומען. קעלנער אין רויטע מונדירן, די הענט אין ווייסע הענטשקעס האָבן מיט גרויס פּאָמפּ געעפנט דעם פאַר־זיגלטן שאַמפּאַניער. אין סימאָנס באַנעמונג האָט מען ניט געקאָנט דער־

קענען אַז דאָס איז איר ערשטע אוואַנטורע. אַפילו דער ראַפינירטער מעסיע לעגראַנד האָט געשטוינט ווי גרייטוויליק זי האָט אָפּגעגעבן איר בתולהשאַפט, ווי דאָס וואָלט שוין פון לאַנג געשטאַנען אין איר וועג.

מעסיע לעגראַנד האָט זיך מיט אַן אמת אין איר פאַרליבט. ער האָט נישט געמאַכט קיין סוד פון זײַן פאַרהייראַטן לעבן, זײַן פרוי, זײַנע קינדער. סימאָן האָט עס גענומען ווי אַ דרך הכלל. פאַר די דרײַ יאָר וואָס דער ראָמאַן איז אָנגעגאַנגען איז זי אויסגעוואַקסן צו אַן אמתער קאָקאָטע. זי האָט געלעבט אויף זײַן חשבון אין אַן אייגענער וווינונג. זי האָט געביטן איר נאָמען פון בראַטלאַווסקי אויף באַנמאַרשעי. זי האָט גענומען פּריוואַטע לעקציעס בײַ אַ פּראָפעסאָר פון דער סאָרבאָנע. געקליידט האָט זי זיך אויף סאַנט־האָנאָרעי. טײַערע קאָסמעטיקס און שיינהייט־סאַלאָנען זענען געוואָרן בײַ איר אַ נייטיקע געוווינהייט.

אירע עלטערן האָבן דער טאַכטערס פירונג געהאַלטן בסוד. צווישן זיך האָט אייגער געוואָרפן די שולד אויפן צווייטן. מ׳זאָל זי געווען שיקן אין יידישע שולן, זי באַקענען מיט יידישע יונגע־לײַט — וואָלט עס אפשר צו דער צרה נישט געקומען. איצט האָבן טאַטע־מאַמע מער קיין דעה ניט געהאַט. זיי האָבן געהאָפט, אַז ווען דער באַשערטער זיווג וועט קומען, וועט ער מיטן קדושין־רינגל אַלץ פאַרדעקן.

אין דער זעלבער צײַט וואָס סימאָן האָט אָנגעהאַלטן אירע באַציונגען מיט מעסיע לעגראַנד האָט זי פאַרפירט אַ ליבע מיט אַ דיפּלאָמאַט פון דער אַמעריקאַנער אַמבאַסאַדע. דער דיפּלאָמאַט האָט זי באַקענט מיט די אינטריגיעס פון פּאָליטיק. ער האָט זי פאַרגעשטעלט פאַר די טיטאַנען פון איר צײַט, די וואָס שפּילן האַנטבאַל מיטן גורל פון דער וועלט.

די פרײַנדשאַפט מיט מעסיע לעגראַנד האָט סימאָן פון דעסטוועגן ניט אויפגעגעבן. פון צײַט צו צײַט האָבן זיי זיך נאָך אַלץ באַגעגנט אין זעלבן האָטעל ווו די פּאַוועס אויף די ווענט, האָבן אין זייערע פאַרביקע פעכערס אויפגעהאַלטן די פײַערן פון זייער ערשטער נאַכט. עס האָט זי נישט געאַרט וואָס אויך דער דיפּלאָמאַט האָט איר קיין קדושין־רינגל נישט אָנגעבאָטן. די וועלט איז געשטאַנען בײַם ראַנד פון אַ קאַטאַסטראָפע. די אומזיכערקייט פון מאָרגן, האָט געמאַכט דעם הײַנט אינטענסיווער, פאַראַפיטירן פון חי־שעה, איז געוואָרן די מאָדע פון טאָג.

פאַריז איז געפאַלן. די מעכטיקע מאַזשינאָ־ליניע האָט אויסגעהויכט איר מעכטיקע נשמה נאָך איידער זי האָט באַוויזן אַ קרעכץ צו טון. דער פראַנצייזישער שטאָלץ, טויטלעך פאַרווונדעט, איז געבליבן ליגן אין אַ הינערפלעט. דער זיגער האָט געזוכט און געפונען קאַלאַבאָראַטאָרן ווילִיק צו דינען דעם הערן־פאָלק. מעסיע דוראַנד, וועמענס נאָמען איז דורך זיינע פאָליטישע יאָרן געשטאַנען אויף דער רעכטער זייט, האָט געפונען חן אין זייערע אויגן און דערהויבן געוואָרן צו שעף דע פאָליס.

סימאָן באַנמאַרשעי איז שוין דעמאָלט געווען די געליבטע פון דעם שפּאָגל נייעם פאָליציי־שעף. ער האָט זיין געליבטע געזען ווי אַ פאַרקער־פערונג פון דעם אייביק ווייבלעכן מין. אַ פרוי וואָס ציט איר גייסטיקע חיונה פון מאָדע־זשורנאַלן. אירע באַליבטע העלדן זענען די אַמאָליקע הויפדאַמען וואָס האָבן אַנגעפילט די קעניגלעכע בודואַרן. נישט איין מאָל טראַכט ער, אַז זי איז פשוט געבוירן געוואָרן אַ ביסל צו שפּעט.

סימאָן באַנמאַרשעי איז צופרידן פון זיין געשאַפענער מיינונג. עס גיט איר אַ געלעגנהייט צו קוקן, זען און נישט געזען ווערן. אויך דאָ, אין דעם אַנגערויכערטן, שאַמפּאַניער־פאַרגאָסענעם נאַכט־קלוב, האָט זי געקוקט און געזען ווי דער סוף ווערט צוגעגרייט. אויך זי האָט זיך געגרייט צו מאַכן אַ סוף פון אַ פאַרבינדונג וואָס האָלט נישט מער. דאָס געפיל וואָס זי האָט געהאַט פאַר אים איז שוין פון לאַנג אָפּגעשטאָרבן. געבליבן איז אַ ליידיקייט. און אַזוי ווי איר טעמפּעראַמענט האָט קיין ליידיקייט נישט פאַרטראָגן, האָט זי באַלד דאָ ביים טיש גענומען פּלאַנען אַ דראַ־מאַטישן זיי־געזונט. זי וועט שפּילן די ראָלע פון אַ שיכּור. מיטן גלאָז שאַמפּאַניער אין דער האַנט וועט זי אויפדעקן די קאָרטן. זי וועט אַפילו אַנדייטן איר יידישן אָפּשטאַם. עס וועט זיין אינטערעסאַנט צו זען ווי איר געליבטער וועט רעאַגירן ? וואָס דער גרובער וועט זאָגן. זי וועט, פאַרשטייט זיך, לענקען אירע רייד אַהין און צוריק. אָט וועט זי זיין אַ יידישקע, און באַלד דאַרויף אַן אור־אור אייניקל פון מאַדאַם פּאָמפּאַ־דור. אין איר דימיון האָט זי געקלעטערט איבער קאָפּ־שווינדלענדיקע הייכן. איר פּנים האָט געפלאַמט מיט דער דראַמע פון מאָמענט.

פון אונטער די שוואַרצע ברילן האָט דער גרובער זי אָבסערווירט. אים איז נ'ט געפעלן געוואָרן ווי זי צינדט איין ציגאַרעט נאָך אַ צווייטן,

זופט דעם ווייַן און שמירט דאָס פּנים. ער האָט שוין פון לאַנג פאַר־דעכטיקט אַז די צו שיינע מאַדעמואַזעל שפּילט אַ טאָפּלטע ראָלע. עס האָט אים פאַרדראָסן למאַי ער האָט באַצייַטנס ניט גענומען קיין שריט. איצט טאָר ער עס מער ניט אָפּלייגן זי מוז עלימינירט ווערן, באַלד, נאָך אפשר הייַנטיקע נאַכט?

„פאַרוואָס פאַרבעט איר נישט די מאַדעמואַזעל צום טאַנצן?" האָט ער זיך פּלוצים געווענדעט צו זייַן אַדיוטאַנט. „מען זאָגט, אַז איר זענט אַ ספּעץ אין דרייען מיט די פיס".

פריץ אונטערמייַער איז גאָר געווען צופרידן פון דעם אומגעריכטן אָנבאָט. ער האָט אויף גיך אַרייַנגעלייגט די פּאַפּירן אין בריוטאַש, צו־נויפגעלייגט די צעוואָרפענע צייַטונגען און דערווייַל פאַרגעסן אַז איין שוך איז אונטערן טיש. די מאַדעמואַזעל האָט זיך הויך צעלאַכט, און אַזוי לאַכנדיק האָט זיך איר בליק פאַרטשעפּעט אין אַ באַקאַנטן נאָמען. מאַרסעל לעגראַנד איז אַרויסגעשווומען פון אַ קליינער נאָטיץ אין „פּאַרי־סואַר". זי האָט די צייַטונג צוגעטראָגן צו די אויגן, נאָר געזען האָט זי גאָרניט. פייַער־רינגען האָבן אַרומגעכאַפּט דעם טיש, דעם זאַל. זייַן נאָמען אַרום פייַער האָט געפלאַטערט אומבאַשעדיקט ווי מאָטן אין אַ זומער־נאַכט. זי האָט געלייענט און געלייענט: „מעסיע מאַרסעל לעגראַנד, הורט־סוחר אין די האַליעס, איז הייַנטיקע נאַכט דערשאָסן געוואָרן, פאַר ליפערן פאַרסמטע פּראָדוקטן צו דער דייַטשער אַרמיי".

מאַדעמואַזעל באַנמאַרשעי האָט אַ פאַך געטון מיט די הענט ווי אַ געשאָסענער פויגל. Sale Boche! — האָט זי אַ וואָרף געטון די קללה אין דער לופט. די דייַטשן האָבן דעם באַדייַט ניט געכאַפּט, אָדער אפשר זיך ניט ווויסנדיק געמאַכט. דער פּאָליציי־שעף האָט אַ שאַר געטון די צייַטונג צו זיך. זייַנע פאַרוואָלקנטע ברעמען האָבן זיך צונויפגעצויגן. ער האָט אָפּגעמאָסטן זייַן געליבטע מיט אַ פינצטערן בליק. „ווער איז דער מאַן, אַ באַקאַנטער, אַ פריַינט?"

„אַ באַקאַנטער און אַ פרייַנט!" האָט זי געענטפערט, שוין אין גאַנצן אַ באַרויִקטע. איר אומגעריכטע דרייַסטקייט האָט זי אַליין איבעררַאשט. זי האָט דערפילט אַ טיפע באַפרידיקונג, ווי זי וואָלט זיך אָקערשט באַפרייַט פון אַן אַבסטראַקטער לאַסט. עס האָט זי נישט געאַרט וואָס איר

ענטפער האָט ווי אַ באָמבע אויפגעריסן. זאָל עס פירן ווו עס וועט פירן. יעדער זיג האָט זײַן קרבן. איר זיג, האָט זי צוריקגעפירט צו זיך אַליין.

מעסיע דוראַנד האָט אויסגעליידיקט זײַן גלאָז ביז צום דנאָ. „ווי קומט עס וואָס איך האָב זײַן נאָמען קיין מאָל נישט געהערט?"

„מסתמא האָב איך נישט געהאַלטן פאַר נייטיק צו דערציילן!" האָט סימאָן געענטפערט. אירע ווײַסע געפלעגטע הענט האָבן געפלאַטערט אַרום איר פּנים, באַפּעסטיקט די רויז אין איר פריזור און געשענקט הער גרובער אַ קאָקעטישן שמייכל. הער גרובער האָט אויף איר שמייכל נישט געענטפערט. זײַנע אויגן אונטער די שוואַרצע ברילן האָבן קיין פינטל ניט געטון. בלויז דער שראַם אויף זײַן פּנים האָט זיך צעשפּילט מיט אַלע פײַערן פון גיהנום. ער האָט זיך אויפגעשטעלט, אײַנגעצויגן דעם פּאַסעק, אָנגעטאָפּט די מעדאַלן. „מיר וועלן באַלד זײַן צוריק", האָט ער זיך פאַרענטפערט און איז אַוועק מיט זײַן אַסיסטאַנט צום טעלע־פאָן־בײַדל.

צוריקגעקומען איז ער אַ האָפערדיקער. אויף זײַן פּנים האָט מען נישט געקאָנט דערקענען, אַז ער האָט נאָר וואָס געחתמעט אַ טויט־אורטייל. ער האָט אַפילו געבראַכט פאַר דער מאַדעמואַזעל צוויי פײַער־רויטע קאַרנאַציעס. ער האָט זיך געפּרוּווט וויצלען, נאָר קיינער האָט ניט געלאַכט. „איר זענט גערעכט", האָט ער געזאָגט, „זײַן טאָן שוין אײַנגאַנצן אַ געביטענער. „מיר האָבן מער וויכטיקע ענינים צו דער־לעדיקן ווי ליבעס־שמערצן. אויב די פרוילײַן האָט נישט דאַקעגן, וועט שוין אונטערמייער זען זי זאָל זיך נישט לאַנגווײַלן".

ווען דער געשטאַפּאָ־אַגענט איז געבליבן אַליין מיט זײַן פראַנצייזישן קאָלאַבאָראַטאָר, האָט ער זיך פאַרטרוילעך צוגערוקט צו אים. „זייט נישט אַזוי פאַרצווײַפלט, הער אינספּעקטאָר, איר האָט נאָך נישט געהערט דאָס לעצטע וואָרט. דויטשע מוחות אַרבעטן פלײַסיק. איין אַטאָמישע באָמבע וועט אונדז די וועלט אויף אַ טעלער דערלאַנגען".

מעסיע דוראַנד האָט זיך באַמיט צו האַלטן זײַן בליק. „ס'איז גאָרניט אַזוי גרינג צו ליגן בײַם וואָלף אין פּיסק און וואַרטן אויף געהיימע וואָפן".

„איר וועט לאַנג נישט דאַרפן וואַרטן, הער דוראַנד. מיר דויטשן

לייגן נישט אָפּ אויף מאָרגן וואָס מיר קאָנען טון היינט". ער האָט אַרונ־טערגענומען די ברילן און מיט פאַרקוועטשטע אויגן געקוקט אויף זיין קאָלאַבאָראַטאָר. „ווי לאַנג קענט איר שוין איינער פריינדין, איך מיין פרוילייַן באַנמאַרשעי?" האָט ער אַ פרעג געטון מיט אַ הינטערטאַן וואָס האָט אַ שטאָך געטון דעם פּראָנצויז; ער האָט פאַרביסן די ליפּן. די הויט אויף זיין פּנים איז געוואָרן געלבלעך, בלאַס. „הער גרובער", האָט ער געזאָגט, „מיטן פאַרדעכטיקן מיין כלה, פאַרדעכטיקט איר אויך מיך. ס'קאָן טאַקע מעגלעך זיין, אַז דער סוחר פון די האַליעס וואָס איז עלימינירט געוואָרן, איז אירס אַ באַקאַנטער. דאָס מיינט נאָך נישט אַז זי איז פאַר־וויקלט אין דעם פאַרראַט. אויך איך האָב באַקאַנטע אויף דער אַנדערער זייט. גאַנץ פּאַריז האָט זיך דאָך נישט איבער נאַכט געביטן. וויסן, זאָלט איר וויסן, אַז מיין כלה איז אין גאַנצן אַפּאָליטיש. מיר קלייבן זיך אין קורצן חתונה צו האָבן".

„אויב אַזוי ווינטש איך אייך גליק!" האָט געזאָגט הער גרובער. ער האָט צוריק אָנגעטון די ברילן פאַרגעלייגט אַ טאָסט. אַ קעלנער איז צוגע־קומען און אָנגעפילט די גלעזער. „מיר וועלן נאָך בויען די טויזנט יעריקע הערשאַפט צוזאַמען. נעמט מיין וואָרט, הער אינספּעקטאָר". „ער האָט אויפגעהויבן דאָס גלאָז אין דער הייך. פאַר פריינטשאַפט. פאַר זיג!"

פאַר אַ ווייַלע זענען זיי געזעסן שווייַגנדיק. „זייט נישט אַזוי פאַר־צווייפלט, פריינט דוראַנד. עס וועט נאָך גוט זיין. איך ווייס וואָס איך רעד. דער נייַער וואָפן וועט אין איינציקע פאַר טעג ברענגען דעם זיג וואָס דרייַ יאָר קריג האָבן נישט באַוויזן".

„לטובות וועמען?" האָט דער פראַנצויז געפרעגט.

„לטובת אונדז, נאַטירלעך".

סימאָן באַנמאַרשעי האָט זיך געלאָזט פירן. זי האָט זיך געבייטיקט אין צייַט דורכצוזיפּן אירע טראַכטענישן. צעשויבערטע פּלענער האָבן זיך געפלאָנטערט אין איר קאָפּ. דאָס וואָס זי האָט געטראַכט מיט אַ שעה פריער, איז איצט ביז חל געוועזן. איר שיכורע ראָלע וואָס זי האָט זיך פאַרנומען צו שפּילן איז איר איצט פאַרגעקומען לעכערלעך. איצט באַ־לאַנגען אירע געדאַנקען אויסשליסלעך צו מאַרסעל לעגראַנד. וואָס האָט ער געטראַכט אין אָנבליק פון טויט? אפשר האָט ער פון טויט אין גאַנצן

נישט געטראַכט? אפשר האָט ער גאָר געפילט, אַז ביַיצושטיַיערן זיַין לעבן פאַרן פאָטערלאַנד — איז אַ פּריווילעגיע? זי וויל, זי מוז אים זען. זי וועט בעטן פריץ אונטערמיַיער ער זאָל זי צופירן צו דער לאַ־סאַנטעי טורמע. זי וויל איַינאָטעמען די לופט וואָס האָט איַינגעזאַפּט זיַין לעצטן אויסגעשריי. זי וויל שטיין און קוקן אויף זיַין קערפּער וואָס ליגט דאָרט אַ נאַקעטער אָפּצושרעקן דעם המון. זי אָבער שרעקט זיך נישט. זי פילט אין זיך דעם כוח אַפילו דעם טויט צו באַצווינגען. טאַנצנדיק טוליעט זי איר בוזעם צו זיַין שטיַיפער ברוסט. זיַין קערפּער ציטערט. דער טאַנץ פאַרציט זיך. מיט פאַרזשמורעטע אויגן פאַרטרויט זי אים איר בקשה. פריץ אונטערמיַיער זאָגט איר אַלץ צו, כאָטש ער ווייסט, אַז טון וועט ער טון נישט וואָס זי וויל, נאָר וואָס זיַין שעף האָט אים באַפוילן. איצט וואַרט ער. ער וואַרט אויף דעם לעצטן באַפולמאַכטיקטן באַפעל. ווען דער קעלנער דערלאַנגט אים אַ פאַרזיגלטן קאָנווערט רייַסט ער איבער דעם טאַנץ. דער קאָליר אויף זיַין פּנים בייַט זיך. „קומט!” זאָגט ער. „מיר מוזן שוין פאַרלאָזן דעם זאַל”.

סימאָן באַנמאַרשעי קוקט אים אָן קאָקעטיש. „וואָס האָט פּאַסירט? איַיער זיגרייַכע אַרמיי האָט זיך אונטערגעגעבן?”

ווידער בייַט זיך דער קאָליר אויף זיַין פּנים, פון רויט אויף בלאַס און ווידער רויט. „מיר דויטשן גיבן זיך נישט אונטער!” זאָגט ער מיט אַ האַרטער, קיינמאָל פריַער נישט געהערטער שטים. נעמט איַיער בייַטל מאַדעמואַזעל און קומט. ניטאָ קיין צייַט צו דיסקוטירן”.

„איז דאָס אַ באַפעל?”

„טייַטשט עס ווי איר ווילט. גיין מוזן מיר. שוין. איצט”.

„איך מוז וויסן וואוהין מיר גייען, ווען נישט בלייַב איך דאָ”.

„איר קומט מיט מיר. איך בין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר איַיער זיכער־קייט”.

„ווער האָט איַיך געמאַכט פאַר מיַין אַפּאָטראָפּ?”

„דער מיט וועמען איר מאַכט ליבע”.

„איך גלייב איַיך נישט”.

„גלייבט יאָ, אָדער גלייבט נישט. דאָס איז איַיער פּריווילעגיע. אָבער קומען מוזט איר שוין”.

„טאַ וויַיזט מיר דעם באַפעל. איך מוז צום ערשט זען ווער עס האָט דעם באַפעל געחתמעט?"

„דער באַפעל איז פאַר מיר, ניט פאַר אייך".

„גיי איך נישט!"

„וועל איך אייך אַרויסטראָגן מיט געוואַלד".

„איך וועל מאַכן אַ סקאַנדאַל!"

„טוט עס, קיינער וועט זיך סײַ ווי פאַר אײַך ניט אײַנשטעלן".

„איך דאַרף ניט קיין הילף. איך קאָן מײַן שטעטל אַליין באַשטיין".

„איך ווייס אַז איר קאָנט. קומט מאַדעמואַזעל, איז זײַן שטים געוואָרן ווייכער. ס'איז אַ פּראַכטופֿלע נאַכט. אין אַזאַ נאַכט איז אַלץ מעגלעך".

„איך האָב אַ רעוואָלווער; מעסיע פּריץ".

„מיט פרויען דועליר איך נישט".

„קאָן איך גיין אין טואַלעט?"

„איר קאָנט אויב איר מוזט, נאָר אין מײַן באַגלייטונג".

„איר שפּאַסט".

„איך שפּאַס שוין גאָרניט. איר באַנעמט ניט דעם ערנסט פון דער סיטואַציע".

„פון וועלכער סיטואַציע רעדט איר? פון דער סיטואַציע אויפֿן פּראָנט, אָדער פון אַ פּערזענלעכער ווענדעטאַ?"

„טײַערע פרוילײן, איר זענט צו רייצנד איך זאָל זיך קריגן מיט אײַך. אָבער באַפעל, איז באַפעל". ער האָט גענומען איר אָרעם און זי אַרויסגע־פירט אין דרויסן. צוויי עס־עס לײַט האָבן שוין געוואַרט אויף זיי. זיי האָבן אַרײַנגעזעצט דאָס פרוילײן אין זייער וואַרטנדיקן אויטאָ, וואָס איז געלאָפן פון שאַמפּ־עליזעי צום פּלאַץ דע־קאָנקאָרד, פאַרבײַ געפּאָרן דעם עלעגאַנטן רעסטאָראַן ווו זי און מעסיע לעגראַנד זענען אַ מאָל גליקלעך געווען. פון דאָרט האָט זיך דער אויטאָ אַרײַנגעדרייט טיפער אין וואַלד אַרײַן, ווו איין איינציקע קויל אין קאָפּ האָט אָפּגעפאַרבט אירע בלאָנדע האָר, מיט אַן אָפּשטויסנדיקן רויטן קאָליר...

דאָס וואָרטן אויפֿן שמאַטילניק

נאָך אַזוי פֿיל יאָרן שפּעטער, שלעפּ איך נאָך אַלץ דעם פֿריִער. איך שלעפּ דאָס הויז, די גאַס, די שטאָט און אפֿילו דאָס דאָרף. אָפּט מאָל זאָג איך צו מיר אַליין: גענוג! געשיכטע איז געשיכטע! מיש איבער אַ בלעטל און זע, נײַע שפּראָצונגען אין גאָרטן. „דער רעגן איז פֿאַרגאַנגען, אַוועק. דאָס קול פֿון דער טורטלטויב לאָזט זיך הערן". שפּיץ איך אָן די אויערן און הער, ניט די טורטלטויב, נאָר די נאַכטיגאַל. איר טריל פֿאַלט אַרײַן אין אַ קאַליידעסקאָפּ פֿון געזאַנגען. אויבערטענער ראַנגלען זיך מיט אונטערטענער. ריטמען פּלאָנטערן זיך. איין קלאַנג דערשטיקט דעם צווייטן — אַ פֿוגע אָן אַ דיריגענט.

איך זיץ ווי אין אַ פֿעסטונג בײַם האַלב־אָפֿענעם פֿענצטער. פֿריער פֿרילינג הערשט אויף מײַן וועלט. די געזאַנגען פֿון יענער זײַט גבול פֿלאַטערן אין דער לופֿט. זיי שוועבן אַריבער דעם טײַך, דראַפּען זיך אַרויף אויפֿן באַרג גלײַך צו מיר אין האַלב־אָפֿענעם פֿענצטער אַרײַן. ווי אַזוי האָב איך זיך געקענט ווערן קעגן אַ געזאַנג געזונגען ניט פֿאַר לוין, ניט פֿאַר אַפּלאָדיסמענטן, נאָר צום ראָזעווען פֿרילינג־אָוונט וואָס האָט זיך געצויגן ביז שפּעט אין דער סודותדיקער נאַכט אַרײַן.

דאָס געזאַנג האָבן געזונגען די שקצים אין דאָרף, די זעלבע וואָס האָבן געטראָגן בלאַנקע מעסערס אין די כאַליעוועס פֿון זייערע שטיוול, ווען זיי זענען געגאַנגען זונטיק אין קלויסטער אַרײַן. די שאַרף פֿון זייערע מעסערס און דער כּישוף פֿון זייערע געזאַנגען האָבן זיך פֿאַר פֿרי אײַנגעגעסטיקט אין מײַן נשמה, ווי אַ געשפּאַלטענער איך, זײַט בײַ זײַט.

געווען יש אומרים וואָס האָבן געטײַטשט דעם פּאַראַדאָקס פֿון מעסער און געזאַנג ווי אַ לעגיטימע ירושה פֿון אור־מענטש צום אייניקל. דעם געדאַנק האָט אויך געטיילט יאָסיפּ, דער אויפֿגעקלערטער פּויערן־זון. ער איז צוריקגעקומען פֿון דער גרויסער שטאָט מיט דרײַ זילבערנע פּאַסיקלעך אויף זײַן שטײַפֿן קאָלנער. מיט די שיקסעס אין דאָרף האָט ער נישט

געקאַנט טיילן די הויכע געדאַנקען וואָס ער האָט אָנגעזאַמלט אין גימנאַזיע. איין מאָל ווען ער האָט אַריבערגעשפּרייזט די בריק, אַרויפגעקלעטערט דעם באַרג צו דער יידישער גאַס, האָט ער צופעליק באַמערקט דעם שול־שמשס זעכצן־יעריקע מיזינקע, אַ שוואַרץ־חנעוודיק מיידל, מיט טיפע חן־גריבלעך אין די פּוכקע באַקן. איר אויסזען האָט מיט איר נשמה קיין שייכות ניט געהאַט. ווען אַנדערע מיידלעך האָבן געפירט ליבעס, האָט זי זיך געשפּייזט מיט דיקע ראָמאַנען. איין שיינעם פרימאָרגן האָט שרהקע דערזען ווי אַ שאָטן פאַלט אויף איר אָפענעם בוך. האָט זי אויפגעהויבן די אויגן און דערזען יאָסיפן שטיין מיט איין פוס אויף דער שוועל ווו זי איז געזעסן. קוקנדיק אַרויף און צוריק אין בוך אַריין, איז איר פאַרגעקומען, אַז די געשטאַלט וואָס טורעמט איבער איר, איז גישט קיין אַנדערער ווי ראַסקאָלניקאָוו מיטן מעסער אונטער דער רובאַשקע. זי האָט זיך ראַפּטאָם אויפגעשטעלט גרייט צו אַנטלויפן. ער האָט איר פאַרשטעלט דעם וועג.

„אַנטשולדיקט, באַרישניאַ", האָט ער געזאָגט, ניט מיט ראַסקאָלניקאָווס צווייפל אין קול, נאָר מיט דעם רוי, האַרטן, אוקראַאינישן אַקצענט, אַ זאָג געטאָן: „איך זע אַז איר לייענט דאָסטאָיעווסקין?"

„איך לייען ניט", האָט זי זיך פאַרענטפערט, „איך קוק בלויז אַריין".

די צעטומלעניש פון זייער ערשטער באַגעגעניש האָט אָנגעהאַלטן גאַנצע צוויי זומערן. שרהקע האָט געטוליעט צום האַרצן די בלומען פון זיין טאַטנס גאָרטן. ער האָט איר אויך געבראַכט גאָלדענע קוקורוזעס, און בלוט־רויטע פּאָזיאָמקעס. צווישן איין קוש און אַ צווייטן האָט ער איר דערציילט, אַז ער לייענט שלום אַש'ס „מאָן פון נצרת". זי, נאָך אַלץ אַ צעטומלטע, האָט אָנגעשטעלט אויף אים אירע שוואַרצע שטראַלנדיקע אויגן, וואָס האָבן פאַרנומען אַ העלפט פון איר פנים און דעם גאַנצן שטח פון איר נשמה.

פאַרן אָפּפאָרן אין דער גרויסער שטאָט אַריין, ווייטער צו שטודירן די מידות העולם, האָט איר יאָסיפ געשענקט אַ זייגערל מיט שוואַרצע ווייזערס. שרהקע האָט דאָס זייגערל מיטן לעדערנעם רימענדל באַפעסטיקט אויף איר האַנט־געלענק. יעדעס מאָל ווען זי האָט אָנגעשטעלט דאָס זייגערל אויף פאָרויס, האָבן די ווייזערס פון זיך אַליין געדרייט

אויף צוריק. ווען זיי האָבן דערגרייכט די מיטנאַכטיקע שעה, איז שוין שרהקע געשטאַנען בײַם ראַנד פון אָפענעם גרוב. נאַקעט, פאַרשעמט, מער טויט ווי לעבעדיק, האָט זי נאָך אַלץ געוואַרט, ניט ווינסדיק אויף וועמען. דאָס זייגערל האָט אַ לעגיטימער יורש פון יענעם ווײַטן אור־מענטש, פון איר האַנט אַראָפּגעריסן, אַנגעטאָן אין ברוינעם מונדיר, די הענט אין ווײַסע הענטשקעס, האָט ער זיך צוגעפּײַפט אַ מעלאָדיע וואָס האָט זי אַמאָל ביז טרערן גערירט.

איך ווייס ניט צי איז די מעלאָדיע דערגאַנגען צו איר באַוווסטזײַן ? צי האָט זי נאָך געהאָפט אַז ער וועט זיך באַווײַזן, איבערן גבול די האַנט איר דערלאַנגען, איר פאַרזיכערן, אַז דאָס איז נאָך ניט דער סוף פון מענטש.

וואָלט ער געווען מיטגעגאַנגען מיט איר, וואָלט איך געזונגען שירה. דער פּאַק אויף מײַנע פּלייצעס וואָלט פליגל געבוירן. וואָלט גאָטס צאָרן זיך געווען אויסגעגאָסן אויף יעדן גלײַך, אײַנגעשלונגען קינד און קייט, חיה און פויגל, די פיש אין וואַסער, די פלאַנצן אויף דער ערד; וואָלט אַ מבול געווען פאַרטרונקען אַלץ מיט אַנאַנדער אומאָפּהענגיק פון ראַסע, רעליגיע, וואָלט דער סם אין מײַן האַרצן געוואָרן מן. איך וואָלט באַנומען דעם חורבן מיט גרויס אָפּשײַ. איך וואָלט זיך געבוקט צו דער נאַטור, צו אירע קאַפּריזן. איך וואָלט אַליין געענדערט אין מויל פון אָפּגרונט און געפונען אַ זין ניט געפּרעגטערהייט. דאָס וואָס מענטש האָט געטאָן צו מענטש קאָן איך ניט מוחל זײַן. ווי אַזוי זאָל איך זאָגן קדיש נאָך אַ שטאָט, נאָך אַ פאָלק, נאָך קינדער און זקנים, נאָך שטאַרקע און נאָך שוואַכע, נאָך שיינע און נאָך מיאוסע, נאָך פרומע לײַט און גנבים ? ווי אַזוי זאָגט מען ברוך דיין אמת נאָך הערשעלע דעם משוגענעם, נאָך כאַצקעלע דעם בלינדן ? זיי זענען אפשר געווען די איינציקע וואָס זענען געשטאַנען בײַם אָפענעם קבר און ניט משיג געווען ניט דעם ווייטיק און ניט די בושה.

טייל מאָל טראַכט איך, אפשר בין איך גאָר משוגע, אַ וויסטע אײַנרע־דעניש, אַ מעלאַנכאָליע אַזאַ וואָס קען פירן גלײַך אין משוגעים־הויז. און ווײַל איך היט זיך פאַר פאַרמאַכטע טירן, כאַפּ איך דעם פּאַק וואָס וועגט שווער אויף מײַן געמיט און הייב אָן אַרויסוואַרפן דעם נעכטן

וואָס איז משפּיע אויפן היַנט. איך קלײַב נישט איבער. איך וואַרף וואָס עס קומט מיר אין האַנט אַריַין. וואָס מער איך וואַרף אַלץ מער זאַמלט זיך אָן. שטופּ איך אַראָפּ די האַנט ביז צום סאַמע דנאָ, און צי אַרויס אַ בינטל בעטלערס. איך האָב גאָר נישט געוווּסט אַז זיי לעבן נאָך ערגעץ־ווו אין מיַין באַוווּסטזיין. יעדער פון זיי מיט זיַין באַשטימטן מום, מיט זיַין חולאת. יעדן מאַנטיק פלעגן זיי זיך יאָווען אויפן יאַריד, זיך אויסזעצן אַרום ראַטהויז, ווער מיט אַפּגעזעגטע פיס, ווער מיט אַ שקרויפּל פּנים, בעטן נדבות ביַי די דורכגייערס. יעדער פון זיי מיט זיַין אייגנאַרטיקן אופן. איינער דרייט אַ לירע און זינגט אַ טרויעריק ליד, אַן אַנדערער מיט אַ מאַלפּעלע אויף די אַקסל לאָזט דאָס מאַלפּעלע אַרויסציִען אַ קוויטל פאַר יעדן איינעם וואָס דערלאַנגט אים אַ מטבע. מיך ציט די בלינדע גויע. איך האָב ליב זיך איַינצוהערן צו אירע רייד געווענדט צום הימל, ווו מלאָכים מיט וויַיסע פליגל האַלטן אַן אויג אויף איר. זיי גרייטן פאַר איר אַ טיש אין די הויכע עולמות, ווו דאָס אמתע לעבן הייבט זיך ערשט אָן.

זי ווייסט אויף זיכער אַז דער „פּאַן יעזוס" אַליין וועט צוריקשטעלן איר ראיה. זי וועט אַראָפּקוקן פון דער הייך אויפן מענטש אין דער נידער און זיך מאַדליען פאַר זייערע זינדיקע נשמות.

סיַי זומער, סיַי ווינטער, פלעגט זי קומען, פאַרנעמען איר חזקה־פּלאַץ ביַים סאַמע פענצטער, ווו מיַין מומע רחלע האָט געוווינט. זי פלעגט זיצן אויף אַ נידריק בענקעלע, די ספּודניצע ביז אַראָפּ צו דר'ערד. אויף איר ברוסט האָט זיך געבאָמבלט אַ מעשענער צלם, אין די הענט אַ שנור פּאַטשערקעס, וואָס זי האָט כסדר געדרוקט פון איין אָרט אויפן צווייטן. זי האָט נישט געדאַנקט פאַר די נדבות וואָס לײַט האָבן איר געשענקט, אַפילו ווען אַ יאַטל האָט געלאַטכעטע גראָשנס פון איר פאַדעליק, האָט זי נישט איבערגעריסן אירע רייד וואָס האָבן געשטראָמט ווי לאַווע פון אַ ווולקאַן. אירע ליפּן פאַרטרוקנט, די אויגן — צוויי ליידיקע שיסעלעך; דאָס קול שאַרף ווי די שווערד פון מלאך דומה, וואָס איז ממונה אויפן גהינום און אויף די רוחות.

מען האָט דערציילט, אַז נאָך אַלס קינד האָט איר אייגענער פאָטער איר די אויגן אויסגעשטאָכן. אין צײַט פון הונגער האָבן עלטערן פאַר־

קריפּלט זייערע אייגענע קינדער, זייערע ווייבער, און אָפּט מאָל זיך אַליין אָפּגעשניטן אַן אויער, אַ פּוס, אָפּגעהאַקט אַ האַנט, כּדי צו דער־וועקן באַרמהאַרציקייט פֿון די וועלכע האָבן זיך געקאָנט פֿאַרגינען אָפּ־צושפּאָרן אַ שטיקל ברויט דאָס חיות צו דערהאַלטן.

אַ שטאַרקן איינדרוק האָט אויף מיר געמאַכט דער בלינדער גויעס מאַקאַברישער טאַנץ. אין סאַמע מיטן טאָג, ווען די זון האָט דערגרייכט איר הויכפּונקט און דער זייגער אויפֿן ראַטהויז האָט אויסגעקלונגען די צוועלפֿטע שעה, איז זי אויפֿגעשטאַנען פֿון איר נידריקן בענקעלע, געטאַפּט די לופֿט צי קיינער שטייט איר ניט אין וועג, און ווען זי האָט געפֿונען דאָס פּאַסיקע אָרט, האָט זי זיך אַוועקגעשטעלט טאַנצן. עס האָט זי נישט געאַרט דאָס געלעכטער און אויך נישט דאָס געוויין וואָס דער ווילדער טאַנץ אירער האָט אַרויסגערופֿן בײַם אַרומיקן עולם. איר ספּודניצע איינגערײַכט אין בלאָטע, דער צלם אויף איר האַרץ האָט אונטערגעשפּרונ־גען און זי טאַנצט איר אומגעלומפּערטן טאַנץ ביז זי פֿאַלט מיטן פּנים צו דער ערד. אירע הענט און פֿיס וואַרפֿן זיך ספּאַזמאַטיש. די ציין פֿאַר־קלעמט. אַ ווײַסע פּינע שוימט פֿון איר מויל. נאָך אַ ווײַלע שטייט זי אויף, געפֿינט איר בענקעלע און נעמט ווידער אויף דעם המשך וואָס זי האָט מיטן טאַנץ איבערגעריסן.

איצט מיט יאָרן שפּעטער טרעפֿט זיך אין מינוטן פֿון אַנגסט איך זאָל אומבאַוווסטערהייט זיך שטעלן טאַנצן. נישט דווקא אין דער צוועלפֿ־טער שעה פֿון טאָג אָדער פֿון דער נאַכט, נאָר פּונקט צו דער רגע ווען מײַן צײַט שטעלט זיך אָפּ און הייבט אָן לויפֿן אויף צוריק, ווי די שוואַרצע ווײַזערס אויף שרהקעס האַנט־זייגערל. איך טאַנץ ביז חלשות און דערנאָך, דערנאָך שטיי איך אויף כּדי ווײַטער אָנצוגיין מיטן צופֿאַל פֿון גורל.

געוועזן אויך יידישע בעטלערס. זיי האָבן אויף די יאַרידים ניט אָפּערירט. די יידישע בעטלערס האָט מען גערופֿן אָרעמעלײַט. די אָרעמע־לייט פֿלעגן גיין איבער די שטובן איינמאָנען די נדבות. די מאָנסלייט פֿלעגן קומען פֿרייטיק, די ווייבער — שבת אין דער פֿרי. שבת האָט מען קיין געלט נישט גענומען. ברויט און חלה האָבן אָנגעפֿילט די קאָשיקעס פֿון די גייער איבער די הײַזער. געוועזן פֿאַרבאָרגענע אָרעמע

לײַט, וואָס זענען אַליין איבער די הײַזער נישט געגאַנגען. פאַר זיי האָבן גבאיטעס געטאָן די אַרבעט און דערפאַר זיך דערוואָרבן פולע קאָשיקעס מיט מיצוות. דער פּערזענלעכער ייחוס פון יעדער גבאיטע האָט באַשטימט וויפל און וואָס מ׳זאָל אַרײַנגלייגן אין איר קויבער. פאַר די גאָר געהויבענע האָט מען געגעבן אַ גאַנץ ברויט, אַן איי, ווער עס האָט געהאַט אַ קו אין שטאַל האָט אַרײַנגעשטעלט אַ פלעשל מילך פאַר אַ דעכעוויטשנעם יורד, אַ שטיקל פּוטער, אַ ביסל אײַנגעמאַכץ אויף נישט צו באַדאַרפן.

די אָרעמע לײַט האָבן אַרײַנגעבראַכט אין הויז אַרײַן אַ געוויסע סאָרט פאַרווײַלונג, ניט אַזוי פאַר דערוואַקסענע, ווי פאַר דער מיידעלע וואָס געווען. אירע צופלוסן און אָפּפלוסן וואַשן נאָך הײַנט מײַן זאַמדיקן ברעג. איך זעץ זיך צו לעבן איר בײַם פאַרפרוירענעם פענצטער און זע מיט אירע אויגן ווי שווארצע ראָבן טאַנצן אויפן ווײַסן שניי. און ווײַל איך קוק אַזוי טיף אַרײַן אין דער ווײַסער ווײַט, ווערט מיר באַנג. פאַרהאַר איך אַ ביסל, מיר איז גוט צו זיצן לעבן איר. זי נעמט מיך אַרײַן אין איר אַטמאָספער און מיר ווערן ווידער איינס.

פאַראַן אַזוי פיל צו טראַכטן, צו פילן אין די קורצע ווינטער־טעג, וואָס האָבן גאָר קיין סוף נישט. פאַלן מיר אויף אַ המצאה. איך און זי מאַכן מיר איבער דעם סדר פון די וואָכן־טעג. פון חנוכה ביז פסח הייבן מיר אָן די וואָך ניט מיט זונטיק, ניט מיט מאָנטיק — בײַ אונדז הייבט זיך די וואָך אָן מיט דאָנערשטיק. דאָנערשטיק איז דער טאָג ווען די צוגרייטונג פאַר דעם צענטראַלן טאָג שבת הייבט זיך אָן.

דאָנערשטיק גייט די מאַמע אײַנקויפן אויף שבת. מיטן צעראַטענעם טאַש גייט זי פון געוועלבל צו געוועלבל, צו געבן יעדער פון טאַטנס קונים עפּעס צו לייזן. ווײַל קיינער איז אין הויז ניטאָ, בושעוועט דאָס מיידעלע אין די פאַרבאָטענע שופלאָדן. זי ווייסט ווו עס ליגן דער מאַמעס מיידלשע סטאַניקלעך, זײַדענע זאָקנבענדלעך, שמעקנדיקע זייף, אַ לידיק פלעשעלע פון פאַרפום. זי האָט אויך ליב צו בלעטערן די אַלטע מאָדע־זשורנאַלן, קוקן אויף די אויסגעסטרויעטע פאַנעלעך מיט די אויסטערלישע פריזורן. זי שמעקט צו דער זייף, מעסט אָן די סטאַניקלעך, פול מיט פאַרבאָטענע סודות.

ווען עס הייבט אָן טונקלען פאַרמאַכט זי די שופלאָדן און שטעלט

זיך אָוועק בײַם פענצטער אָפּצוואַרטן דער מאַמען. אָפּט מאָל זענען די פענצטער געפרוירן און לאָזן אַפילו קיין שאָטן נישט דורך. טוליעט זי זיך צו צום אויוון, וואָס איז שוין אויך קאַלט און הייבט אָן צו ציילן ביז הונדערט. באַלד בײַם אָנהייב איינס זעט זי, פּונקט ווי איך איצט, די מאַמען אַרויסקומען פון חנה דער רויטערס געוועלבל. זי גייט פּאַמעלעך די מאַמע. זי קלייבט סטעזשקעס אין נאַסן שניי. דער צעראַטענער טאַש אין איר האַנט איז איבערגעפּולט מיט גוטע זאַכן. מיר נעמען זיך ניט קיין צײַט אויסצורעכענען די גוטע זאַכן. מיר ציילן ווײַטער, איך און זי, ביז מיר קומען צו צו דער צאָל פופציק, איז שוין די מאַמע בײַ דער גרויסער שול. דאָרט איז שוין דער טראָטואַר טרוקן. גייט זי אַ ביסל גיכער. מיר זעען געננוי ווי זי פאַרהייבט דאָס קלייד ווען זי גייט אַראָפּ די שטיגן פון דער שול. זי שפּרײַזט אַריבער דעם שטראָז צו דער נידריקער גאַס. זי גייט פאַרבײַ דעם שוואַרצן שנײַדערס כאַלופּע. דאָ שטעלט זיך אַ געפאַר, טאָמער חלילה דערזעט זי די שניידערקע, איז אונדזער ציילן נישט ווערט קיין אויסגעבלאָזן איי. ווען מיר קומען צו צו הונדערט און זי איז נאָך נישטאָ, הייבן מיר אָן אויפּסנײַ. אפשר האָבן מיר אין אײַלעניש עפּעס איבערגעהיפּערט. באין ברירה הייבן מיר ווידער אָן פון נומער איינס.

ווי נאָר זי קומט אַהיים ווערט אַלץ כי טוב! אין שטוב ווערט וואַרעם, ליכטיק, גן־עדנדיקע ריחות גייען אויף פון איר טאַש. מיר פאַרזוכן פון יעדן מין וואָס זי פּאַקט אויס: אַ טרוקענע פלוים, אַ לעק צוקער, אַ ראָזשינקע, אַ לעפעלע האָניק. מיר שמעקן צום הייוון, צום צימרינג, צום זאַפראַן און אַפילו צום פעפער. נאָך אַזוי פיל רײַכע איבערלעבונגען שלאָפן מיר אײַן איידער דער טאַטע קומט פון דער יאַטקע.

זיי קומען מיר נאָך אַלץ צו חלום יענע עקזאַלטירטע טעג און נעכט. איך זע דאָס מיידעלע ווי אין אַ וויזיע אײַנגעפּאַסט אין אַן אידיליע, אויסגעהאַפטן מיט תכלת־בלויע פעדעמלעך. האָט זי נישט געהאַט קיין ליאַלקע, האָט זי באַשאַפן אַ ליאַלקע מיט די פינגער אויף אַ פאַרנעפּלטער שויב. זומער יאָגט זי זיך נאָך פלאַטערלעך, זינגט מיטן ווינט. זײַענדיק אַ בת־יחידה, האַלט זי די מאַמע ווינטער אין שטוב. אַליין צווישן די ד׳ אַמות, באַשאַפט זי אַן אייגענע וועלט, מיט באַשטימטע פונקציעס

פאַר יעדן באַזונדערן טאָג — און לויט די כללים פון אײַנגעשטעלטן סדר פונקציאָנירט זי. פרייטיק איז אַ פולער טאָג. פאַראַן אַזוי פיל צו טאָן: פוצן די לײַכטערס, דאָס שטייסל, דעם חנוכה־לאָמפּ. זי עפנט אויף די טיר פאַר די אָרעמע־לייט, גיט אַכטונג די מילך זאָל ניט אויסלויפן. אונטער די פלאַמען פון אויוון באַקט זי אַ פלאָם־פלעצל. די קנישעס, די קיכעלעך און דער האָניק־לעקעך קומען ערשט שפּעטער.

נאָך ליכט־בענטשן ברענגט דער טאַטע אַן אורח אויף שבת. טייל אורחים עסן שווײַגנדיק. מסתּמא טראַכטן זיי פון זייערע פאַרשעמטע שבת־טישן ערגעץ ווײַט אין דער מדינה. אַנדערע דערציילן גרויליקע געשיכטעס, פּאָגראָמען פון וועלכע זיי האָבן זיך על פּי נס געראַטעוועט. זיי דערציילן אויך מעשׂיות פון גוטע ייִדן, פון נסים ונפלאות. בײַ מיר אין זכרון איז אײַנגעקריצט די מעשׂה וועגן אַ יונג ווײַבל וואָס איז געשטאָרבן אין קינפּעט. מען האָט די טויטע אַרײַנגעזעצט אין אַ הייסער וואַנע וואַסער. מ׳האָט איר באַפוילן אָפּצוגעבן דאָס נפֿשל וואָס נעסטיקט אין איר. אַ מנין ייִדן האָבן געזאָגט תהלים. ער, דער אורח, איז געווען איינער פון זיי. ווײַבער האָבן געקלאָגט. די הייבאַם האָט זיך געפּאָרעט אַרום דער טויטער: „דרינג דיך מת!" האָט זי איר באַפוילן. „גיב אָפּ דאָס קינד צום לעבן וועלן מיר דיך מקבר זײַן ווי ס׳קומט אַ כשרער ייִדישער טאָכטער".

דאָס בילד פון דער טויטער אין דער וואַנע וואַסער האָט אַפילו דעם שלאָף נישט איבערגעריסן. נאָר דער ריח פון שבת קודש האָט צוריק באַרויִקט דאָס געמיט. באַלד אין דער פרי איז געקומען מאַרינע הייצן די הרובע. זי ברענגט מיט זיך דעם ריח פון ראַזעווע ברויט, פון אַ טרונק בראָנפן און דעם גנאַי אויף אירע שטיוול. שפּעטער קומען די אָרעמע ווײַבער. שבת גיט מען נישט קיין געלט, נעמען זיי ברויט, חלה, אַ טעפּעלע הייסע קאַווע אויסצוטרינקען בחפזון שטייענדיק אויף איין פוס ביי דער טיר. מיר וואַרטן אויף אונדזער פּריווילעגירטער אָרעמ־מאַנעכע. זי איז נאָך גאָר אַ יונג מיידל. אירע עלטערן — אויף יענער וועלט, פאַרנעמט זי זיך מיט די יתומים וואָס זיי האָבן איר איבערגע־לאָזט. די מאַמע זאָגט, אַז זיי ווינען אָן באַהייצונג, אָן באַלײַכטונג. מיר לייגן אַרײַן אין איר קאָשיק אַחוץ דער חלה, אויך אַ שטיקל פליייש,

אַ ביסל מייערן־צימעס, מלבושים פון וועלכע מיר זענען אַרויסגעוואַקסן. דאָס מיידל נעמט אַלץ וואָס מ׳גיט איר. זאָגן, זאָגט זי מער ניט ווי „גוט שבת״ און „אַ גוטן שבת״.

נאָכן טשאָלנט און נאָכן קוגל ווערט שטיל אין הויז. דער טאַטע לייגט זיך צו אין אָנטועכץ אויף דער באַנק בײַ דער הרובע. פון האַלץ אין דער הרובע איז שוין קיין זכר ניטאָ, בלויז דאָס אַש טליִעט זיך נאָך אַ ביסל. צו דער מאַמען קומען געסט. זי נעמט זיי אויף מיט טיי און קיכלעך. זי זאָגט כסדר: „געניסט, געניסט!״ בשעת זיי שמועסן פון „דיזן און דאָזן״, שפּיגלט זיך די קליינע אין די מעשענע לײַכטערס. שבת בײַט זיך איר אויסזען. פון דער קליינער מיידעלע ווערט אַ פּאַר־פּוצטע פּריצטע, אַזאַ ווי אין די אילוסטרירטע זשורנאַלן וואָס ליגן באַהאַלטן אין דער מאַמעס שופלאַד. זי קליידט אָן איר אָפּ־בילד אין סאַמעט און אין זײַד. אויף אירע ברוינע לאָקן טוט זי אָן אַ ווײַסן שלייער. די לײַכטערס וואָס זי האָט אַזוי אייפעריק געפּוצט, שטיצן איר חלום ביז זון־פאַרגאַנג.

זונטיק איז אַ לײַדיקער טאָג. עס פילט זיך די שטילקייט פאַרן שטורעם. ניטאָ מער וואָס צו טאָן ווי אויסבאַרשטן דעם טאַטנס שבתדיקע בעקעשע און זי אַרײַנהענגען אין שאַפע. דער שטורעם קומט אויף די פליגל פון מאָנטיקדיקן יריד און נעמט אַלץ איבער. מיר צעטיילן זיך, איך און זי. איך לאָז דאָס מיידעלע אין איר היפּנאָטיזירטן מצב. איך געפין אַן אָפענע טיר בײַ מײַן מומע רחלע. זי און מײַן באָבע פירן אָן אַן איין־טאָגיקן רעסטאָראַן. זיי קאָכן יאַיכלעך פאַר די ירידניקס. יעדעס יאַיכל אין אַ באַזונדער טעפּעלע. אין יעדן טעפּעלע — אַ פערטל עוף פאַרבראָקט מיט פּעטרושקע, מיט קריפּ און נאָך מיט אַזעלכע גוטע זאַכן וואָס פאַרשמעקן ניט נאָר דאָס הויז, נאָר אויך דעם דרויסן ביז אין מיטן מאַרק אַרײַן. די אָפּנעמער פון די יאַיכלעך זענען ס׳רוב סוחרים פון די אַרומיקע שטעטלעך. ווען זיי האָבן אַ גוטן יריד, באַשטעלן זיי אַחוץ די יאַיכלעך, אַ פּאָרציע פאַרגליווערטע פיס, אויך אַ גלעזל בראָנפן, וואָס מײַן מומע רחלע דערלאַנגט בגנבה, וואָס מ׳פלעגט רופן, אונטערן טיש. די סוחרים זיצן אויסגעזעצט אַרום אַ לאַנגן שמאָלן טיש, אויף צוויי לאַנגע, שמאָלע בענק, אָנגעשפּאַרט אויף צוויי הויך פאַרבעטע בעטן.

איך געדענק נאָך די קרעפּקע ייִדן מיט די פּראָסט־באַדעקטע בערד. זיי סמאָטשקען די בײנער און כלעפּטשען די יויך. זיי פאַרגעסן אויך ניט אַ קניפּ צו טאָן מײַן מומע רחלען אין הינטן, בעת זי דערלאַנגט עפּעס צום טיש.

דער רעסטאָראַן אַרבעט בלויז אום ווינטער. זומער, ווען די פּויערים זענען פאַרנומען אין פעלד און די ירידים דרימלען אונטער, ווערט מײַן מומע רחלע אַ ווײַסע סוואַטשקע. אין אײנעם אַזאַ נישט אַהין און נישט אַהער יריד, האָט מײַן מומע חתונה געהאַט. דער חתן טאַקע אײנער פון די קרעפּקע סוחרים וואָס איז איבערן ווינטער געוואָרן אַן אַלמן. ער איז אַרײַנגעקומען און געטראָפן מײַן מומען זיצן בײַ דער מאַשין נייען פרעמדע אויסשטײַער. „פּאַק אײַן דאָס פּעקל, שוין די העכסטע צייט זאָלסט פאַרזוכן דעם טעם פון עץ החיים, האָט ער באַפעלעריש אַ זאָג געטאָן און דערבײַ ניט פאַרגעסן איר אַ קניפּ צו טאָן אין גראָבן פלייש אַרײַן. ער איז פאַרבליבן איבער נאַכט בײַ אַ קרוב אין שטעטל. מאָנטיק אָוונט, נאָכן יריד, האָט מען געשטעלט אַ חופּה, אײַנגעפּאַקט און אַוועקגעפאָרן. אויך די באָבע האָט אײַנגעפּאַקט איר פאַרמעגן און געקומען וווינען צו אונדז אַהיים.

מײַן באָבע איז געווען אַ קלײנטשיקע, אַ שטילינקע. זי האָט זיך אַרומגעדרייט אין שטוב שטיל ווי אַ הינדעלע. זי האָט אפילו „געדזשאָ־בעט" דאָרע שטיקלעך ברויט ווי אַן עוף. זי האָט די דאָרע רעפּטלעך ברויט געהאַלטן אין דער קעשענע פון איר באַרכענעם אונטערראָק. עס האָט איר גענומען זייער לאַנג צו צעקײַען אַ ביסן ברויט. ווען זי איז ניט געווען פליישיק האָט זי אײנגעטונקען דאָס ברויט אין וואַרעמער מילך.

זי האָט געקענט קאָכן און באַקן. בײַ אונדז אין הויז האָט זי בלויז געוואַשן דאָס געשיר. זי האָט ווייניק גערעדט, מיר קיין מעשה קיינמאָל ניט דערציילט. ערשט נאָך איר טויט בין איך געוויר געוואָרן, אַז זי איז געווען אײנע פון די אַריבערגעוואָרפענע קינדער איבער דער גרענעץ. אַ קײַלעכדיקע יתומה פון אַ יאָר צען, האָט מען זי חתונה געמאַכט מיט מײַן זיידן, דעמאָלט אַ בחור פון צוועלף יאָר, וועמען פּאַניע האָט זיך געקליבן צו מאַכן פאַר אַ סאָלדאַט. אַ פּויער האָט זיי געפונען וואַנדערן

אין פעלד, האָט ער זיי אַרויפגענומען אויף זײַן וואָגן און זיי אַרײַנגעפירט אין שטאָט אַרײַן אין סאַמע מאַנטיקדיקן יריד.

יידן בעלי רחמנים האָבן אָפּגעהאַלטן אַן אסיפה, זיך לאַנג געאַמפּערט וואָס מ׳זאָל מיט זיי טאָן, ביז איינער אַ רײַכער לעדער-סוחר, וואָס האָט געהאַט אַ גרויס הויזגעזינד און אַ קראַנק ווײַב, האָט דאָס פּאָרל אַרײַנגענומען צו זיך. ער האָט זיי אָפּגעגעבן אַ באַזונדער שטיבל. דער יונגערמאַן, אַ ווילקענער, האָט געלערנט מיט דעם לעדער-קרעמערס קינדער פון אלף-בית ביז גמרא. דאָס צען-יאָריקע ווײַבל האָט אַרויסגעהאָלפן דער באַלעבאָסטע אין דער ווירטשאַפט.

ווען דער זיידע איז אַלט געוואָרן אַכצן יאָר און די באָבע זעכצן, איז זי פאַרגאַנגען אין טראָגן. דעמאָלט איז שוין איר מאַן געווען אַ פאָלנער מלמד, געוווינט אין אַן אייגענער דירה. חשובע בעלי-בתים האָבן געשיקט זייערע קינדער צו אים אין חדר. אַזוי לאַנג ווי ער האָט געלעבט האָבן ווײַב און קינדער קיין הונגער ניט געליטן. ווי נאָר ער האָט פאַרמאַכט די אויגן איז די באָבע מיט אירע צוויי טעכטער געבליבן ווי אויפן וואַסער. מײַן מוטער, די עלטערע, האָט באַלד חתונה געהאַט. די באָבע מיט מײַן מומע רחלע האָבן באין ברירה פאַרביטן דעם חדר אויף אַן איין-טאָגיקן רעסטאָראַן.

מײַן באָבע איז איר גאַנץ לעבן פאַרבליבן אַ קינד: נאַיִוו, דערשראָקן, רק געזוכט אַ ווינקל זי זאָל זיך ניט וואַרפן אין די אויגן. זי האָט זיך קיינמאָל ניט געמישט אין מײַנע עלטערנס פריוואַטע סיכסוכים, אפילו דעם אייניקל קיין דעה ניט געזאָגט. פּונקט אַזוי שטיל און באַשיידן ווי זי האָט געלעבט, אַזוי איז זי אויך אויסגעגאַנגען. מ׳האָט אפילו ניט געוווּסט צי זי איז קראַנק. פאַרטאָג האָט זי מײַן טאַטע געהערט אַראָפּגיין פון בעט צו טאָן איר באַדערפעניש. זי האָט זיך געוואַשן די הענט, געזאָגט אשר יצר, צוריק אַרײַן אין בעט און איז געשטאָרבן.

נאָך דער באָבעס טויט האָב איך געירשנט איר באַרכענעם אונטער-ראָק, אַ פּאָר פאַרלאַטעטע העמדער, די אויסגעטראָגענע לאַטשן, מאָיל-צעפּרעסענע קליידער וואָס זי האָט קיינמאָל נישט געטראָגן. איך האָב די ירושה צוגעלייגט צום פּעקל שמאַטעס וואָס איך האָב געזאַמלט פאַרן שמאַטילניק.

אַלע קינדער פון אונדזער גאַס האָבן געוואָרט אויפן שמאַטילניק. ער פלעגט קומען איין מאָל אין יאָר, ערב פסח, פונקט צום טאָג ווען די קינדער זענען פריַי געוואָרן פון שול און פון חדר. זיַין האַנדל איז באַשטאַנען מיַינסטנס מיט קינדער. זיי האָבן געזאַמלט פאַר אים גאַנצע זעק מיט ביינער און שמאַטעס, צעבראָכענע שטיקער איַיזן, פאַרזשאַווערטע טעפּ. אין ביינער בין איך געווען אַ מיליאָנער. מיין טאַטע האָט מיט יעדן שטיקל פלייש וואָס ער האָט אַהיים געבראַכט צוגעלייגט אַ פּענכער פול מיט ביינער, קרוכלע ביינער, ביינער אויסגעטרוקנטע, אַלטע ביינער. ערב פסח האָט זיך דער פּאַק פאַרטאָפּלט, צו מאָל אויך פאַרדריַיפאַכט. דער שמאַטילניק האָט אויפגעהויבן דעם שווערן פּאַק, ניט געמאָסטן, ניט געוויגן. ער האָט צונויפגעצויגן זיַינע פאַרוואַקסענע ברעמען, אָפּגעזיפצט און אַריַינגעוואָרפן דעם פּאַק אין זיַין טיפן וואָגן.

ביַי אים איז אַלץ געווען אַן אַרטיקל. ער פלעגט באַלוינען זיַינע ליוועראַנטן מיט אַ הילצערנעם פערדל, אַ גומענעם באַלעם, אַ ליאַלקע, אַ מעשה־ביכל, אַ קניפּ אין באַק און צוגעווונטשן אַ פריילעכן פסח. די גאַס האָט פּשוט אויפגעלעבט יעדעס מאָל ווען דער שמאַטילניק איז פאַרפאָרן מיט פערד און וואָגן. דער גלאָק האָט געקלונגען, פאַרהאָרעוועטע וויַיבער זענען אים אַנטקעגן געלאָפן מיט צעריסענע קאָלדרעס, אַלטע קאָלאָשן, שיך וואָס לאָזן זיך מער נישט פאַררירכטן. פאַר דעם האָבן זיי געקראָגן אַ בלוי כוסהלע אויף פסח, אַ גלאָז מיט אַ גאָלדענעם ראַנד. די אוצרות האָט מען איינגעפּאַקט אין ציַיטונגס־פּאַפּיר און אַרויפגעטראָגן אויפן בוידעם פון איין פסח צום צווייטן.

די יונגע פסח־זון האָט ליב געהאַט זיך צו שפּילן מיט די פיל־פאַרביקע גלעזער וואָס מ׳האָט אויסגעשטעלט אויפן קאָמאָד לכבוד פסח. זי האָט זיך געשפּיגלט אין דער גרינער וואָזע, אין אליהו הנביאס רויטן בעכער, אין מיַין בלויען כוסהלע מיטן דעליקאַטן אויערל. זי האָט די קאָלירן צונויפגעגאָסן, זיי כעמיש פאַרוואַנדלט אין שימערירנדיקע שטע־רנס. די שטערנס האָבן זיך אויסגעשפּרייט און באַשפּרענקלט די פרישע געקאַלכטע ווענט, די ליימענע פאָדלאָגע, דעם וויַיס־פאַרשפּרייטן טיש מיט דער פסח־קערה אין דער מיטן.

ווען די זון האָט זיך פאַרנומען אין אַן אַנדער ריכטונג, האָב איך

צעשפרייט מײַנע דינע פינגער און זי אַרײַנגעלאָקט אין יענעם ווינקל ווו מײַן בעט איז געשטאַנען. די שטראַלן האָבן זיך געזיפּט דורך מײַנע פינגער ווי דורך אַ רעשעטע. זיי זענען געוואָרן דאָס מעל און דאָס ברויט פאַר מײַן שפּעטערן וואָגל־וועג. ווען איך האָב אויפגעהויבן די הענט אין דער הייך, האָבן די שטראַלן געגלענצט ווי גאָלדענער ראָזשינקע־ווײַן איבער מײַן קאָפּ. דער ווײַן האָט געזידן אין מיר. ניט געהערטע קלאַנגען האָבן אָפּגעענטפערט אין דער טיף. די זון האָט געשטעמפּלט די ניט־געשריבענע נאָטן. די ליריק האָב איך אַליין פאַרפאַסט: צוזאָג־ווערטער פאַר מאָרגן, פאַר שפּעטער, פאַר קומענדיקן פּסח ווען איך וועל ווידער זײַן אַ קינד.

די שפּיל פון ליכט און שאָטן איז בײַ מיר שוין אַ כראָניש. זי באַגלייט מיך אויף אַלע מײַנע וועגן און אומוועגן אויך. נאָך הײַנט כאַפּ איך זשמעניעס שטראַלן און לאָז זיי באַלײַכטן די שאָטנדיקע ווינק־לען. איך רעד זיך אײַן אַז איך בין נאָך אַלץ אַ קינד, נאַיוו און אומשולדיק ווי מײַן באָבע איז געווען. אויך איך מײַד אויס מענטשן און זיי, ווי זיי וואָלטן דערפילט די אויסטערלישקייט פון אַ טשודאַק, ווילן מיט מיר קיין מגע־משא נישט האָבן.

איך קלײַב נאָך אַלץ ביינער, ניט פון מײַן טאַטנס כשרער יאַטקע, נאָר די וואָס זענען שטעקן געבליבן אין מײַן זכרון. איך וואַרט עס זאָל קומען דער שמאַטילניק, ער זאָל אַראָפּנעמען דעם שווערן פּאַק פון מײַן געבויגענער פּלייצע און אים אַרײַנוואַרפן אין זײַן טיפן וואָגן. ער זאָל לויט זײַן שטייגער מיר אַ קניפּ טון אין בעקל און מיך באַגליקן מיט אַ כוסהלע, הימליש בלוי, באַטופּט מיט ווײַסע בלימעלעך. ווען די צײַט וועט קומען, זאָל דער לאַנג דערוואַרטער נביא אַרויס פון פאַרבאָרגעניש, און ענטפערן אויף מײַן ברכה אַ הויכן אָמן...

די צווילינג־שוועסטער

יעדן פרילינג טרעפן זיי זיך די צווילינג־שוועסטער, זיי טרעפן זיך אין דעם קליינעם איטאַליענישן קוראָרט אַבאַנאָ, וואָס נעסטיקט צופיסנס די אַפּעניגען־בערג. די שוועסטערן קומען זיך צונויף פון צוויי אַנטקעגנגע־זעצטע פּאָלוסן — איינע פון לאָנדאָן, די צווייטע פון בערלין.

געוויינלעך קומט די פון לאָנדאָן פריִער. זי ברענגט פאַר איר שוועס־טער די נאַשערייַען וואָס זענען אין בערלין ניט בנימצא. זי ברענגט כשרן וורשט, געזאַלצענע פּרעצלס, שמאַלץ־הערינג אַזש פון וויַטשעפּל. זי ברענגט אויך מיט היימיש געבאַקענע ציבעלע־פּלעצלעך, ווי מ׳פּלעגט מאַכן אין פּוילן.

די בערלינער שוועסטער האָט ניט ליב קיין זיסע מאכלים. זי זאָגט, אַז זיס איז זי אַליין. און דאָס איז טאַקע אמת אויך. מענטשן קלעפּן זיך צו איר ווי בינען צו האָניק. איצט איז דער האָניק שוין אַ ביסל פאַרלעגן, אָבער זי ציט נאָך אַלץ דעם אויפמערק. דער בלוי אין אירע אויגן, דער גאָלד אין אירע האָר, וואָס איז אַזוי פיל בייַגעשטאַנען אין צייַט פון דער היטלער־מגיפה, גילט נאָך אַלץ. ווען זי קומט, ברענגט זי מיט זיך גאָרנישט. זי האַנדלט אײַן אירע פּרעזענטן אין איטאַליע גופא. זי ווייסט, אַז איר שוועסטער רירט ניט אָן קיין זאַך וואָס טראָגט דעם דייַטשן שטעמפּל. דעם סיכסוך האָבן זיי שוין לאַנג אויסגעגליכן. זיי האָבן איבער־געבערענט די פּאַראַיבלען, אַוועקגעוואַשן דעם פאַרדרוס און געלאָזט דעם צווילינג־בונד אומבאַשעדיקט.

שוין שיינע עטלעכע יאָר ווי די טרעפונג גייט אָן. נאָך דעם ווי זיי וויינען זיך אויס, לאַכן זיך אויס, מעסטן אָפּ איינע די צווייטע מיט די אויגן, מיט די הענט, מיטן האַרץ און מיט דער נשמה, גיט מען אַזוי זייַטיק אַ פרעג: „און די משפּחה וואָס מאַכט?" די פראַגע קומט מען אָפּ מיט אַ טרוקענעם „שיינעם דאַנק". באַלד דאַרויף גייט מען איבער צו די נייַעס פון האָטעל, וועלכע געסט זענען צוריקגעקומען, ווער עס

איז אַריבער אין אַן אַנדערן האָטעל. די וואָס איז געקומען פריִער גיט אויך איבער אַז די פאַריעריקע מאַסאַזשיסטקע האָט חתונה געהאַט. איר שטעלפאַרטרעטערין האָט פינגער ווי צוואַנגען. די בלאָטע-לייגערין איז אַן אמתע קאָמענדיאַנטקע. זי האַלט אין איין רעדן. צי מ׳פאַרשטייט, אָדער מ׳פאַרשטייט נישט, גייט זי נישט אָן. זי גיט אַ טראַסק אַרויף די בלאָטע, אַ פּאַטש אין הינטן — „פיניטאַ לאַ קאָמעדיאַ" און זי איז שוין ניטאָ.

בעת די לאַנדאַנער שוועסטער וואַרט איז זי דערוויַיל בודק די בעטן. זי גלעט אויס דאָס קישעלע ווו איר שוועסטער דאַרף שלאָפן. זי לייגט אַריין דאָס עסנוואַרג אין פרירקאַסטן. די אַנדערע מתנות לייגט זי אויס אויפן בעט. אויפן טישל בײַם פענצטער שטעלט זי אַוועק אַ פּאָר פרישע בלומען, אַ בוך וואָס זי האַלט אין לייענען, דערנאָך זעצט זי זיך אַוועק וואַרטן.

דאָס וואַרטן איז בײַ דער לאַנדאַנער אַ באַזונדער פאַרגעניגן. זי דאַרף נישט קיינעם אָפּגעבן קיין חשבון וואָס זי טוט מיט איר צײַט. זי קאָן זיצן מיט די אויגן אָפענע, אָדער פאַרמאַכטע. זי קאָן טראַכטן פון אַלץ אָדער פון גאָרניט און ניט פילן אַז זי פאַרשווענדט די צײַט. זיצט זי און קוקט ווי די שקיעה שפּילט אויס אירע לעצטע שטראַלן אויפן נאַקעטן באַרג. אַ פאַרנאַכטיקער אומעט שאַרט זיך פון באַרג אַרונטער צום שווים-באַסיין, וואָס איז איצט אין גאַנצן ליידיק. מענטשן עסן שוין אָוונט-ברויט. איר איז ליב דאָ צו זיצן, קוקן ווי ליכט און שאָטן ראַנגלען זיך און ווערן צו נישט. אַן אומגעזעענער פויגל ציקלט אויס אַן אָוונט-סערענאַדע. זי טראַכט, אַז אין איר לעצטן בריוו וואָס איר שוועסטער האָט געשריבן, האָט זי אָנגעדײַט אַז זי וועט אפשר קומען מיט אַ פרײַנד. זי האָט נישט געשריבן צי מיינט זי אַ פרוי אָדער אַ מאַן.

לעצטנס זענען אירע בריוו מער רעטעניש ווי אינפאָרמאַציע. זי פילט אַז מיט יעדן יאָר ווערט דער מהלך ווײַטער, דער קלימאַט קילער. אַ מאָל איז די קאָרעספּאָנדענץ געווען אַ ספּאָנטאַנע. האָט זיך איינע פון זיי געלאָזט מאַכן אַ מאַנטל, האָט זי אין בריוו אויסגעברייטעט די לענג און ברייט, צוגעלייגט אַ שטיקל שטאָף, זאָל די שוועסטער זען מיט די אייגענע אויגן, אָנטאָפּן מיט די אייגענע הענט. האָט מען זיך געגרייט איבער-

דעקאָרירן די וווינונג, האָט מען אָנגעפיקעוועט די קאָנווערטן מיט מוס־טערן פון פּאַפּיר און געוואָרט אַז די אַנדערע זאָל באַשטעטיקן וואָס די ערשטע האָט אויסגעקליבן. היינט זענען די בריוו קורץ. זיי זאָגן ווייניק און פאַרשטעלן אַ סך, דער עיקר די בריוו וואָס קומען פון בערלין. די קילקייט וואָס ווייעט פון יענער זייט, מאַכט די לאַנדאַנער שוועסטער טרויעריק. זי פילט, אַז די פעדעם רייסן זיך, נאָר דעם קנופּ וואָס האָט זיי פאַרצווילינגט, קאָן קיין שום כוח אין דער וועלט נישט איבעררייסן.

אין צימער טונקלט. אַ נאָגנדיקע בענקשאַפט קריכט אַרויס פון די ווינקלען, זונדערט זי אָפּ פון דער איצטיקייט. זי איז אַלע מאָל געווען די עלטערע שוועסטער, מיט אַ גאַנצער שעה עלטער פאַר דער בערלינער. וואָס אַזוינס האָט פאַסירט אין דער וויטערער צירי־לידה שעה, וואָס האָט זיי געמאַכט אַזוי גורלדיק אַנדערש? די אומגעריכטע פראַגע וואָס איז אַזוי פּלוצים אויפגעשווומען, בויערט לעכער אין איר מוח. איז עס מעגלעך אַז די איינציקע שעה האָט געשפּילט אַזאַ דעצידירנדיקע ראָלע? האָט דעם טאָטנס כאַראַקטער גענומען אין דער לעצטער שעה די אויבערהאַנט און פאַראורזאַכט אַ וויבערישע ווערסיע אויפן אַמאָליקן ויתרוצצו?

ניין, דאָס איז אַן אַבסורד. אין דער לעצטער שעה איז דער עמבריאָן אַ פאַרטיקער מענטש. אַלץ וואָס די לעצטע שעה קאָן טאָן — איז פאַר־לענגערן דער קימפּעטאָרינס יסורים.

די היטלער־מגפה האָט בלי ספק זי אַריינגעפירט אין דעם זומפּ אין וועלכן זי איז געבליבן שטעקן. אָבער שוין פריער, אַ סך יאָרן פריער, האָט שוין איר יינגערע שוועסטער פאַרמאָגט אַלע אַטריבוטן זיך דורכ־צושטופּן דורכן אויער פון אַ נאָדל און אַרויסקומען גאַנץ. גאַנץ? פרעגט זי זיך. ווי אַזוי קאָן מען אַרויסקומען פון אַ פייער וואָס האָט געברענט גאַנצע 4 יאָר און בלייבן אומבאַשעדיקט?

אמת, נאָך אַלס קינד איז זי, טייבעלע, געווען די נאָכשלעפּערין, ווייל ראָזעס פריינדשאַפט האָבן אַלע געזוכט. אויב ס'האָבן אַ מאָל עקזיס־טירט כּישוף־מאַכערינס, איז ראָזע מסתמא די לעצטע פון דעם מין. זי האָט געקאָנט וואַרפן דעם באַלעם אין קעגנערס פעלד און אַרויסקומען אַ זיגער. פריער די קינדער, שפּעטער די לערערס. אַלע זענען געפאַלן פאַר איר צויבער. זי, טייבעלע האָט געהאָרעוועט איבער דער היים־אַרבעט.

ראָזע האָט איבערגעשריבן און אויסגענומען. אַפילו אין לאַגער האָט זי געפונען וועגן ווי אַזוי אַריינצושמוגלען אַ שטיקל ברויט. אָפט מאָל האָט אַזאַ פּענעץ ברויט דעצידירט צווישן טויט און לעבן.

אין לאַגער האָט קיינער נישט געפרעגט ווי אַזוי, אָדער פון וואַנען ? אַלע וועגן זענען געווען כּשר אויפצוהאַלטן דאָס חיות פון אַ העפטלינג. זוכן סטעזשקעס אין טיפע בלאָטעס איז געוואָרן ראָזעס צווייטע נאַטור. נאָך דער באַפרייונג, ווען די שארית הפליטה האָבן זיך צונויפגעפאָרט, אָבל מיט אָבל. איינער אויפן צווייטן האָט זיך אָנגעשפּאַרט ווי אַ פעסטונג קעגן דער פיינטלעכער וועלט, דעמאָלט האָט זיך ראָזע איינגעשפּאַרט, אַז זי פאָרט קיין דייטשלאַנד.

„וואָס עפּעס דייטשלאַנד ? פון אַלע לענדער איבער דער וועלט האָסטו דווקא אויסגעקליבן דייטשלאַנד ?"

„איך האָב אַ סיבה".

„וואָס איז די סיבה ?"

„דאָס איז פּערזענלעך".

„אַזוי גאָר ?"

„יאָ".

טייבעלע געדענקט דאָס פּיינלעכע שווייגן וואָס האָט זיך נאָך דער קאָנווערסאַציע איינגעשטעלט. זי האָט לאַנג געטראַכט און איבערגעטראַכט. „ווייסטו וואָס — האָט זי ענדלעך געזאָגט — „דו לאָז אָפּ דייטשלאַנד און איך וועל אָפּלאָזן דעם שידוך. איך ווייס אַז דיר געפעלט נישט מיין אָפּקלייב. מיר וועלן ביידע פאָרן קיין ישראל. מיר וועלן אַרבעטן אין אַ קיבוץ, אַזוי ווי מיר האָבן אַ מאָל געחלומט".

„דו קאָנסט אָפּלאָזן דעם שידוך. קאָנסט פאָרן קיין ישראל, נאָר נישט מיט מיר. איך פאָר קיין דייטשלאַנד".

ראָזע האָט קיין סוד נישט געמאַכט פון איר ווידערווילן צום שידוך. „מיר זענען טאָקע צווילינג־שוועסטער, האָט זי געזאָגט, אָבער לעבן מיר אויף צוויי באַזונדערע פּלאַנעטן. דו האָסט אויסגעקליבן אַ חתן פון אַן אַנדער יאָרהונדערט. ער האַלט די אויגן אַרויף צום הימל. ער זעט נישט דעם היינט. ער קלאָגט נאָך אַלץ אויפן חורבן בית־המקדש. ער קלאַפּט זיך על־חטא און גלייבט אַז מיטן קלאַפּ אין האַרצן זענען זיינע

התחייבותן געענדיקט. איך וואָלט וועלן וויסן פאַר וועמענס זינד ער קלאַפּט זיך על־חטא, פאַר דעם מערדערס, אָדער פאַר דעם דערמאָרדעטן?"

„פאַר דײַנע!" וויל איר טײַבעלע ענטפערן, באַר זאָגן זאָגט זי גאָר־נישט. זי וואָלט איר געוואָלט זאָגן, אַז אויך זי פילט זיך צו קלאַפּן אין האַרצן, רײַניקן איר געוויסן פאַר שלינגען אַזוי גיריק אַ ביסל זופּ פון אַ שקאַרמיצל, פאַר קוויקן זיך מיט אַ זעלטענעם איי, מיט אַ געבראָטענער קאַרטאָפל — און ניט געוואַגט צו פרעגן איר שוועסטער וועלכער „קוכאַזש" האָט אויסגעגאָסן זײַן „פּשאַ־יוכאַ" אויף איר ווײַסן לײַב. אין לאַגער האָבן עבירות נישט עקזיסטירט. יעדע זינד וואָס האָט מחיה־מתים געווען אַ נפש, האָט געהאַט איר אייגענע באַרעכטיקונג.

ביידע שוועסטערס זענען אָנגעגאַנגען פאַר פּאַליאַטשקעס. יאַדזשאַ, ווי ראָזאַ האָט דאָרט געהייסן, האָט געאַרבעט אין קיך. די פּוילישע העפטלינ־גען, לויטן פּוילישן שטייגער, האָבן אָנגעהאַלטן זייער פאַרביסענעם האַס, ווי אַ מחיצה קעגן די זשידעס. יאַדזשאַן האָבן זיי לויט איר שפּראַך און אויסזען אַרײַנגענומען אין זייער קרײַז אָן שום ווײַטערער אויספאָרשונג. זי, „בראָניען" האָט מען ווי נישט געזען. איצט זוכט טײַבעלע אַ רויִק לעבן. זי וויל פאַרגעסן אין דעם וואָס געווען. זי וויל ווערן אַ נאָרמאַלער מענטש, אויב דאָס איז מעגלעך. אין דער אַזוי גערופענער פרײַער וועלט פרעגן מענטשן אָפּ די סאַמע ראַדנע עקזיסטענץ פון לעבן, פון גלויבן, פון פרײַען ווילן, פון גאָט אַליין.

זיצט זי אַזוי די לאַנדאַנער שוועסטער און טראַכט. זי טראַכט אַהין און צוריק. זי טראַכט, אַז פון אַלע פּײַניקונגען, יסורים און עינויים, דערנידערונגען, אַנטמענטשונגען, האָבן אויף איר שוועסטער אַזוי שטאַרק נישט געווירקט, ווי ווען דער טאַטע האָט גערייניקט אָן אָפּטריט מיט די הוילע הענט. אָנגעהויבן האָט זיך עס ווי אַ וויסטער וויץ. ס'איז געשען באַלד די ערשטע וואָך פון דער דײַטשער אינוואַזיע. דער טאַקע איז געגאַנ־גען דאַווענען מינחה־מעריב, ווען צוויי ברוינע מונדירן מיט שוואַרצע האַקנקרייצן אויף די אָרעמס, האָבן אים פאַרהאַלטן. זיי האָבן אים צוגעפירט צו אַן אָפענעם גרוב, וואָס מענטשן האָבן געניצט פאַר זייערע פיזישע באַדערפענישן.

„וואָס איז דאָס?" האָבן זיי אים געפרעגט.

„דאָס איז מענטשלעכער אָפּפאַל". האָט דער טאַטע געענטפערט.

„דאָס איז שייַסע, יודע, יודישע שייַסע. זאָג שייַסע!" האָבן זיי באַפוילן.

דער טאַטע האָט נאָכגעזאָגט.

„איצט רייניק עס אָפּ, דו שמוציקער יודע".

„איך האָב נישט מיט וואָס, הער קאָמאַנדאַנט".

„וואָס הייסט מיט וואָס? האָסט צוויי הענט, רייניק!"

דער טאַטע האָט פּראָטעסטירט: „אַזאַ שמוץ דאַרף מען מיט נאַפט באַגיסן און דערנאָך מיט ערד פאַרשיטן".

„איך זאָג, רייניק!"

דער טאַטע רירט זיך נישט פון אָרט. „איר מיינט עס ניט, הער קאָמאַנדאַנט. דאָס איז דאָך קעגן מענטשלעכן אייַנשטעל. דערלויבט מיר צו ברענגען אַ לאָפּעטע און אפשר עמעצן מיר צו העלפן אין דער אַרבעט".

„איך האָב געזאָגט, מיט די הוילע הענט. פאַרשטייסט דו מיך יודע, מיט די הוילע הענט!"

דער טאַטע מאַכט נישט קיין באַוועגונג.

„דו וואַגסט זיך קעגנשטעלן אַ דייַטשן אָפיציר?"

„איך שטעל זיך נישט אַנטקעגן. איך פאַרלאַנג בלויז מענטשלעכן אייַנזען".

„נוּ גוט, דו וועסט האָבן אייַנזען". ער האָט עפּעס אַ זאָג געטאָן צו זייַן אַדיוטאַנט. יענער איז אַרייַן אין שיל און באַלד צוריקגעקומען מיט צען יידן. „זעסט די צען צעשראָקענע הערינג־קעפּ, איך גיב דיר זעכציק סעקונדן, קוים טוסטו נישט ווי איך האָב דיר באַפוילן, ליגן זיי באַלד טויט, און דו שטרויענער העלד וועסט זיי באַגראָבן, און מיט דער שייַסע זיי צודעקן.

דער טאַטע, בדרך הטבע אַ גרויסער מפונק, האָט זיך אַראָפּגעבויגן צום עיפּוש. ניט אויס שרעק פאַר זייַן לעבן, נאָר די לעבנס פון צען יידן האָט ער נישט געוואָלט אייַנשטעלן אין קאָן.

דער פאַל מיטן טאַטן האָט געלאָזט אַ ריס אין ראָזעס נשמה. זי איז געווען דעם טאַטנס טאָכטער, דאָס עפּעלע אין זייַן אויג. זי, טייַבעלע,

האָט זיך מער געטוליעט צו דער מאַמען. דער ריס אין ראָזעס זעכצן־יעריקער נשמה האָט זיך נישט געלאָזט היילן. זי איז געוואָרן סטאַיש סײַ צום לעבן, סײַ צום טויט. די שפּעטערדיקע הריגות, נגישות, דערנידערונ־גען, האָבן זי שוין אַזוי שטאַרק נישט גערירט. טראַכטנדיק פון יענעם ווײַטן אינצידענט, האָט טײַבעלע פאַרשטאַנען פאַרוואָס איר שוועסטער האָט גע־מוזט גיין קיין דײַטשלאַנד. זי איז געגאַנגען אויסברענען איר ווונד מיט דערנידערונג, כנגד דערנידערונג.

מענטשן וואָס זענען געקומען פון בערלין האָבן געבראַכט אומגע־בעטענע גרוסן: ראָזאַ לעבט מיט אַן אונטערוועלט־יונג. זיי פירן אַ האַנדל מיט גנבישער סחורה. שוין מער ווי איין מאָל געווען אַנגעקלאָגט אין געריכט. אַנדערע האָבן דערציילט, אַז די זאַכן מיט וועלכע זי האַנדלט זענען אויסשליסלעך צוגערויבט יידיש פאַרמעגן וואָס דײַטשן האָבן איבער־געשיקט צו זיך אַהיים. זי פאַרבינדט זיך מיט די דינסטן וואָס אַרבעטן אין זייערע היימען, דערנאָך צווינגען זיי די בעלי־בתים אָפּצוגעבן די צוגערויבטע חפצים די שיין אויסגראַווירטע בשמים־ביקסלעך, די חנוכה־לאָמפּן, די לײַכטער, די ספרים, די קרוינען פון ספר־תורות. טײַבעלע האָט קיין קשיות נישט געפרעגט. פאַר איר איז גענוג געווען אַ ביט ווילנדיק וואָרט, וואָס רײַסט זיך אַ מאָל דורך דער קאָנטראָלע, און הייבט אָן זוכן אַ פאַרענטפערונג וואָס פּלאָנטערט זיך ווי די פיס פון אַ שיכור אויפן וועג אַהיים.

טײַבעלעס מאַן האַלט אַז ראָזאַ איז טומאה, מ׳טאָר זי אין אַ יידיש הויז ניט אַרײַנלאָזן. ער וויל נישט זען איר שאָטן אונטער זײַן דאַך. ער וויל נישט אָטעמען די לופט אין איין הויז מיט איר. ער וויל נישט זי זאָל אָנרירן זײַנע קינדער. זי איז אַ מכשפה, און די תורה זאָגט: מכשפה לא תחיה. טײַבעלע באַטראַכט איר שוועסטער ווי אַ למד־וואָווניק אין ווײַבלעכער געשטאַלט. זי שטעלט אײַן איר לעבן פאַרן כבוד פון איר טויטן טאַטן, און אפשר אויך פאַר איר אויסגעהרגעט פאָלק. זי האָט עס געטאָן אין געפאַנגענשאַפט און טוט עס איצט אויף דער פרײַ. דער טאַטע האָט מקריב געווען זײַן מענטשלעכע ווערדע, כדי צו ראַטעווען צען יידישע לעבנס. ער האָט שפּעטער געזאָגט, אַז ער וואָלט ליבערשט געווען

אָנגעגנומען צען מאָל חיבוט הקבר איידער אויסצופירן דעם ווילדן באָפעל.

אויך דאָ ביים פענצטער, אייגעהילט אין שלוההדיקער רו, קומען טרערן אין אירע אויגן. זי דערמאָנט זיך אין די קינדער־יאָרן, בייגט זי זיך אַראָפּ צו די צוויי קליינע מיידעלעך, וואָס לויפן באָרוועסע אַרום אין דרויסן. זי קושט די ערד אויף וועלכער זיי האָבן געטראָטן. זי קושט דעם הימל, די גרינע סאָסנע־ביימער, דעם בלויען דעמער, די אומשולדיקע נאַטור. זי דערמאָנט זיך אויך אין די לאַנגע ווינטער־נעכט. דער דרויסן שוואַרץ, אין שטוב איז ליכטיק. אין אָפענעם קאַמין ברענט אַ פייער. די מאַמע קאָכט וואַרעניקעס. דער טאַטע קוקט אַרײַן אין אַ ספר. זיי, די מיידעלעך פאָרען זיך ביים לאָקשנברעט. ס'איז חנוכּה. געסט קומען, זיי ברענגען מתּנות. דער טיש איז געדעקט. דער בליצלאָמפּ שלינגט די שאָטנס אײַן. מען עסט. מען לאַכט. אויך זי עסט. זי בײַסט אײַן דעם ערשטן וואַרעניק. פעדערן פליִען פאַר די אויגן. די ציין בלײַבן שטעקן אין אַ געמיש פון קלײַען, פעפער און זאַלץ. אַלע לאַכן. ווער עס בײַסט אײַן דעם געפעלשטן וואַרעניק — איז דער נאַר פונעם אָוונט.

אַ גאַנצע נאַכט האָט זי דערמאָלט געוויינט. עס האָט זי פאַרדראָסן פאַרוואָס עס האָט געטראָפן זי, און ניט ראָזען. איצט בייגט זי זיך מיט ליבשאַפט איבער יענער סצענע. זי פּרוּווט אַרײַנדרינגען אויף איין רגע כאָטש אין דער פאַסטאָראַלער גליקזעליקייט פון יענער קיינמאָל מער ווינטער־נאַכט.

איצט, טראַכט טײַבעלע, וואָלט זי וועלן טיילן די דערמאָנונג מיט איר שוועסטער. אפשר וואָלטן ביידע געלאַכט. נאָר ווײַל ראָזע איז נאָך אַלץ נישטאָ, דרייט זי אָן די טעלעוויזיע. דער פלאַטקע־מאַכער, וואָס אינפאָרמירט זײַנע צוהערער מיט אַלע אויסטערלישע געשעענישן, האָט צוגעזאָגט צו ווײַזן עפּעס אַזוינס וואָס האָט נאָך פריִער קיינמאָל נישט פּאַסירט. אַ הויכער אָנגעשטעלטער אין דײַטשן פאַלקסראַט האָט גערייניקט מענטשלעכע צוואה מיט די נאַקעטע הענט. ס'הייסט, אַז ער איז שאַנטאַ־זשירט געוואָרן פון אַ יידישער פרוי מיטן נאָמען ראָזאַ קאַרנאָווסקי. עפּעס האָט זי וועגן אים געוווּסט, וואָס אַנדערע דאַרפן וועגן דעם נישט וויסן. צוגעשטופּט צו דער וואַנט, האָט ער באַין ברירה איר פאַרלאַנג

אויסגעפירט. ער האָט שפּעטער דערקלערט אַז ער איז געווען אונטערן איינפלוס פון קאָקאַין און נישט באַנומען וואָס ער טוט.

די פרוי קאַרנאַווסקי, וואָס פירט אָן מיט דער קנייפּע „צום רויטן מלאך", האָט דערקלערט, אַז פאַר דער עפנטלעכקייט האָט זי גאָרנישט וואָס צו דערקלערן. דאָס איז אַ פּערזענלעכער ענין.

אַ לידל פֿאַר אַ ייִדישער נשמה

איך קום אָפֿט אַרײַן אין טעמפּל בית שלום. אַלס מיטגליד פֿון דער הדסה, העלף איך דאָרט צוגרייטן אַ „לאַנטשן". מיטגלידער פֿון קרובֿישע אָרגאַניזאַציעס האָבן דאָרט אַ פּרײַען פּלאַץ אָפּצוהאַלטן זייערע מיטינגען. אין אונטערשטן טייל פֿון טעמפּל איז פֿאַראַן אַ קיך מיט אַלע באַקוועמ־לעכקייטן, ווו מ'קאָן צוגרייטן כּיבוד, אויפֿקאָכן קאַווע.

איינמאָל ווען איך בין געווען פֿאַרנומען מיט גרייטן די טישן, זענען אַרײַנגעקומען דרײַ יונגע לײַט. זיי זענען שטיין געבליבן בײַ דער טיר און געקוקט מיט פֿאַרלעגנהייט, ווי זיי וואָלטן זיך געוווּנדערט צי דאָס איז טאַקע דער פּלאַץ וואָס זיי זוכן?

„קאָן איך אײַך מיט עפּעס העלפֿן?" האָב איך זיי געפֿרעגט.

„איך האָף אַזוי". האָט איינער פֿון די יונגע לײַט געענטפֿערט.

איך האָב באַמערקט, אַז אַלע דרײַ טראָגן לעדערנע זשעקעטן, געפּאַסטע הויזן, מיט קינסטלעך אָפּגעבלאַקירטע פֿלעקן. אַלע דרײַ האָבן געהאַט לאַנגע האָר, צוויי ברונעטע און איינער אַ בלאָנדער. דער בלאָנדער האָט געהאַלטן אַ פֿײַנעם לעדערנעם טאַש אונטער אָרעם.

דעם אמת געזאָגט האָב איך זיך אַ ביסל דערשראָקן. ווער ווייסט וואָס ער טראָגט אין לעדערנעם טאַש?

דער עלטסטער פֿון די דרײַ האָט זיך אַ שאַר געטון פֿאָרויס. „ער האָט הײַנט יאָרצײַט", האָט ער אָנגעוויזן אויף דעם בלאָנדן יונגן מאַן, דער בלאָנדער יונגער מאַן האָט זיך אַ ביסל פֿאַררויטלט, אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און זיך פֿאַרקוקט אויף די שיך.

„טאָ וואָס זשע קאָן איך טאָן פֿאַר אײַך?" האָב איך געפֿרעגט שוין אינגאַנצן מיט מײַן נאַטירלעכן קול.

„מיר ווילן זען דעם ראַבײַ, זײַן ווײַב איז געווען אַ ייִדישע. איר פֿאַרשטייט וואָס איך מיין?"

איך האָב באַטראַכט דעם בלאָנדן יונגן מאַן. אין מײַנע אויגן האָט ער אַפילו קיין צוואַנציק יאָר ניט אויסגעזען.

„ווי לאַנג איז אײַער פרוי טויט ?" האָב איך געפרעגט.

„הײַנט אַ יאָר". האָט דער עלטצטער פאַר אים געענטפערט.

איך האָב זיי אָנגעוויזן אויפן רבינס אָפיס, זיי האָבן זיך דאָרט פאַר־זאַמט אַ לענגערע צײַט. ווען זיי זענען אַרויסגעקומען, האָט זיי דער רבי באַגלייט ביז צו דער טיר. ער האָט זיי געבעטן צוריקצוקומען אַרום זעקס אַ זייגער אין אָוונט. ער וועט שוין באַזאָרגן אַ מאַן וואָס וועט זאָגן קדיש און אויך אָנצינדן אַ ליכטל פאַר דער נשמה.

זעקס אַ זייגער אין אָוונט בין איך אויך אַרײַן אין טעמפּל. פאָרט ניט קיין געוויינלעכער ענין, האָב איך געטראַכט, אַפילו בײַ הײַנטיקע צײַטן.

ווען איך בין געקומען זענען שוין אַלע דרײַ יונגע לײַט געזעסן אין דער ערשטער ריי, פונקט קעגנאיבער דעם באַלעמער. אַלע דרײַ האָבן געהאַלטן אָפענע סידורים. זיי האָבן זיך אויפגעשטעלט, ווען די מתפללים האָבן זיך אויפגעשטעלט. ווען אַלע האָבן זיך צוריקגעזעצט, האָבן זיי זיך אויך צוריקגעזעצט.

איך האָב ניט געקאָנט זען צי זיי קוקן אַרײַן אין די סידורים. איך האָב בלויז געזען זייערע רוקנס, די יאַרמולקעס אויף זייערע לאַנגע האָר. איך האָב באַמערקט, אַז זיי האָבן זיך קיין איין מאָל ניט אומגעקוקט, ניט אין דער רעכטער זײַט און ניט אין דער לינקער זײַט. זיי האָבן מן הסתם געפילט די נײַגיריקע אויגן, וואָס האָבן אויף זיי געצילט פון אַלע זײַטן. זיי האָבן קיין סימן פון אויפמערק ניט געגעבן. מיט קיין אבר ניט גערירט, ווי זיי וואָלטן זיך באמת ניט מבטל צו זײַן די מיסטישע איבערלעבונג.

נאָכדעם ווי דער עלטערער ייִד האָט אָפּגעזאָגט קדיש, האָט דער בלאָנ־דער יונגער מאַן זיך אויפגשטעלט, אין די הענט האָט ער געהאַלטן אַ גיטאַרע. ער האָט אַ ציפּ געטון די סטרונעס. זײַנע חברים פון ביידע זײַטן זענען פאַר אַ ווײַלע געשטאַנען שטיל און באַלד דאַרויף אָנגעהויבן זינגען דאָס פּאָפּולערע לידל פון דעם מיידל וואָס האָט זיך ניט געקאָנט צופּאַסן צום לעבן און אויסגעקליבן אַ פרײַען טויט.

דער עולם איז געבליבן זיצן ווי געפּלעפט. מ'האָט די יונגע לײַט

געלאָזט אויסזינגען דאָס לידל. זיי האָבן געזונגען מיט געדעמפטע שטימען. די מתיקות פון זייער געזאַנג האָט ווינטלדיק געצערטלט און מיט ציטער זיך צעגאָסן איבערן לייב.

אַזוי גיך זיי האָבן פאַרענדיקט דעם קאָנצערט, זענען זיי אַוועק אָן אַ זײַ געזונט. אויף דער באַנק וווּ זיי זענען געזעסן, האָבן זיי איבערגע־לאָזט אַ פּעקל פלאַטעס פאַר די אָנוועזנדע אין טעמפּל. אויך איך האָב געקריגן אַ פלאַטע. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זיי זענען געווען די אָרגינעלע מחברים פון דעם ליד וואָס האָט זיך פאַרקויפט אין די מיליאָנען.

אין דער היים האָב איך געלאָזט גיין די פלאַטע. איך האָב זיך אײַנ־געהערט אין די ווערטער און נאָך אַ מאָל און ווידער אַ מאָל איבערגע־לעבט די טראַגעדיע פון דעם יידישן מיידל וואָס האָט זיך פאַרליבט אין דעם זיסן געזאַנג וואָס איז געפלאָסן פון די הייסע ליפּן פון דעם בלאָנדן יונגן מאַן. ער, אָפּהענגיק פון כעמישער דערהויבונג. זי, אָפּהענגיק פון זײַן ליבע. און אפשר האָט זי געעקבערט דער פאַקט וואָס זי האָט זיך אָפּגעשיידט פון אירע אייגענע און אַוועק אויף פרעמדע וועגן? אפשר האָבן גרינע אויגן פון אײַפערזוכט זי געטריבן צום ראַנד, אפשר?

אפשר איז זי געווען דאָס פלאַטערל אויף דער גרינער לאָנקע געטריבן פון בענקשאַפט אויף וועגן אומבאַקאַנטע?

דורך די נאַכטיקע שויבן האָבן אירע טרויעריק יידישע אויגן אַרײַנ־געקוקט צו מיר. איך האָב זיך אָפּגעקערט פון דעם בילד, אויפגעהויבן די נאָדל פון דער שוואַרצער פלאַטע, און אומגעריכט פאַר זיך אַליין געזאָגט: יתגדל ויתקדש...

דער אויסגעטראַכטער

דעם טאָג וואָס מײַן גרויסער ברודער האָט פאַרלאָזט די היים און אוועק זוכן יושר, האָב איך געליטן אַ פערזענלעכן קאַטאַקליזם. די פייגל וואָס פאַרמאָגן אַ נאַטירלעכן חוש פאַר אַן אַנקומענדיקער קאַטאַסטראָפע, האָבן פאַרלאָזט די נעסטן און צעטומלטע געפלאַטערט אין ליידיקן חלל. אויך די בהמות אין שטאַל זענען געוואָרן אומרויִק. אין מיטן דער נאַכט אָנגעהויבן צו מרוקען און שטויסן מיט די הערנער די שטיינערנע וואַנט.

אייגנטלעך איז די אויפטרייסלונג ניט געקומען אין זעלבן טאָג פון זײַן אוועקגיין, זי איז געקומען אין דער נאַכט ווען איך האָב אומגעריכט פאַר זיך אַליין פותר חלום געווען די רייד וואָס ער האָט אַרײַנגערעדט אין זיין יינגערן תלמיד.

דער מענטש — האָט מײַן גרויסער ברודער געזאָגט — איז סײַ צדיק, סײַ רשע. הײַנט הרגעט ער, מאָרגן טוט ער תשובה. ער טוט ביידע מיט גרויס התפעלות, מען קאָן אַפילו זאָגן מיט ווילדער הנאה. עס איז ביי אים אַ מין מאַזאָכיסטישער אַקט. ער ווייסט אַז ער איז אַן אונטערגעוואָרפענער, אַ ממזר אויף מאַמע ערד. זוכט ער דעם טאַטן אין דער הייך און אין דער נידער. ווען ער געפינט אים ניט אין דער קדושה, זוכט ער אים אין דער טומאה.

דעם אמת געזאָגט, האָב איך דעם זין פון זײַנע רייד באַנומען ביסלעכווײַז, ווי אַ ביטערן רעצעפּט — טראָפּן, נאָך טראָפּן, געמאָסטן אויפן שפּיץ פון אַ קאַווע־לעפעלע. יעדעס מאָל ווען זײַנס אַ געדאַנק האָט אויפגעבליצט אין מײַן מוח, האָט מײַן וועלט זיך אַ וואַקל געטאָן. די כריזאַנטעמעס וואָס האָבן זיך געראַנגלט מיט הייסע טעג און מערדעריש קאַלטע נעכט, זענען להכעיס דעם אײַנשטעל אַרויס מיט אַ שלל פון קאָלירן, ווי אַ הוראָ פון נצחון קעגן קידער־ווידער פון דער וועלט.

אויך איך האָב געגלייבט אַז איך וועל פאַרמאַכן די פענצטער, פאַר־

שליסן די טירן, זיך איבערדעקן איבערן קאָפּ, וועל איך אויסמײַדן דעם צוזאַמענשטויס וואָס גייט אָן אויפן אָפּענעם שליאַך.

דאָס איז געווען אין יענער ווײַטער צײַט ווען אַ הויז איז געווען אַ היים, די היים אָן אוניווערס, מענטשן ווי פּלאַנעטן האָבן געקרײַזט אַרום מײַן צענטער, יעדער מיט זײַן ליכט, מיט זײַן השפּעה. מײַן יונג האַרץ, נאָך אין גאַנצן פרײַ פון אָנגעצייכנטע סטעזשקעס, האָט אויפגענומען אימפּרעסיעס, זיי אויסגעקריצט אויף דער נשמה מיט אַ טינט וואָס לאָזט זיך ניט אָפּמעקן.

זיץ איך מיר אַזוי בײַם פענצטער און זע ווי די שפּין וואָס האָט זיך באַזעצט אונטער אונדזער דאַך, שפּינט אויס אַ פּאַלאַץ פון גאַרנישט. זי אַרבעט אָן אָפּשטעל, מיט אַ פּאַסיע ווי זי וואָלט געבויט אַ טעמפּל פאַר דער אייביקייט. צו וואָס טויג איר אַזאַ פּאַלאַץ מיט אַזעלכע קאָמפּליצירטע אויזאַרן? פרעג איך זיך אַליין. קוק איך און זע אַז דער פּאַלאַץ איז גאָר אַ כאַפּ־שטײַגל, אַ נעץ אַרײַנצונאַרן נאַיִווע אינסעקטן און זיי פאַר־מוטשען צום טויט. זי אַרבעט טאָג און נאַכט, ביז דער ערשטער ווינטער־שטורעם ווישט אָפּ דעם בנין, דעם בויער אין אײנעם מיט די קרבנות וואָס האָבן זיך געראַנגלט אין געוועב.

— מיר איז גוט, טראַכט איך — מײַן הויז איז ניט געבויט פון שפּינ־וועבס. מיך באַשיצן די ווענט פון ווינט, דער דאַך פון רעגן. דער טאַטע שנאָרכט ריטמיש בײַ דער הרובע. די שטיפמאַמע זייגט אָן דאָס קינד. אין דרויסן פאַלט אַ שניי. דער הימל איז שוואַרץ און די ערד איז ווײַס. איך קוק אין דער נאַכט אַרײַן און טראַכט: ווען מײַן גרויסער ברודער וועט געפינען דאָס וואָס ער איז אַוועק זוכן — וועט ער זיך אומקערן אַ היים. אין שטוב וועט ווידער ווערן פריילעך. אַלע שטערן וועלן צירקלען אַרום מיר. אײַנגעפונדעוועט אין מײַן וועלט, וועל איך זינגען כּי־טוב!

און ווי איך טראַכט אַזוי, הער איך ווי עמעץ פּאַרעט זיך בײַ דער דרויסנדיקער טיר. איך שפּרינג אַראָפּ פון טאַפּטשאַן און לויף אים אַנט־קעגן. ביין, ס'איז ניט מײַן ברודער. ס'איז אַלעמענס שיק־ייִנגל. זײַן נאָמען ווייס איך ניט. איך באַגעגן אים אָפט ביים שוחט'ס שעכט־שטיבל ווו מ'קוילעט עופות. ער נעמט צונויף די עופות אין די בעל־הבתישע הײַזער. ער קריגט פאַר יעדן עוף אַ פּאָר גראָשן. ווען דאָס עוף איז אַ

הױז, טאַפּט ער אָן װוּ מ׳דאַרף, װען ער געפינט אָן איי שלעפּט ער עס אַרױס און ברענגט אַ הײם זײַן מאַמען אַ מתּנה.

— אײַער ברודער — זאָגט ער און פאַרהיקעט זיך, — אײַער ברודער האָט געשיקט נאָך אײַך. מיך װוּנדערט נישט װאָס דער זאַהיקע זאָגט, מיך װוּנדערט װאָס ער אירצט מיך.

— איר דאַרפט עפּעס צו מײַן ברודער? — אירץ איך אים צוריק.

— איך דאַרף נישט צו אים. ער דאַרף צו מיר.

איך קוק אים אָן אין דעם האַלב־פינצטערן פּירהױז. עס פאַלט מיר אײַן אַז ער איז נישט בײַם קלאָרן זינען. לאָז איך אים שטײן און לױף אַרײַן אין שטוב. ער גײט מיר נאָך. — אײַער ברודער — חזרט ער איבער, שױן אין אַ מער פאַרשטענדלעכן טאָן — אײַער ברודער איז אַנטלאָפן פון געפענקעניש. ער געפינט זיך בײַ יענקל בעקער אין הױז. ער איז נאַקעט, באָרװעס און צעבלוטיקט אױך.

דער טאַטע װעקט זיך איבער. װאָס טוט ער בײַם בעקער? שױן װידער די מױד? — שרײַט ער אױפן יינגל. װאָס װילסטו פון אים? — שרײַט אים איבער די שטיפמאַמע — דאָס האַרץ האָט מיר אָבער געזאָגט, אַז דער בענאַק דײַנער װעט אונדז ברענגען אױפן פײַער. אַ קאָמוניץ האָט זיך אים פאַרגליסט צו זײַן. דער האָבער האָט אים געשטאָכן. ס׳איז אים געװען צו גוט. שאַ יידענע, הער שױן אױף. דו הערסט װאָס דאָס יינגל זאָגט, ער איז נאַקעט און באָרװעס, צעקײַלט און צעבײַלט. דער טאַטע קרעכצט. ער פּאַקט־אײַן אַ פּאָר זאַכן, דעם ברודערס אַלטע שיך, אַ העמד, אַ פּאָר הױזן. — נאַ, נעם און טראָג עס אָפּ, זאָגט ער צו מיר. „איך צום בעקער גײ נישט!" רופט ער אױס און פאַרזיגלט דאָס געזאָגטע מיט אַ קלאַפּ אין טיש.

גײען מיר שױן בײדע. דאָס שיק־יינגל און איך. מיר גײען נישט דורך דער שטאָט. מענטשן קאָנען אונדז דערבליקן און אַרױסרופן אַ חשד װאָס קאָן דערגײן צו דער פּאָליציי. לאָזן מיר זיך באַרג אַראָפּ, צום טײַך. דער טײַך איז געפרױרן, דאָך האַלט ער ניט דעם שניי. ער פאַרװישט אונדזערע פוסטריט. ער נעמט אונדז ביז צו דער מיל, באַלד הינטער דער מיל װױנט דער בעקער.

מײַן גרױסער ברודער זעט אױס קלײן, אײַנגעבראָכן, פאַרשעמט. דער

גלי אין זײַנע אויגן אויסגעלאָשן, דאָס פּנים רויט, געשוואָלן. אויף יענער זײַט גרענעץ ווי סע געוועלטיקט דער יושר האָט מען אים נישט אַרײַנגעלאָזט. אויף דער זײַט גרענעץ האָבן די האַלערטשיקעס אים אויסגעהאַקט צוויי ציין. זיי האָבן אַראָפּגעצויגן זײַנע שטיוול, די וואַרעמע הונקע, די הויזן און אים איבערגעגעבן דעם אָרטיקן פּאָליציאַנט. דער פּאָליציימאַן האָט אים באַזעצט אין אַ פֿינצטערן שײַער. ער האָט אים באַפֿוילן זיך צו פֿאַרהאַלטן רויק, ביז ער וועט זיך צוריק קערן מיט עפּעס צוצודעקן די נאַקעטקייט, איידער ער גיט אים איבער צום פּאַן קאָמענדאַנט.

פֿאַרשטייט זיך אַז מײַן ברודער האָט אויפֿן פּאָליציימאַן נישט געוואַרט. ער האָט אויפֿגעבראָכן די טיר, איבערן טאָג זיך באַהאַלטן אין אַ סטויג היי. ווען ס'איז צוגעפֿאַלן די נאַכט, איז ער געלאָפֿן גאַנצע פֿינף קילאָמעטער נאַקעט און באָרוועס ביז צום בעקער אין הויז אַרײַן.

איך האָב אים געטראָפֿן זיצן בײַם אויוון אײַנגעהילט אין אַ צודעק. מאַלפּעלע! — האָט ער זאָג געטאָן מיט אַ געבראָכענער שטים — ווי שיין דו ביסט אויסגעוואַקסן. זאָגנדיק דאָס, האָט ער אַוועקגעדרייט דעם קאָפּ, איך זאָל נישט זען ווי טרערן פֿילן אָן זײַנע אויגן.

מײַן ברודער האָט ליב געהאַט מיך צו רופֿן מאַל־פּע־לע. אפשר דערפֿאַר וואָס איך האָב געהאַט אַ טבע זיך צו דראַפּען אויף ביימער? איך האָב אים וועגן דעם קיינמאָל נישט געפֿרעגט. איך האָב פּשוט נישט געוווּסט וויאַזוי מ'רעדט צו אַ מענטש וואָס איז אַלץ אין איינעם: טאַטע, מאַמע, פֿרײַנט, געליבטער און אפשר אויך גאָט? האָב איך אַראָפּגעלאָזט די אויגן צו דר'ערד, און די פֿראַגע געלאָזט הענגען אין דער לופֿטן.

מײַן ברודער איז פֿאַרבליבן בײַם בעקער ביז איבערן ווינטער. בײַ טאָג האָט ער פֿאַרבראַכט אויפֿן בוידעם. בײַ נאַכט האָט ער געקנאָטן ניזשעס ברויט. ער האָט אויך געהייצט דעם אויוון און פֿון צײַט צו צײַט געגנבעט אַ קוש בײַ דער מויד, וואָס איז אין אמתן געווען אַ קליין בלייך, הויט און ביין־מיידל. דורכן טאָג פֿלעגט אים דאָס הויט און ביין־מיידל אַרויפֿטראָגן עסן אויפֿן בוידעם. די ליבע וואָס האָט זיך אײַנגעשטעלט צווישן זיי איז געווען אַ סטיכישע. אָן דריידלעך, אָן פֿאָלבאָנעס, אָן שבֿועות, אָן קאָנטראַקטן, אַזוי נאַטירלעך ווי זי וואָלט ערשט אַראָפּ פֿונעם באַשאַפֿערס וואַרשטאַט. ער און זי אונטערן געלעכערטן דאַך האָבן אויסגע־

בויט פאר זיך אן עדן; אן עדן וואס האט זיך אנגעהויבן אין ווינטער און אין פריען פרילינג געקומען צו א סוף.

עמעץ האט אים גאראיעט צו ווערן א לערער אין א דארף. אין יענעם דארף האט דער אימפארט פון יושר קיין אפזאץ נישט געפונען. אלץ וואס איז געווען קעגן מלכות איז געווען קעגן די בירגער פון יענעם דארף. ניט געווען דארט קיין זשאנדארמען, קיין פאליציאנטן, דארט האט געוועלטיקט דעם פריצס אויטאריטעט. איז אים עמעץ נישט געפעלן, האט ער ארויס־געשיקט זיינע שטארקע און זיי האבן שוין געוווסט וויאזוי זיך צו ספראווען מיט אפטריניקע און צוריק איינשטעלן די אלטע ארדענונג.

מיין ברודער איז אפשר ניט געווען קיין שיינער אין דעם אנגענו־מענעם זין. זיין שיינקייט האט מען געמוזט דערפילן, ווי מ׳דערפילט די דיגסטע נאטע אויף א סטראדיוואריוס פידעלע. ווען ער האט גערעדט האבן זיינע אויגן געלויכטן, גאלדן העל, ווי געפאנגענע זונען אין דער פריזמע פון הענגלייכטער. צו באנעמען זיין שיינקייט האט מען אליין געמוזט פארמאגן שטחים רוי־ערד אויפצונעמען די קערנער וואס א שטרענ־גער טאטע און א מילדע מאמע האבן אין זיין נשמה פארפלאנצט.

אזוי האב איך אים געזען, געפילט כל זמן ער האט געלעבט. דער פיעדעסטאל אויף וועלכן איך האב אים אוועקגעשטעלט איז ניט געווען פון שטיין און ניט פון גיפס, נאר פון ריינעם נשמה־דראנג, אן שום פגימה. נאך זיין טויט איז ער געווארן דער עצם־מיטאס אויף מיין פסיכישן וואנדער־וועג. כל זמן ער האט געלעבט האב איך מיר געקאנט פארגינען דעם לוקסוס פון דער בלום וואסווארט אז די בין זאל טון פאר איר דאס געוווּנטשענע...

און אפשר האב איך גאר קיין ברודער קיינמאל ניט געהאט? אפשר האב איך קיין היים ניט געהאט? ניט קיין טאטן, ניט קיין מאמען, ניט קיין „א מאל איז געווען?" מען זאגט אז א באדרענגטער געמיט קאן ארויסרופן מאדנע האלוצינאציעס. אפשר בין איך אליין ניט מער ווי א האלוצינאציע, א קאשמאר אזא וואס גייט איבער פון דור צו דור, אפשר?

אנומלטן זיץ איך מיט מיין שכנה. מיר שמועסן ווי סע פירט זיך וועגן אנדערע שכנים, די וואס רינגלען אונדז ארום. פלוצים דאכט זיך מיר אז איך רעד צו א טויטער. איר שאטן וואס האט אקערשט געטאנצט אויף

דער וואַנט, ליגט איצט אויסגעצויגן אויף דער ערד. איך פרעג זי צי זי וואָלט אפשר געטרונקען אַ גלאָז טיי? ענטפערט זי: יאָ, אדרבא! איך לויף אַריין אין קיך שטעל אונטער דעם קאָפּ אונטערן לויפנדיקן קראַן. מײַנע קני ציטערן. איך קער זיך אום מיטן גלאָז טיי. מײַן שכנה רעדט, לאַכט ווי קיינמאָל גאַרניט. צו מאָרגנס לאָזט מען מיר וויסן אַז זי איז טויט. איך דערצייל ניט קיינעם פון מײַן פאַרגעפיל. איך האַלט דאָס פאַר אַ פּערזענלעכן ענין. אַ מאָל האָט מען פאַר אַזעלכע זאַכן געברענט אויפן שײַטערהויפן. הײַנט ברען איך זיך אַליין.

יאָ, קעגן דעם וואָס איך האָב אויספּאַנטאַזירט אַ ברודער. מסתּמא האָב איך געמוזט האָבן אויף וועמען זיך אָנצולענען, אויף וועמען צו בויען אַ פונדאַמענט נאָכן לעצטן חורבן. איך האָב אַפילו אויסגעטראַכט פאַר אים אַ ליבע ניט מיטן בעקערס פּראָסטער טאָכטער, נאָר מיט אַ מין ראָמאַנטישער אָנדינע, אַ מיידל מיט גאָלדענע צעפּ און אַ כּישופדיקן געלעכטער. איך האָב זי באַזעצט בײַם ראַנד פון סאָסנע־וואַלד ווו אַ שמאָל, לויטער ריטשקעלע איז געלאָפן פון ערגעץ קיין ערגעץ, ניט וויסנדיק אַליין וואוהין עס לויפט? דאָס מיידל האָט דער וואַלדאויפזעער געפונען טאַקע בײַם לויפנדיקן טײַכל ווען זי איז נאָך גאָר אַ קינד געווען. ער האָט זי אַ היים גענומען און ווי אַן אייגענע זי אויפגעצויגן.

מײַן ברודער האָט זיך באַקענט מיט דער שייבער מושאַ ווען ער איז אַנטלאָפן פון בעקערס בוידעם און געקומען אין דאָרף אַריין ווי אַ פריי־וואַטער לערער. מושאַ איז געוואָרן זײַן פלײַסיקע שילערין. אין די ביכער און אין דער ליבע. זי האָט ליב געהאַט צו פילן זײַנע הייסע ליפּן אויף איר יונגן גוף. זי האָט אים געלערנט די נעמען פון יעדן גרעזל, פון יעדער בלום. זי האָט פאַרמאָגט די פעיִקייט צו דערהערן דעם ערשטן טראָפּן רעגן איידער ער איז געפאַלן צו דער ערד. זי האָט דערזען די ערשטע שוואַלב נאָך איידער דער שניי האָט אָנגעהויבן צו שמעלצן. זי האָט אויך אויפגעכאַפּט די ציטער־סטרונע אין מײַן ברודערס האַרץ, און אים אָפּגעענטפערט מיט איר הייסן פולסירנדיקן יונגן לעבן.

אויפן שאַרף געווירצטן נאָדל־אָנשיט, אונטערן אָפּדאַך פון סאָסנע־וואַלד האָבן זיי אָפּגעהאַלטן זייערע „סכאָדקעס". דער וואַלד, דער גרויסער מכניס אורח האָט זיי אויפגענומען ווי אַלע אַנדערע לעבעדיקע באַשע־

פּענישן. זיי האָבן פאַר דעם וואַלד קיין סודות נישט געהאַט. זיי האָבן געוווּסט אַז וואָס דער וואַלד זעט, באַהאַלט ער אין זיך. ער גיט אָן אָפּדאַך די פאַרליבטע, קאַרמעט די נײַ־געבוירענע, די וואָס הויזן אין זײַנע געמאַרקן. ער ווישט אויך אָפּ דאָס בלוט פון די נאַכטיקע אכזריותן, אַזוי אַז ווען די זון וועט ווידער אויפגיין — זאָל זײַן אַ נײַער באַגינען.

יענע נאַכט ווען דער וואַלד האָט צוגעדעקט מײַן ברודערס בלוט, איז מושאַ אַרומגעלאָפן זוכן איר געליבטן. ווען זי האָט אים ניט געטראָפן אין דער גראָטע, האָט זי אים געזוכט אין וואַלד. זי האָט אים געזוכט אונטערן ווײַסן ליפּע־בוים, אין שויס פון דער בערעזע, און ווען די נאַכט איז צוגעפאַלן און ער איז נאָך אַלץ נישט געווען, האָט זי זיך צוגעטוליעט צום אַלטן דעמב. די וועוועריקעס וואָס האָבן זיך אויפגעהאַלטן אין זײַן אויסגעהוילטן שאַרבן, זענען זיך צעלאָפן. אַ שלאַנג איז אַרויסגעשפּרונגען און צוריק אַרײַן אין איר רו אַרײַן. מושאַ האָט געזוכט דאָס צלמל אויף איר האַלדז און עס ניט געקאָנט געפינען. זי האָט געפּרוווט שרײַען, נאָר דאָס קול איז אין קעל שטעקן געבליבן. די שלאַנג האָט ווידער אַרויסגעשטרעקט דעם קאָפּ און מיט וווּנדער באַטראַכט דאָס פרעמדע באַשעפּעניש. דאָס מיידל מושאַ האָט מיט קיין אבר ניט גערירט, אויג אויף אויג ווי היפּנאָטיזירט זענען זיי געשטאַנען און געקוקט איינער אויפן צווייטן. ערשט ווען די שלאַנג האָט זיך צוריקגעצויגן, האָט מושאַ אויפגעהויבן איר קול און גערופן איר געליבטן. געענטפערט האָט איר אַ שוואַרצע קראָ מיט אַ גרויליקן געלעכטער. מושאַ האָט געגלייבט אין די פּירזאָגעכצער פון שוואַרצע קראָען. אַ שוואַרצע קראָ מיינט טויט. די שטאַרקע יונגען האָבן אים זיכער דערהרגעט. זיי האָבן זי געוואָרנט מיט דעם זשיד זיך ניט אַרומצושלעפּן. איצט איז פאַר איר אַלץ קלאָר. דאָס איז געווען אַ פאַרשווערונג. איר אייגענער פאָטער האָט געהאַט אַ האַנט דערבײַ. פּונקט יענעם טאָג האָט זי דער טאַטע מיטגענומען אין הויף אַרײַן. די פּריצה, האָט ער געזאָגט, האָט פאַר איר אַ מתנה.

מושאַ איז ניט גערן מיטגעגאַנגען. דעם טאָג וואָס זי האָט געהאַט אַ טרעפונג, האָט זי ליב געהאַט זיך צו פאַרען אין איר בלומען־גאָרטן. זי האָט געזונגען לידער, זיך געבאָדן אין דער זון. ווען די צײַט פון דער

טרעפונג איז געקומען, איז זי געווען אָנגעלאָדן מיט די ריחות פון גאָרטן, מיט דער בענקשאַפט פון די לידער און מיט די שטראַלן פון דער זון. דאָס מאָל האָט זי אַ חוץ איר רייץ אים אונטערגעטראָגן די מתּנה וואָס די פּריצה האָט איר געשענקט; אַ רויטע קאַמיזעלקע אַרומגעפּוצט מיט אַ זילבער־טאַשמע. זי האָט אים געוואָלט איבעררעשן, לאָזן זײַנע פינגער אַריינדרינגען אין אירע ברוסטן... איצט איז נאַכט, קיין שטערן, קיין לבנה. די פייגל וואָס האָבן אָקערשט געזונגען, זינגען ניט מער. מושאַ מיעשטשעט זיך איַין אין שאַרבן פון דעמב, פלעדערמײַז פלאַטערן אַרום איר. זיי פלאָנ־טערן זיך אײַן אין אירע האָר. מושאַ הייבט אויף איר ספּודניצע און דעקט זיך איבער איבערן קאָפּ. עס באַפאַלט זי אַ מידקייט. מאַכט זי צו די אויגן און דרימלט איין.

אין חלום זעט זי ווײַסע פלאַטערלעך שוועבן אין דער לופט. ווײַסע פלאַטערלעך אין דער צײַט פון יאָר, איז איר אַ גרויסער ווּנדער. דער פרילינג איז נאָך אַזוי יונג. מ׳קאָן הערן דעם פאַרזיי שפּראָצן פון דער ערד אַרויס. אויך זי פילט דעם פרילינג. אירע בריסטן קוועלן אָן. זיי צערייַסן די שנירלעך פון איר רויטער קאַמיזעלקע. זיי דעקן אָפּ דאָס פאַרהוילענע לײַב. זײַנע פינגער שמאָלע, בלייכע דערנענטערן זיך צו איר. ניטע טײַערער, ריר ניט אָן — זאָגט זי צו אים אין חלום — אַ חתן מוז צו וואַרטן... זע ווי די געסט הוליען, ווי זיי טאַנצן. דאָס פרייען זיי זיך אַזוי מיט אונדזער חתונה, להכעיס דעם טאַטן, להכעיס דער מאַמען...

דער חלום בײַט זיך. זי איז שוין ווידער אַליין. מענטשן לויפן פון אַלע זײַטן. די סטענגעס פון איר שלייער פאַרשטעלן איר די ראיה. זי זעט נישט די געסט. זי הערט בלויז דעם טומל. דער רעש ווערט שטאַרקער, קומט נעענטער, דאָס זענען גאָר קינדער אויף דער לאָנקע, זיי יאָגן זיך נאָך ווײַסע פלאַטערלעך. זיי פאַרשפּאַרן די פלאַטערלעך אין גלעזערנע סלויעס. און אָט פּלאַצט אַ סלוי. די שפּלינטערס פליִען אין אַלע זײַטן איין שפּלינטער טרעפט אין האַרצן. מושאַ עפנט די אויגן. ערשט דער וואַלד איז פול מיט מענטשן. ווײַבער לויפן מיט ברענענדיקע שטורקאַצן אין די הענט. די מענער באַוואָפנט מיט העק, קאָסעס, דרענגער. אַלע לאַכן. אַלע שרײַען. אַ גרופּע מענטשן ריגלען זי אַרום. מען רופט זי צויג, ייִדן־הור. עמעץ רײַסט זי ביי די צעפּ, שלעפּט זי אַרויס פון איר באַהעל־

טעניש. עמעץ רײַסט איר קאַמיזעלקע. דער שפּיץ פון אַ שטיוול דרינגט אַרײַן אין איר בויך. עמעץ שפּײַט איר אין פּנים.

— אַ זשיד האָט זיך דיר פאַרגלוסט ? — שרײַט קאַטערינע, זייער שכנטע איבערן פּלויט. מושאַ קען דאָס פּנים — עס טראָגט איר אַנטקעגן דעם „גוט מאָרגן" יעדן טאָג פון יאָר. אַ פּנים פון אַ פרוי, אַ מאַמע, אַ פרײַנדלעך פּנים, אַ פּנים פון אַ מענטש. איצט שטייט פאַר איר אַ מכשפה, אַ וואַקכאַנאַליע. אין איר האַנט אַ צעפלאַמטער פאַקל, די אויגן — קײַלעכדיק, רויט ווי בײַ אַ קראָ. ווילסט אים זען ? שרײַט זי איר אין פּנים אַרײַן — אָט הענגט ער, ווי אַ סטראַשידלע אויפן בוים.

מושאַ דרייט ניט אויס דעם קאָפּ. זי וויל ניט זען זײַן פאַרפּײַניקטן גוף. פאַר איר לעבט ער. פאַר איר וועט ער ווײַטער לעבן, אַזוי ווי זי האָט אים געקאָנט. אַזוי ווי זי האָט אים געליבט. דאָס צלמל וואָס זי האָט פריִער געזוכט און ניט געפונען איז איר איצט אין די הענט אַרײַנגעפאַלן. זי טראָגט עס צו צו די ליפּן. דער געקרייציקטער אויפן בוים און דער אויפן צלם, ביידע זענען ייִדן. דער געדאַנק שאָקירט זי. ער גיט איר אויך צו קוראַזש. מושאַ גלײַכט זיך אויס, זי ציט אײַן די קאַמיזעלקע, פאַררײַכט די האָר און שפּאַנט אַוועק פון די ברענענדיקע שטורקאַצן, פונעם שיכורן געלעכטער, פונעם געקרייציקטן אויפן בוים. זי נעמט אַרײַן אַלץ אין זיך און שווײַגט אַ פאַרעקשנטן שווײַגן, שאַרף און שטעכיק ווי די נאָדלען פון סאָסנע־וואַלד.

אויף קבר־אָבות

אַ חברטע מײַנע, מיט וועמען איך טרינק אַ מאָל אַ קאַווע, קלינגט מיר עלף אַ זייער בײַ נאַכט און בעט בײַ מיר אַ מיטל צו פֿאַרטרײַבן דעם אומעט. „דעם וואָס?" — פֿרעג איך, כאָטש איך ווייס וואָס זי מיינט. שוין ניט דאָס ערשטע מאָל ווי זי גיט מיך אַ שטעל צו צו דער וואַנט, ווי איך וואָלט געהאַט דעם ענטפֿער אין קעשענע. „מען נעמט זיך אַ געליבטן", — זאָג איך איר. „וואָס הייסט מען נעמט, זיי שטייען דען אויסגעשטעלט אין סופּערמאַרקעט אויף דער פּאָליצע?"

אויף דער פּאָליצע שטייען זיי טאָקע ניט. זיי דרייען זיך אַרום מיט האַלב־אָנגעפּילטע וועגעלעך און זוכן באַקאַנטשאַפֿט. אַנומלטן האָט מיך איינער אַזאַ קאַנדידאַט פֿאַרטשעפּעט. ער וויל וויסן מײַן מבֿינות אויף אויסלענדישן קעז. איך ענטפֿער אים אַז דאָס איז אַ געשמאַקזאַך, איינעם־שמעקט קאַמעמבער, אַ צווייטער קאָן אַפֿילו דעם ריח ניט פֿאַרנעמען. מיט דעם ענדיקט זיך עס ניט. ער גייט מיר נאָך, ער וויל וויסן צי איך בין אַ חתונה־געהאַטע און צי וואָלט איך געוועזן אַ בעלן צו עסן מיט אים מיטאָג אין דערבײַיִקן רעסטאָראַן? איך זאָג אים אַז מײַן מאַן וואַרט אויף מיר אין דרויסן, און איך ווינטש אים מער גליק מיט אַנדערע ווײַבער.

איך דערצייל ניט מײַן חברטע וועגן דעם באַגעגעניש. איטלעכער מוז געפֿינען זײַן אייגענעם וועג. מיר, ווען עס ווערט אומעטיק, ווען איך פֿיל אַז איך זינק אין אַ לײדיקייט אָן אַ דנאָ, ווען די ווענט ווערן ענגער, דער סופיט נידעריקער, הייב איך זיך אויף און פֿאָר אויף קבר־אָבות. ס׳רעדט זיך אַזוי, קבר־אָבות. איך ווייס אַפֿילו ניט וווּ דאָס געביין פֿון מײַנע עלטערן איז אַהינגעקומען. דעם קבר וואָס איך פֿאָר זען, געפֿינט זיך אין ליאָן, פֿראַנקרײַך, אַ פּאָר הונדערט קילאָמעטער פֿון פּאַריז. די מצבֿות אויף דעם בית־עולם שטייען אויסגעשטעלט אין גלײַכע רייען, שטײַף ווי זעלנער אויף אַ פּאַראַד. איך גיי מיט די אויגן צו דרערד. איך מײַד

אויס צו קוקן אויף די מצבות, ווו די נעמען פון גאַנצע משפחות זענען אויסגעקריצט אין שטיין.

ווייל מיין וויזיט איז אַ ריין עמאָציאָנעלער, האַנדל איך איין אַ פּאָר בלומען אויפן וועג. איך באַהאַלט די בלומען אונטער מיין מלבוש. איך וויל ניט דער וועכטער זאָל מיך האַלטן פאַר אַן אויפגעקלערטער. גיי דערצייל אים, אַז מיך האָט די אויפקלערונג אין גאַנצן אויסגעמיטן. איך ווייס ניט פאַר וואָס שטיינער זענען רעכט און בלומען זענען פאַלש? איך ווייס אַפילו ניט פאַר וואָס איך קום דווקא צום אָרט פון טויט, אויפצו־מונטערן דאָס לעבן?

גיי איך מיר אַזוי מיט מיינע פאָר סעזאָנאָווע בלומען אונטער דער פּאָלע. געוויינטלעך קלייב איך אויס די בלומען לויטן ריח. ריחות סטי־מולירן מיך. זיי וועקן אויף ריחות פון אַ מאָל. מאכלים וואָס מיין מאַמע פלעגט קאָכן. אַקאַציע־ביימער אין פולן בלי. דער ריח אויף זיין לאַץ און דעם רויך פון קרעמאַטאָריע.

איך לייג אַוועק די בלומען אויף די שטיינדלעך וואָס אַנדערע, פאַר מיר, האָבן געלאָזן. איך שפּאַר אַן דעם קאָפּ אויף דער קאַלטער מצבה. איך שטיי אַזוי לאַנג, ביז עפּעס אין מיר הייבט זיך אַן רירן. אַן עמאָציע, דין ווי אַ סטרונע, גיט אַ ציטער. ערגעץ פון חלל לויפט אַן אַ ווינט, צעשויבערט די בלומען וואָס איך האַלט אין דער האַנט. דאָס זענען ניט קיין בלומען, דאָס איז ווייסע קאַנוואַליע אויפן שלייער פון אַ כלה. דאָס גלאָז איז שוין צעבראָכן, בייגט ער זיך אַראָפּ, דער גרויסער חתן, נידעריק צום מויל פון דער קליינער כלה. ער דעקט אָפּ דעם שלייער און גיט איר אַ קוש. ער נעמט זי אַרום און הילט זי איין אין אַ טומאַן פון גאָלד, אַזאַ וואָס גייט אויף איבערן ערשטן פּאַרזיי. די וועלט איז יונג. דער גן־עדן — פריש. פּאַוועס פּאָכען מיט פילפאַרביקע פעכערס. אָדם און חוה האָבן זיך נאָר וואָס דערקענט. ליבע איז אַ וואָרט וואָס האַלט ערשט אין ווערן, גיט זי זיך איבער דער באַשערטקייט, כאָטש זי באַנעמט ניט דעם זינען פון וואָרט.

דער וואָס איז מיר באַשערט געווען האָט אַלץ פאַרשטאַנען, אַלץ געוווסט. ער האָט געוווסט אַז זיי האָבן געשטעלט אַ פּרייז אויף זיין קאָפּ. און דאָך איז ער געגאַנגען. ער איז געגאַנגען אויספירן אַ שליחות און

האָט עס אויסגעפירט. אויך איך האָב געוווּסט און גאָרנישט ניט געזאָגט. דער פלאַם אין זײַנע אויגן, דער שטורעם אין זײַן האַרצן האָט מיך אָפּהענטיק געמאַכט. ווי אַזוי האָב איך געקאָנט זאָגן ניין צו דער זכיה אַנטייל צו נעמען אין היטלערס סוף? יאָ, די באָמבע האָט אויפגעריסן. דער צוג איז אַראָפּ פון די רעלסן. הונדערטער טויטע, מיטן האַקנקרייץ באַפּוצטע אַנטלויפערס; צווישן זיי — זײַן קאָפּ מיט אײַן נאָכגעהאַנגע־נעם אָרעם. דעם קערפּער האָט מען ניט געקאָנט געפינען.

מיר האָבן געוווּנען, שעפּטשע איך דורך פאַרקלעמטע ציין. מיר האָבן פאַרלוירן אַ פאָלק און געוווּנען אַ לאַנד. און דער מידבר וועט בליִען. מיר האָבן געוווּנען, זאָג איך ווידער אויפן קול, ווי איך וואָלט זיך אַליין וועלן איבערצײַגן.

דו ווייסט אַז איך לאָז זיך נאַרן פון אַ ליאַדע וועמען, אַפילו פון אַ ליאַדע וואָס. ערשט הײַנט, אויפן וועג צו דיר, האָב איך זיך געלאָזט אָפּנאַרן פון אַ פאַרשײַט ווינטל, וואָס האָט אַ ווייע געטאָן אויף מיר. די זון האָט זיך אַפּירגעשאַרט פון אונטער איר האַרבסטיקן צודעק, בין איך אַרײַן אין בלומען־געשעפט און אויסגעקליבן קאַנוואַליע אַנשטאָט כריי־זאַנטעמעס. איצט טראַכט איך, אַז ניט די וואַרעמקייט פון דער זון האָט מיך פאַרפירט, נאָר דער פלירט אויפן וועג פון דאָרט אַהער האָט מיך געמאַכט פאַרגעסן אַז ס׳איז האַרבסט און ניט פרילינג. זײַ מוחל טײַערער, דו זעסט ווי צעחושט איך בין. אָט שטיי איך און רעד צו אַ שטיין, וואָס דעקט צו די ערד אין וועלכער עס רוט דער קאָפּ וואָס האָט אַ מאָל די גאַנצע וועלט אַרומגענומען. דער מאַרך וואָס האָט אין אים געציטערט איז שוין לאַנג אויסגעטריקנט.

איך שטיי און רעד ווי פון אַ פירגעשריבן שורה־גריזל. און אפשר איז עס גאָרניט אַזוי קרום צו רעדן צו אַ שטיין? דער שטיין לעבט איבער די צײַט, לעבט איבער געשעענישן, לעבט איבער דאָס לעבן. זײַ וויסן, אַז דאָס לעבן נאָך פופציק יאָר גייט נאָך אַלץ אָן. איך זוך נאָך אַלץ די פּאָעזיע מיט וועלכער דו ביסט אַזוי פול געווען. אין דײַן פּאָעזיע בין איך נאָך אַלץ צוואַנציק. אָנגעטאָן אין רויטן סאַמעטקלייד, שוואַרצע לאָקן ביז צו דער טאַליע, טאַנץ איך פאַר דיר דעם שפּאַנישן טאַנגאָ. די קאַסטיניעטן רוישן אין מײַן האַנט. טייל מאָל ביסטו אַזוי שווידערלעך וואָר, אַז איך

מוז קומען, לייענען דײַן נאָמען אויסגעקריצט אין שטיין, מיך צו איבער־צײַגן אַז דו ביסט נישט מער.

דער אָביעקט פונעם פלירט האָט געצומען מײַן אַדרעס. ער קומט אַפּט קיין פּאַריז. דעם אמת געזאָגט, האָב איך זיך פּירגענומען צו טראַכטן בלויז וועגן דיר. דאָך האָב איך אים געגעבן דעם ריכטיקן אַדרעס, דעם טעלעפאָן־נומער אויך. ווי דו זעסט, נעם איך מיר פּיר איינס, און טוען טו איך עפּעס אַנדערש. עמעץ מאַכט דיר אַ קאָמפּלימענט, קוקט דיר אין די אויגן, פאַרזעט דעם חורבן אויף דײַן פּנים, — און שוין ביסטו גרייט צו טיילן דײַן בעט מיט אים. כאָטש נאָר אויף איין טאָג, אַ שעה, אַ רגע. יאָ, זיי קומען די ליבהאָבערס, אָן ליבע. זיי קומען ווי די שטערן אין דער נאַכט, קומען און גייען. קיין פּאָעזיע איז אין זיי ניטאָ. בלויז פאַקטן, קאַלטע פאַקטן און איך לאָז זיך נאָך אַלץ נאַרן.

ווי דו זעסט האָב איך מיך אויסגעלערנט זאָגן ליגן. איך בין געוואָרן אַזאַ געניטע ליגנערין, אַז איך בין מער געניגט צו גלייבן דעם ליגן ווי דעם אמת. צו וועמען קאָן איך רעדן אויב ניט צו דיר? מיט מײַן חברטע מערי רעד איך ניט אַזעלכע זאַכן. דאָס וואָלט געמיינט חוזק מאַכן פון זיך אַליין. ווי קאָן איך איר זאָגן, אַז די ליגנס וואָס איך טראַכט אויס זענען גאָר קיין ליגנס ניט. זי האָט שוין פון לאַנג גענומען וואַקאַציע פון טראַכטן. זי גייט נאָך דעם פראַנצייזישן נוסח פון אַלף ביז תּוו. זי לויפט מיט די מיטלויפערס און לאַכט איבערן גאַנצן וועג.

צוריק וועגס מײַד איך אויס געזעלשאַפט. איך זיץ מיטן קאָפּ אין שויב אײַנגעפּרעסט. דער שנעלצוג גליטשט זיך אויף שטילע רעדער. די געגנט בײַט זיך. פון שטאָט ווערט דאָרף, פון דאָרף — פעלד, וואַלד. גרינע בערג ליאַמעווען דעם האָריזאָנט. דאָ איז נאָך אַלץ גרין, ציכטיק. דער שטאָלץ פון פאַרגאַנגענע דורות איז פאַרחתמעט אויף יעדן פּיצל לאַנד. ווײַנגערטנער דראַפּען זיך אויף די בערג און נידערן אַראָפּ אין די טאָלן. מען פאָרט פאַרבײַ אַ געגנט ווו פאַרמערס פּראָדוצירן די באַרימטע „פּויא גראַס", וואָס טאַקע נאָר דער מענטש האָט געקאָנט צוטראַכטן. מחנות געענדז שטייען פאַרגולמט אויף איין אָרט. זיי רירן זיך ניט. זייערע אָנ־געשטאָפּטע בײַכער הענגען אַראָפּ ביז צו דער ערד. אָ, טראַכט איך, וואָלטן זיי געוווּסט פאַר וואָס מען קעכלט זיי אַזוי. וואָלטן זיי זיך אויפגע־

הויבן אויף זייערע מאַכטיקע פליגל און אַוועק אין דער וועלט, ווערן פון גאַנדז, אַ גאַנצקייט....

איך טראַכט ווי גרינג דער מענטש אַדאַפּטירט און פּאַסט זיך צו צו די ווילדסטע אַכזריותן. אַט ערשט ניט לאַנג האָט אַ קולטורעל פאָלק געזאָגט אָמן צו היטלערס טעאָריעס, און מיט אייפער צעריסן ייִדישע קינדער לעבעדיקערהייט. קינדווייז בין איך געשטאַנען און געקוקט ווי פלינקע קצב־יונגען האָבן געבונדן אַן אָקס און געהאַלטן זײַן קאָפּ פאַרן שוחט. דאָס פאַרגאָסענע בלוט האָט אויף מיר קיין אײַנדרוק ניט געמאַכט. איך בין געווען מער איבערגענומען מיט דעם לידל וואָס די יונגען האָבן בעת־מעשה געזונגען, ווי מיט דעם ריטואַל פון שעכטן.

און נאָך עפּעס איז מיר אויפן זינען געקומען: וואָס וואָלט געווען ווען אונדזערע סאַטעליטן, וואָס נישטערן דעם קאָסמאָס, וואָלטן זיך אָנ־געשטויסן אויף לעבן, אויף באַשעפענישן וואָס לויפן ניט דווקא אויף צוויי פיס, רעדן ניט אונדזער לשון? וועלן מיר פון זיי מאַכן אַ נײַע אינדוסטריע, אַ מין קאָסמישע „פויא גראַס"? אַלץ איז מעגלעך. מיט אונדזערע אייגענע חיות האָבן מיר נאָך ביז הײַנט ניט קיין בשותּפותדיקע שפּראַך. מיר ניצן זייער פלייש, זייער פעל, זייער וואָל, אַפילו זייערע ביינער. זייערע רעכט, זייערע נויטן — גייען אונדז ניט אָן.

אויף דער קעגנאיבערדיקער באַנק זיצט אַ יונג פּאַרפאָלק. זיי זעען ניט דעם דרויסן, זיי האַלטן זיך אַרומגענומען און קושן זיך. זיי זענען נאָך גאָר יונג. מסתּמא געבוירענע נאָך דער מלחמה. קאָן זײַן אַז זיי זענען ערשט נאָך דער חתונה און זיי פאָרן קיין פּאַריז אַ לעב צו טאָן. וואָס איז ליבע? — טראַכט איך. ליבע, ענטפער איך זיך אַליין, דאַרף ניט קיין דערקלערונגען. אַזוי האָט ער מיר געזאָגט. און נאָך עפּעס האָט ער געזאָגט: גרויסע ליבשאַפט פאַרטראָגט ניט קיין רייד. ס'איז נאָך ניט באַשאַפן געוואָרן דאָס וואָרט וואָס זאָל זײַן אַזוי טיף ווי דאָס שווײַגן.

ווען איך טראַכט וועגן דעם טיפן שווײַגן, ווערט מיר אומעטיק אויפן האַרצן. וואָלט ער איצט געלעבט, וואָלטן מיר געזעסן זאַלבענאַנד, מיר וואָלטן געקוקט אויף דער שקיעה, אויף די שווימענדיקע וואָלקנס און מיר וואָלטן געשוויגן אַ שווײַגעניש אָנגעלאָדן מיט פּאָעטישע אימאַזשן. איך וואָלט אין די וואָלקנס דערזען יהודיתן, אויפן שוועל פון הולופערנס

געצעלט. זי קווענקלט זיך. פאַרבליפּט פונעם גאָלד, באַרוישט פונעם ווײַרעך, פאַרגעסט זי אַ ווײַלע אין דער שווערד אונטערן מאַנטל. זי איז גרייט צו צעברעכן די שווערד און אַנטפּלעקן איר חן פאַר דעם הערשער פון בבל. דער בליץ אין איר דמיון געדויערט ניט מער ווי איין רגע, דאָס איבעריקע לעבט שוין אין דער אייביקייט.

די שקאַרלאַט־שקיעה טונקלט, ווערט געדיכטער, דראַמאַטישער. אַ בלוט־רויטע לבנה גייט אויף אין מיזרח. די סצענע בײַט זיך. שטיקער ליכט פּישופן אויס אַבסטראַקטע בילדער. ס׳איז ניט מער יהודית, ס׳איז שלומית. די שײַן פון דער לבנה פאַלט אויף איר ווירבלטאַנץ. זי טאַנצט און שיילט פון זיך די שלייערס, שלייער נאָך שלייער ביז צום נאַקעטן קערן. דעם שיכּורן מלכס צוזאָג גייט זי ניט אָן. זי וויל ניט זײַן גאָלד. זי וויל ניט זײַנע בריליאַנטן. זי וויל ניט די העלפט פון זײַן קיניגרײַך. פאַר איר איז געגנוג דער קאָפּ פון יוחנן, מיט די פאַרבלוטיקטע לאָקן אויף אַ זילבערנער טאַץ.

די נאַכט פאַלט צו. די וויזיע לעשט זיך. איך ווייס ניט וואָס ער וואָלט אין דער שקיעה געזען. ער וואָלט אוודאי געזען שמשון־הגיבור, די מכבייער, נאַפּאָלעאָן.

איך ווייס ניט ווען איך בין אײַנגעשלאָפן. איך בין געוועזן מיד. די אויגן האָבן זיך צוגעמאַכט און מיך פאַרטראָגן ערגעץ ווײַט אין אַ פינצטערן קעלער, פול מיט מײַז און מיט מענטשן. אַלע רעדן מיט איין מאָל. אַלע שעלטן די דײַטשע מערדער, וואָס באָמבאַרדירן אָפענע שטעט.

„קום! — זאָג איך אים — איך וויל ניט שטאַרבן אין דער פינצטער. איך וויל זען דעם הימל, די ערד, די זון. איך וויל לעבן אין דער ליכטיק. איך וויל זאָלסט מיך ליב האָבן אין דער ליכטיק, אין אַ גאָרטן פול מיט רויזן, אויף אַ בעט פון זײַד און פּוך".

„רעד ניט קיין נאַרישקייטן, — ענטפערט ער מיר — מיר האָבן ניט אַזאַ גאָרטן. מיר האָבן ניט אַזאַ בעט".

„טאָ וועלן מיר גיין אין פּאַרק. דו קענסט דעם פּאַרק לעבן קלויסטער? דאָרטן וועלן אונדז די באָמבעס ניט טרעפן. מיר וועלן זיך קושן ווי דאָס פּאָרל קעגנאיבער. אויף להכעיס די מעסערשמידטס וועל איך פאַרגיין אין

טראַגן. איך וועל געבערן אַ צווילינג אָדער גאָר אַ דריילינג: צוויי מיידעלעך און איין זון".

„דו פֿאַנטאַזירסט, טייערע. איך ווייס אַז דו ווילסט ניט ברענגען קיין קינדער אין אַזאַ ווילדער וועלט".

„איך וויל, איך וויל!" — ענטפֿער איך.

איך שטרענג זיך אָן אים צו דערפֿילן און פֿאַל צו מיטן קאָפּ צו דער קאַלטער שויב. דער צוג רירט זיך. דאָס פּייפֿן אין דער נאַכט ווערט אַ סירענע. און שוין בין איך צוריק אין פֿריִערדיקן חלום. די סכּנה איז פֿאַרביי. אַלע שטופּן זיך צום אַרויסגאַנג. דאָס געדראַנג איז גרויס. זיי שטופּן אונדז צו צו אַ וואַנט. די וואַנט פֿאַלט איין און אַנטפּלעקט אַ טונעל. אין טונעל איז שטאָק פֿינצטער. ביים סוף פֿון טונעל פֿינקלט אַ שיין, צאַנקט און ווערט פֿאַרלאָשן ווי אַ יאָרצייטליכט.

„מיר איז קאַלט, טייערער. טוליע זיך צו מיר. נייג צו דיין אויער צו מיין ברוסט, וועסטו הערן גלעקער קלינגען. געדענקסט די גלעקער אויף די העלדזער פֿון שאָף, אויף יענער ווייטער פּאַשע, ווו מיר האָבן זיך צום ערשטן מאָל געליבט?"

„דו מיינסט צום לעצטן!" — זאָגט ער.

איך עפֿן די אויגן. אין דרויסן איז פֿינצטער. די לאָמפּן אין וואַגאָן אַראָפּגעדרייט. דאָס יונגע פּאָרפֿאָלק איז איצט איינגעהילט אין באַשיידענער אינטימקייט. איבער זייערע פֿאַראייניקטע קעפּ הענגט אַ מאַנטל. דער אייבערשטער טייל פֿון זייערע קערפּערס איז אין גאַנצן איזאָלירט. דער אונטערשטער טייל, אָפּן, ציטערט קאָנוווּלסיוו, ווי פֿון אַן אינעווייניקסטן אויפֿרייס. צוויי צוגעקומענע פּאַסאַזשירן דיסקוטירן דעם מצב אין מיטעלן מיזרח. איינער זאָגט, אַז ישׂראל'ס געהיימער וואָפֿן איז חכמה. די צייט איז אויפֿן צד־שכנגד.

דער שנעלצוג איילט. פֿונקען פֿאַלן ווי שטערן אין דער נאַכט. איך מאַך צו די אויגן און קלאַמער זיך צו די שעפּעלעך אויף יענער ניטדאַיִקער פּאַשע. אָבער דער שלאָף איז שוין פֿאַרביי. פֿון ווייטנס זעט מען שוין די ליכטער פֿון אָרלעאַן, די שטאָט וואָס האָט אַרויסגעגעבן די נאַציאָנאַלע העלדין זשאַן ד'אַרק. איין מאָל האָבן מיר, איך און ער, שפּאַצירט איבער דער שטאָט, זיך אָפּגעשטעלט פֿאַר אַ זעלטן שיינעם רויזן־גאָרטן. די

בעל־הביתטע האָט פון יענער זײַט פאַרצוימונג אונדז געדאַנקט פאַר די קאָמפּלימענטן. „גלייבט מיר, — האָט זי געזאָגט — ס׳איז מער אַ „נויסאַנס״ ווי אַ פאַרגעניגן. ווער דאַרף זיי, זיי גייען סײַ ווי סײַ אין ניוועץ. זיי קומען אויף, בליִען, און לאָזן מיר איבער דאָס מיסט צו רייניקן״.

„איך פאַרשטיי וואָס איר מיינט, — רופט זיך אָן מײַן באַגלייטער — שאָפּענהויער האָט דאָס שוין געזאָגט מיט יאָרן פריִער״.

„ווער?״ — פרעגט די גערטנערין.

„אַ שכן אויף אונדזער גאַס״.

מערקווערדיק, טראַכט איך, ווי דאָס רעאַלע און אַבסטראַקטע מישן זיך כּסדר. מ׳קאָן דעם פאַרבאָרגענעם דיריגענט קיין דעה ניט זאָגן. ווי ער שפּילט, אַזוי מוז מען טאַנצן.

ווי האָט געזאָגט די הייסבלוטיקע פּרינצעסין: ניט די טײַכן און ניט די ימים, ניט די וואַסערן פון כּנרת און ניט די כוואַליעס פון ירדן קענען מײַן דאָרשט שטילן. אָ יוחנן, יוחנן. ווי שטאַרק איך האָב דיך געליבט!

דער ווונדער־קוואַל

אַ קורצע צײַט נאָכן גרויסן חורבן האָבן זיך פאַרשפּרייט קלאַנגען אַז אויפן געוועזענעם רבינס הויף איז אויפגעגאַנגען אַ היילנדיקער קוואַל.

אַן אוקראַיִנישע פּויערטע וואָס פלעגט יעדן פרימאָרגן גיין צום ברונעם שעפּן וואַסער האָט אויפן וועג אַהיים זיך צוגעזעצט אָפּרוען אויף אַ הײַפּעלע צעקרישלטע ציגל, וואָס זענען אַמאָל געווען אַ טייל פון רבינס בנין. זי האָט אַראָפּגעצויגן אירע צעלעכערטע הענטשקעס, באַטראַכט אירע רעוומאַטיש געשוואָלענע פינגער און אַזוי קרעכצנדיק זיי צוגעלייגט צום מויל. זי האָט אָנגעהויכט איין מאָל און אַ צווייט מאָל, דערנאָך האָט זי פאַרשטעקט די הענט אונטער די פּאַכוועס. ווײַל זי איז אַזוי געזעסן פאַרטיפט אין אירע יסורים, איז איר פאַרגעקומען, אַז זי הערט דאָס ריזלען פון אַ וואַסערפאַל. ווי קומט אַהער וואַסער? האָט זיך די פּויערטע געחידושט. איז זי אויפגעשטאַנען פון איר זיץ־אָרט, זיך איבערגעצלמט, „אַוודאי אַ לאָך אין עמער", האָט זי געריידט צו זיך אַליין. זי האָט איבערגעשטעלט די עמערס פון איין אָרט אויפן צווייטן. ניין, די עמערס אירע זענען גאַנץ, אומבאַשעדיקט. דאָס וואַסער אין זיי נישט געמינערט. פאַרזשמורעט זי די אויגן און זעט ווי פון צווישן דעם הײַפּעלע צעבראָכענע ציגל, שלאָגט אַ לעבעדיקער קוואַל.

די פּויערטע האָט אויף גיך אָפּגעזאָגט אַ תּפילה, דערנאָך האָט זי זיך אָנגעבויגן און אונטערגעשטעלט אירע רעוומאַטישע הענט אונטערן קוואַליקן וואַסער. זי האָט די פינגער צוגעלייגט צו די ליפּן, אַ לעק געטאָן מיט דער צונג; „פּאָטער אין הימל, דאָס וואַסער איז זיס, טעם גן־עדן". האָט זי אונטערגעשטעלטביידע הענט און פון די זשמעניעס געזופּט דאָס זיסע וואַסער. ווען זי האָט אָפּגעווישט די הענט האָט זי באַמערקט, אַז אירע צעדרייטע פינגער האָבן זיך אויסגעגלײַכט. דער ווייטיק איז אַוועק, ווי מיט דער האַנט צוגענומען.

די פּויערטע האָט אויפגעהויבן די אויגן צו דער אויפגייענדיקער

זון. די זון האָט נאָך ניט געוואַרעמט. זי האָט זיך ערשט געדראַפּעט באַרג אַרויף. דער הימל איבערן באַרג האָט געפּאַליעט מיט אַלע פאַרבן פון קאַיאַר. די פויערטע האָט גענומען די קאַראָמיסלע אויף די אַקסלען און איז אַוועק אַהיים.

גייענדיק האָט זי איינגעטיילט די צייַט פון טאָג, זי האָט אָנגעצייכנט אין געדאַנק וואָס און ווען זי האָט צו טאָן. אַזאַ געוווינהייט שוין ביי איר נאָך פון דער צייַט ווען זי האָט געהאַט אַ הויזגעזינד; אַ הויף מיט חזירים, הינער, גענדז, אַ קו אין שטאַל, אַ פערד און וואָגן, אַ מאַן וואָס האָט באַאַרבעט די פעלדער, און קינדער וואָס האָבן אים מיטגעהאָלפן. דאָס איז געווען איידער דער דייַטש האָט די געגנט אָקופּירט. געוווינט האָט זי דעמאָלט אויף יענער זייַט טייַך, ווו אַלע פּראַוואָסלאַוונע האָבן דעמאָלט געוווינט. איצט איז די שטאָט און דער דאָרף איין ישוב. די יעניקע וואָס אַרבעטן אין די ניי־אויפגעקומענע פאַבריקן וווינען אין נייַע הייַזער וואָס זענען אויסגעוואַקסן אויף די חורבות פון דער יידישער שטאָט. די פויערים וואָס האָבן לאַנד זענען פאַרבליבן אויף זייערע איינגעפונדעוועטע ערטער. זי האָט פאַרפאַקט איר פעקל, און איז אַוועק וווינען אין דעם איינציק פאַרבליבענעם יידישן הויז, ווו זי איז אַ מאָל געווען אַן איינגייערין.

דאָס הויז אין מיטן מאַרק, האָט געהערט צום רויטן שענקער. זי דרייט זיך אַרום איינינקע אַליין אין די ליידיקע פּאַקאָיעס. טייל מאָל דאַכט זיך איר, אַז זי הערט דעם שענקערס סומנע טריט שפּרייַזן איבער די סקריפּנדיקע פּאָדלאָגעס. זייַנע גרויסע שוואַרצע אויגן גלאָצן אויף איר פון אָנגעוואָקסענעם שפּינוועב, וואָס הענגט אַראָפּ פון הויכן סופיט. זי זעט זייַן בלייך פּנים איינגעראַמט אין דער רויטער באָרד. ער מאָדליעט זיך כּסדר. אויף זייַן פּוקלדיקער פּלייצע הענגט אַ ווייַסער טלית.

פאַר אַ סך יאָרן איז די פויערטע געווען אַן אַריינגייערין ביים שענקער אין הויז. יעדן דינסטיק נאָכן יאַריד פלעגט זי דאָרט העלפן וואַשן די גלעזער, די בענק און די טישן. זי האָט געפּוצט די פענצטער, פּאָלירט דאָס מעבל, ביז דאָס הויז האָט געפינקלט פון ריינקייט. אַ חוץ די פּאָר זלאָטעס לוין, האָט זי דאָרט אָפּגעגעסן אַ פייַנעם מאָלצייַט. פאַרן אַהיים־גיין, פלעגט איר די שענקערין מיטגעבן אַ נאַש פאַר די קינדער; אַ זיסן זעמל, אַ שטיקל ווורשט. פייַנע מענטשן געווען די שענקערס. דאָס ווייַב

איז געווען געשטופּלט, ער האָרבאַטע, די קינדער שיין ווי די ליכטיקע זון. בלויז די מיזינקע האָט פון צײַט צו צײַט אונטערגעקרענקט. דווקא זי, די איידעלע, די פאַרפּיעשטשעטע איז אַרויס אַ לעבעדיקע פון פײַער.

באַלד אין דער ערשטער אַקציע איז דער שענקער אומגעקומען. די שענקערין איז צוגעשטאַנען צו איר: „האָב רחמנות, נאַסטשע, נעם צו דיר מײַן קליינע טאָכטער, זי איז אַ דעליקאַטנע קינד. מיר וועלן זיך שוין מיט גאָטס הילף אַן עצה געבן, און דיך, נאַסטשע, וועט גאָט באַלוינען".

דריי יאָר צײַט האָט די פּויערטע דאָס מיידל אויסבאַהאַלטן. זי איז אויסגעשטאַנען שרעק און בגישות סײַ פון די אייגענע, סײַ פון פרעמדע. ווען איר מאַן האָט זיך אָנגעשיכּורט, האָט ער גערופן דאָס מיידל בײַ איר יידישן נאָמען. ער איז אַרומגעלאָפן איבערן הויף און געשריגן בקול „סורקע, די פּראָפּינאַציע ברענט!". שכנים האָבן געלאַכט. זיי האָבן זיך אויך געסודעט, נאָר זי און סורקע זענען שיִער פון שרעק נישט אויס־געגאַנגען. הײַנט שיקט איר דאָס מיידל פּעקלעך אַזש פון אַמעריקע. זי שיקט איר וואַרעמע קאָלדרעס, פּוטערנע לאַטשן. זי שרײַבט, אַז זי איז גליקלעך צו וויסן, אַז זי, נאַסטשע, וווינט אין זייער הויז.

אַזוי איז די פּויערטע געגאַנגען און געלאָזט די געדאַנקען לויפן אַהין און צוריק. דאָס וואַסער אין אירע עמערס האָט ריטמיש געפּלאָפּלט. אויף יונג צעבלעטערטע וועסנע־ביימער האָבן פייגל געכאָוועט זייערע יונגע משפּחות. זי האָט געטראַכט אַז צום אַלעם ערשטן וועט זי אויפקאָכן וואַסער, פאַרבריִען אַ ביסל ציקאָריע. דערנאָך וועט זי אָנקאָרמען די היענער. אויב זי וועט געפינען אַן איי, וועט זי פּראַווען אַ פײַנעם פרישטיק. שפּעטער וועט זי אָוועק צום זון, אפשר וועט די שנור אָפּשפּאָרן אַ ביסל מילך, וועט זי אויך האָבן אַ גוטע וועטשערע.

אין הויז בײַ איר איז געווען קאַלט. קיין אָנגעהאַקט האָלץ צום הייצן האָט זי נישט געהאַט. איז די פּויערטע אַוועקגעגאַנגען צו איר שכנה אויף דער נײַער גאַס צו בעטן ביי איר אַ פּאָר שײַטלעך האָלץ. אַזוי גיך ווי איר זון וועט געפינען צײַט איר האָלץ צו צעהאַקן, וועט זי דעם חוב אומקערן.

די פּויערטע האָט געטראָפן די שכנה אַ פאַרזאָרגטע. איר יינגעלע,

פון אַ יאָר פינף, איז פּלוצעם פאַרשלאָפט געוואָרן. ער ליגט ווי געליימט, קאָן די פיס ניט באַוועגן. זי האָט שוין צוגעלייגט הייסע און אויך קאַלטע קאָמפּרעסן. נאָר דאָס קינד הערט נישט אויף צו וויינען. ער דראַפּעט זיך ממש אויף די גלײַכע ווענט. „וואָס טוט מען, מוטערל טײַערע?" וויינט די יונגע מאַמע.

די פויערטע האָט געהויבן די אַקסלען, ניט געוווּסט וואָס צו זאָגן. האָט זי גענומען די פּאָר שײַטלעך האָלץ און איז אַהיים געגאַנגען מאַכן פײַער. זי איז געזעסן מיטן רוקן צום אויוון, געטונקען ברויט אין דער הייסער ציקאָריע און זיך געוווּנדערט ווי אומגעריכט דער ווייטיק אין אירע הענט איז פאַרשוווּנדן. ווען דאָס פײַער איז אויסגעגאַנגען, האָט זי גענומען דאָס טעפּל אין וועלכן זי האָט אָקאָרשט געטרונקען די ציקאָריע און איז אַוועק צום קוואַל.

די פויערטע האָט אונטערגעשטעלט דאָס טעפּל אונטער דעם קוואַלנדיקן וואַסער. ווען ס'איז פול געוואָרן, איז זי צוריקגעגאַנגען צו דער שכנה אויף דער נײַער גאַס. זי האָט נישט געטראַכט וואָס זי גייט טאָן. זי האָט אָבער געפילט אַז זי דאַרף עפּעס טאָן. האָט זי אײַנגעטונקען די פינגער אין טעפּל וואַסער און באַשמירט דערמיט דעם יינגלס קני. אַזוי איין מאָל און נאָך אַ מאָל. דאָס יינגל האָט אויפגעהערט צו וויינען. האָט זי צוגעלייגט אירע נאַסע פינגער צו זײַנע אויגן. דאָס יונגל האָט אַ שמייכל געטאָן און איז באַלד אַנטשלאָפן געוואָרן. דעם זעלבן פאַרנאַכט, האָט ער זיך שוין געשפּילט מיט די קינדער אין גאַס.

די נײַעס אַז אויף דעם אַלטן רבינס הויף איז אויפגעגאַנגען אַ היילנדיקער קוואַל האָט זיך גיך פאַרשפּרייט איבער דער געגנט. מענטשן פון בײדע זײַטן טײַך זענען געקומען צום קוואַל, געטובלט זייערע קראַנקע גלידער אין דעם ריזלנדיקן וואַסער און זענען געגעזן געוואָרן. אויף די חורבות פון רבינס הויף, האָבן די געהאַלפענע געצונדן ליכט. מ'האָט אויפגעשטעלט בענק צום זיצן. דער הויף איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מין פּאַרק, מיט פרישע געפלאַנצטע ביימער, מיט וויל שמעקנדיקע בלומען. מענטשן זענען געקומען טרינקען וואַסער פון ווונדער־קוואַל. קאַליקעס האָבן געבעטן נדבות. יעדער באַזונדער האָט דערציילט און איבערדערציילט די ווונדער פון דעם קוואַל. מענטשן האָבן געשוווירן אַז דאָס וואַסער

היילט ניט בלויז פיזישע חולאתן, נאָר אַפילו גײַסטיק צערודערטע ווערן געהאָלפן.

דער לאָקאַלער פּאָעט האָט פאַרפאַסט אַ ליד וועגן דעם אַלטן רבינס שײַנער טאָכטער. ער האָט די ליריק צוגעפּאַסט צו שעווטשענקאָס טרויעריקן ניגון. שיקסעס האָבן די באַלאַדע געזונגען אין די אָוונטן נאָך דער אַרבעט. זיי האָבן פאַרגאָסן טרערן איבער דעם ביטערן גורל פון דער שײַנער מרים, וואָס קומט אַרויס פון מאָסן-קבר, יעדעס מאָל ווען די לבנה איז פול. זי קומט צו צום הויז ווו זי איז געבוירן געוואָרן. זי בלאָנדזשעט איבער דער חורבה ביז וואַנען זי געפינט דאָס אָרט ווו זי האָט צום ערשטן מאָל איר חתן געקושט. זי בלײַבט זיצן אויף דעם שטויס שטיינער, דאָס פּנים אין די הענט פאַרבאָרגן. פון דעם מיידלס זאַנפטע טרערן שפּרודלט איצט דער היילנדיקער קוואַל.

די רויטע הערשער און די שוואַרצע גלחים האָבן געקוקט מיט חשד אויף דעם בייזן ווונדער. „וואָס טויג אײַך די שפּיל?" האָבן די רויטע געטענהט. די ייִדן האָבן אײַך שוין געגעבן אַ געקרייציקטן גאָט, ווילט איר אים אָפּפאָרן מיט אַ טויטער ייִדישקע? מיר ביטן אײַך אָן לעבעדיקע געטער, געטער וואָס וועלן אויפריכטן אײַער דאָליע. איר דאַרפט זיי ניט זוכן אין הימל, אויך ניט אונטער דער ערד. מאַכט-אויף אײַערע אויגן און זעט ווו אייער דאָברע-מזל שטייט אָנגעגרייט פאַר אײַך".

דער גלח האָט אין זײַן זונטיקדיקער דרשה אַרויסגעבראַכט דעם אַלט-נײַעם געדאַנק, אַז די מעשה מיטן היילנדיקן קוואַל איז ניט מער ווי אַ ייִדיש שפּיצל. עס לייגט זיך נישט אויפן שכל, ייִדישע טרערן זאָלן היילן קריסטלעכע חולאתן. אויב דאָס זענען ייִדישע טרערן זענען זיי ניט געקומען היילן די פּראַוואָסלאַוונע וואָס גלייבן אין יעזוס קריסטוס. פּונקט דאָס פאַרקערטע איז אמת. אַ סימן האָט איר אַז די פּויערטע וואָס האָט די ערשטע געטרונקען דאָס וואַסער איז טאַקע געשטאָרבן".

אַהיימגייענדיק פון קלויסטער האָבן זיך די שקאָצים אַ לאָז געטאָן אין פּאַרק אַרײַן. זיי האָבן צעבראָכן די בענק, צעטריבן די בעטלערס, צע־טראָטן די בלומען. די מענטשן זענען זיך צעלאָפן. נאָר דאָס וואַסער האָט ניט אויפגעהערט צו ריזלען. איבערן טאָג און דורך דער נאַכט האָט עס

אויסגעמוליעוועט אַ ריטשקע וואָס איז געלאָפן באַרג־אַראָפּ צום טײַך. דאָרט האָט עס זיך אָנגעשלאָסן מיט די וואַסערן וואָס האָבן אַ מאָל געטובלט פרומע ייִדן איידער זיי זענען אַוועק דאַווענען שחרית. וואָס ווײַטער דאָס וואַסער איז געלאָפן, אַלץ פולער איז עס געוואָרן פון די טײַכן וואָס זענען צוגעקומען אויפן וועג. וואַסערן ריינע, דורכזיכטיק קלאָרע. וואַסערן מוטנע, פול מיט שלײַם פון אויסגעשפּיגענע לונגען. אַלע אין איינעם האָבן געאײַלט איבער בערג און טאָלן, איבער גרענעצן און לענדער צו מאַמע־ים.

מיט דעם האָט זיך די מעשה מיטן קוואַל ניט געענדיקט. אַן אַנדערער שרײַבער מיט אַ סך נאָקעט פּאַפּיר האָט פאַרשריבן די בויגנס לויט ווי זײַן הארץ האָט דיקטירט.

עס איז געווען, האָט ער געשריבן, די צײַט צווישןביידע וועלט־מלחמות, איידער דער פּעריאָדישער מאָרד־שגעון האָט באַפאַלן די וועלט, איז דאָס לעבן אין שטעטל אָנגעגאַנגען מיטן אײַנגעשטעלטן ריטעם עלעהיי די סעזאָנען פון יאָר. געווען טעג פרידלעכע, זאַטע, טעג פון צוזאָג, טעג פון ייִאוש. ייִדן און גױים האָבן געלעבט ווי שכנים איבערן פּלויט. באַענט און אָפּגעזונדערט. דער טאָג וואָס האָט זיי ביידן פאַראייניקט, איז געווען דער טאָג פון יאַריד.

אין איינעם אַזאַ יאַריד־טאָג האָט זיך באַוויזן אַ פרעמדער בעטלער, קיינמאָל פריִער ניט געזעענער. זײַנע אויגן זײַנען געווען אויסגעשטאָכן. דאָס פּנים רויט, געשוואָלן. ער איז געקומען צו רײַטן אויף אַן אויסגעדאַרט אייזעלע, אָנגעפירט פון אַ קליין ייִנגל. זיי האָבן זיך דורכגעשטופּט דורך די אָנגעלאָדענע וועגענער, די קויפער און די פאַרקויפער, און פאַרנומען אַן אָרט צווישן די היימישע בעטלער, וועמענס פּלאַץ ס׳איז געווען בײַ דער וואַנט פון ראָטהויז. קיינער האָט זיי ניט געפרעגט ווער זיי זענען, אָדער פון וואַנען זיי קומען? פאַרנאַכט, ווען די יאַרידניקעס זענען זיך צעפאָרן, די בעטלער צעגאַנגען, האָבן מענטשן באַמערקט אַז דער פרעמדער בעטלער מיט די אויסגעשטאָכענע אויגן רירט זיך נישט פון אָרט. ווען זיי זענען צוגעקומען נעענטער, האָבן זיי דערזען אַז ער איז טויט. דאָס ייִנגל וואָס האָט אים געדינט ווי אַ ליכט אין דער פינצטער, איז נעלם געוואָרן. פון דעם אייזעלע איז אויך קיין שפּור ניט געבליבן.

מ׳האָט דעם בעטלער באַגראָבן. וועגן דעם ייִנגל און דעם אייזל האָט זיך קיינער נישט געקימערט.

פאַרטאָג, ווען דער רב פון שטעטל האָט געעפנט דעם טויער צו גיין אין שיל אַריַין דאַוונען, האָט ער געטראָפן דאָס ייִנגל שלאָפן אויף דער שוועל פון זיַין הויז. דער רב איז צוריק אַריַין אין שטוב, אָפּגעזוכט אַן אַלטע יופּיצע און צוגעדעקט דאָס שלאָפנדיקע ייִנגל. שפּעטער ווען ער האָט דערזען אַ צלמל אויפן ייִנגלס האַלדז, האָט ער צעשניטן די יופּיצע אויף שמאָלע פּאַסעקלעך, געמאַכט אַ פיַיער און פאַרברענט די רעשטלעך. דאָס פאַרבליבענע אַש האָט ער פאַרשפּרייט איבער די צעוואָקסענע דערנער אויף זיַין הויף.

צומאָרגנס האָט מען אים ווידער געטראָפן אויסגעצויגן אויף דער שוועל, ווו ער איז דורכגעשלאָפן די נאַכט. די רביצין האָט אַן דעם מאַנס וויסן אים דערלאַנגט אַ ביסל וואַרעמס. טאַקע אַ גוי, האָט זי געטראַכט, אָבער פאָרט גאָטס באַשעפעניש. ווען מ׳האָט אים געפרעגט פון וואַנען ער קומט, האָט ער געענטפערט אַז ער ווייסט ניט. טאַטע־מאַמע האָט ער ניט געדענקט. ער האָט געזאָגט, אַז דער בלינדער בעטלער ביי וועמען ער האָט זיך געכאָוועט האָט אים געזאָגט, אַז ער איז צוועלף יאָר אַלט. ער האָט אים אויך געזאָגט, אַז דאָס מאָגערע אייזעלע האָט אים געבראַכט צו זיַין טיר.

דאָס ייִנגל איז געבליבן דינען ביַים רב אין הויז. דאָס צלמל אויף זיַין האַלדז איז פאַרשוווּנדן. ווען מ׳האָט אים געפרעגט וואָס ער האָט דערמיט געטון, האָט ער געענטפערט, אַז דאָס מיזערנע אייזעלע איז געקומען און עס ביַי אים צוגענומען. דער רב האָט פאַרדעכטיקט אַז דאָס האָט די רביצין געטאָן. זינט זייער בן־יחיד איז אַוועק אין דער וועלט אַריַין און לאָזט פון זיך ניט הערן, טוט די רביצין אָפּ זאַכן וואָס פאַר־שוואַרצן אים דאָס פּנים. זי חברט זיך מיט וויַיבער פון דער הינטערגאַס. אַ פאַרלעסלעכער מענטש האָט זי געזען אַריַינגיין צו דער קאָרטן־וואַר־פערין, וואָס האַלט זיך אויף אויפן צווינטער. מיטן אָנקום פון ייִנגל האָט זיך איר מצב געביטן. זי איז צוריק אַרויף אויפן דרך־הישר. ער איז געוואָרן איר ידיד, איר רעכטע האַנט. ער האָט איר געהאָלפן אין דער הויז־אַרבעט, געפּאָלגט אַ גאַנג, געלאָפן צום שוחט קוילען אַן עוף אויף

שבת. ער האָט אַרײַנגעבראַכט לעבן אין הויז אַרײַן און רו אין איר געמיט. אויך ער, דער רבֿ, האָט קעגן אייגענעם ווילן אָנגעהויבן פילן אַ וואַרעמקייט צום ייִנגל, ווי ער וואָלט געווען אַ ממלא מקום פאַר זײַן זון. ער האָט דאָס געפיל געהאַלטן בשתיקה. ער האָט אויסגעמיטן צו ריידן צו אים, צו קוקן אויף אים, אָדער אָפילו צו שטיין אין זיינע דלת־אמות. די קליינע מרימל ווידער, האָט געפונען אַ קוואַל פון פרייד אין אים. ער האָט געזונגען שיינע לידער און דערציילט נאָך שענערע מעשיות. ער האָט געקאָנט אויספײַפן די טענער פון פייגל, דאָס וואָיען פון ווינט, קוואַקען ווי אַ זשאַבע, פישטשען ווי אַ מויז. ער האָט געפוצט אירע שיך, געריייניקט אירע קאַלאָשן. כאָטש זיי זענען ביידע געווען אין זעלבן עלטער, איז ער אָבער געווען שטאַרקער, פלינקער, מער דערוואַקסן ווי מרימל. ווען סע האָבן זיך געשטעלט די בלאָטעס, האָט זי דער יונג גענומען אויף די פלייצעס און זי אַפּגעטראָגן אין שול אַרײַן. ער אַליין איז אין שול אַרײַן נישט געגאַנגען. ער האָט קיין מעטריקע ניט פאַרמאָגט. ער האָט געזאָגט, אַז זײַן נאָמען איז יאָסיפּ. גערופן האָט מען אים דער שבת־גוי. דער נאָמען יאָסיפּ האָט מרימלען דערמאָנט אין יוסף פון חומש, ווען די ברידער האָבן פאַרקויפט צו סוחרים פון אַ פרעמדן לאַנד. דעם ייִנגל איז די מעשה זייער געפעלן, האָט ער אָנגעהויבן אַרײַנצוקוקן אין די אותיות וואָס גייען פון רעכטס צו לינקס. עס האָט אים לאַנג ניט גענומען צו לייענען דאָס טײַטש־חומש, די סדרה פון דער וואָך, אַלץ אין ייִדיש וואָס איז געוואָרן זײַן טעגלעכע שפּראַך.

אַזוי גיך ווי ער האָט זיך אָנגעהויבן פאַראינטערעסירן מיטן געדרוקטן וואָרט, האָט אים מרימל ערשט ריכטיק דערזען. זי האָט געגאַפּט ווי גיך ער האָט באַנומען אַלץ וואָס זי האָט אים אָנגעוויזן. זײַן פאַרגעדענקען ניט נאָר דעם טײַטש, נאָר אויך דעם קלאַנג פון וואָרט ווי עס איז אַרויס־געקומען פון איר מויל. זי האָט זיך מער נישט דערוועגט אים צו רופן שבת־גוי. ער איז איר פאַרגעקומען ווי אַ כאַראַקטער פון אַ מעשה־ביכל, וועלכע זי פלעגט ליב האָבן צו לייענען. אירע חלומות זענען פול געוואָרן מיט וויזיעס. זײַן שאָטן איז איר נאָכגעגאַנגען אַפילו ווען ער איז אין הויז ניט געווען. זי האָט ליב געהאַט צו זיצן בײַם פענצטער, זיך צוקוקן ווי ער האַקט אָן האָלץ אויפן ווינטער. דער הויף וואָס איז פריִער געווען

פאַרוואַקסן מיט ווילדגראָז, איז איצט געווען אַ בליִענדיקער גאָרטן. אין סאַמע מיטן גאָרטן האָט ער פאַרפלאַנצט אַ בוים. ער האָט איר מבטיח געווען אַז אויף דעם בוים וועלן וואַקסן שוואַרצע קאַרשן, שוואַרץ און גלוסטיק ווי דער גלאַנץ אין אירע אויגן. ער האָט דעם זאָג איבער די ליפּן ניט געבראַכט. מרימלן האָט זיך געדאַכט, אַז זי הערט זײַנע געדאַנקען, און אַ גרויל ווי אַ זומער־ווינטל איז אַריבער איר לײַב.

און עס איז געווען זומער. און עס איז געווען ווינטער. און ווען דער פרילינג איז געקומען האָט זיך דער קאַרשן־בוים צעבליט מיט שניי־ווײַסע בליטן קעגן דער זון. ווען די בליטן זענען אָפּגעפאַלן, האָבן זיך באַוויזן רויטע קערן. אַרום די רויטע קערן האָבן זיך געוויקלט און אַנט־וויקלט דאָס פלייש און בלוט פון שוואַרצע קאַרשן. דער יונג איז אויס־געוואַקסן הויך און איידל, דאָס פּנים אײַנגעראַמט אין אַ גאָלדן בלאָנד בערדל. זײַנע אויגן טיף אין שטערן אַרײַנגעוואַקסן האָבן אַפּירגעקוקט ווי פון אונטער אַ באַשיצנדיקן דאַשעק. מרימל איז פון איר קינדעשער קײַלעכ־דיקייט ניט אַרויסגעוואַקסן. די לאַסט פון איר יִחוס האָט איר ניט דערלויבט צו טאַנצן, שווימען, זײַן אַקטיוו, ווי די אויפגעקלערטע מאָדע האָט דיק־טירט. אָנשטאָט צו פאַרברענגען אויף דער פרײַ, האָט זי געזונגען פון דער פרײַ. זי האָט געזונגען פון גאָלדענעם פויגל וואָס קלאַפּט אין איר שויב. צום ווינט וואָס וויִעט אין די ביימער. פון פריִען מאָרגן, ביז אין דער נאַכט אַרײַן האָלט זי אין איין זינגען. זי זינגט צום זומער און זינגט צום ווינטער. זי זינגט בעת זי וואַשט דאָס מילכיקע געשיר, בעת זי פּוצט די לײַכטער. בײַם מאַכן אַ ברכה, בײַם לייענען קריאת־שמע. דער רב קאָן איר זינגען ניט פאַרטראָגן, לאָזט ער זי רופן צו זיך אין בית־דין. ער זאָגט איר „אַז זינט דער בית־המקדש איז חרוב געוואָרן, איז ניט רעכט פאַר אַ ייִדישער טאָכטער צו זינגען אַזוי הויך".

דער מוטערס זאָרג איז ניט דאָס זינגען. זי קימערט דער טאָכטערס אויפגעוויירענע ברוסטן, וואָס רײַסן די אויגן און צעמישן איר געדאַנק. זי וואָגט ניט איר פאַרדאַכט איבער די ליפּן צו ברענגען. וואָס די אויגן זעען, פאַרניינט דער געדאַנק. זי קאָן איר טאָכטערס וועגן. זי ווייסט ווו זי פאַרברענגט יעדע רגע פון טאָג. בײַ נאַכט שלאָפן זיי אין איין חדר. זי פאַרשט איר טאָכטער, נאָר דאָס מיידל פאַרשטייט ניט אין וואָס

עס האַנדלט זיך. אַן אומבאַקאַנטע פרייד שטראַלט אַרויס פון אירע אויגן. זי שטייט איבערן קיבל, ברעכט און לאַכט. ערשט ווען די מוטער דערפילט, אַז דאָס וואַסער איז שוין איבערן האַלדז, שאַרט זי זיך אַריַין צום מאַן אין בית־דין שטוב. „דאָס קינד האָט אַ געוויקס אין בויך. מ׳דאַרף זען אַ דאָקטאָר”, זאָגט זי.

דער רב פאַרשטאַרצט די ברעמען. ער קוקט אויף זיַין וויַיב ווי ער וואָלט זי ערשט איצט דערקענט: „דו ביסט דאָך אַ מאַמע. אַן אשה. פאַראַן סימנים, רחמנא־ליצלן. אפשר דאַרף מען גאָר זען דעם שדכן און זי פאַרקנסן מיט דעם יונגן־מאַן וואָס ער האָט פאַרגעשלאָגן?”

„אַ בראָך איז מיר! דאָס קינד ווייסט ניט פון וואָס צו זאָגן. זי איז אַ צנועה. אַ צדיקת. ווי לייגט זיך דיר די צונג אַזעלכע ווערטער פון מויל אַרויסצולאָזן? אַזעלכע זאַכן קומען ניט פון דער לופט. ווען זי וואָלט זיך געטראָפן מיט אַ מאַן, וואָלט איך זיכער געוווּסט”.

„דער שגץ איז אַ מאַן, און דו האַלטסט אים אין הויז! פאַרשטייסטו ניט, אשה, ער מוז גיין. היַינט, שוין”.

ווען די נאַכט איז צוגעפאַלן איז דער שגץ אַוועק. כאָטש גאָט אַליין איז געווען זיַין עדות, אַז ער האָט דאָס מיידל בפועל ממש קיינמאָל ניט אָנגערירט. אמת, אין חלום ווי אויף דער וואָר האָט ער באַגערט איר וויַיבלעכקייט. ער האָט געקושט אירע גלידער, געברענט אין איר שויס. אין חלום האָט ער זי געראַטעוועט פון פיַיער, זי אַרויסגעשלעפּט פון וואַסער. ער האָט זי באַפריַיט פון פאַרגוואַלדיקער, פון רויבער, באַנדיטן. זיַין גאַנצע וועלט האָט זיך געדרייט אַרום איר לעבן. ער האָט זיך באַגנוגנט מיט אַ קוש אין אירס אַ שטיקל אונטערוועש, וואָס מרימל האָט געלאָזט פאַלן אויף דער ערד. ער האָט זיך געזעטיקט מיטן ריח פון אירע שיך, וועלכע ער פלעגט אַזוי לאַנג פוצן, ביז ער האָט געקאָנט זען זיַין אייגענע צורה טונקלהויטיק ווי אַ ייִד. אים האָט זיך געדאַכט, אַז מיט אַזאַ אויסזען וואָלט ער געקאָנט געווינען מרימלס האַרץ. ער האָט אַפילו געפּרוּווט אויסשמירן זיַינע האָר מיט דער סאַדזע פון קוימען. דאָס האָט אָבער ניט געהאָלפן. זיין פאַרריסענע נאָז, די גרינע אויגן, זענען אים געשטאַנען אין וועג. ער האָט ניט געוואָרט מ׳זאָל אים הייסן גיין. ער האָט צום

לעצטן מאָל אַ קוק געטאָן אויף איר. אירע ווײַסע הענט מיט די חן־גריבלעך איבער יעדן פינגער האָבן צוליב עפּעס געהאַלטן איר פּנים פֿאַרשטעלט. אָן אַ וואָרט אַרויסצוזאָגן האָט ער זיך אויסגעדרייט און איז אַוועק.

אויפֿן וועג האָט די דײַטשע אינוואַזיע אים אָנגעיאָגט. ער האָט געוואָלט לויפֿן אויף צוריק, ווען אַ פּוילישע בריגאַדע האָט אים פֿאַרשטעלט דעם וועג. זיי האָבן קיין קשיות ניט געפֿרעגט. יעדער געזונטער מאַנספּאַרשוין איז אײַנגעשלאָסן געוואָרן אין זייערע רייען. פֿון דער הייך האָבן די מעסערשמידטס געזייעט טויט. די בריגאַדע האָט זיך אײַנגעגעסטיקט אין וואַלד. זיי האָבן געמאַכט אַבלאַוועס אין די נאָענטע דערפֿער, רעקווירירט שפּײַז פֿאַרן ווינטער און זיך געגרייט צו אַ ווידערשטאַנד.

ווען דעם יונג איז ענדלעך געלונגען צו אַנטלויפֿן, האָט ער די שטאָט וואָס ער האָט איבערגעלאָזט, מער ניט דערקענט. די שול חרוב. דאָס ראַטהויז באָמבאַרדירט. דאָ און דאָרט אַ פֿאַריתומט הויז. אַ פֿינצטערע ליידיקייט האָט אַרויסגעקוקט פֿון די צעבראָכענע פֿענצטער. די מענטשן וואָס ער האָט באַגעגנט, האָבן אים ווי נישט געזען. האָט ער וועמען עפּעס געפֿרעגט, האָט אים יענער נישט געענטפֿערט. פּלוצעם האָט אַ געדאַנק אויפֿגעבליצט אין זײַן מוח, אַז ער איז נישט גלאַט אַזוי אַ מענטש ווי אַנדערע מענטשן. ער האָט באַשײַמפּערלעך דערפֿילט אַז עפּעס אַ מיסטי־שער כּוח באַשיצט אים. ער האָט זיך דערמאָנט אַז די קוילן פֿון די נידעריק פֿליִענדיקע עראָפּלאַנען האָבן אים ווי בכיוון אויסגעמיטן. די פֿלאַמען וואָס האָבן אַרומגעכאַפּט די שטאָל וווּ ער האָט געגעכטיקט האָבן אים ניט אָנגערירט. אים האָט פֿאַרדראָסן פֿאַרוואָס ער האָט ביז איצט די גאָט־געשענקטע מתּנה ניט דערקענט. ער האָט ניט אויסגעפֿאָרשט דעם מקור פֿון זײַן שטאַם. איצט איז פֿון דעם שטאַם, דעם וואָרצל און די צווײַגן קיין זכר ניט פֿאַרבליבן. ער ווייסט אַפֿילו ניט צי ער איז אַ ייִד, אָדער אַ גוי? איז ער געשיקט פֿון גאָט, אָדער פֿון טײַוול? וואָס איז זײַן שליחות אויף דער וועלט? ווער האָט פֿאַראויסבאַשטימט דעם וועג וואָס האָט אים געפֿירט צום רבינס הויז? ווער האָט באַפֿרוכפּערט זײַן מרימל און געלאָזט דעם חשד פֿאַלן אויף אים? ער האָט טאַקע צופֿיל געטראַכט פֿון איר. ער האָט צופֿיל געחלומט פֿון איר. ער האָט זי צופֿיל

באַגערט. די דאָרף־שיקסעס וואָס זענען געקומען אין וואַלד אַריַין הוליען, האָבן אים געלאָזט קאַלט. זייער נאַקעטקייט האָט אים אָפּגעשטויסן. ער האָט אָפּגעקערט זיַין בליק, כדי ניט צו פאַרשווען מרימלס אימאַזש.

די שטאָט איז אים אַנטקעגנגעקומען ווי אַ בייזער חלום, אַ פאַנטאַם פון דעם וואָס אַמאָל געווען. די ניַי־געשאַפענע רעאַליטעט האָט אים אַראָפּ־געטריבן פון היימישן טראַקט, באַרג־אַראָפּ צום טיַיך, דער איינציקער קענצייכן וואָס איז פאַרבליבן אומבאַשעדיקט.

עס איז געווען פריִער פרילינג. דער טיַיך ביַי די ברעגעס איז נאָך געווען געפרוירן. די סטעזשקע פאַרוואַקסן, מיט מיסט פאַרשאָטן. די פיס פון אַ בר־מינן האָבן אַרויסגעשטעקט פון אונטערן מיסט. דער יונג האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט. תהומיקע געדאַנקען ווי שוואַרצע קראָען האָבן געטשאַטעוועט אין זיַין רעיון. לעבט זי? איז זי טויט? האָט מען זי פאַר־ברענט אין שול אָדער פאַרשלעפּט אין געטאָ?

פון וויַיטנס האָט זיך דער קאַרשן־בוים געוויגט אין ווינט. דער פלויט אַרום רבינס הויז איז געווען צעבראָכן. דאָס הויז חרוב, בלויז די מזרח־וואַנט אונטערגעשפּאַרט פון אַן אַלמער מיט ספרים, איז געבליבן גאַנץ. דער יונג האָט אַ מיש געטאָן די שמות. די אינווייניקסטע כתובים האָבן נאָך אַלץ געררייכערט. מיטן רויך, דעם שטויב און דעם מיסט איז אויפגע־גאַנגען דער ריח וואָס האָט אים קיינמאָל ניט פאַרלאָזט. דאָס איז געווען דער ריח וואָס האָט אים געפירט אויף אַלע זיַינע וועגן. ער איז געלאָפן פאָרויס ווי דער עמוד־האש ביַים ליכט פון טאָג, און ביַי דער פינצטער־ניש פון דער נאַכט האָט ער אים געפילט אַרום זיך. ער, דער ריח האָט אים געבראַכט צום רבינס הויז.

איצט האָט דער ריח געשטראָמט ניט פון דער הייך. נאָר פון דער טיף, קריכנדיק אויף אַלע פיר, האָט ער אַנגעטאַפּט די קלאַפּטיר וואָס דעקט צו דעם קעלער. דער ריח האָט אים געפירט טיף אַרונטער צום סאַמע דנאָ. אים צוגעפירט צו אַ געלעגער אויסגעבעט פון שטרוי. ער טאַפּט אָן פינגער דין און טרוקן, ווי אָפּגעבראָכענע צוויַיגן. אַ פּנים, האָר, מרימלס קערפער איַינגעהילט אין שמאַטעס. ביַי איר אַנטבלויזטער ברוסט זייגט אַ קינד. ער וויל זי ניט וועקן, בלייבט ער זיצן לעבן איר.

דורכן שמאָלן קוקערל גנבעט זיך אַרײַן אַ פּרימאָרגן שטראַל. די שײַן באַהעלט איר פּנים. אירע ליפּן עפענען זיך, נאָר קיין קלאַנג קומט ניט אַרויס. ער וויל עפּעס זאָגן, עפּעס פרעגן, נאָר אויך זײַן צונג איז ווי געליימט. נעמט ער דאָס קינד אויף די הענט, דריקט עס צו צו זײַן האַרץ. דאָס קינד שמייכלט. אויך מרימלס ליפּן טיילן זיך פונאַנדער. ער הערט איר קול, קומען פון צווישן די שפּאַלטן אין די ווענט, אָבער און ווידער אַ מאָל חזרט זיך עס איבער: איך בין די גליקלעכסטע פון אַלע טויטע".

אַ שניי־שטורעם אין זומערלאַנד

ווינטער, ווען ניו־יאָרק ליגט געקאָוועט אין שניי, אײַז, און זלידנע זאַווערוכעס, שפּאַנט מײַן מאַן אײַן זײַן אַלטן „פֿאָרד" און, ווי די פֿייגל, הייבן מיר אָן דעם לאַנגן וועג פֿון צפֿון קיין דרום.

אויפֿן וועג, ווען מ׳זיצט מיט פֿאַרלייגטע הענט, טראַכט מען טראַכטעניש. בעת מײַן מאַן טרײַבט דעם וואָגן, כדי וואָס גיכער אָנצוקומען אין דער זוניקער פֿלאָרידע, טראַכט איך פֿאַרוואָס אַזוי פֿיל אויטאָס יאָגן זיך קיין צפֿון, צום שניי, צום אײַז, צו די זלידנע זאַווערוכעס.

איך וועל אָבער ניט אָפּשטעלן אַ יאָגנדיקן אויטאָ און פֿרעגן: סטײַטש? צײַט האָב איך, טראַכט איך ווײַטער. קשיות צו וועלכע קיין ענטפֿער איז ניטאָ, האָבן אַ טבֿע זיך צו מערן. איין פֿריקרע שאלה יאָגט אָן אַ צווייטע און אַ דריטע, און אָן קיין שום לאָגישן איבערגעאַנג קומט מיר אויפֿן זינען מײַן פֿרײַנד, וואָס איז געוואָרן פֿון אַ „פּראָגרעסיוון מענטש" אַ ליובאַוויטשער חסיד.

אַן אַנדער פֿרײַנד האָט געטאָן להיפּוך ער איז געוואָרן אַן אַפּיקורס. ער זאָגט, אַז ער גלייבט ניט מער אין גאָרנישט. ניט אין גאָט, ניט אין מענטשן. דאָס לעבן, זאָגט ער, איז אַ חלאת, אַזאַ מין אָנשטעקנדיקע קרענק, וואָס גייט אַריבער פֿון דור צו דור, עלעהיי מאַזלען. איך הער אים אויס און פּרוּוו זיך ניט אַנטקעגנצושטעלן. אים גייט עס דווקא אין לעבן מיך צו איבערצײַגן, אַז דער גאַנצער אמת ליגט בײַ אים אין וועסטל־קעשענע. אַ שווער געליטענער בעתן חורבן, קוק איך אויף אים ווי אויף אַ מאָדערנעם איובֿ. איך שאָקל מיטן קאָפּ אויף אַלע זײַנע אַרגומענטן. ניט איך קאָן און ניט איך וויל אים אַריבערציִען אויף מײַן זײַט. ס׳נעמט זיך אַוודאי דערפֿון, וואָס איך האָב קיין „זײַט" ניט. איך בין אַ פּאַרעוווער מענטש, אַ מענטש וואָס פֿאַרמאָגט ניט דעם נייטיקן רוקנביין אָפּצושלאָגן דעם צד־שכּנגד. דערפֿאַר טאָקע האָב איך דרך־ארץ פֿאַר יענעמס מיינונג, ווי אויסטערליש זי זאָל ניט זײַן.

מײַן פרײַנד, דער נעאָ־חסיד, האָלט זײַן נשמה־טראַנספאָרמאַציע אונ־טערן אָפּדאַך פון פריוואַטקייט. און דווקא דערפאַר ווײַל ער מײַדט אויס דיסקוסיעס, גראָב איך זיך אײַן — פאַר וואָס און פאַר ווען? ס׳קאָן דאָך ניט זײַן בלויז דערפאַר ווײַל זײַן ווײַב האָט אים געגנט. ער איז דאָך אַזוי גליקלעך מיט דער צווייטער. זי האָט אים געבוירן אַ זון, נאָך וועלכן ער האָט אַלע יאָרן געבענקט. פון דער ערשטער האָט ער צוויי טעכטער, איינע שענער פון דער צווייטער. שיינקייט איז אָבער ניט אַלע מאָל אַ ברכה. שיינקייט, פּונקט ווי חכמה, קאָן גענוצט ווערן סײַ לטובה, סײַ לרעה. און אַפילו אין דעם פּרט פון גוט און שלעכט זענען פאַראַן חלוקי־דעות. ס׳קאָן זײַן אַז דער קידער־ווידער האָט תּמיד עקסיסטירט, אָבער ניט אין אַזאַ צעמישעניש, ממש מעשה־בבל. ניטאָ קיין פאַרבינדונג צווישן עלטערן און קינדער. מײַן פרײַנד האָט זיך, ווײַזט אויס, גענומען צום האַרצן, ווען זײַן עלטערע טאָכטער, וואָס לערנט אין אַ גאָר געהויבענעם קאָלעדזש, האָט זיך אום סאַמע ערב יום־כּיפּור אַרײַנגעשטעלט אין הויז, און דערקלערט די עלטערן, אַז זי דאַרף אַן אַבאָרט. די מוטער האָט זיך אָנגעכאַפּט בײַם קאָפּ.

— שאַ, שרײַ ניט — האָט זיך דאָס מיידל געבייזערט. — ס׳האָט פּאַסירט אַן אַקצידענט!

דער קרישטאָלענער לאָמפּ וואָס האָט באַשטראַלט דעם יום־טובדיק געדעקטן טיש, האָט זיך פּלוצעם אויסגעלאָשן. אויף די זילבערנע לײַכטער איז געפאַלן אַ שאָטן.

— וואָס הייסט אַן אַקצידענט? — האָט די מוטער געשריגן.

— דו ווייסט גאַנץ גוט וואָס איך מיין. — האָט דאָס מיידל קאַלט־בלוטיק געענטפערט.

— און אַז איך ווייס, איז וואָס? זאָל איך זיך אפשר שטעלן טאַנצן?

— דאַרפסט ניט טאַנצן. דאַרפסט אויך ניט מאַכן קיין סקאַנדאַלן. אַלץ וואָס איך בעט בײַ אײַך איז אַ הלוואה פון אַ פּאָר הונדערט דאָלער.

— ווער איז דער טאַטע? אפשר קאָן מען שטעלן אַ חופּה?

— מ׳קאָן, אַז מ׳וויל. איך וויל ניט. איך האָב ניט בדעה צו ווערן אַ מאַמע צו אַכצן יאָר.

יענעם ערב יום־כּיפּור איז מײַן פרײַנד אַוועק אין שול. אומגעקערט

אהיים האט ער זיך נאך געילה. דאס איבערקערעניש וואס איז אנגעגאנגען אין אים יענע יום־כיפור־נאכט, ווייסן בלויז די אותיות פון מחזור, אויף וועלכע ער האט געהאלטן די אויגן אנגעשטעלט, נאר קיין אייניציק ווארט ניט ארויסגעזאגט. בלויז דאס קוקן, דאס פארטיפטע שוויַיגן האט בארויקט זיַין געמיט. די אותיות האבן ארויפגעקוקט צו אים מיט אויגן, וואס זייערע טרערן זענען א מאל אויף די שמות געפאלן. זיי האבן געלינדערט זיַין ווייטיק, אים ממש אנגענומען ביַי דער האנט און אנגעצייכנט א ניַיעם תוכן אויפן אלטן וועג.

אונדזער אלטער „פארד" לויפט, די מיַילן וואס זענען פריִער געווען פאר אים, זענען איצט וויַיט הינטער אים. ער שלינגט ווי אן אכזר די מינוטן, די שעהען, די טעג, די יארן — און אפשר איז עס גאר די ציַיט וואס לויפט פארביַי און איך זיץ אויף איין ארט און לאז זיך אניאגן? איך ווייס אז איך האב קיין ברירה ניט, מיַיד איך אויס צו קוקן אויפן „ספידא־מעטער" איך האב ניט צו ליב צו ציילן די אויף אייביק פארשלונגענע ציַיט. איך ווייס אז דאס טוט שוין עמעץ פאר מיר. ער ציילט אפּ אזוי פיל און אזוי פיל און ניט מער, א מאל דאס אויך ניט. טריַיב איך די אומהיימלעכע געדאנקען. צוליב וואס זיך גריבלען אין השערות ווען איך ווייס ניט ווו איַין און ווו אויס? איך קאן דען עפּעס אפּדינגען? איין מאל איַינגעשטעלט א סיסטעם — און באסטא! נו, מילא, ווי זאגט דער אלטער זינגער? בעל־כרחו דרייט מען זיך. מיט מיַין גורל אבער פיר איך אן אייביקן קאמף. דער אמת איז, אז קיין סך האב איך ניט אויפגעטאן. איך האב באלד ניט געהאט מיט וואס אנצוהייבן מיַין ווידערשטאנד. דאס ביסל האב־און־גוטס וואס איך האב געירשנט, האב איך מיט אייגענע הענט אויף שטיקער צעריסן. איך האב אזוי צו זאגן, ארויסגעצויגן די פעדעם פון אלט־געוועבטע גאבעלענען: פאדעם נאך פאדעם אפּגעזונדערט די סודותדיקע סילועטן, ביז איך בין געבליבן מחוץ־למחנה, צו פירן מלחמה מיט זיך אליין.

דער הימל איבער די „קאראליינעס" איז בלוי און לויטער. די וואטע־פעלדער פוסטעווען. פון איין זיַיט איז דער האריזאנט אפּגעדעקט, פון דער צווייטער זיַיט — וועלדער. ארום נידעריקע היַיזלעך טוליען זיך היימישע גערטנער. דער סאלאט גרינט. א קו פאשעט זיך, די ביימער שטייען ביז

די קני אין וואַסער. אויף איטלעכן בוים אַ נעסט. די נעסטן זענען ליידיק. איך וואָלט וועלן וויסן ווער ס׳האָט געצייכנט די מאַפּע פאַר די קאָמפּלי־צירטע נסיעות פון די פייגל ?

„בעמיע !" — זאָגן די ווייסערס. און אַז זיי זאָגן מוז מען זיי גלייבן. די פייגל קאָן איך דאָך ניט פרעגן. פרעג איך זיך אַליין. שוין אַזאַ טבע ביי מיר אָנצומעסטן מענטשלעכע באַגריפן אויף בעלי־חיים וואָס טיילן דעם פּלאַנעט ערד מיט אונדז. איך נעם זיך אַליין די פּריווילעגיע צו מישפּטן וועלכע חיה איז קלוג, וועלכער פויגל איז שיין. ווי אַ לעגיטימער מיטגליד פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט, שטעל איך זיך פון איינ־געוווינטקייט אָוועק אויפן העכסטן שטאַפּל אויף דעם לייטער פון באַשאַף. אַזוי לאַנג ווי קיין אַנדער בעל־חיים, וואָס לעבט און אָטעמט מיט דער זעלביקער לופט, פרעגט ניט אָפּ מיין חוצפה, גיי איך אָן מיט דעם אָנגע־נומענעם איינשטעל, קוק אויף אַלע אַנדערע באַשעפענישן פון אויבן אַראָפּ.

אָפט קומט מיר אויס צו גיין אין דער ברוקלין־ביבליאָטעק, פון וואַנען איך שעפּ מיין וויסן און דערבליק אויך מיין אומוויסן. אויפן וועג שטעל איך זיך אָפּ אין זאָאָלאָגישן גאָרטן. איך גיי פאַרביי מיט גיכע טריט די שטייגן פון העלפאַנד, פון לייב און פון טיגער. ביי דער שטייג פון די מאַלפּעלעך שטעל איך זיך אָפּ. שוין אַ לענגערע צייט ווי איך פיר אַ שטומען שמועס מיט אַ גאָלד־ברוין מאַלפּעלע. עס קוקט אויף מיר מיט שאַרפע קלוגע אויגן, וואָס לויפן אין אַלע זייטן. ווען זיי שטעלן זיך אָפּ אויף מיר, הייבט אָן מיין איינשטעל לגבי די פירפיסיקע זיך צו צעשמעלצן. פאַרגעסענע העוויות זוכן אַ שפּראַך איבערצוגעבן די געפילן פאַר וועלכע איך אַליין האָב קיין ווערטער ניט. פאַרהוילענע נעדעלעך לויפן אין די שפּיץ פינגער פון מיינע הענט. איך פיל ווי די פינגער מיינע ציִען זיך אויס און רירן אָן די סאַמעט־גלאַטע פעל פון דעם גאָלד־ברוינעם מאַל־פּעלע. זיי דרינגען אַריין אין זיין געדיכטן פעלץ צו זוכן דעם אומפּלייט וואָס זויפט זיין בלוט. איך פיל ווי מיינע אויגן פילן זיך אָן און גייען איבער. קער איך זיך אָפּ. איך וויל אים ניט איבערגעבן מענטשלעכע קאָמ־פּלעקסן. זאָל עס זיצן אין פאַרצוימטן גן־עדן, וואַרטן אויף אַ פרייען מאַלצייט. זאָל עס שלינגען די צוגעוואָרפענע באַנאַנעס, טרינקען וואַסער פונעם פּלומפּ. זאָל עס זיך דראַפּען אויף די ראַמפּעס און מיינען אַז דאָס

זענען ביימער. זאָל עס טראַכטן אַז היינט איז אייביק, אייביק לעבן, אייביק ליבן, אייביק טראַכטן, אַז איצט איז אייביק...

אויפן וועג צו דער ביבליאָטעק ווערט מיר קלאָר פאַר וואָס חוה האָט געזוכט די געזעלשאַפט פון דער שלאַנג. מיט אדמען האָט זי ניט געפירט קיין שמועס. ווי זיין באַשעפער האָט אים געבאָטן, אַזוי האָט ער געטאָן. סורפריזן פון אים האָט זי ניט געקאָנט דערוואַרטן. האָט זי געניגט איר אויער צו דער שלאַנג. זי האָט טאַקע פאַרשפּילט אַ פריי־ען מאַלצייט, אָבער זי האָט געוווּנען זעלבסשטענדיקייט.

איך גיי מיט פאַמעלעכע טריט. איך טראַכט, אויב ס'האָט פּאַסירט איין מאָל, קאָן עס גרינגלעך טרעפן נאָך אַ מאָל. אויב ניט אַ שלאַנג פון גן־עדן, קאָן עס זיין אַ באַשעפעניש פון אַנדערע וועלטן, ערגעץ פון דער טיפעניש פון דער גאַלאַקטישער סיסטעם. ניטאָ קיין נייס אונטער דער זון, — זאָגט מען. אַלץ חזרט זיך איבער. ס'קאָן געמאָלט זיין, עס זאָל קומען אין דער פולער געשטאַלט פון יענער קלאַסישער שלאַנג, איידער זי האָט פאַרלוירן הענט־און־פיס, דעם כוח פון וואָרט, דעם שווונג פון געדאַנק, די גבורה פון ווילן!

פרעגט זיך אַ שאלה: ווי אַזוי וועלן מיר זיך צונויפרעדן? די קאָס־מישע אורחים וואָס פאַרפליצן די טעלעוויזיע רעדן אַלע ענגליש. דאָס איז טאַקע גוט און פיין. ס'קאָן אָבער טרעפן, אַז דער אורח רעדט „סוואהילי" און פאַר וואָס ניט דאָס לשון פון פייגל, פון חיות, מיטן קול פון ווינט, מיטן ברום פון ים? וועלן מיר אים פאַרשפּאַרן אין אַ שטייג, אַריינשטעלן אין אַ צירק?

איך גיי און מיין שאָטן גייט מיר נאָך ווי אַ היגטעלע ביי דער זייט. שאָטנס פאַסצינירן מיך. זיי דערמאָנען מיך אין עפּעס פאַרגעסנס. איך זע דעם שאָטן ניט ווי אַן אַבסטראַקציע וואָס האָט קיין האַפט ניט. ביי מיר איז דער שאָטן די געשטאַלט אין שטיין, דאָס וואָרט אין געדאַנק, איידער עס קומט צום אויסדרוק.

אַריינגעקומען אין דער ביבליאָטעק, פאַרגעס איך אַלע גריבלענישן. איך קלייב אויס צוויי ראָמאַנטישע ביכער, „אַנאַ קאַרענינאַ" און „מאַדאַם באָוואַרי" איך בין אַ בעלנטע צו זען נאָך אַ מאָל און ווידער אַ מאָל וואָס זיי האָבן געוווּנען, און וואָס איך האָב פאַרשפּילט. און אפשר וויל איך

מיך אַליין טרייסטן, אַז מיר איז גאָרניט אַזוי שלעכט אין מײַן אַליין געמאַכטער תּפֿיסה? ברעכן קראַטעס איז נאָך אַלץ אַ העראָישער אַקט. נאָראַס פֿראַל מיט דער טיר האָט טאַקע אָפּגעהילכט איבער דער גאָרער וועלט. נאָר ווי אַזוי די אָפֿענע וועלט האָט זי אויפֿגענומען, דאָס האָט איבסען ניט דערציילט.

פֿאַרטאָן אין מײַנע אייגענע אַוואַנטורעס, האָב איך ניט באַמערקט ווען מיר זענען אַריבער דעם תּחום פֿון איין שטאַט אין אַ צווייטן. דער זעלביקער הימל. די זעלביקע ערד. ניין, די ערד אין דזשאָרדזשיע האָט אַ רויטלעכן קאָליר. און דער הימל וואָס איז אויף יענער זײַט גבֿול געווען בלוי און לויטער, האָט זיך פּלוצעם באַהאַלטן אונטער אַ שווערלײַביקן וואָלקן. די לופֿט איז פֿול געוואָרן מיט קראָען־געפֿילדער. דעם אָפֿענעם האָריזאָנט האָט אַ שוואַרצער וואַלד פֿאַרשלונגען. בײַ דער זײַט פֿון אַ ריוו ליגט אַ געפּגרט פֿערד. אַן איינציק שנייעלע פֿאַרהאַלט זיך אויף מײַן פֿענצטער. באַלד קומט אַ צווייטס. ווײַסע פֿליטערלעך פֿליִען אין אַלע זײַטן, ווי בײַם באַדעקן אַ כּלה.

— וואָס טוסטו, שרײַבסט לידער? — פֿרעגט מײַן מאַן מיט אַן אויפֿוואָרף. בעת ער טרײַבט דעם אויטאָ, דאַרף איך היטן יעדן שינוי אין וועטער. דאָס איז אין מײַן אחריות, אָדער בעסער געזאָגט, עס דאַרף אַזוי זײַן וועדליק אַלע כּללים פֿון דער לאָגיק. נו גיי רעד צו דער לאָגיק ווען זי איז אויף וואַקאַציע.

דערווײַלע שיט אַ שניי, גאָרניט קיין דרומדיקער. דער יונגער־מאַן וואָס האָט אָנגעפֿילט אונדזער טאַנק מיט בענזין, האָט אונדז אָבער גע־וואָרנט אַז אַ שניישטורעם ציט אין אונדזער ריכטונג. גיי טראַכט ווען אַ שניישטורעם ווען דער הימל איז לויטער ווי אַ פֿריש געלייגט אייעלע. די זון איז אַזוי שאַרף, אַז איך מוז אַראָפּרוקן די קלאַפּע איבער מײַן פֿענצטער. פֿון דעם שפּיגעלע וואָס אויף דער קלאַפּע שווימט אַרויס צו מיר אַ בלייך פּנים, די האָר צעפּאַטלט. אומבארחמנותדיקע קנייטשן דער־ציילן וואָס איך פּרוּוו צו פֿאַרדעקן. דאָס פּנים דערמאָנט מיך אין מײַן מומע רחלע. אַזוי האָט זי אויסגעזען ווען זי פֿלעגט זיצן בײַם פֿענצטער, אַרויסקוקן אויפֿן „פּראָספּעקט־פּאַרק” און מיטן ניגון פֿון דער „צאינה־וראינה” אַרויסזינגען איר וועלטבאַנעם: אַזוי, אַזוי קינד מײַנס, אַלצדינג

אויף גאַטס ערד באַנײַט זיך, ביימער בליִען, דאָס גראָז וואַקסט, נאָר דער מענטש ווערט פאַרוויאַנעט, אבער נאָך אבער שטאַרבט אָפּ. ער גיט אָפּ די נשמה צום באַשעפער און דעם גוף צו דער ערד פון וועלכער ער איז באַשאַפן געוואָרן...

דער טויט רופט בײַ מיר אַרויס מער בושה ווי שרעק. איך האָב זיך געשעמט ווען מײַן מאַמע איז געשטאָרבן. איך האָב זיך געשעמט פאַר אירעט וועגן און אויך פאַרן לעבן, וואָס איז פאַרמישפּט צום טויט. וואָס הייסט אַ מענטש גייט און שטאַרבט אין סאַמע בלי? זי האָט זיך אָקערשט געקליבן צו פאָרן קיין קריניצע. פאַר דער נסיעה אין יענעם באַרימטן וואַרעמבאָד, האָט זי געלאָזט אויפנייען אַ בלויען קאָסטיום, געקויפט אַ הוט מיט פעדערן און אַ שירעם מיט רויטע קאַרשן אויפן הענטל. דער קאָסטיום און דער שירעם זענען געבליבן אין קופערט. דער הוט מיט די פעדערן, אײַנגעהילט אין זײַדפּאַפּיר, האָט געשמאַכט אין שאַכטל אויף דער שאַפע. איך האָב זיך אויך געשעמט פאַרן הוט, פאַרן שירעם, און דער עיקר פאַר די רויטע קאַרשן.

איך פאַרבייג צוריק די קלאַפּע מיטן שפּיגעלע. איך קאָן נאָך אַלץ ניט אָננעמען דאָס אומפאַרמײַדלעכע. סײַ אין חלום, סײַ אויף דער וואָר בין איך נאָך אַלץ יענע. נישקשה, טראַכט איך, אַ וואָך צײַט אין דער זון, שווימען אין מילדן ים־וואַסער, וועלן די קנייטשן זיך אויספּרעסן, איך וועל צוריק קריגן קאָלירן, אָפּנאַרן די וועלט און אפשר זיך אַליין אויך?

— שלאָפסט? — פרעגט מײַן מאַן, שוין אין גאַנצן אַרויס פון די כּלים. דו האָסט זיך נאָך אַלץ ניט אויסגעלערנט אַז אַ מאַשין איז ניט קיין לידל. אַ מאַשין ווייסט ניט פון קיין קונצן. זעסט ניט וואָס ס'טוט זיך אַרום דיר? אוווּ איז „האַוואַרד דזשאָנסאָן", „האָלידעי־אין". אויסגע־טריקנט? וואָלסטו ניט געחלומט וועגן דײַנע נאַרישקייטן, וואָלסטו געזען די מודעות, אַזוי וועלן מיר נאָך בלײַבן שטעקן אויפן וועג.

מײַן מאַן גלייבט אַז ער האָט אַ רעכט צו קאָנטראָלירן מײַנע געדאַנ־קען. ער געהערט נאָך צום אַלטן חדר. בײַ אים גייט אַלץ מיט אַ סיסטעם, קוים גייט עפּעס אַרויס פון זײַן אײַנגעשטעלטן סדר, פאַרלירט ער דעם קאָנטראָל איבער זיך און איבער יענעם. איך ווייס אַז ער איז אויפגע־רעגט, ענטפער איך קיין וואָרט ניט. אומזיסט זוך איך „האַוואַרד דזשאָנ־

סאָנס" רויטן דאַך, וואָס לאָזט זיך געוויינטלעך זען פון מײַלן ווײַט. די נאַכט פאַלט צו. דער אויטאָ גליטשט זיך. דער שניי וואַגאַבונדעוועט. די סכּנה איז גרויס. מײַן מאַן לאָזט אויס דעם כּעס צום פּעדאַל. ער דריקט מיטן פוס אַראָפּ, אַראָפּ. דער אויטאָ לויפט ניט, ער פליט. זען זעט מען גאָרניט, ניט די מאַשינען וואָס לויפן פאַר אונדז און ניט די וואָס קומען אהינטער. פּלוצעם — דער פײַף פון אַ סירענע. וועמען לויפט מען נאָך? מײַן מאַן נעמט אַוועק דעם פוס פון פּעדאַל. דער אַלטער „פאָרד" גליטשט זיך. דער פײַף פון דער סירענע קומט נעענטער. שטעלט זיך אָפּ לעבן אונדז. אַ פּאָליציי־מאַן קלאַפּט אָן אין פענצטער. ער בעט די ליצענץ אין אַ העפלעכן טאָן. נו מילא, זיצט מען שוין אין געהאַקטע ווונדן און מ'וואַרט אויפן פּסק־דין. ניין, ער האָט ניט די אויטאָריטעט צו פאַרענדיקן דעם ענין. פאַר טרײַבן אַכציק מײַל אַ שעה מוז מען געבראַכט ווערן צום „שעריף".

נו, פאָרן מיר שוין אויף צוריק. דער פּאָליציי־אויטאָ פאָרויס און מיר נאָך אים. דער שײַנוואַרפער פון זײַן אויטאָ באַלײַכט דעם וועג. די לאַנדשאַפט ווי פון אַ מעשה־ביכל, פרעמד און פאַנטאַסטיש: ווײַסע פעלדער, גאָלדענע שניי־פליטערלעך פון פּאָליציייִשן ליכט. נאָך צוויי לאַנגע מאָנאָטאָנע טעג פון זיצן אין אויטאָ און קוקן אויף אַ לאַנדשאַפט וואָס בײַט זיך ניט, איז אַפילו אַ פּאָליציאַנט אין אַ זאַווערוכע־נאַכט אַן אָנגעלייגטע אַוואַנטורע. דאַרף עס דאָך זײַן גוט? ניין, טויג עס ערשט ניט. די געדאַנקען בושעווען ווי דער שניי אין דרויסן: פון וואַנען ביסטו אַזוי זיכער, אַז דער אײדלרעדנדיקער פּאָליציאַנט איז ניט קיין פאַרשטעלטער באַנדיט? זײַן פּאָליציי־קאַר קאָן אויך זײַן אַ גערויבטע, שוין געהערט אַזעלכע זאַכן. אפשר איז ער גאָר אויסן אונדז צו באַרויבן, אויב ניט ערגערס? מ'זעט ניט קיין יישוב. ער וועט אונדז אַוודאי צופירן צו אַ פאַרוואָרפן אָרט, וווּ אַ האָן גיט קיין קריי ניט און אַפּטאָן זײַן שטיקל אַרבעט... בײַ דער שײַן פון פּאָליציייִשן שײַנוואַרפער זע איך ווי בלייך מײַן מאַן איז. צי איז ער אויך חושד אַז עפּעס איז ניט כּשר?

איך דערוועג זיך ניט צו פרעגן. אין דמיון זע איך שוין ווי ער שטעלט אונדז אָפּ אין מיטן וואַלד, באַפעלט אונדז אַרויסצוגיין פון אויטאָ. מיטן

געלאָדענעם רעוואָלווער אין האַנט, הייסט ער אויסליידיקן די קעשענעס, אָפּגעבן צירונג, געלט. ווערטפּאַפּירן, ער נעמט אויך צו דעם אַלטן „פאָרד״ ער גיט אים איבער זײַן שותּף, וואָס ליגט די גאַנצע צײַט באַהאַלטן אין זײַן אויטאָ, ער לאָזט אונדז שטיין אין מיטן וואַלד און זיי פאָרן אַוועק מיט ביידע אויטאָס.

דאָס וואָלט נאָך ניט געווען אַזוי שלעכט, טראַכט איך ווײַטער. ס׳קאָן זײַן ערגער. וואָס קאָן זײַן ערגער? — פרעג איך זיך אַליין, באַרויבט, און באַגזלט און געלאָזט שטיין אין אַ פינצטערן וואַלד אָן אַן אָפּדאַך, אָן אַ צודעק. דערצו טראָג איך נאָך אָפּענע שיך, אַ לײַכט זשאַקעטל. אויך מײַן מאַן האָט זיך שוין איבערגעטאָן אַזוי ווי ס׳פּאַסט פאַר אַ וואַרעמען קלימאַט. נישקשה, רוקט זיך אונטער אַן אַנדער געדאַנק: איין נאַכט אין וואַלד וועט אונדז, חלילה, נישט אומברענגען. פאַרקערט, מיר וועלן האָבן די געלעגנהייט צו פילן דעם טעם פון אונדזערע ברידער און שוועסטער, אויב אַפילו ניט מער ווי אויפן שפּיץ מעסער...

פאַרטיפט אין גרויל פון יענער טראַגישער צײַט, האָב איך זיך געפילט אַנטוישט ווען מיר זענען אַרויס פון וואַלד. ליכט האָט געפלייצט פון אַלע זײַטן. מ׳האָט שוין געקאָנט זען די שרײַענדיקע רעקלאַמעס פון „האָוואַרד דזשאָנסאָן״ און „האָלידעי־אין״. דער פּאָליציאַנט האָט אונדז צוגעפירט צו אַן איינשטאָקיק הויז. דאָס שילדל אויף דער טיר האָט באַשטעטיקט, אַז דאָ איז דער זיצאָרט פון לאָקאַלן „שעריף״. דזשאָן מעקמילן.

מיר זענען אָפּגעקומען מיט פופציק דאָלער שטראָף.

— גם זו לטובה — זאָגט מײַן מאַן, שוין אין גאַנצן אַ באַרויקטער.
— ווער ווייס פון וואָס פאַר אַן אומגליק דער פּאָליציאַנט האָט אונדז געראַטעוועט? מיר האָבן זייער פײַן געקאָנט אַריינקראַכן אין אַ בוים, אָדער געניזוקט ווערן פון אַן אויטאָ הינטער אונדז. אין אַזאַ ווילדער זאָווערוכע זאָל מען אָפּגעהיט ווערן וואָס עס קאָן פּאַסירן.

און אָט איז שוין דער „האָלידעי־אין״, אַ געראַמער צימער, אַ ריינע וואַנע. וואַרעם וואַסער. דאָס בעט אויסגעבעט. ווײַסע קישנס, וואָלענע דעקן. אויפן נאַכטטישל אונטערן ראַזעווען אַבאַזשור, צוקערקעס דאָס האַרץ צו דערקוויקן. איך שטיי בײַם פענצטער און דערוועג זיך ניט הנאה

צו האָבן פון די אַלע גוטע זאַכן. איך זע יענעם ווײַטן וואַלד, פון וועלכן קיין אויסוועג איז ניט געווען. איך זע די פּנימער פון אייגענע און פרעמדע. מיר ווילט זיך פאַרנייגן דעם קאָפּ צו דר׳ערד און בעטן מחילה בײַ די ביינער וואָס זענען צו קבורה ניט געקומען. איך שטיי נאָך לאַנג און טראַכט, נאָר איך טו גאָרנישט ניט.

הערשעלע דער טוקערינס

אַ מאָל איז געווען אַ ייִד מיט אַ ייִדענע, אַ גאָט־פאַרכטיק פּאָר־פאָלק. זיי האָבן געוווינט אין אַ הײַזל בײַם ברעג פון טײַך אין שכנות מיט דער באָד און מיט דער קערנעצע פון וואַנען דאָס שטעטל האָט געשעפּט וואַסער.

דער ייִד איז געווען אַ בלעכער. ער האָט די מלאָכה געירשנט פון זײַן טאַטן, אין איינעם מיטן שטיבל, מיט די בלעכן, צינק און האַמער. ער האָט אויך געירשנט די ווײַבער וואָס זענען געקומען מיט זייערע צעלעכערטע טעפּ, דער בלעכער זאָל זיי פאַרלייטן. דאָס זענען מערסטנס געווען ווײַבער פון אָרעמען שטאַנד. האָט איינע געהאַט גאָט אין האַרצן, האָט זי אים צוגעוואָרפן אַ פּאָר גראָשן. אלא ניט — האָט דער בלעכער אויפגעהויבן די אויגן צום הימל, דער וואָס לעבט אייביק וועט שוין מוזן ממלא זײַן. אפשר וועט בײַ אַ רײַכן פויער דער בלעכענער דאָך זיך צעברעכן ? אַן אָרעמער פויער האָט דאָך ניט קיין בלעכענעם דאָך. דער וואָס האָט יאָ, לייגט אַ לאַטע אויף אַ לאַטע. פאַר אַ טאָג לאַטעס לייגן, קריגט דער בלעכער אַ טוץ אייער, אַ הון אויף שבת, אַ מעסטל קאַרטאָפל און זומער־צײַט אויך אַ ביסל גרינס פון גאָרטן.

פון די פאַרדינסטן האָט מען קיין מלבוש ניט געקאָנט אויף זיך אַרויפציִען. שיך האָבן זיך צעריסן. הויזן האָבן זיך אויסגעריבן. אַ לײַבל אויפן לײַב, אַ קליידל פאַר דער ייִדענע אין שול אַרײַן צו גיין. ווינטער, ווען די שקצים האָבן זיך געגליטשט אויפן טײַך, האָבן זיי אין איין וועגס אויסגעהאַקט דעם בלעכערס שויבן, גלאַט אַזוי מקיים צו זײַן אַן אַלטע מיצווה.

אַזוי ווי דער ייִד מיט דער ייִדענע האָבן געוווינט אין שכנות מיט דער באָד, איז די בלעכערקע באַין ברירה געוואָרן אַ טוקערין. זי האָט די מלאכה באַטראַכט פאַר אַ הייליקער טוונג. מיט גרויס התפּעלות האָט זי געמאַכט די ברכה על טבילת הנשים. ווען זי האָט אויסגערופן: כּשר,

כשר, כשר! — האָט זי בפירוש געהערט ווי אַ בת־קול פון דער הייך האָט איר אָפּגעענטפערט: כשר, כשר, כשר... דעמאָלט איז דאָס ווײַבל אַרויסגעקומען פון דער מקוה שײַנענדיק ווי אַ מלאך וואָס טראָגט אין זיך דעם סוד פון ווערן.

אין שיינעם זומער נאָכמיטאָג, ווען די ווײַבלעך זענען אַ היים געגאַנגען, און אין באָד האָט שוין געטונקלט, איז די טוקערין אַליין אויך אַרײַן אין מקוה. שוין דאָס פערטע יאָר ווי זי לעבט מיט איר מאַן, היט אָפּ אַלע דינים, נאָר די טראַכט אירע רירט זיך ניט, ליגט פאַרפרוירן ווי אַ שטיין צו ווען די זון קומט ניט צו.

יענעם אָוונט איז זי אַרײַן אין שטוב אָן אויפגעלייגטע. זי האָט פאַרקאָכט אַ קאַשע פון גראָבע גרויפּן, אַרײַנגעלייגט אַ פליגל פון אַ הון, אַ פיסל פון אַ קאַטשקע, פאַרבראָקט מיט גרינעם פעפער, מיט טרוקענע שוואָמען, אונטערגעשלאָגן מיט אַ געבדזן איי.

אין זכות פון שרה, רבקה, רחל און לאה, האָט זי אויסגעליידיקט דעם בוטל פון פאַריעריקן ווישניאַק און דערלאַנגט איר מאַן ער זאָל מאַכן אַ ברכה. דער בלעכער וואָס איז אַ גאַנצן טאָג געזעסן אויף אָן אָנגעהיצטן דאַך, האָט ממש געפילט ווי דער ווישניאַק גיסט זיך צונויף מיט די הייסע זונשטראַלן וואָס ער האָט אײַנגעזאַפּט. ער האָט אויסגעציקלט די ברכה מיט אַ יום־טובדיקן ניגון. דערנאָך האָט ער אַ קוק געטון אויף זײַן ייִדענע, וואָס האָט אָקערשט אָפּגעציילט איר פינעף אין צוואַנציקסטן זומער, און אים איז געוואָרן הייס אין אַלע אברים. דער ווישניאַק האָט געשפּילט, און ער האָט זיך צעזונגען מיט אַ געזאַנג וואָס האָט געקוועלט אין אים. „איך צו דיר / און דו צו מיר / טרינק דו, / און גיב מיר".

און ווײַל אין שטוב איז געווען הייס, און די לעצטע זונשטראַלן האָבן זיך געלייגט בײַ די פיס — האָט די טוקערין אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דאָס אייבערשטע קליידל, דאָס אונטערשטע איז ווי פון זיך אַליין אַראָפּגעפאַלן.

יענע זומער־נאַכט איז די טוקערין פאַרגאַנגען אין טראָגן. צו דער צײַט האָט זי געבוירן דעם בלעכער זײַן הייס־באַגערטן זון. זיי האָבן אים גערופן הערשעלע, נאָך דער טוקערינס טאַטן, הערש־בער, דעם דרדקי מלמד. זײַן פרומקייט האָט פאַרכאַפּט די פאַנטאַזיע פון שטעטל, און מיט דער צײַט אויסגעוואַקסן צו אַ לעגענדע. מ'האָט דערציילט, אַז איידער

דער מלמד האָט זיך געזעצט צום טיש לערנען מיט זײַנע חדר־ייִנגלעך, פלעגט ער זיך צום ערשט טובלען אין טײַך. סײַ זומער, סײַ ווינטער, איידער די זון האָט זיך באַוויזן אויף דער וועלט, האָט מען אים שוין געזען גיין מיטן תּפֿילין־זעקל צום טײַך און פון דאָרט אין שול אַרײַן צו דאַווענען מיטן ערשטן מנין. ווינטער, ווען דער טײַך איז געווען געפרוירן, האָט ער אויסגעהאַקט אַ פּלאָנקע און זיך אונטערגעטונקען. אָפט מאָל ווען דער פראָסט האָט זיך געשטאַרקט, האָבן זיך זײַנע באָרוועסע פיס צוגעקלעפּט צום אײַז און געלאָזט אַ פאַרבלוטיקטן שליאַך נאָך זיך.

הערשעלע איז געוואַקסן מיט אַלע מעלות, געזונט און שטאַרק, שיין ווי דער טאָג און פאַרסודעט ווי די נאַכט. זײַנע האָר זענען געווען קרויזיק־ברוין, די אויגן גרוי, אײַנגערעמט אין שוואַרצע וויִעס. צו זעקס יאָר האָט ער שוין געגוּצט מער ווערטער ווי זײַנע טאַטע־מאַמע. ווו ער האָט די ווערטער גענאַשט, איז געווען אַ רעטעניש. ער פלעגט אָפט אַרײַנ־קומען אין באָד, זיך פאַרשטעקן אין אַ ווינקל, גענאַגט אַ צוקערל וואָס אַ ווײַבל האָט אים געשאָנקען און זיך צוגעהערט צו די גרילן וואָס האָבן געגרילצט אין פאַרבאָרגעניש. הערשעלע קוקט אויף די נאַקעטע ווײַבער. זײַן האַרץ שווילט מיט זיס און זויער ווי די צוקערקעס אין זײַן מויל. אין געדאַנק רירט ער אָן די ווײַסע, נאַסע ווײַבערישע לײַבער. עפּעס זוכט ער און ווייסט אַליין ניט וואָס. ער לויפט אַ היים, נאָר די וויזיעס לויפן אים נאָך. זיי שווימען אַרום אין זײַן דימיון און געפינען אַ תּיקון אויף אַ פאַפּנדעקל, געצייכנט מיט אַן אויסגעלאָשענער קויל. ער באַלעבט די ווײַבער אויף שטיקלעך בלעך. ער לאָזט ניט אויס די ברוסטן, דעם בויך, און דעם סוד פון אַלע סודות.

די וויזיעס טראָגן זיך איבער אין חדר אַרײַן. שרה און הגר, רבֿקה בײַם ברונעם, רחל און לאה. אויך ער וואָלט פאַר רחלען געדינט צוויי מאָל זיבן. און אויב צוויי מאָל פערצן וואָלט נייטיק געווען — וואָלט עס פאַר אים אויך ניט געווען צופיל. ער זעט רחלען מוטער־נאַקעט. זי קומט אַרויס פון מקוה אַ פאַרפלאָמטע: ראָזעווע ליפּן, ראָזעווע וואָרצלען. איר בליק איז אָנגעצילט אין אַן אומבאַקאַנטער ווײַט. ער וויל וויסן וואָס, אָדער וועמען זי זעט? מאָלט ער אויס אַ בלום. די שוואַרצע בלום אויפן ווײַסן פאַפּיר רופט בײַ אים אַרויס אַ כּעס. ער מוז האָבן פאַרבן, ער מוז

איבערטראָגן דעם קאָליר פון דער בלום אויף וועלכער זי קוקט. ער מוז רעפּראָדוצירן דעם ראָזעווען רייץ פון אירע וואָרצלען, דעם צויבער אין אירע אויגן. ער מוז. אָן פאַרב און אָן פּאַפּיר האָט זײַן לעבן קיין ווערט ניט. הערשעלע בײַט־אויס שטיקלעך בלעך פאַר קרײַדלעך פון אַלע קאָלירן. נאָר אויך דאָס באַפרידיקט אים נישט. קנעט ער אויס פון ליים פיגורן און שטעלט זיי אויס צו טריקענען. זײַן פאָטער כאַפּט זיך וואָס דאָ קומט פאָר, נעמט ער צונויף די פיגורן, די שטיקלעך בלעך און די פּאַפּנדעקלעך און וואַרפט דאָס אַלץ אין טײַך אַרײַן.

צוועלף יאָר איז הערשעלע אַלט געווען ווען זײַן טאַטע איז געשטאָרבן. די מאַמע זײַנע איז אַוועק פון באָד און אָנגעהויבן זוכן אַנדערע פּרנסות. אַ פּרנסה וואָס זאָל פּאַסן פאַר גאָט און פאַר לײַט. כאָטש בעקערײַ איז ניט אָנגענומען פאַר אַ געהויבענער מלאָכה, פּילט זי אָבער אַז פאַר גאָט אין הימל איז עס קיין בושה ניט. זי גיט ניט קיין פאַלשע וואָג, רעכנט ניט איבער. שבת, ווען די אָרעמע לײַט לאָזן זיך איבער די הײַזער, האָט זי שוין שישקעס ברויט אָנגעגרייט פאַר זייערע אָפּענע קויבערס. אמת, די אַרבעט איז אַ שווערע. זי באַקט בײַנאַכט, אין דער פרי העלפט איר דער זון צעטראָגן די ברויטן צו די קונדן. איר מערכה האָט זיך אַ ביסל אַ הייב געטון ווען זי האָט אָנגעהויבן באַקן חלה אויף שבת. ס'איז געווען די צײַט ווען יונגע ווײַבלעך האָבן אויסגעטון די שייטלען און זיך באַוויזן אין גאַס מיט אָפּגעדעקטע האָר, מיט נאַקעטע אָרעמס און קליידער ביז צו די קני. אַזוי פאַרקאָכט זענען זיי געווען אין דער נײַער מאָדע, אַז זיי האָבן קיין צײַט ניט געהאַט צו באַקן חלה אויף שבת. דעמאָלט האָט די געוועזענע בלעכערקע גענומען אויף זיך די מיצווה צו באַשײַנען דעם יידישן טיש, ניט נאָר מיט חלה, נאָר אויך מיט ראָזשינקע־ווײַן, ס'זאָל, חלילה, ניט געמאַכט ווערן אַ ברכה איבער יין נסך.

הערשעלע איז מיטגעגאַנגען מיט זײַן מוטער פון הויז, צו הויז. ער האָט געהאָלפן טראָגן די שווערע פּעק. ער האָט זיך צוגעקוקט און אײַנגעהערט וואָס די גאַס האָט צו דערציילן דערנאָך איז ער אַוועק צום טײַך, זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ שטיין און געדימעט. וואָס מער ער האָט געטראַכט, אַלץ ווייניקער האָט ער גערעדט. ער האָט אפשר יאָ גערעדט, נאָר ניט בקול רם. ער האָט גערעדט צו די בויגנס פּאַפּיר אויף וועלכע

ער איז ניט מיד געוואָרן צו צייכענען און מעקן. אין דער לעבעדיקער שפּראַך האָט ער ניט געקאָנט אויסדריקן זײַנע צעשוווּמענע געפילן, צונויפנעמען ברעקלעך און זיי מאַכן גאַנץ. אויך איז ניט געווען צו וועמען צו רעדן. די ייִנגלעך אין זײַן עלטער האָבן אים געהאַלטן פאַר אַ משוגענעם. ער האָט אויפגערודערט דאָס שטעטל מיט זײַן אויסטערלי־שער באַנעמונג. סטאַטש, אַ יונג פון זיבעצן יאָר גייט אַרום באָרוועס, דאָס העמד צעכראַסטעט, די האָר ביז איבער די אויערן, כאָטש גיי און פלעכט אים אויס צעפּ. אויך די מיידלעך האָט ער זייער ווייניק אימפּאָ־נירט. אַפילו דער כּישוף אין זײַנע אויגן האָט ניט געקאָנט בײַשטיין זײַנע באָרוועסע פיס.

הערשעלע האָט זיך אויסגעלערנט שרײַבן נאָטן. זיצנדיק אויפן שטיין, מיט די פיס אין וואַסער, האָט ער פאַרצייכנט דאָס קוואַקען פון די זשאַבעס, דאָס קול פון דער קוקאַווקע, און דאָס סענסיטיווע טרילן פון דער נאַכטיגאַל. הערשעלע האָט זיך ניט געציילט מיט דער עפנטלעכער מיינונג. ער האָט ליב געהאַט מוזיק. איז ער נאָכגעלאָפן די קלעזמער וואָס זענען געקומען שפּילן אויף חתונות. ער האָט ניט גערוט ביז ער האָט אויפגעכאַפּט דעם וואָלעך אויף אַן אַליין־געמאַכטן פײַפעלע. ער איז שוין געווען אַ גרויסער בחור, אַ „ראוי לחופה", — האָט זײַן מוטער געזאָגט. הערשעלע האָט געלאַכט. נאָר אין זײַנע אויגן האָט זיך באַוויזן אַ פײַכטקייט, געוואָרן פול און זיך אַראָפּגעקײַקלט איבער זײַן פּנים, ווי מיקווה־טראָפּנס אויף אַ נאָרוואָס געכשרטער כּלה.

די מיסטעריע פון די טבילה־ווײַבלעך האָט אים קיינמאָל ניט פאַר־לאָזט. זיי זענען אַרײַנגעדרונגען אין זײַן מהות און רק געמאָנט נתגלה צו ווערן אין זייער נאַטירלעכער שיינקייט. הערשעלע פאָלגט אויס זייער באַפעל. ער באַשאַפט זיי און צעשטערט זיי. ער פאַרעמט זיי אויס אין ליים, רונדיקט אויס זייערע גלידער, די העלדזער, די הענט, די פיס. ער שטעלט אויס די ליימיקע פיגורן אַנטקעגן דער זון. „געטשקעס", זאָגט די מאַמע, און ברעכט די הענט. ניט אַנדערש נאָר אַ דיבוק האָט זיך אײַנגענעסטיקט אין איר זונס נשמה. פון צײַט צו צײַט פאַרלייט ער אַ טעפּל, קריכט אַרויף אויף אַ גויִישן דאַך. נאָר זײַן האַרץ איז ניט דערבײַ. ער זיצט אויפן דאַך און זינגט. זײַן שטים באַצויבערט די שיקסלעך. בײַ

זיי זענען זײַנע באַרוועסע פיס קיין מניעה ניט. טייל מאָל ווען ער בלײַבט נאַכטיקן אין שטאַל, כּדי צו זײַן פרי בײַ דער אַרבעט, שאַרן זיי זיך אַרײַן צו אים. זיי דעקן אָפּ זייערע גראָבע לײַוונטענע העמדער און גיבן זיך איבער אָן פּרעטענציעס.

פֿאַר די פֿאַר זלאָטעס וואָס הערשעלע קריגט פֿאַר זײַן אַרבעט, קויפֿט ער אײַן גרויסע בויגנס פּאַפּיר, קויפֿט אײַן בלײַערס, פּענדזלס און פֿאַרב פֿון אַלע קאָלירן. זײַן חלום איז לײַוונט, אַ פּאַליטרע. ער האָט אַזויפֿיל צו דערציילן דעם נאַקעטן לײַוונט. קלאַפּט ער דעכער, פֿאַרלייט טעפּ, נאָר פֿון שיך טראַכט ער ניט. די מוטער קאָן מער קיין חלות ניט באַקן. די אויסטערלישע וועגן פֿון איר זון פֿאַרשאַפֿן איר בזיונות און טרײַבן זי פֿרי פֿון דער וועלט.

הערשעלע בלײַבט אַליין אין שטיבל בײַם טײַך. ווען ער האָט ניט קיין לײַוונט מאָלט ער אויף די ווענט, אויף די טירן, אויפֿן פּריפּעטשיק, אויף דער הרובע. ער מאָלט זײַן טאַטן אויף אַ בלעכענעם דאַך. ער מאָלט זײַן מאַמען בײַ דער מולטער. ער מאָלט דעם טײַך, דעם הימל, דיביימער, נאָר די וויזיעס פֿון די טבילה־ווייבלעך שעפּן זיך בײַ אים ניט אויס.

איינמאָל אין אַ הייסן זומער־טאָג איז אַ פּריצעטע מיט איר סוויטע פֿאַרבײַגעריטן דעם וואַסער־ברעג. די פֿערד זענען געלאָפֿן און אָפּגעשפּריצט זייערע רייטער. זייער געלעכטער האָט צוגעצויגן הערשעלען צום פֿענצ־טער. די באַנדע רײַטער האָבן זיך אָפּגעשטעלט. אַ דאַמע אין הויזן, מיט אַ פֿעדער אין איר הוט, האָט באַמערקט די מאַלערײַ אונטער דער סאַמע סטריכע פֿון בלעכערס דאַך. די מאַלערײַ האָט פֿאַרגעשטעלט אַ רעגנבויגן וואָס נידערט אַראָפּ פֿון דער הייך, נעמט אַרום דאָס פֿענצטער. די שויבן פֿון פֿענצטער זענען באַמאָלן מיט פּאַסטאַראַלע סצענעס. פֿעלד־בלימלעך איך אַקוואַרעל, לײַכטן מיט אַ ניט־דאַיִקן ליכט. אויפֿן סאַמע אונטערשטן שײַבל שווימט אַ פֿרוי אין טונקעלען וואַסער. גאָלדענע האָר כוואַליען זיך, אַנטפּלעקן איר ווײַסע פּלייצע. דער רעגנבויגן פֿאַלט אַרײַן אין וואַסער, רירט אָן איר פּלייצע און ווערט צו נישט.

הערשעלע קוקט און זעט ווי די דאַמע אין די געפּאַסטע הויזן, מיט דער פֿעדער אין איר הוט, טיילט זיך אָפּ פֿון איר סוויטע, גיט אַ צי די

לייצעס און דערנענטערט זיך צום הויז. זי קלאַפּט אָן אין דער טיר און ניט־וואַרטנדיק אויף אַן ענטפער קומט זי אַרײַן אין שטוב.

אָן אַ וואָרט אַרויסצורעדן דרייט זי זיך איבער די ענגע צימערלעך. זי שטעלט זיך אָפּ לעבן יעדער מאַלערײַ. נאָכדעם ווי זי איז אַרומגעגאַנגען צוויי מאָל הין און צוריק, האָט זי אַראָפּגענומען דעם הוט, אַ מיש געטון אירע גאָלד־רויטע האָר, און מיט די הענט אויף די היפטן שטיין געבליבן פּנים אל פּנים מיטן בעל הבית פון הויז. „ווער איז דער מאַלאַזש, דו?" „יאָ, איך". האָט הערשעלע געענטפערט. „ווי רופט מען דיך, שיינער מאַלאַזש?" — האָט זי אַ פרעג געטון האַלב לאַכנדיק, האַלב טראַציק.

הערשעלע שטייט פאַר דער פּריצעטע שטײַף ווי אַ סטאַטוע. ער האָט נאָך אין זײַן לעבן אַזאַ שיינקייט ניט געזען, בפרט אַזוי נאָענט. דער ריח וואָס ציט פון איר צו אים שמעקט ווי מירטן אויפן שלייער פון אַ כלה. „מײַן נאָמען איז הערשעלע". האָט ער ענדלעך געזאָגט. אָן אַ פאַרוואָס האָבן זיךביידע צעלאַכט. „מיך רופט מען יאַדוויגאַ, יאַדוויגאַ קאַזשימנאָוואַ. איר, הערשעלע, רופט מיך יאַדזאַ".

הערשעלע שאַרט זיך הינטערווײַלעכץ. בײַ דער וואַנט בלײַבט ער שטיין. ער נעמט זיך אָן מיט קוראַזש און פרעגט צי זי האָט אויך ליב צו מאָלן?

„איך שפּיל זיך מיט פאַרבן. איר, פרײַנד הערשעלע, האָט טאַלאַנט".

הערשעלע קוקט אויף איר מיט פרעגנדיקע אויגן. ער האָט נאָך קיינמאָל דאָס וואָרט ניט געהערט:

„איר ווייסט ניט וואָס טאַלאַנט מיינט?" זאָגט זי לאַכנדיק. „איר דאַרפט ניט וויסן. איר האָט עס, און דאָס איז גענוג". די פּריצעטע שמייכלט, איר פּנים פלאַמט. זי גייט צו צום פענצטער. „איך מוז שוין לויפן", זאָגט זי. „מײַן סוויטע וואַרט. איר לייענט פויליש?" פרעגט זי שטייענדיק שוין ביי דער טיר. „אַ ביסל". ענטפערט הערשעלע.

„אויב אַזוי איז גוט. זייער גוט. איך וועל צוריקקומען. מיר וועלן צוזאַמען שטודירן די גרויסע מײַסטער. ווייסט איר וואָס עס מיינט אַבסטראַקטע קונסט?" הערשעלע דרייט מיטן קאָפּ אין ביידע זײַטן. בײַ דער טיר דרייט זי זיך אויס צו אים און פרעסט אים אָפּ אַ קוש גלײַך אויפן

מויל. „איר זענט אַן אמת געווינס פאַר מיר. אַן אַנטפּלעקונג, מוז איך זאָגן. איך וועל צוריקקומען, העשעלע. וואַרט אויף מיר".

הערשעלע האָט געוואַרט און זי איז געקומען. טאָג־איין טאָג־אויס איז זי געקומען. זי האָט געבראַכט מיט זיך אילוסטרירטע ביכער, קאַטאַלאָגן, קאַנוועס, פּענדזעלס און דער עיקר זיך אַליין. עס האָט זיך אַנטוויקלט אַ ליבע וואָס נאָר דער טויט אַליין קאָן לעשן. ער האָט זי געמאָלן אַן אָנגעטועגע אין רייט־הויזן, אַ הוט מיט פעדערן אויפן קאָפּ. ער האָט זי געמאָלן אַ נאַקעטע אויפן פאַרשפּרייטעכץ פון בעט. ער האָט זי געמאָלן אויף קאַנווע, געצייכנט אויף פּאַפּיר. ער האָט זי געפורעמט אין ליים, זי אויסגעקלאַפּט אויף פּלאַכטעס בלעך, — ביז איר מאַן איז אָנגעפאַרן אין זיין עלעגאַנטער ברישקע, מיט צוויי סיווע פערד נאָך שפּיץ. ער האָט אַ שטופּ געטון די האַלב־צעבראָכענע טיר און מיט איין שאָס פון רעוואָלווער זיי ביידן דערהרגעט.

בלאָט, בלאָף, אָדער טראַומע

אַ סך יאָרן זענען אַוועק זינט איך האָב געטראַכט, געדענקט, אָדער אַפילו געחלומט פון אַ בלאָט — ביז ס'איז מיר אַליין צו האַנט געקומען.

מײַן טאַטנס אויסטײַטש פאַר דעם וואָרט בלאָט, איז אַזוי געגאַנגען: אַ זלידנע קליפּע גראָבט זיך אײַן אין דער גרגרת. גריזשעט און יאַטערט אַזוי לאַנג און אַזוי ברייט ביז עס פּלאַצט, ווי להבדיל אַ בלאָטער, אָדער אַ בלאָט. אַ בלאָט, האָט ער געזאָגט, קאָן זיך טרעפן מיט יעדן איינעם. אַ מענטש גייט אַ מאָל אויפן היימישן וועג, אַ וועג וואָס ער קען ווי זײַנע צען פינגער, מיט אַ מאָל כאַפּט ער זיך, אַז ער בלאָנדזשעט. די גאַס וואָס ער גייט אַדורך יעדן טאָג פון זײַן לעבן, זעט עפּעס נישט אויס צו זײַן די זעלבע. ניט די הײַזער, ניט די מענטשן, אַפילו דיביימער זענען פון אַן אומבאַקאַנטער ראָדע. און די פייגל אויף די ביימער זינגען ווי מיט ניט דאַיִקע קולות. שטייט דער מענטש און גאַפט ווי אַ נאַר. ס'איז דאָך פּאָרט דאָס אָרט ווו זײַנע פוסטריט האָבן זיך אײַנגעגעסן אין שניי און אין בלאָטעס, אין זוניקע טעג און אין חושכדיקע נעכט — און דאָ אין מיטן העלן טאָג אַזאַ צעמישעניש. די זון וואָס דאַרף גיין צו מערב, ציט גאָר צו מזרח. אַ קאַלטער שווייס באַדעקט זײַן לײַב, אײַלט ער אונטער זײַנע טריט, לויפט אין קרײַז אַרום און אַרום און קומט אַלע מאָל צוריק אויפן זעלבן אָרט ווו דער בלאָט האָט מיט אים געטראָפן.

אַוודאי האָב איך מײַן טאַטן ניט געגלייבט. ער האָט ליב געהאַט איבערצוטרײַבן, דערציילן גוזמאות, וואָס מיט אים אַליין האָט געטראָפן. אָט, למשל, האָט מיט אים פּאַסירט אַזאַ מעשה: ער פאָרט אַהיים פונעם יאַריד. דער טאָג איז אַ מאַרצאָווער, אָבער קלאָר און ליכטיק ווי דאָס אויג פון אַ נײַ־געבוירן עופעלע. די זון, כאָטש נידעריק, האָט שוין פרײַלינגדיק געוואַרעמט. די שקאַפּע איז געלאָפן מיט פוילע טריטעלעך. ער האָט זי ניט אונטערגעיאָגט. געווען נאָך צײַט גענוג אָנצוקומען צו מנחה־מעריב אין שטאָט אַרײַן. און ווײַל דאָס פערדל האָט אַליין געוווסט דעם

וועג, האָט ער אָוועקגעלייגט די בײַטש, אָפּגעלאָזט די לייצעס און געלאָזט דאָס פערד לויפן אויף אייגענעם באַראָט.

ער האָט זיך אַפילו געקאָנט פאַרגינען צו כאַפּן אַ דרימל, נאָר אים האָט געגריזשעט אַ פאַרדראָס וואָס מ׳האָט בײַ אים אויסגעקויפט אַ יאַלעווקע, אַן אַנטיק. זײַן פאַרדראָס איז נאָך מער געוואַקסן ווען ער האָט געטראַכט בײַ וועמען מ׳האָט אים די יאַלעווקע אויסגעקויפט. אַ פויער מיט וועמענס קינדער ער איז צוזאַמען אויפגעוואַקסן. שכנים איבערן פּלויט, פלעגט דער זעלבער פויער אַרײַנברענגען זײַן מאַמען, דער שלאַמקאָווע אַן עוף אויף שבת. דערפאַר האָט זי אים מכבד געווען מיט אַ ווײַסער חלה און אַ פלעצל מיט מאָן — זײַן קאַביטע האָט זיך בשום אופן נישט געקאָנט אויסלערנען די קונץ ווי צו מאַכן זשידאָווסקע מאכלים.

זיצט ער אַזוי, דער טאַטע מײַנער, די אויגן פאַרמאַכט און טראַכט זײַנע טראַכטענישן. פּלוצים פילט ער ווי דער וואָגן האָט זיך אָפּגעשטעלט. ער קוקט זיך אַרום אין אַלע זייטן און זעט ניט קיין מניעה. גיט ער אַ פאָך מיטן בײַטשל, ציט אויס אַ לאַנגן ווי־י־אָ־אָ־אָ, נאָר די שקאַפּע רירט זיך ניט פון אָרט. קריכט ער שוין אַראָפּ פון וואָגן און פאַלט גלײַך אין אַ טיפן שניי אַרײַן. זעט ער דאָך שוין, אַז דאָס פערד איז אַראָפּ פון וועג און אַרײַן אין ראָוו וווּ דער שניי האָט אַ טבע צו ליגן ביז העט נאָך פּסח. נו, מילא, טראַכט ער. ער וועט שוין מוזן אונטערשטעלן אַן אַקסל און אַרויסשלעפּן דאָס פערד־און־וועגעלע צוריק אויפן וועג. און אפשר זאָל ער צוּוואַרטן ביז עמעץ וועט אונטערקומען, אים העלפן אין דער עת־צרה. ווײַל טאָמער חלילה גיט זיך דאָס פערדל אַ גליטש אויף צוריק, דעמאָלט וועלן אים שוין צוויי פּאָר פערד אויך ניט אַרויסשלעפּן.

ווי ער שטייט אַזוי און טראַכט, זעט ער ווי עפּעס רירט זיך אונטערן ווײַסן שניי. אַ שיכּור מסתּמא, און אפשר גאָר אַ הרוג? קומט ער צו נענטער, ס׳איז גאָר אַ שאָף. נײן, אַ באַראַן! אַ באַראַן מיט אַ ווילדן הערנער־געפלעכט, אַ באַראַן אַ ריז. אַזאַ באַראַן האָט ער אַ מאָל פאַרלוירן, שוין אַלס דערוואַקסענער בחור פון אַ יאָר דרײַצן. ער האָט געפירט דעם באַראַן אין שעכטיאַטקע אַרײַן. אויפן וועג איז ער אַרײַנגעצויגן געוואָרן אין אַ שניי־געפעכט מיט ייִנגלעך וואָס האָבן נישט געהאַט עפּעס בעסערס

צו טאָן. ער האָט דעם באַראָן צוגעבונדן צו אַ סלופּ. ווען ער איז צוריק געקומען איז דער באַראָן געוואָרן אַ האָז...

געקומען אין שעכטיאַטקע מיט ליידיקע הענט, האָט אים זיין פאָטער אַראָפּגעצויגן די הויזן און מיט זיין לעדערנעם פּאַסעק אים געשמיסן אויפן הוילן... דאָס געלעכטער פון די קצב־יונגען גרילצט אים נאָך ביז היינט אין די אויערן.

איצט קוקט אויף אים דער באַראָן מיט מילדע גאָלדענע אויגן, עפּעס ווי ער וואָלט אים געפרעגט: „דערקענסט מיך נישט?" אוודאי דערקענט ער אים. טאָקע צוליב זיין ויברח טראָגט ער עד־היום דעם נאָמען „געשמיסענער".

בייגט ער זיך אַראָפּ, דער טאַטע מיינער, דאָס האַרץ ביי אים וואַרפט זיך ווי אַ געקוילעטער אָקס. ער פּרוווט דעם באַראָן אויפהייבן, אַרויפ־וואַרפן אויפן וואָגן. דער באַראָן לאָזט זיך פון אָרט נישט רירן. ער, וואָס גרייסט זיך מיט זיין גבורה, קאָן זיך מיט אַ שעפעלע קיין עצה נישט געבן? מאַכט ער זיך האַרץ, שפּייט אָן אויף די דלאָניעס. דעם באַראָנס גאָלדענע אויגן קוקן אויף אים מיט חוזק. די הערנער ווי געשליפענע קינזשאַלן שטייען גרייט אים דורס צו זיין. דאָס פערד הירזשעט. די זון, אָנגעצונדן רויט, ווי דעמאָלט ווען ער האָט געשפּילט מיט די יינגעלעך אין שניי. און ווי ער גייט אַזוי נאָך דער מחשבה צו יענעם ווייטן, פּיינלעכן, האַרץ־קלעמענדיקן, חרפּה־בושהדיקן טאָג אין זיין לעבן, גיט זיך דער באַראָן אַ שטעל אויף, לאָזט אַרויס אַ מע־ע־ע־ע, אַזש דאָס בלוט ווערט אין אים פאַרקילט. טוט ער זיך אָן אַ כוח, גיט זיך אַ קלאַפּ אין שטערן, שאָקלט זיך אָפּ ווי פון אַ בייזן חלום און דערזעט אַז ער שטייט פאַר זיין אייגענער טיר. די טאַפּאָליע הינטער וועלכער די זון איז אָקערשט אונטער־געגאַנגען, איז איצט פייערדיק רויט. זי ברענט ווי זיין פּנים פון בושה פאַר זיך — און פאַר דעם פאַרשעמטן יינגל פון אַמאָל...

איך האָב זיך דערמאָנט אין מיין טאַטנס מעשה, ווען איך אַליין האָב איבערגעלעבט אַן ענלעכע טראַומע. איך בין ניט געפאָרן ווי מיין טאַטע אויף אַ פערד־און־וועגעלע, אַפילו ניט אין מיין שווערע אין ווענ לכן איך פאַר געוויינלעך פון דאַנען אַהין — און פון דאָרט אַהער. איך בין דאָס מאָל פאַר טשיקאַוועס געגאַנגען צו פוס. ס'איז געווען אין סאַמע

שענסטן חודש מאַי. אַרײַנזעצן זיך אין אַ רײַכערנדיקן אויטאָמאָביל איז מיר ממש פאַרגעקומען ווי אַ זינד קעגן דעם פּעכערדיקן ווינטל וואָס האָט מיך געזאַלבט מיט די געווירצן פון נאָענטן ים. פון די אַרומיקע גערטנער איז אויפגעגאַנגען דער ריח פון פריש געשניטענעם גראָז. און דער צעבליטער בעז האָט מיך פּשוט פאַרשיכּורט. גיי איך מיר אַזוי אַ פאַרפוצטע אין עסיק און אין האָניק צו אַ „דינער־פּאַרטי״, צו וועלכער אונדזערע בעלי־בתּים האָבן אונדז פאַרבעטן. די פּאַרטי איז פאָרגעקומען אין טעמפּל בית־שלום. איך בין געווען געקליידט ווי ס׳פּאַסט פאַר אַזאַ געלעגנהייט: אַ טונקל קלייד מיט אַ ווײַס קעלנערל אַרום האַלדז. אויפן קאָפּ האָב איך געטראָגן אַ היטעלע מיט איין אײַנציקער רויטער פעדער. אַזוי ווי איך בין פון נאַטור אַ פּריוואַטער מענטש, לעב אַזוי צו זאָגן מחוץ למחנה, ווייס איך קיין סך ניט פון וועלטלעכן שטייגער. באַלד בײַם אַרײַנקום אין טעמפּל האָב איך זיך גלײַך דערפילט אויסערן פּלאַץ. פרויען האָבן געטראָגן קליידער מיט טיפע דעקאָלטן אָפּגעדעקטע פּלייצעס האָבן אָפּגעשפּיגלט דאָס ליכט פון די צעצונדענע קאַנדעלאַברעס. אַלע קעפּ זענען געווען פריזירט אין דראָבנע קרײַזלעך לויט דער דזשאָנגל מאָדע. לאַנגע אויערינגען האָבן אַראָפּגעהאַנגען פון יעדן אויער. די העלדזער באַצירט מיט גאָלדענע קייטן, אויף די קייטן פּירקאַנטיקע אותיות וואָס האָבן געגנידערט צו די ברוסטן, אַנגערירט די הערצער, ווי האָרץ מיט קאָפּ וואָלט קיין שייכות נישט געהאַט.

איך האָב געוווּסט, אַז אונדזערע בעלי־בתּים זענען רײַכע מענטשן. אַ חוץ דעם הויז וווּ מיר וווינען, פאַרוואַלטן זיי מיט גאַנצע גאַסן פונעם שטעטל. זיי זענען געזעסן אויבן־אָן, פאַרשטייט זיך. אַרום זיי — די סאַמע געהויבנסטע פון די געהויבענע: דער רבי מיט זײַן ווײַב, דער פּרעזידענט מיט זײַן ייִדענע, דער חזן און די וואָס לאָזן זיך קאָסטן פאַר יעדן טראָפּן כּבוד וואָס ווערט זיי צוגעטיילט.

איך בין געווען אַליין, אָן מײַן מאַן. ער האָט ניט ליב צו גיין אויף אַזעלכע אונטערנעמונגען. געזעסן בין איך בײַ אַ טיש מיט אומבאַ־קאַנטע, נאָענט צו דער בינע וווּ די אונטערהאַלטער האָבן אונטערגעהאַלטן דעם עולם מיט אַזעלכע וואָזשנע לידער ווי די „גרינע קאַזינע״. זייער רעפּערטואַר האָט אויך אַרײַנגענומען ישׂראל־לידער און ענגלישע וואָדעוויל

שלאָגערס, פאַרבראָקט מיט שמאַלצאָווע וויצן. די טאַצן און די פּויקן וואָס האָבן זיי באַגלייט האָבן געקלאַנגט אויפוועקן אַ טויטן.

מײַנע שכנים בײַם טיש האָבן געפירט אַ הייס געשפּרעך. זיי האָבן געטײַטלט מיט די פינגער אויף די קליידער וואָס זענען עכט אָריגינעל פון „דעזײַנערס" האַנט, און ווער עס פאַראַדירט אַן אימיטאַציע. זיי האָבן אויך געוווּסט ווער עס פאַרמאָגט אַ ווינטער־היים אין פלאָרידע, און ווער עס מאַכט בלויז דעם אָנשטעל.

אויך איך האָב געמאַכט אַן אָנשטעל. אַן איך בין כּלומרשט פאַרקאָכט אין צויבער פון די אונטערטענער, אַזוי אַז איך באַמערק ניט דעם סנאָ־ביזם וואָס זיי ווײַזן מיר אַרויס. ס׳קאָן זײַן, האָב איך געטראַכט, ווען איך זאָל זיך געווען פאַרפּוצן אין דעם סאַמעטקלייד מיט די פליטער וואָס שײַנען ווי שטערן, איך זאָל געווען לאָזן אָפּשערן מײַן צאָפּ צו גונסטן דער דזשאָנגל מגפה, וואָלט איך אפשר בײַ זיי אויסגענומען? און נאָך האָב איך געטראַכט, אַז איך וואָלט כאַטש באַדאַרפט אַראָפּצונעמען דאָס היטעלע, די רויטע פעדער שטאַרצט אַרויס ווי אַ פאָן איבערן זאַל. נאָר עפּעס האָט די קליפּה אין מיר ניט דערלאָזט צו אַזאַ אַליין־דערנידערונג. האָב איך אויסעגלײַכט די פלייצע און געלאָזט דעם הוט זיצן אויפן קאָפּ.

ווען ס׳איז געקומען צום מאַלצײַט, האָב איך זיך געקרעקט מיט יעדן ביסן. דערצו איז נאָך דער רבי אַרומגעגאַנגען באַגריסן די חשובע מיטגלי־דער פון טעמפּל. צוקומענדיק צו אונדזער טיש, האָט ער זיך ברייטהאַרציק באַגריסט מיט די מענער. פאַר די ווײַבער האָט ער אויסגעשיט גאַנצע זעק מיט צוגעגרייטע קאָמפּלימענטן. צו מיר האָט ער אויפגעהויבן איין־אייציקן פינגער, ווי עס וואָלט אים נישט געלוינט צו געבן די גאַנצע האַנט.

איך בין געווען אַ ביסל שאָקירט פון זײַן יונגן עלטער. ער האָט אויסגעזען מער ווי איינער פון די אונטערהאַלטערס, ווי אַ ראָש־הקהל. די יאַרמלקע איז אים געזעסן אויפן סאַמע שפּיץ קאָפּ. ער האָט געטראָגן אַ צוגעשוירן בלאָנד בערדל. אַ בלישטשענדיק שטיינדל האָט געשטעקט אין זײַן קראַוואַט. זײַן אַנצוג העל, עלעגאַנט, איז געלעגן אויף אים ווי אויסגעגאָסן. ווײַל די געסט זענען געווען פאַרנומען מיט דער אכילה, האָט ער פאַרגעשטעלט פאַרן עולם מײַנע בעלי־בתּים אין ווערמענס כּבוד

די פּאַרטי איז געגעבן געוואָרן. דערנאָך האָט ער אויסגערעכנט די נעמען פון די סאַמע פּני־העיר, די אייבערשטע פון אייבערשטן, דערנאָך די מיטעלע אייבערשטע, די וויכטיקע און די ווייניקער וויכטיקע — ביז אַראָפּ צום סאַמע דנאָ.

ווי נאָר די מוזיקאַנטן זענען צוריקגעקומען און מ׳האָט צערוקט די טישן, געמאַכט פּלאַץ צום טאַנצן, האָב איך אומבאַמערקטערהייט זיך אַרויס־געשאַרט פון דאָרטן. אַ פּולע לבנה איז מיר אַנטקעגן געקומען, אַ פּאַר־פּלאָמטע, אַ ברייט צעשמייכלטע, ווי אַ פּראָפּעסיאָנעלע מחותנתטע וואָס טאַנצט אויף אַלע חתונות. ווען זי האָט דערגרייכט דעם שפּיץ פון קלויס־טער וואָס שטייט פּונקט קעגנאיבער דעם טעמפּל בית שלום, בין איך שטיין געבליבן מיט די הענט אויף די באָקעס, פאַר אַ ווײַל זיך געוויגט אַהין און אַהער, געשטעלט די פּיס צום טאַקט פון אַלט־פּרענקישער מוזיק, ווי איך וואָלט געטאַנצט אַ ברוגזל, האַלב פאַרשאַרט און אין גאַנצן טראַציק. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז אַלע שטערן אַפּלאַדירן. וואָס מער איך האָב געטאַנצט, אַלץ מער אַרויסרופּעריש איז מײַן טאַנץ געוואָרן. איך האָב זיך געשטעלט אויף די שפּיץ־פינגער, געקנאַקט מיט די קנאַפּל. די פּעדער אין מײַן הוט האָט זיך אויסגעלייגט בײַ מײַנע פּיס, ווי דער פּרינץ אין פּאַרצײַטיקן מעשהלע. און ווײַל דער שטח אויף וועלכן איך האָב געטאַנצט איז געווען געשפּאָלטן האָבן זיך מיינע קנאַפּל אויסגעקרי־מט, זיך געוואַקלט און געדרייט און מיט אַ קרעכץ זיך צעבראָכן. איך אָבער האָב עס ניט באַמערקט. איך בין געגאַנגען גאַס־אויס, גאַס־אײַן, טאַנצנדיק זיך געקרימט און קרימענדיק געטאַנצט. מיט אַ מאָל האָב איך באַמערקט, אַז די לבנה וואָס איז מיר פריִער אַנטקעגן געגאַנגען, שטייט גאָר איצט הינטער מיר. די גאַס, די הײַזער, כאָטש מיט לבנה־שײַן פאַר־גאָסענע — זענען מיר אויס פרעמד. לויט מײַן זייגערל האָב איך שוין פון לאַנג געדאַרפט זײַן בײַ מײַן הויז. קאָן עס געמאָלט זײַן, אַז איך בין אַריבער די בריק און אומבאַמערקטערהייט אַרײַן אין אַן אַנדער שטעטל? קאָן עס געמאָלט זײַן, אַז איך האָב אַריבערגעשפּרײַזט דאָס וואַסער, און ווי יענער מאַן מיט די בלאָנדע לאָקן — די פּיס ניט אײַנגענעצט?...

כדי אײַנצוזאַמלען מײַנע געדאַנקען, האָב איך זיך אָפּגעשטעלט אין מיטן וועג. איך האָב נישט געוווּסט צי זאָל איך זיך פאַרנעמען אויף רעכטס

אָדער אויף לינקס, גיין פאָרויס אָדער גאָר צוריקוועגס. אַוודאי האָב איך געקאָנט אָנקלאַפּן אין אַ ליאַדע טיר און געוווּיר ווערן ווו איך בין אין דער וועלט? נאָר ווידער האָט זיך די קליפּה איינגעשטעלט פאַר מיין כּבוד און ניט געקוקט אויף מיין מידקייט, מיך געצווונגען וויטער צו גיין. בין איך געגאַנגען, שוין ניט מער מיט יענע געפליגלטע טריט נאָר פּאַמעלעכל, באַדאַכט געשטעלט איין פוס פאַרן צווייטן. ווען איך האָב דערזען אַ באַנק האָב איך זיך צוגעזעצט.

ווי מיין טאַטע אַמאָל, דאָרט וויַט, איבער אַלע ניטדאַיִקע בריקן, איבער קיין מאָל מער ימים, ווי ער דאָרט אויפן פערד און וועגעלע, האָב איך אויך דאָ אויף דער באַנק צוגעמאַכט די אויגן און ווי איך בין אַזוי געזעסן אַן אויסגעלייִדיקטע ביז צום גרונט, האָב איך בממש דערזען דאָס מיידעלע פון אַמאָל. אַזאַ דאַרינקע, אַן אויסגעבלייכטע, מיט אַ שוואַרץ פאַרטעכל איבער איר קורץ קליידל. פּונקט ווי איצט דאָ, איז אויך דאָרט ווו זי איז געשטאַנען געווען פאַלנער פרילינג. ניט ביי נאַכט, נאָר אין אַ ליכטיקן פרימאָרגן. דאָס מיידעלע אין שוואַרצן פאַרטעכל שטייט באַהאַלטן ביי דער מילכיקער אונטערן טויער. דורך אַ שפּאַרונע זעט זי ווי די מיידלעך און די יינגלעך פון פועל-הצעיר זאַמלען זיך אויפן פּלאַץ הינטער דער געמיינדע. זיי זענען אַלע פריילעך. זייער טומל און געלעכטער לויפט ווי אַ דראָזש איבער איר לייַב. זיי שטייען אויסגעשטעלט אין גלייַכע שורות, די מיידלעך באַזונדער, די יינגלעך באַזונדער, גרייט פאַרן מאַיאָוון אויספלוג אין נאָענטן וואַלד אַריין. די אָנפירער, מיינסטנס סטודענטן פון העכערע קלאַסן, טשעפּען אַן ווייס-בלויע טאַשמעלעך. דאָס מיידעלע אין שוואַרצן טרויער-פאַרטעך שעמט זיך צו ווייַזן איר פּנים. מ׳האָט איר אַפּליקאַציע צוריקגעוויזן, שטייט זי ביי דער מילכיקער הינטערן טויער. איר האַרץ קלעמט. צו ווערן אַ מיטגליד פון פועל-הצעיר איז געווען איר גרויסער חלום. מאַרשירן מיט אַ פאָן אין דער האַנט, זינגען העברעיִשע לידער, זיך אויפהייבן פון איר בראָכשטול אויף די פליגל פון דער התּקווה און אַוועקפליִען אין לאַנד ווו מאַראַנצן בליִען און ווו ס׳איז זומער אין סאַמע מיטן ווינטער. דאָס מיידעלע האָט ווויל געוווּסט פאַרוואָס מ׳האָט איר אַפּליקאַציע אָפּגעוואָרפן. די פלאַקס-האָריקע פרימאַדאָנע פון דראַמאַטישן קלוב, וואָס לערנט אויך די קינדער זינגען,

איז באַשטאַנען אַנצוהאַלטן דעם פּרעסטיזש פון אַ געקליבענער יוגנט. זי האָט געטענהט, אַז דאָס אַרײַננעמען די טאָכטער פון געשמיסענעם, קאָן מיטשלעפּן מיט זיך די גאַנצע הינטערגאַס. אַזאַ שריט וואָלט אָן צווייפל געשעדיקט די באַציִונג מיט די פּני העיר, די שײַנע בעלי־בתּים וואָס צאָלן פאַר די מונדירן און האַלטן אויף די ביבליאָטעק.

שטייט זי, דאָס מיידעלע, און קוקט אויף די אויסדערוויילטע, די גליקלעכע קינדער. האַנט אין האַנט געשלאָסן מאַרשירן זיי אַראָפּ צו דער רויטער בריק וואָס פירט אין וואַלד אַרײַן. זייערע ווײַסע בלוזקעס פאַר־טונקלען די זון. זייערע געזאַנגען צעשפּאַרן די הימלען. זי זעט בפירוש ווי דער הימל עפנט זיך, ווײַסע מלאָכים מיט צעבראָכענע פליגל פאַלן צו דר׳ערד אַראָפּ... כאַפּט זי זיך דאָס מיידעלע, אַז דאָס איז איר שולד. איר מאַמע איז אין גן־עדן נעמט זיך אָן איר קריוודע. זי האָט זיך אוודאי געשטעלט פאַרן כּסא־הכּבוד און גורם געווען דאָס פאַלן פון די מלאָכים.

דאָס לאַדישטשיקל מיט זויער־מילך וואָס דאָס מיידעלע טראָגט פאַר איר טאַטן אין יאַטקע אַרײַן, איז שוין פון לאַנג וואָרעם געוואָרן, סײַ פון אירע הענט און סײַ פון אירע טרערן.

זיצנדיק אויף דער באַנק האָב איך זיך אָנגעבויגן צו יענעם ווײַטן מיידעלע און מיט גרויס ליבשאַפט אַוועקגעווישט אירע טרערן וואָס זענען איצט געפאַלן אויף מײַן פּנים. איך האָב אַרויסגענומען דאָס לאַדישטשיקל פון אירע הענטלעך און אויסגעגאָסן די זויער־מילך אויפן האַרטן ברוק.

„האָב קיין פאַראיבל נישט, מיידעלע", זאָג איך מיט אַ ווייכער שטים, און ריר אָן מיט די ליפּן איר האַרץ אונטערן שוואַרצן פאַרטעכל. „יענע אַלטע קריוודעס האָבן זיך שוין פון לאַנג אויסגעגלײַכט", זאָג איך שוין אָן ווערטער. און דער טאַטע, ער וועט שוין אויף דיר מער נישט שרײַען. קום, ליבינקע, לאָמיר גיין אַהיים, אַזוי טריט נאָך טריט לויט אונדזער אייגענעם שטייגער...

די נסיעה אויפן טעלעפאָן

ראָז, מײַן רײַכע קוזינע פון אַפּ־טאַון האָט מיך פאַרבעטן אַרויסצו־פאָרן מיט איר קיין טאַנגלוווד.

די געלעגנהייט אַרײַנצונעמען אַ גוטן קאָנצערט אונטערן פרײַען הימל, האָט מיך אַ הייב געטון פון בענקל. דאָס טעלעפאָן־טרײַבל אין מײַן האַנט האָט געקלונגען מיט טענער פון אַ סימפאָנישן אָרקעסטער. סאָפּראַנאָס זענען אַרויס מיט די דינסטע טרעלן. לאַנגהאַריקע מיידלעך האָבן מיט דינע פינגער געצופּט די סטרונעס פון דוד המלכס אַלטע האַרפן. מײַן האַרץ האָט געפּויקט, געטריבן די בלוטן מיט שוימיקן רעש — מיט אַ מאָל האָב איך זיך צעווײנט, אַזאַ אינטענסיווער, שטומער געוויין, ווי נאָר אַ נשמה קאָן זיך פאַרגינען.

אויפן אָרט האָב איך פאַרגעסן אַז מײַן קוזינע קאָן קאַליע מאַכן דעם בעסטן קאָנצערט מיט אַזאַ אינספּירירטער באַמערקונג: אַז זי וואָלט איצט געגעסן דעם בייגל מיט לאַקס, וואָס זי האָט אין איילעניש איבער־געלאָזט אין שטוב אויפן טיש.

מײַן קוזינע איז אַ הי־געבוירענע. בײַ איר אין סאַלאָן שטייט אַ פּיאַנע מיט אַן אָפענעם פליגל. ווען זי נעמט אויף געסט, זעצט זי זיך אַוועק ביי דער פּיאַנע און קלאַפּט אויס אַלע פּאָפּולערע לידלעך וואָס האָבן אָנגעריסן אויף בראָדוויי. דאָס שפּילן אויף דער פּיאַנע גיט איר גרויס חשיבות. די געסט זשאַלעווען ניט קיין קאָמפּלימענטן און זי זשאַלעוועט ניט געטראַנקען און פאַרבײַסן כיד־המלך.

קאָמפּלימענטן זענען בײַ מײַן קוזינע פון גרויסער וויכטיקייט. ווען זי שפּילט, ווערט איר אָרטשי דער גאַסטגעבער. ער דערלאַנגט און נעמט אַראָפּ פון טיש. ער דרייט זיך צווישן די געסט אויף די שפּיץ־פינגער. ער דיריגירט זיי און מאַניפּולירט זיי. ווען אָרטשי פאַרזשמורעט זיינע ממזרישע אויגן און לייגט צו אַ פינגער צו די ליפּן, מיינט עס צו ציִען די אויפמערקזאַמקייט פון זײַנע געסט אויף דער הויכער קוואַליטעט פון זײַן ווײַבס שפּילן. ער ווײַזט זיי אויך אָן ווען צו שווײַגן און ווען צו

אַפּלאָדירן. ניט ווײַל ער איז אַזוי פֿאַרגלייבט אין איר טאַלאַנט. אַרטשי ווייסט, אַז מיט אַ ריכטיקן קאָמפּלימענט אין דער ריכטיקער צײַט, קאָן ער אַפּקויפֿן אַלע זײַנע זינד. מיט זײַן טשאַקען האָט ער טאַקע געוווּנען איר האַרץ און איר פֿאַרמעגן. איך ווייס ניט צי מײַן קוזינע פֿאַרשטייט זיך ניט אויף זײַנע שטיק, אָדער זי מאַכט זיך ניט וויסנדיק וועגן דעם וואָס אַנדערע זעען און ווייסן. איך אַליין האָב אים געזען מיט זײַן געוועזענער אַרײַנגיין אין אַ טײַערן רעסטאָראַן. ער האָט זי געהאַלטן אַרום דער טאַליע און זי האָט הויך געלאַכט. איך האָב געטראַכט, אַז ס'איז אפשר מײַן פֿליכט זי אויפמערקזאַם צו מאַכן? דערנאָך האָב איך געטראַכט, אַז זי ווייסט און וויל פֿאַר יעדן פּרײַז אָנהאַלטן די סינדערעלאַ־מעשה אין וועלכער זי איז פֿאַרוויגט געוואָרן. ביי איר איז דער שטעל, מער ווי דער גאַנג. זי זאָגט, „אַז מ'קראַצט ניט. בלוטיקט מען ניט. ווען דו, מײַן טײַערע קוזינע, וואָלסט ניט געווען אַזוי טיף אַרײַנגעקוקט אין די געדערים, וואָלסטו אויך געווען מיט לײַטן גלײַך". זי באַגלייט דעם שטאָך מיט אַ לאַנגער דרשה, אַזאַ ווי עס פּאַסט דער טאָכטער פֿון מײַן פֿעטער, וועלכער האָט מיך אַהער געבראַכט.

בײַנאַכט אויפֿן געלעגער ווייס איך גענוי וואָס איך האָב געדאַרפֿט זאָגן און ניט געזאָגט. איך האָב ווייניקסטנס געקאָנט זאָגן, אַז ווער ס'וווינט אין אַ גלעזערן הויז, וואַרפֿט ניט אויף יענעם קיין שטיינער. נאָך אַ סך אַזעלכע גרייטע שלאָגווערטער קומען מיר אויפֿן זינען. איך פֿיר אַ לעבעדיקע דיסקוסיע מיט זיך אַליין, אַזוי ביז אין ווײַסן טאָג אַרײַן. דער פּועל יוצא פֿון רעדן צו זיך אַליין, איז אַ שלל פֿון חלומות. אין חלום בין איך אַלע מאָל אַ זיגער. אין דער פֿרי ווען איך קוק איבער דאָס געחלומטע, ווער איך ערשט רעכט אין כּעס אויף זיך אַליין. איך באַפֿאַל זיך מיט זידל־ווערטער, וואָס איך וואָלט ניט געזאָגט דעם ערגסטן שונא.

באַוואָפֿנט מיט אַלע „קלוגע" שלאָגווערטער, לויף איך צום טעלעפֿאָן גרייט צו עפֿענען פֿײַער, אַזוי גיך ווי מײַן קוזינע וועט עפֿענען דאָס מויל. לאָזט זיך אויס, אַז זי איז ניט אין דער היים. צומאַרגנס און איבער־מאָרגן האָב איך שוין קיין חשק מיט איר צו דיסקוטירן, ביז זי קומט ווידער אויפֿן טעלעפֿאָן. זי רעדט און איך הער. די ענטפֿערס וואָס איך האָב צוגעגרייט, האָבן איצט ניט קיין טעם. זי דערציילט מיר אין איין

אָטעם, אַז אַרטשי האָט שוין ווידער דערקלערט וואַפּנשטילשטאַנד: דאָס הייסט, זי רעדט, שרייַט, שפּייַט אויס די גאַל; ער שווייַגט ווי אַ פיש. וואָס דער פּראָבלעם איז, זאָגט זי ניט. ווייַל איך שווייַג, געמט זי אָן אַ דראַ־מאַטישן טאָן: „איך דו קערסט ניט צי לעב איך, צי בין איך טויט? נו, מילא, מיט דיר האָב איך דאָך ניט חתונה געהאַט, אָבער אים מוז איך עפּעס אָפּטון", — העשעט זי אַרייַן אין טעלעפאָן. זי וועט אַרויסציִען די געלטער, אַנטלויפן אין דער וועלט אַרייַן. זי וועט אים פאַרסמען, זיך דערטרינקען. „פאַרוואָס ניט גטן?" — שלאָג איך איר איבער. „דו אַליין זאָגסט דאָך, אַז דו ביסט אַ פּראַקטישער מענטש?"

מייַן קוזינע היפּט איבער מייַן פראַגע. זי נייטיקט זיך ניט אין מייַנע עצות. זי דאַרף אויסנוצן דעם אַרסענאַל וואָס איז געווען געמיינט פאַר אים, האָט ער זי געלאָזט שטיין מיט אַלע ניט־אויסגעשאָסענע קוילן און איז אַוועק פון הויז.

בעת זי רעדט, לויף איך אַרום מיטן טעלעפאָן־שטריק איבערן אַקסל, קאָך דערווייַל אויף קאַווע, כאַפּ אַ בליק אויף די קעפּ אין דער מאָרגן־צייַטונג און פון מאָל צו מאָל, גיב איך אַ ברום אונטער דער נאָז אַזעלכע צו האַנט־געקומענע ווערטער, ווי: נו, טאַקע, אפשר, המ־מ־ם. מיט יאָ און מיט ניין בין איך מער פאָרזיכטיק. מער ווי איין מאָל ביז איך שוין געכאַפּט געוואָרן מיט אַ יאָ, דאָרט ווו איך האָב געדאַרפט זאָגן ניין — און פאַרקערט אויך דאָס זעלבע.

פאַרוואָס דווקא אַזעלכע טיפן קלעפּן צו מיר, וועל איך שוין קיינמאָל ניט וויסן. ס׳איז אַ פאַקט, אַז ניט בלויז פרויען, נאָר אויך מענער וואָס נייטיקן זיך אין אַן אַנשפּאַר זוכן מיך אָפּ. מייַן אַנלען אויף יענעם האָט קיין האָפט ניט געפונען. איך נעם אַ טריט פאַרויס, היפּ איבער דעם צווייטן, ביז איך קום צום דריטן — הענג איך שוין ווידער אין דער לופט.

דאָס מאָל, ווען מייַן קוזינע ראָז האָט מיך פאַרבעטן צו פאָרן מיט איר קיין טאַנגלוווד, בין איך פאַרבלענדט געוואָרן פון דעם ליכט וואָס איז אויפגעגאַנגען פאַר מייַנע אויגן. די שאָטנדיקע זייַט האָב איך ניט געזען. איך האָב געדולדיק אויסגעהערט וואָס ער האָט געזאָגט, און וואָס זי האָט געזאָגט און וואָס פאַראַ טייַערער מעבל איר פרייַנדין לילי האָט אייַנגעקויפט. איך האָב דאָס אַנגענומען פאַר אַ קליינעם קרבן קעגן דער

גרויסער איבערלעבונג, וואָס שטייט מיר פאָר. מעשענע אינסטרומענטן האָבן פלאַץ געמאַכט פאַר אַ פאַרבענקט פידעלע, וואָס איז געלאָפן מיט דראָזש איבער מײַן לײַב. בראַהמס קאָנטשערטאָ האָט מיט גרויס קראַפט אונטערגעהויבן די סטעליע. ווען ניט דאָס טרײַבל אין דער האַנט — וואָלט איך אפשר דעם הימל דערגרייכט. הייכן וועלכע מ׳קאָן מיט דער האַנט ניט דערלאַנגען האָבן אויף מוזיקאַלישע טרעפּ מיך געצויגן אַרויף.
אין סאַמע מיטן טאָג, האָב איך דערזען יענע ווײַטע נאַכט, דערהערט די מוזיק אונטער די שטערן, געפילט זײַן האַנט, געזאָפּט זײַן ריח... אפשר, האָב איך געטראַכט, אפשר געדענקט ער? אויב ער געדענקט, וועט ער זיכער קומען. איך וועל זיך שטעלן פאַר אים אין דער גרייס אין וועלכער איך האָב ניט באַוויזן אַרײַנצוּוואַקסן. ער וועט מיך זען אַזוי ווי איך האָב געזאָלט זײַן, געוואָלט זײַן און ניט געוואָרן. וואָס פאַראַ מדרגה ער האָט דערגרייכט, ווייס איך ניט. אין חלום זע איך אים ווי אַן אינוואַליד. ער זיצט אויפן אינוואַליד־וועגעלע און וואַרט עמעץ זאָל אים פירן... איך דערנענטער זיך הינטן־אַרום. איך נעם אָן די הענטלעך פון זײַן וועגעלע און פיר אים אַוועק פון דעם המון. איך פיר אים צו יענער נאַכט, צו דער שעה, צו דער רגע, וואָס איז שטיין געבליבן אין זכרון.

„פאַרוואָס דו?", שעפּטשע איך אים אין אויער אַרײַן. „עמעץ, ערגעץ, האָט זיכער געמאַכט אַ טעות. איך האָב געזאָלט זײַן קאַמיל — איז אָבער דער אַלטער דומאַ אַרויס פון דער מאָדע. דו דאַרפסט מיר ניט זאָגן ווען און ווי אַזוי דאָס אומגליק האָט פּאַסירט. יעדער איבערגאַנג מאָנט זײַן קרבן".

איך שטופּ דאָס וועגעלע און רעד. איך בין אַזוי פאַרטיפט אין מײַנע רעיונות, אַז איך הער ניט וואָס דער אָרקעסטער שפּילט — ביז מײַן קוזינעס קול שרײַט אַריבער אַלע ווײַטן: „וואָס איז דער מער מיט דיר, ביסט אײַנגעשלאָפן?"

אַזוי האָב איך פאַנטאַזירט ביז צום טאָג פון דער נסיעה. ווען איך האָב זיך דערנענטערט צו איר הויז און דערזען מײַן קוזינע שטיין מיט לילין פאַר איר שפּאָגל נײַעם קאַדילאַק, האָב איך זיך גיך פאַרקירעוועט אין דער פאַרקערטער ריכטונג און גענומען דעם סאָבוויי צום צענטראַל פּאַרק אויסצוזיצן מײַן בענקעניש אונטער אַן אײַנזאַמען בוים.

גערעטעוועט אַ ייִדישע נשמה

ער איז געזעסן מיטן קאָפּ געבויגן ביז אַרונטער צום האַרצן. ער האָט זיך אײַנגעהערט צו דעם יונגן רבי וואָס איז געשטאַנען ביים שטענדער און מספיד געווען די פרוי וואָס איז שוין געלעגן פאַרקלאַפּט אין אַ פּריש לאַקירטן קאַסטן.

דער יונגער רבי מיט דער יאַרמולקע אויפן שפּיץ קאָפּ, מיטן צוגע־שוירענעם בערדל, האָט די פאַרשטאָרבענע פרוי ניט געקענט. אַלץ וואָס ער האָט געוווּסט וועגן איר — איז געווען דאָס וואָס מ׳האָט אים געזאָגט מיט אַ פערטל שעה פאַר דער לוויה. אייגנטלעך איז דאָס אויך ניט נייטיק געווען. ער האָט געקאַנט דעם מאמר פון אויסנווייניק. ער האָט זיך בלויז געצייטיקט אין אַ פּאָר טרוקענע פאַקטן, ווי עלטער, שטאַנד, קינדער, אַ מאַן ? דאָס איבעריקע איז שוין געווען סטאַנדאַרט.

אויפן שטענדער פאַר אים איז געלעגן אַן אָפן ספרל. כדי אויסצופילן די דרײַסיק מינוטן, האָט ער צווישן איין פּיקטיוו בילד און אַ צווייטן אַריינגעבראַקט פּראָזן פונעם אָפענעם ספרל, וואָס קיינער פון די אַנוועזנ־דע האָט במילא ניט פאַרשטאַנען. ער האָט גערעדט וועגן אַן אשת־חיל וואָס האָט געווידמעט איר לעבן פאַרן וווילזײַן פון דער משפּחה. זי איז געגאַנגען אויפן דרך פון איר מאַמען, פון איר מאַמעס מאַמע און די מאַמעס פאַר זיי, ביז צוריק צו שרה, רבקה, רחל און לאה. זי האָט געצויגן דעם פאָדעם מיט גרויס אַחריות און מיט דער זעלבער אַחריות אים איבערגעפלאַנצט אין די הערצער פון אירע קינדער לדור דורות.

אַ מאַן וואָס איז געזעסן אויף דער לעצטער באַנק אַליין, האָט געהאַלטן זײַן רעכטע האַנט אין בוזעם־קעשענע, פּונקט אויף דעם אָרט ווו עס האָט גערוט דאָס דינע העפטל לידער געשריבן אין גראַמען. ער האָט דאָס העפטל פאַרזיכטיק אַרויסגענומען, עס אָוועקגעלייגט אויף די קני, אויפגעמישט דאָס ערשטע זײַטל און מיט גרויס פּיעטעט איבער־

געלייענט: „פון מיר צו דיר, מיט ליבשאַפט". איר בילד איבער דעם געשריבענעם האָט אַרויפגעקוקט צו אים. ער האָט אַרויפגעלייגט זײַן האַנט אויף איר יונגן פּנים, אַ גלעט געטאָן די פינגער וואָס זי האָט געהאַלטן אויף איר ברוסט — און צו דער זעלבער רגע דערפילט ווי אַ האַנט האָט אָנגערירט זײַן אַקסל. ער האָט נאָר האַלבוועגס איבערגעדרייט דעם קאָפּ. ער האָט זיך ניט געניייטיקט צו זען, ער האָט געוווּסט ווער עס האָט דאָס איז. ער האָט זי דערקענט אין דער איידלקייט, אין דער שפּילעוודיקייט פון באַריר. די האַנט האָט זיך געגליטשט אַרויפצו צום אויער און ווי אַ ים־מושל אָנגעלאָדן מיט סודות, האָסטיק אַ שעפּטש געטאָן: „טרעף ווער דאָס איז?"

ער האָט זיך ניט געניייטיקט צו טרעפן. איצט, פּונקט ווי אַמאָל, האָט ער געוווּסט ווער זי איז, ער האָט געוווּסט לויט דעם ציטער פון הארצן, לויט דעם ווי די האָר האָבן זיך אים געשטעלט קאַפּויער. ער האָט אַ שאַר געטאָן מיט דער האַנט איבערן אויער און די מושל האָט זיך אָפּגעטאָן. די שטים וואָס ער האָט איצט געהערט איז געקומען פון אַן אַנדערן מקור, אַ טיפקייט וועלכע ער האָט מיט דער האַנט ניט געקאָנט אַוועקמאַכן. „מאָריס", האָט די שטים געזאָגט, „גיי אַרויף און זאָג עפּעס, עפּעס וואָס איז נוגע מיך, ניט דעם סטערעאָטיפּ וואָס האָט מיט מיר ניט קיין שייכות. ווער מער ווי דו ווייסט ווער איך בין, וואָס דאָס לעבן האָט געמיינט פאַר מיר? דער מאַן וואָס רעדט דאָרט, רעדט וועגן עמעצן, אפשר זײַן מאַמע, זײַן באָבע, אָדער גאָר אַרויסגענומען פון אַ טעקסט־בוך? דו מאָריס, וואָס האָסט געקאָנט מײַן יחידישן איך, געקאָנט מײַן נשמה, געוווּסט אירע ראַנגלענישן, איר פליִען און איר פאַלן — דו גיי אַרויף און זאָג עפּעס: זאָג עפּעס פאַר איר, פאַר דער נשמה מײַנער. פאַר מײַן גוף דאַרפסטו שוין ניט זאָרגן. דער גוף איז שוין אַ באַרויִקטער, אויסגעברענט אַלע ליַידנשאַפטן, אויסקרענקט אַלע חולאתן; זי אָבער, די נשמה מײַנע, וויל ניט אָפּגעבן אירע לעגיטימע פליגל. זי וויל אַ תיקון, מאָריס. זי ציט נאָך אַלץ צו די פאַרבלענדענישן צו וועלכע מיר האָבן זיך געבוקט. זי איז נאָך אַלץ באַצויבערט פון די עפּעמערישע חלומות וואָס באַגלייטן דעם מענטש פון דאָרטן אַהער.

איצט, ווען דער געדרייטער וועג האָט זיך אין גאַנצן איבערגעריסן,

באַשטייט זי אויף איר רעכט ווײַטער אָנצוגיין. באַפרײַ זי צו איר גורל, מאָריס. ראַטעווע זי פון עולם־התוהו. טראַכט ניט, מעסט ניט, זוך ניט קיין לאָגיק. דער וואָס האָט פאַרטראַכט דאָס לעבן און דעם טויט, האָט זײַן אייגענע אויסרעכענונג... אײַל זיך מאָריס איידער עס ווערט צו שפּעט. אַ שווערער נעפּל הענגט איבער מיר. איך פאַל אונטער זײַן דרוק. מיר דאַכט איך הער דאָס קול פון קדיש, נאָר איך ווייס ניט ווער עס איז דער מת. איך ווייס אויך ניט צי דו ביסט זי — אָדער זי איז דו? וואָס העכער דער יתגדל — אַלץ טיפער זינק איך... אײַל זיך, מאָריס, אַנטפּלעק מײַן איך — און ראַטעווע די נשמה...

דער מאַן האָט געעפנט די אויגן. ער האָט געזען ווי דער זעלבער יונגער רבי איז שוין מספיד אַן אַנדערן בר־מינן: „איש תם וישר", הערט ער אים זאָגן. ער לייגט אַרײַן דאָס העפטל לידער אין בוזעם־קעשענע און שלײַכט זיך אַרויס פון טויטן־הויז.

אין דרויסן האָט געבלאָזן אַ קאַלטער ווינט. אַ מאַרצאָווער רעגן האָט אים געפּאַרסקעט אין פּנים. „דעם מלאך המוותס הויך־סעזאָן!" טראַכט ער. „די ערד באַפרײַט זיך פון די שיברי־כלים, גרייט אויפצונעמען נײַ לעבן, וואָס אַן אַנדערער דור וועט באַלד פאַרדעקן. אַלץ וואָס לעבט מוז שטאַרבן", פילאָזאָפירט ער גייענדיק מיט דריבנעם שפּאַן אונטערן קאַלטן רעגן. די וועלדער, די פעלדער, די בערג און טאָלן, די טײַכן און ימים — אַלץ וועט פאַרגיין. די ערד וועט בלײַבן הענגען אויפן זוים פון צײַט, ווי דער טויטער וואַלפיש אויפן זאַמדיקן ברעג, מיט בלינדע אויגן געווענדט צו דער אייביקייט.

מיט דעם בילד פאַר די אויגן איז ער אַרײַן אין דער קאַפעטעריע וווּ זי און ער פלעגן זיך אָפט טרעפן. ער האָט אָפּגעזוכט דאָס טישל ווו זיי האָבן ליב געהאַט צו זיצן, און באַשטעלט אַ טעפּל קאַווע און אַ בייגל מיט לאַקס. פון די פאַפירענע רויזן אויף דער וואַנט זענען די קרוינבלעטלעך געפאַלן — און פאַלנדיק געוווּנקען ווי פינגער פון אָפּשייד. ניט ווילנדיק הייבט ער אויף די האַנט און ווינקט צוריק...

„און איך האָב געמיינט אַז דו גלייבסט ניט אין נשמות", הערט ער דאָס קול פון אויסגעליידיקטן רויזן־בעכער. און שוין זיצט די נשמה קעגנאיבער אים און קוקט אים גלײַך אין די אויגן אַרײַן. „איך וואָלט

גערן געבליבן מיט דיר, מאַריס. דו ווייסט דאָך אוודאי אַז דאָס איז דער וויַיבערשער יאָרהונדערט, מוז איך אונטערשטעלן אַן אַקסל צו דער שפּיל. באַזונדערס וואָלט דאָס ניט געווען עטיש. דו מוזסט פאַרשטיין אַז איך בין ניט פון די נשמות מיט וועלכע מ׳גייט פון וויגל צום גרוב. איך בין וואָס מ׳רופט אַ נשמה־יתרה, אַ צוגאָב נשמה, אַזאַ וואָס מ׳פלאַנצט איבער, ווי למשל אויגן, הערצער; אויך נשמות נוצן זיך אָפּ, פאַרלירן דעם זין פון זייער באַרוף — דעמאָלט קום איך ממשיך זיַין דאָס וואָס דער בעל־דבר האָט פאַרלוירן. דו שמייכלסט, העי? גלייבסט ניט דיַינע אייגענע אויערן. זעסט דאָס מיידל דאָרט ביַי דער טיר? זי איז מיַין קומענדיקע אונטער־נעמונג. דו גלייבסט נאָך אַלץ ניט? זעסט ניט ווי זי קוקט אויף מיר מיט אַזאַ געבעט אין די אויגן?״

„איך זע ניט״.

„קוק אַריַין אין שפּיגל וועסטו זען. זי איז נאָר וואָס שטעקן געבליבן אין מדבר. זי האָט פאַרמישט דעם קאַלענדאַר, פאַרבלאָנדזשעט אין ציַיט. זעסט ווי אירע ליפּן ציטערן מיט תּפילה. זי ווייסט ניט אַז עשתורת איז שוין פון לאַנג אַ שטיין. זעסט ווי זי האַלט די פינגער צעשפּרייט, ווי זי וואָלט געדוכנט אין בית המקדש?״

„איך זע גאָרניט״.

„דו דאַרפסט ניט זען. זי זעט. איך זע. אין איר דימיון איז זי די מלכה שבא אויפן וועג צו דעם קלוגסטן, דעם שענסטן, דעם מעכטיקסטן מלך בן מלך. זי איז איבערגענומען מיט איר אייגענעם רייץ. כוואַליעס פון ליַידנשאַפט רוישן אין איר בלוט. די הייסע מדבר בריט איר לייב. דער ווינט ריַיסט איר שלייער, דעקט אָפּ איר פּנים, פּילט אַן אירע אויגן מיט זאַמד. זי ווייסט נאָך ניט אַז איר געוויינלעכע נשמה האָט דעם דרוק ניט אויסגעהאַלטן. זי ווייסט אָבער יאָ, אַז זי מוז וואַרטן. האַלט זי די אויגן צוגעמאַכט. זי וואַרט. זי וואַרט אויף מיר, איך זאָל זי פירן צו איר גורלדיקן ציל...״

„איידער איך האָב זיך באַקענט מיט דער וועמענס בילד דו טראָגסט פאַרשטעקט אונטער דיַין מאַרענאַרקע, האָט זי אויך אַזוי אויסגעזען ווי אָט דאָס מיידל: אַזוי בלאַס, פאַרלוירן, צוגענאָגלט מיט אַלע גלידער צו איַינגעשטעלטע כללים. יעדער ריר האָט איר געקאָסט בלוט. איך האָב

נאָר וואָס זיך געזעגנט מיטן גוף פון אַ דאַמע פּאַר וועמען איך האָב שוין קיין סך ניט געקאָנט אויפטאָן. זי האָט דערטרונקען איר נשמה אין קניַיפּעס. זי איז גראָד געווען אַ פייַנע מאַלערין. אירע סוזשעטן זענען געווען גאַסן־מיידלעך ביַי די טויערן פון פאַרלאָזטע היַיזער. נאָך אַ טאָג מאָלן און אַ האַלבע נאַכט שיכורן, האָט זי ליב געהאַט צו פאַרבריַיסן מיט אַ ליבע אונטערן פריַיען הימל. ניט ער האָט געוווּסט ווער זי איז — ניט זי האָט געוווּסט ווער ער איז. איין מאָל האָט אַזאַ בחור אונטערן איַינפלוס פון ,מלאכים־שטויב', איר דעם האַלדז איבערגעשניטן".

„נאָך וואָס דערציילסטו מיר די אַלע מעשיות?"

„וויַיל איך וויל דו זאָלסט וויסן, אַז איך בין צו די שטעקן געבלי־בענע אין זאַמד — דאָס וואָס די שלעפּ־מאַשין איז צום אויטאָמאָביל. אויך דו, מאָריס, גייטיקסט זיך אין אַ שטופּ. קענסט ניט שווימען, פּרוּווט מען פליִען — פון דער הייך איז די פּערספּעקטיוו בעסער. „אַפּיזן" די נשמה מיט אַ בייגל און לאַקס — איז ניט גענוג! מוזסט נעמען די שפּיל אַליין אין די הענט אַריַין...

„איך האָב דיר שוין געזאָגט, אַז איך וואָלט גערן געבליבן מיט דיר, נאָר אַזוי ווי איך בין בטבע אַ פלאַפּלער, וואָלט ניט געווען עטיש אויס־צופלאַפּלען וואָס זי האָט געטראַכט וועגן דיר, וואָס זי האָט געפילט וועגן דיר — דעריבער וועלן מיר זיך געזעגענען טאַקע איצט, שוין. דאָס מיידל וואָס איז געבליבן שטעקן אין דער מידבר — וואַרט. זעסט ווי זי קוקט אויף מיר, שטרעקט אויס די האַנט, ווי דער טרינקענדיקער צו דער לעצטער שטרוי?"

„נאַרישקייטן! ווי אַזוי קאָן זי זען אַזאַ פענאָמענאַלע דערשיַינונג ווי אַ נשמה?"

„וואָס הייסט ווי אַזוי? ווי אַזוי זעסטו דעם בייגל מיט לאַקס, דאָס טעפּעלע קאַווע? אַלץ איז רעלאַטיוו, מיַין פריַינד. עס געוועַנדט זיך אין די סיגנאַלן וואָס קומען צו דיר פון אונטער דעם פּאַרוק. זיי דיקטירן דיר ווען צו הונגערן נאָך אַ בייגל מיט לאַקס און ווען נאָך אַ פרוי וואָס שריַיבט ליבע־בריוועלעך אין גראַמען... וואָס הייסט מען זעט ניט? אַוודאַי זעט מען. עס ווענדט זיך אין קוקער ווי אַזוי ער באַנעמט דאָס געזעענע, אָדער בעסער געזאָגט, דאָס אומגעזעענע".

„קאָן מען דיך פרעגן אין וואָס דייַן פונקציע באַשטייט?"

„מייַן פונקציע איז צו סטימולירן דייַנע פונקציעס".

„און ווער סטימולירט דיך?"

„פאַראַן אַ העכערע אינסטאַנץ. ניטאָ מער קיין צייַט וועגן דעם צו רעדן. טאָ זייַ־זשע מיר געזונט. פאַרגעס ניט דעם בייגל מיט לאַקס. איין ביס און דער טעם קומט צוריק. איך וויל זאָלסט וויסן, מייַן פרייַנד, אַז אַפילו אַ סטימולאַטאָר נייטיקט זיך צומאָל אין אַ סטימולאַנט"...

נאָסטאַלגיע

נאָך יאָרן הויזן אויף הויכע גאָרנס, ווערן געפירט אויף בלינדע ווינדעס, האָבן מיר ביידע באַשלאָסן, מײַן מאַן און איך, אַז ס׳איז צײַט איבערצולאָזן די הויכע הימלען און נידערן נעענטער צו דער ערד. אין דעם פּרט זענען מיר ביידע אײַנשטימיק. מיר ווילן זיך צוריק באַפרײַנדן מיטן גראָז, מיטן בוים, אַ שמעק טון צו אַ בלום, פילן דעם טעם פון אַן אייגענער נחלה.

דאָס זוכן האָט לאַנג ניט גענומען. מ׳האָט אונדז נאָראַיעט פּונקט אַזאַ הײַזל ווי מיר האָבן געוואָלט. אַ הײַזל מיט אַ גאָרטן. „אַ ייִדישער גאָרטן״. אַ בוים אָן אַ נאָמען, פאַרוואָרלאָזטע בייטן, ווילדגראָז ביז די קני, דעם ים מיט דער האַנט צו דערלאַנגען, און דאָס אַלץ וואָסערע דרײַסיק מײַל פון ניו־יאָרק.

דאָס יונגע פּאָר פּאָלק מיט וועמען מיר האָבן זיך, אַזוי צו זאָגן, געביטן מיט די וווינונגען, האָבן גראָד געזוכט דאָס וואָס מיר האָבן פאַרלאָזט. ווײַל מיר האָבן געזוכט נאַטור, האָבן זיי געזוכט „קולטור״. זיי האָט געצויגן ניו־יאָרקער מוזעומס, קונסט־גאַלעריעס, טעאַטער, קאָנ־צערטן, מאָדע־סאַלאָנען; מיר האָבן זיך פאַרליבט אין גאָרטן. זיי האָבן אונדז פאַרזיכערט, אַז זומער איז דאָ אַ גן־עדן. דער גאָרטן ווערט פול מיט כּל מיני בלומען. אַזוי גיך ווי דער שניי הייבט אָן שמעלצן, שטופּן די טולפּאַנען אַרויס די נעז. דער היאַצינט פאַרשמעקט די געגנט. דער בוים, ווי נאָר ער דערזעט די ערשטע שוואַלב, וויקלט ער אָפּ די ווינדעלעך אַרום די לענדן פון זײַנע בליטן, און אַבאַנסירט פרילינג אויף דער וועלט. די אַזעליאַ געטרויט ניט קיין איינציקער שוואַלב. זי וואַרט אויפן באַפעל פון אונטערערדישן דיריגענט, דעמאָלט פּוצט זי זיך אויס אין אַ ווײַסער קרינאָלינע, ווי אַ כּלה צום באַדעקנס.

דערווײַל שטייט דער בוים אַ נאַקעטער. דאָרע צווײַגן וויגן זיך אין

ווינט. אין בלאָטיקן שנײַ פוילן פאַריעריקע בלעטער. איך רוק צו מײַן ווינגשטול צום פאַרמאַכטן פענצטער וואָס קוקט אַרויס דירעקט צום בוים. ווינגנדיק זיך אַהין און צוריק, שטעלט זיך אײַן אַ קאָנטאַקט צווישן אונדז ביידן. אַ מין שטומע פאַרשטענדעניש. מיר רעדן אויף אַ שפּראַך אָן ווערטער, אַ שפּראַך וואָס פליסט פון קדמונישע קוואַלן. דאָס הייסט, ער רעדט. איך ענטפער אים מיט אַ פאַרגיכערטן האַרצקלאַפּ, וואָס מיינט אַז אויך איך בין אַן אָפּגעשלאָסענע איינהייט, אָפן צו דעם וואָס געפינט אַן אָפּקלאַנג אין מיר.

מײַן מאַן איז מער מחותּן מיטן ים. ווען איך בין נאָך אַרײַנגעטון איך מײַנע פאַרפּלאָנטערטע חלומות, כאַפּט ער אַ שפּאַציר אויף באָרד־וואָלק. בײַ אים איז דער ים לשון זכר, געשריבן מיט גרויסע אותיות. ער באַוווּנדערט זײַן מענלעכן שטאָלץ. ער זאָגט, אַז אַפילו ווען דער ים רוט, רוט ער ווי אַ מאַן נאָך אַ שווערן טאָג אַרבעט. ער בײַט ניט זײַן שטעלונג. ער טאַנצט ניט „מה יפית", ניט צו דער זון, ניט צו דער לבנה. אַזוי איז ער געשטאַנען בײַ בראשית און אַזוי וועט ער אויך שטיין בײַם קץ.

איך שפּאַר זיך ניט מיט אים. איך ווייס פאַרויס אַז איך וועל דעם אַרגומענט פאַרלירן. שוין אַזאַ נאַטירלעכע אייגנשאַפט בײַ מיר, וואָס צווישן פּאָזיטיוו און נעגאַטיוו גנבעט זיך בײַ מיר אַרײַן דער אפשר און גיט דעם קעגנער די אויבערהאַנט.

אויף מיר האָט דער ים גאָר אַן אַנדערע ווירקונג. זײַן אומאָפּפרעגלע־כער אַבסאָלוט מאַכט מיך פילן ווי אַן אונטערגעוואָרפן ממזרל, אַרויס־געטריבן אויף דער וועלט צו קלאַפּן אין פאַרמאַכטע טירן. בײַ מיר איז דער ים אַ שטיפמאַמע, וואָס האָט פאַרכאַפּט דעם סוד פון אַלע סודות און האַלט אים פאַרשלאָסן אין איר שויס.

די ים־פייגל פרעגן ניט קיין שאלות. זיי נעמען וואָס דער ים וואַרפט אַרויס. שטייען זיי בײַם ברעג ים דעם גאַנצן לאַנגן טאָג און עסן. ווען די נאַכט פאַלט צו, הייבן זיי זיך אויף און פליִען אַוועק צו זייערע נעסטן. אויך איך קער זיך אום צו מײַן שטילן האָפן, צו מײַן מאַן און צו מײַן גאָרטן.

מיטן בײַטן דאָס ווינאָרט איז געקומען אַן אומבײַט אין מײַן עצם וועזן. דאָס סעזאָנאַווע לעבן פון דער גרינער וועלט האָט מיך אַרײַנגעפירט אין אַ טיפערער רעאַליטעט. וואָס נעענטער צום סוף, אַלץ בולטער איז געוואָרן דער אָנהייב. איך שטיי אין מיטן צווישן צוויי האַלב־קרײַזן וואָס דערנענטערן זיך צו מיר מיט אַ מוראדיקער שנעלקייט. אָט־אָט וועלן זײַ מיך אַרײַנבײַזן אין הערמעטישן אײַנגעווייד — איין סעזאָן פאַרענדיקט, אַ צווייטער הייבט זיך אָן.

כּדי אויסצומײַדן אַזעלכע וויזיעס פאַרנעם איך זיך מיט גאָרטן־אַרבעט. איך קוק אויפן בעז און זע דאָס אַמאָליקע קינד. זי זיצט אויף דער פריזבע, פײַכט פון רעגן. עס איז פרילינג אויף דער וועלט. פרילינג אין איר געמיט. רייזשע פלטיאלס זינגט. איר באַטירלעכע סאָפּראַנאָ גיסט זיך פון איר אָפענעם פענצטער אַרויס צו דער פריזבע ווו דאָס מיידעלע זיצט. דאָס געזאַנג וואָס זי זינגט ברענגט מיט זיך איר פּנים, איר געשטאַלט. דער גאָלדענער צאָן, אין סאַמע פאָרנט פון איר מויל, בלישטשעט. רייזשע איז שטאָלץ מיט איר גאָלדענעם צאָן. זי פוצט אים צוויי מאָל אַ וואָך, אײַנאײַנעם מיט די מעשענע לײַכטער. זי איז אַזאַ גרויסע, אַן אַלץ ווייסערקע, אויך זי האָט ניט קיין מאַמע. טוליע איך זיך צו איר. זי ווײַזט מיר אָן וואָס צו זינגען, ווען דאָס האַרץ גייט איבער. זי זאָגט: אַז לידער עפענען שפּאַרונעס אין די פאַרשלאָסענע הימלען. זיץ איך און זינג צו די שטערן וואָס פליִען אָן פליגל און פאַלן ניט אַראָפּ. איך זינג און זינג, נאָר קיין שפּאַרונע זע איך ניט. איך הער דאָס טרילן פון סאָלאָוויי. דאָס קוואַקן פון די זשאַבעס, און אין דער נאָענטער ווײַט זע איך דעם בית־עולם ווו מײַן מאַמע ליגט באַגראָבן. איך זיץ צוגעקאָוועט צו דער פריזבע עלעהיי איך וואָלט געווען אַ שטיין. וואָלט איך ניט מורא געהאַט פאַר דער פינצטערניש וואָלט איך אַרײַן אין שטוב און געמאַכט ליכט, שרעק איך זיך פאַרן ליכט וואָס רופט אַרויס דעם שאָטן. פאַר דער לבנה וואָס פלושקעט זיך אין טײַך. זיץ איך אַזוי שטיל ווי עס פּאַסט פאַר אַ יתומה, וואָס האַלט איר פרילינג אונטערן שוואַרצן פאַרטעך פאַרשטעקט...

צײַט לויפט. און אָט איז זומער אין אונדזער נחלה. די איידעלע רויז האָט אָפּגעטראָטן איר פּלאַץ דער מער פאַרהאַרעוועטער מאַריגאָלד. קיין

סך פלעגע דאַרפֿן זיי ניט. אַ ביסל וואַסער אין דער פֿרי, אַ ביסל אין אָוונט און זיי דאַנקען אָפּ מיט בלענדנדיקע קאָלירן, ווי זיי וואָלטן זיך פֿאַרמאָסטן מיט דער אויגוסט־זון.

ווען די היצן טרעטן צו, בעט איך זיך איבער מיטן ים. טאַקע אַ שטיפֿמאַמע, אָבער פֿאָרט אַ מאַמע. ליג איך מיר אויף מײַן אויסלייג־בעטל מיטן פּנים אַראָפּ. אונטער די אויגן־דעקלעך לויפֿן בילדער פֿון דאָ און דאָרט. איך נעם זיי אויף אין האַלב דרימל. מיר דאַכט, אַז אויך די זון דרימלט אונטערן צודעק פֿון אויגוסט־טומאַן. אַ פֿאַרטאָגיקער חלום קומט מיר קאַפּויער. איך שווים אין אַ סאַזשלקע געדיכט מיט פֿיש. עס איז שפּעט בײַ נאַכט. מיר דאַרפֿן שווארצן די גרענעץ. איך און ער. איך, וואָס האָב גורם געווען ער זאָל באַגיין דאָס פֿאַרברעכן, פֿיל די שולד טאָפּלט שווער. פֿרעג איך ניט קיין שאלות, כאָטש איך ווייס אַז די סאַזשלקע וועט אונדז צו דער גרענעץ ניט דערפֿירן. דאָס וואַסער איז וואַרעם. זײַן גאַקעטער קערפּער רירט מיך אָן. זײַנע אויגן בלישטשען ווי פֿאָספֿאָרירטע פֿליגן אין אַ פֿרילינג־נאַכט. טאַקע צוליב דעם זעלטע־נעם שטריך, רופֿט מען אים סוניע לץ. ער איז באַקאַנט פֿאַר דעם שטאַרקן אין שטאָט. טרעפֿט זיך אַ מאָל אַ מחלוקת צווישן פּויער און ייִד, רופֿט מען באַלד סוניען ער זאָל שליכטן דעם סיכסוך. ער איז דער איינציקער בחור וואָס טראָגט אַ רעוואָלווער פֿאַרשטעקט אין דער כאָלעווע פֿון זײַנע געפּוצטע שטיוול. ער איז אויך אַ גוטער צילער. ער קאָן צילן און טרעפֿן אַ פֿויגל אין פֿלי. ער האָט אויך געצילט און געטראָפֿן איר האַרץ אין סאַמע ברען פֿון ליבע־סעזאָן. מען האָט געשמועסט אַז זיי זענען דאָס שענסטע פּאָרל אין שטאָט. קיינער האָט ניט געוואַגט זיך צו שטעלן אים אין וועג. גראָד דער שטאָטישער אַפּטייקער, אַ מאַן מיט ווײַב און קינדער, האָט דערפֿילט צו איר אַ לײַדנשאַפֿט וואָס ער האָט ניט געקאָנט באַ־הערשן. ער האָט זי פֿאַרוואָרפֿן מיט ליבעסבריוו, איר צוגעזאָגט דאָס טעלערל פֿון הימל, פֿאַר אַ ראַנדעוו אין זײַן אויטאָמאָביל. זי האָט סוניען וועגן דעם ניט דערציילט. זי האָט פֿאַרברענט די הייסע בריוו וואָס ער האָט איר צוגעשיקט, און געפּרוווט פֿאַרגעסן דעם גאַנצן ענין.

דער אַפּטייקער האָט זיך פֿון איר קאַלטקייט ניט איבערגענומען. די תאווה וואָס האָט געטליִעט אין אים, האָט מען יעדן אָפּזאָג זיך מער

צעבושעוועט. ער האָט געוואַרט אַזוי לאַנג, ביז די געלעגנהייט איז געקו־מען, אים אין מויל אַרייַנגעפּאַלן, ווי אַ געבראָטן טייַבעלע.

איר עלטערער ברודער, אַרייַנגעראָטן אין זייַן מאַמען, האָט געזוכט און געפונען אַ מזבח זיך מקריב צו זייַן. זייַן מאַמע האָט זיך מקריב געווען פאַר איר טאָטן. כדי ער זאָל ניט מוזן באַנקראָטירן און אָנווערן זייַן גוטן נאָמען בייַ גאָט און בייַ לייַט. האָט זי, די סענסעטיווע טאָכטער פון אָנגעזעענעם שניט־קרעמער, חתונה געהאַט פאַר אַ פּראָסטן קאָניוך. זי האָט אויף זיך גענומען אַ לעבן פון בענקשאַפט און באַדויער נאָך דעם ווילגעלערנטן בחור מיט וועמען זי האָט פריִער ראָמאַנסירט.

דער מאַמעס אויסגעוויינטער בייַ די שבת־ליכט, געבענטשטער בן־יחיד, איז נאָך איר טויט אַוועק זוכן אַ פּאַסיקן מזבח צו אָפּפערן זייַן לעבן פאַר דער ישועה אויף דער וועלט. די פּאָליאַקן האָבן אים פאַרזעצט אין טורמע. ער איז פון טורמע אַנטלאָפן. געלאָפן ביז צו דער גרענעץ. די גרענעץ־וועכטער האָבן אים געפאַנגען און אים צוריקגעבראַכט אין שטעטל אַרייַן אַ נאַקעטן. עס איז געווען אַ שבת אין דער פרי. אַלע שולן זענען געווען פול מיט מתפללים ווען זיי האָבן אים פאַראַדירט ווי אַ סטראַשידלע איבער דער שטאָט. ייִדן אין טליתים זענען אַרויס קוקן אויף דעם בייז־וווּנדער. טייל האָבן זיך פאַרשטעלט די אויגן. אַנדערע האָבן געשריגן ימח שמו וזכרו. זייַן פאָטער, וואָס איז אַרויס פון שול גלייַך מיט אַלע דאַוונער, האָט געקריגן אַ האַרצשלאַג און אויפן אָרט געשטאָרבן.

באַלד נאָך דער שבעה איז זי אַוועק אויפן הייליקן אָרט. זי האָט אָנגעלענט איר קאָפּ אויף איר מוטערס מצבה. מיט צוגעמאַכטע אויגן איז זי געשטאַנען און געשוויגן. זי איז אַזוי געשטאַנען פאַר אַ לאַנגער צייַט. ווען זי האָט צוריק געעפנט די אויגן, האָט זי געוווּסט וואָס צו טון. זי האָט געוווּסט אַז זי מוז ראַטעווען איר מוטערס בן יחיד. און אַזוי האָט זי געטון. זי האָט זיך פאַרפּוצט אין איר בעסטן קלייד, צעלאָזט אירע האָר, צוגעפאַרבט די בלייכע ליפּן און איז אַוועק צום רויטן אַפּטייקער. צוריקגעקומען איז זי נאָך צוויי װָכט און איין טאָג. אַן אויס־געמוטשעטע, אַ צעביסענע, צעגראַבלט און צעבלוטיקט, נאָר מיט דער נייטיקער סומע געלט אויסצוקויפן איר מאַמעס זון.

סוניע האָט צופיל ניט געפאָרשט. מיטן אָנגעלאָדענעם רעוואָלווער איז ער אוועק צום אַפּטייקער אויסגעשאָסן אַלע קוילן און זיך איבער־געגעבן דער פּאָליציי.

וואַנדערנדיק פון חלום צו וואָר און צוריק צום חלום האָב איך זיך באַלד ווידער געפונען אין דער לעבלעכער סאַזשלקע. די סאַזשלקע וועט אונדז צו דער גרענעץ ניט ברענגען. זאָג איך צו אים.

„מיר זענען די גרענעץ שוין פון לאַנג פאַריבער. ענטפערט ער. זעסט ניט די רויטע פענער וואָס פלאַטערן אויפן ווינט?"

„דאָס זענען ניט קיין פענער. דאָס איז דער רויטער אַפּטייקער. וואָש אָפּ דאָס בלוט פון דײַנע הענט, וועלן מיר גיין שפּאַצירן".

„אין דער חמימה גלוסט זיך דיך שפּאַצירן?"

„בײַם ים איז קיל. לינדע ווינטלעך פרישן אויף דאָס געמיט. אין וואַרעמען זאַמד פאָרן זיך פאַרליבטע".

ער קוקט מיך אָן מיט חידוש. זײַנע גרינע אויגן באַשפּרענקלט מיט גאָלדענע טופּעלעך, נעמען מיך דורך. זיין גוף אַזוי צודריגגלעך הייס, אינטים. איך רײַס אויף די אויגן און זע שוין אינגאַנצן אַן אויסגעניכטערטע זײַן האַלב־נאַקעטע געשטאַלט, שפּאַצירן מיט געמאָסטענע טריט אויפן ווײַסן זאַמד. איך זע זײַנע פּיצינקע שוים־הייזלעך וואָס דעקן קוים צו זײַנע לענדן. סוניע, סוניע! שרײַט אַלץ אין מיר, נאָר די צונג רירט זיך ניט. איך הייב זיך אויף און לויף אים נאָך. די פרוי וואָס שפּאַצירט מיט אים, האָט אַ פּרעכטיקע פיגור. שוואַרצע האָר פאַלן אויף אירע ווײַסע אַקסל. זי האַלט די פינגער פון איר לינקער האַנט פאַרוויקלט אין זײַן רעכטער האַנט. זי רעדט און לאַכט. איר לשון איז מיר פרעמד. זײַן קול הער איך ניט. אַ שוואַרצע וואָנסע דעקט צו זײַן מויל. טונקעלע ברילן פאַרשטעלן אַ העלפט פון זײַן פּנים.

עס קאָן דאָך ניט מעגלעך זײַן, טראַכט איך. פיר יאָרצענטליק שטייען צווישן אונדז. איך בלײַב שטיין אַ פאַרלוירענע און קוק זיי נאָך ביז זיי פאַרשווינדן אין דעם אָנגעהיצטן אויגוסט־טומאַן.

איך קער זיך אום צו מײַן אויסלייג־בעטל מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. ערשט איצט באַמערק איך אַז מײַן מאַן זיצט אויפן נאַסן זאַמד. ער האַלט אַ צײַטונג אין דער האַנט און קוקט אויף מיר מיט פאַרשנדיקע אויגן.

איך ווייס וואָס איך האָב צו דערוואַרטן — אַן אויפקלערונג, קלאָר און פּשוט, ווי איינס און איינס איז דריַי, ער איז אַ רעאַליסט, אַ מענטש וואָס נייטיקט זיך ניט מער ווי אין זייַנע גאָט־געשענקטע פינעף חושים. אַבסטראַקטע געפילן זענען אים פרעמד.

„וואָס איז געשען?" פרעגט ער. „די תּמוז־זון האָט דיר אָפּגעטון אַ שפּיצל? דערזעסט אַ שיינעם מאַנספּאַרשוין צינד זיך אין דיר אָן די אַלטע יוכע?"

„מיר האָט זיך געדאַכט אַז דאָס איז מייַנס אַ לאַנדסמאַן".

„ווען למשל, האָסטו דעם יונגן לאַנדסמאַן געזען, נעכטן, אייערנעכטן?"

„איז דאָס דיר באמת אַזוי שטאַרק וויכטיק?"

„וויכטיק, אָדער נישט וויכטיק. דער פאַקט בלייַבט, אַז איינמאָל אַ שליאַך, אַלע מאָל אַ שליאַך".

דער שטאָך שטיקט. די היץ איז גרויס. לויף איך אַרייַן אין ים. קילע כוואַליעס דעקן מיך איבער; זיי באַרויִקן מיך. איך קער זיך אום צו מייַן אויסלייג־בעטל, צוריק צו דעם וואָס איך בין הייַנט, איצט. בייַ מיר, אין מייַן געדאַנקען־וועלט, איז דער גייער בייַם ברעג ים שטיין געבליבן. ווי אַ סטאַטוע וואָס איז אויף אַ מיסטעריעזן אופן אַראָפּ פון זייַן פּעדעסטאַל, אָדער גאָר פון עשאַפאָט אויף אַן אחרית־הימימדיקן שפּאַציר...

מייַן גאָרטן וואָס האָט ערשט נעכטן געבליט, טראָגט הייַנט אלולדיקע קאָלירן. די טרוקעניש האָט דערהרגעט די שטאָלצע גלאַדיאָלע. די ווייַסע שניי־בלום איז איבער נאַכט ברוין געוואָרן. דעם ערשטן זומער דאָ אויף דער נחלה פלעג איך וואַסערן דעם גאָרטן אין דער פרי און בייַ נאַכט. איצט בין איך מער סקעפּטיש ווי סענטימענטאַל. איך וויל מער ניט איבער־מאַכן דעם נאַטירלעכן איינשטעל. איך לאָז דאָס ווילדע זרעלע, וואָס דער ווינט ברענגט צו טראָגן, געפינען זייַן פּאָר און אָנהייבן אַ נייַעם דור. איך זיץ און קוק ווי בלעטער פאַלן. אַן איינציקע גריל טרילט. קיינער ענטפערט איר ניט. זי איז אַליין געבליבן אויף דער וועלט, די לעצטע פון איר מין. אויך דייַן צייַט איז פאַריבער. מאַך פרייַ דעם וועג — לאַכט ערגעץ אַ יאַשטשערקע.

„ס'איז נאָך פרי". ענטפער איך איר אין געדאַנק. ס'איז ערשט ערב יום־כיפור. מייַנע עלטערן וואָס האָבן מיך אַ מאָל געשיצט, ווי בראָווע

זעלנערס געשטאַנען אין די פֿאָדערשטע רייען, דעמאָלט האָב איך ניט געוווּסט, אַז אין דער שפּיל זענען מיר אַלע פֿאַרשפּילער. דאָך האָט שוין די אימה פֿאַרן אומבאַקאַנטן, מיסטעריעזן, געהויזט אין מיר. איצט וואַנדערט מײַן זכרון איבער יענעם ווײַטן, קיין־מאָל־מער אַמאָל. אַ יום־כיפּור־נאַכט אַליין אין הויז. די עלטערן אין שול. די בענטשליכט פֿלאַטערן. אויף די ווײַס געקאַלעכטע ווענט טאַנצן שאָטנס. זיי ציטערן ווי פֿיש אין וואַסער. מײַן קאָפּ אויף דער וואַנט פּאַסט זיך אַרײַן אין מײַן טויטער מאַמעס מאַנטל. ער הענגט אויף אַ טשוואַק פּונקט אונטערן באַלקן. איך קוק און זע ווי דער מאַנטל בלאָזט זיך אָן. די אַרבל ציִען זיך אויס, ווערן לענגער. אָט־אָט רירן זיי אָן מײַן קליין ברודערל, וואָס שלאָפֿט רויִק אין זײַן האָלצערנער וויג. אפֿשר וויל זי דאָס קינד דערשטיקן, אָדער גאָר מיך דערוואַרגן, פֿאַר וואַכן איבער מײַן שטיפֿמאַמעס קינד? אפֿשר וויל זי גאָר איך זאָל נקמה נעמען פֿאַר דער בושה וואָס איר מאַן האָט זי אַזוי גיך פֿאַרביטן פֿאַר אַן אַנדערער, אַ ייִנגערער... און מאָרגן דאַרף איך זאָגן „יזכּור".

איצט זאָג איך יזכּור אונטער מײַן בוים פֿול מיט געלע בלעטער. איך צילע אויף נאָמען נאָך נאָמען, אויף אַ פֿאָדעם וואָס קאָן אַרומנעמען דעם גאַנצן ערדקײַלעך. נאָכן דערמאָנען די נעמען פֿון מײַנע ביידע מאַמעס, מײַן קליינעם ברודערס נאָמען, דערמאָן איך רייזשע פּלטיאלס. אין איר כּבוד וועגן ציקל איך אויס איר באַליבט לידל: „אוי ווי מאָרגנשטערן, ווען וועל איך אַ כּלה ווערן?" צום סאַמע סוף גיי איך אַראָפּ צום ים, צו באַפֿעסטיקן זײַן וויזיע אויפֿן פּעדעסטאַל פֿון מײַן האַרץ...

יאָסעמיטי־פּאַרק

אויף אַן עקסקורסיע צו די יאָסעמיטיס, האָב איך, חוץ נייגיר, מיט־גענומען אַ שפּאַקטיוו, אַ וואַרעמען מאַנטל, אַ צוקערל דאָס האַרץ צו דערכאַפּן און דעם אומפּאַרמײַדלעכן פאָטאָגראַפיר־אַפּאַראַט. די פּען און דאָס נאָטיץ־ביכעלע האָב איך געלאָזט ליגן אין האָטעל אויפן טיש. קיין אומגליק איז עס ניט — האָב איך זיך אַליין געטרייסט. וואָס קאָן איך שוין צוגעבן צו דעם וואָס טויזנטער אַנדערע האָבן געשריבן, געמאָלן, באַזונגען, פילאָזאָפירט, אין שטיין אויסגראַווירט די גראַנדיעזע נאַטור־דערשײַנונג פון דעם וואַסערפאַל. וואָס מיך האָט אינטערעסירט איז זען, אָנקוקן מיט די אייגענע אויגן, אויפנעמען מיטן געפיל די וווּנדער פון גאָטס וועלט.

ערשט מיט אַ טאָג צוויי צוריק בין איך מיט דער זעלבער עקסקורסיע געשטאַנען פאַרן גרענד קעניאָן. איך האָב געקוקט אויף דעם כאַאָס פון אָנגעוואָלגערטן ברוכשטיין, אויף די אָפּענע אָפּגרונטן און געזען האָב איך ניו־יאָרק נאָך אַן אַטאָמישער באָמבאַרדירונג. איך האָב בפירוש געזען דעם טורעם פון עמפּייער־עסטעיט־בילדינג זיצן אין אויסגעטרוקנטן בעט, ווו דער האַדסאָן איז געפלאָסן. צעקרישלטע סקולפּטורן פון מעטראָ־פּאָליטן־מוזעום האָבן געגעסטיקט אין די חורבות פון ראָקעפעלער צענ־טער. איך זוך און געפין סימנים פון צענטראַל־פּאַרק. אויף אַ פאַרשטיי־נערטער באַנק זיצט אַ פאַרשטיינערטע זקנה. אין אָפּגרונט איסט ריווער ליגן די אוצרות פון וואָל־סטריט הפקר פאַרן ווינט. פליטעס גאָלד בלישטשען אין אָנשיט פון פייגל־מיסט. פנימער פון מענטשן אײַנגעפּאַסט אין גראַניט קוקן אַרויף צו מיר. זייער יִיאוש גיט זיך מיר איבער. אין די לעכער פון זייערע מײַלער לויפן אַרום מײַז. נאָר די לייבן פון דער צוויי־און־פערציקסטער ביבליאָטעק זעען אויס פעטער ווי געוועזן. מיר דאַכט, אַז זיי שמייכלען צופרידן וואָס זיי זענען צוריק אַרײַן אין

זייער עלעמענט. איך נעם אויף דאָס בילד ווי אין אַ טראַנס. אָן אָריַינבליק אין דער צוקונפט פון וועלכער מען קאָן ניט אַנטרינען, ניט אויסבאַהאַלטן, ניט אויסבעטן, פונקט ווי פאַרן טויט.

שפּעטער האַנדל איך איַין אַ פּאָר אילוסטרירטע קאַרטלעך. דער אויטאָבוס וואַרט. איך בין שוין דער לעצטער טוריסט איַינצושטיַיגן. איך זעץ זיך אַוועק אויף מיַין פּלאַץ ביַים פענצטער, גראַב איַין דעם קאָפּ אין דער שויב. די שקיעה ברענט. דרינגט אַריַין אין די תהומען. אַ וויַיטער ווידערקול פון אַ ניט־דאַיקן שופר הילכט מיר אין אויער אַריַין: יתגדל ויתקדש... דער אויטאָבוס איַילט. די נאַכט פאַלט צו. איך מאַך צו די אויגן און טראַכט פון דעם מאַלצייט וואָס וואַרט אויף מיר אין האָטעל.

דאָס פאָרן מיט אַ גרופּע האָט זיך אירע פּלוסן און אירע מינוסן. מען דאַרף ניט האַלטן דאָס אויג אויפן ספּידאָמעטער, ניט זאָרגן ווו איבערצושלאָפן. מיטן אויטאָבוס לאָזט מען אַלץ צום טריַיבער. ער גרייט שוין אַלץ צו: דעם האָטעל, דעם רעסטאָראַן. אַלץ איז פירבאַשטימט צו דער מינוט. דערפאַר קאָן מען ניט שלאָפן אַ ביסל לענגער, אָדער פאַר־האַרן אויף אַ פּלאַץ וואָס איז דיר אינטערעסאַנט. געוויינלעך לאָנטשע איך זיך אָפּ פון דער גרופּע. ניט וויַיל איך האַלט זיך, חלילה, העכער, פאַרקערט, איך ווייס אַז מיַין אויפנאַמס־קראַפט איז אַ באַשרענקטע. מיַיד איך אויס סיַי די אינטערעסאַנטע, סיַי די באַנאַלע רעדער. איך שייד זיך אָפּ, אויב אַפילו נאָר אויף אַ פּאָר טריט וויַיטער פון די פּראָפעסיאָ־נעלע פּלאַפּלער. דאָס וואָס איך נעם אויף אַליין בלײַבט ביַי מיר אין זכרון. אויב איך געדענק עס ניט ווען איך וויל — קומט עס אָבער קאַפּויער לויט זיַין אייגענער אויסרעכענונג. טייל מאָל טרעפט אַז אַ דרויסנדיקער צופאַל קרייצט זיך מיט אַ לאַנג־פאַרגעסענער פאַסירונג, וואָס האָט אַ מאָל געמאַכט אַן איַינדרוק. דער בליץ פון צוזאַמענשטויס באַלײַכט דאָס פאַרגעסענע לויט דעם גיַיסט אין קאָלאָריט פון יענער פאַרשוווּנדענער ציַיט.

אויפן וועג צו די יאָסעמעטיס שטעלן מיר זיך אָפּ ביַי די סעקאָיאַ־ביימער. מען רופט זיי די מאָנאַרכן פון די וועלדער. זיי זענען די עלטסטע לעבנס אויף גאָטס וועלט. שטייענדיק פאַר די ריזיקע גיגאַנטן, דריַי

הונדערט פוס די הייך, און פיר טויזנט יאָר אַלט, ווערן אַפילו די פלאַפלער פאַרשטומט. אַ מין געפיל פון יראת הכבוד נעמט אונדז אַרום. קיינער וואַגט ניט עפּעס צו זאָגן. אין זייער שאָטן האָבן זיך אפשר אָדם און חוה געפּאָרט? שטייט מען שווייַגנדיק און מען טראַכט, ווי לאַנג וועלן זיי נאָך אַזוי שטיין, איינגעוואָרצלט אין דער אייביקייט? וועט דער מענטש מיט זיינע מאַשינען אויך זיי אומברענגען? זלידנע געדאַנקען קריכן אין קאָפּ אַריין. אויך דער אויטאָבוס קריכט באַרג־אַרויף דער שמאָלער סטעזשקע צווישן מאַריפּאָזאַ־וועלדער,ביימער וואָס פאַרשטעלן די זון. דאָ האָט די ציוויליזאַציע קיין צוטריט ניט. אַלץ איז ווי געווען ביי מעשה בראשית.

ווען מיר קומען אָן צו די יאָסעמיטיס איז שוין שפּעטער נאָכמיטאָג. מיר גייען אַנטקעגן דער „כלה׳ס שלייער״, אָדער „בראַידל וועיל״, ווי מען רופט עס. אַ פאַנטאַסטישער אָנבליק. דער וואַסערפאַל קומט אַרונ־טער פון אַן אויסגעמוליעוועטן גראַניט־באַרג פון איבער טויזנט פיר הונדערט פוס די הייך. „שוין איינמאָל אַ כלה״ — רופט זיך אָן אַ פרוי מיט אַ צעקנייטשט פּנים און בלאָנדע האָר. „קיין וווּנדער וואָס זי איז פאַרבליבן אַן אייביקע בתולה... אַ חתן צופרידן צו שטעלן אַזאַ אָסאָבע, דאַרף ערשט געבוירן ווערן״.

איך שאַר זיך אַרויס פון דער גרופּע און בלייב זיצן אין טיפן גראָז, מיטן פּנים צו דער וואַנט. פון אונטער די רויִנען פון צייט רוקט זיך אָפּיר אַ כלה, אַ קליינינקע, אַן איידעלע, מיט רויטע פלאַמענדיקע האָר. איר פּנימל איז קיילעכיק, בלאַס און פאַרשלאָסן. אויך זי טראָגט אַ שלייער ביז צו די פיס. דאָס האָט מיין מומע באַשע זי אַזוי אויסגעשטאַט. מען פירט זי צום בית־עולם וווּ זי דאַרף שטיין אונטער דער חופּה מיטן בעדער פון שטאָט אַן אַלמן מיט דריי קליינע קינדער. דער האַלבער יאָרהונדערט וואָס שטייט צווישן דעמאָלט און היינט, רוקט זיך אָפּ אין אַ זייט. איך זע מיין מומע באַשע אין איר גיגאַנטישן פאַרנעם, אַ פרוי אַ יפת תואר, וואָס האָט אין איר פריִער יוגנט אָפּגעשאַצט איר אייגענעם ווערט און אָן אַ גראָשן נדן חתונה געהאַט פאַר אַ רייכן יורש פון אַ שניט־קראָם. נאָכדעם ווי זי האָט אָפּגעלעבט מיט איר מאַן אַ יאָר צוויי, האָט מען אָנגעהויבן שמועסן אין שטאָט, אַז מיין מומע באַשע איז אַן

עקרה. זי האָט דעם פאַקט ניט אָנגענומען. וואָס הייסט אַן עקרה? האָט זי געטענהעט. אונדזער מוטער שרה האָט בײַ נײַנציק יאָר דעם מיאוסן שם צו נישט געמאַכט. זי איז נאָך דערוויַילע קיין נײַנציק יאָר ניט אַלט. קיין העלפט דערפון אויך ניט. און שוין שטעמפּלט מען זי פאַר אַן עקרה.

מײַן מומע באַשע האָט געלעבט אין דער צײַט פון פערד און וואָגן, נאָר אַ מויל האָט זי געהאַט וואָס איז געלאָפן אויף רעלסן. זי האָט געקאָנט צורעדן אַ קונה וואָס איז געקומען קויפן אַ שטיקל לײַוונט ער זאָל שוין אין איין וועגס „כאַפּן אַ מציאה" אַ רעשטל צײַג אויף אַן אָנצוג, אַ שטיקל באַטיסט פאַר דער פלונתטע, אַ פּאָר מעטער באַרכע פאַר קינדער־הייזלעך. און אויב ער האָט ניט געהאַט קיין מזומן, איז אויך ניט קיין מאַלעיר. זי קאָן אירע קונים. זי געטרויט ניט אַ ליאַדע וועמען. זי ווייסט וועמען יאָ, און וועמען ניט.

מען האָט געזאָגט אויף דער מומע באַשע אַז זי איז אַרײַן אין אַ שמאַלצגרוב. איר מאַן, אַ ביסל אַ צוגעלייגטער, פלאַך מענטשל, ניט דער שענסטער, ניט דער קלוגסטער, זײַן מעלה איז געווען וואָס ער האָט זיך געלאָזט בייגן.

איין מאָל אין אַ שבת־צו־נאַכטס, בײַ שלוש־סעודות, דאָס פּאָר פאָלק איז געזעסן בײַם געדעקטן טיש. די שבת־לײַכטער האָבן אָפּ־געשפּיגלט דאָס גאָלד פון דער מערב־זון, עס צעגאָסן אויף דער מזרח־וואַנט אין דער פאַרעם פון גאָלדענע פישעלעך. די פישעלעך זענען געשווומען שטיל און געלאָסן פון איין זײַט וואַנט צו דער צווייטער. אַזוי, ביז אין אין־סוף אַרײַן.

דאָס דינסטמיידל האָט נאָר־וואָס אַרײַנגעבראַכט דעם רעשט פון די געפילטע פיש, ווײַן און חלה. קוקנדיק אויף די גאָלדענע פישעלעך, האָט זיך מײַן מומע באַשע אַ קער געטון צו איר מאַן און אַזוי געזאָגט: טײַערער מאַן מײַנער, וויסן זאָלסטו וויסן אַז איך האָב שוין אויסגע־פּרוווט אַלע באַבסקע רפואות, איצט ליגט די ברירה אין דײַן רשות. זעסט דאָס דינסטמיידל, זי איז נאַיִוו ווי אַ הינדעלע. נעם זי. באַמאַן זי. נאָך הײַנטיקע נאַכט. אויב עס האָט געפּאַסט פאַר אברהם אָבינו, וועט עס אויך פּאַסן פאַר דיר".

סרול־וואלף האט זיך אנגעכאפט פארן קאפ: „וואס רעדסטו, וואס זאגסטו, פאראומגליקן א קײַלעכדיקע יתומה, רחמנא לצלן?"

„ווער רעדט פון פאראומגליקן? מיר וועלן זי באגליקן. זי וועט געבערן א קינד און מיר וועלן עס נעמען פאר אונדזער אייגנס. דאס דינסטמיידל וועלן מיר מירצעשעם חתונה מאכן. זי וועט האבן קינדער מיט איר געזעצלעכן מאן. ס׳קאן אויך געמאלט זײַן", איז זי ווײַטער אנגעגאנגען, „אז אין איר זכות זאל זיך מײַן טראכט עפענען. עפעס האבן דאך אונדזערע הייליקע מוטערס געוווסט, וואס מיר הײַנטצײַטיקע ווײַבער ווייסן ניט..."

„וויאזוי וועסטו דאס אויספירן?" פרעגט סרול וואלף, און זײַן פארשוירן בערדל שטעלט זיך אויף שארף פארשפיצט ווי א פראגע־צייכן. „מענטשן האבן אויגן. דער בויך פון א שוואנגער־יידענע לאזט זיך ניט באהאלטן".

„די זארג לאז צו מיר". ענטפערט מײַן מומע באשע. „דו גיי און קום צו איר ווי אברהם צו הגרן, ווי יעקב צו זילפהן, די רעשט לאז צו מיר".

אזוי, מער ווייניקער, האבן זיי גערעדט יענעם שבת־צו־נאכט, און אזוי, מער ווייניקער האט ער געטון יענעם שבת־צו־נאכטס. נאך די פיש און נאך דעם ווײַן האט ער אנגעקלאפט אין דער טיר פונעם דינסטמיידל. דאס מיידל איז שוין געלעגן אין בעט. איז זי אראפ פון איר געלעגער און אים אנטקעגן געקומען אין א קורץ העמדל. די בריסטלעך אפגעדעקט. דערזען דעם בעל־הבית האט זי זיך שטארק דערשראקן, ארײַנגעלאפן אין בעט ארײַן און זיך איבערגעדעקט איבערן קאפ. סרול־וואלף האט פארלאשן דעם לאמפ און געטראפן דעם וועג אין דער פינצטער.

ווען דעם מיידלס בויך האט אנגעהויבן יערן, האט מײַן מומע באשע געדונגען א פערד־און־וואגן, ארײַנגעזעצט די דינסטמויד אין טיפן שטרוי און זי אוועקגעפירט צו איר שוועסטער וואס האט געהאלטן א קרעטשמע אין שכנותדיקן דארף. זי אליין, מײַן מומע באשע, האט זיך אויסגעשטאט מיט א קישעלע אונטערן אונטערראק. דאס קישעלע איז געוואקסן פון קליין צו גרעסער און געשטאכן די אויגן פון די ניט־פארגינער. ווען די צײַט איז געקומען, איז זי אוועק אין דארף ארײַן. אומגעקערט אהיים

האָט זיך מײַן מומע באַשע מיט אַ זון, אײַנגעהילט אין קישעלע וואָס זי האָט פריִער געטראָגן אונטערן אונטעררעק.

און עס איז געווען זומער. און עס איז געווען ווינטער. און געקומען איז אַ זומער פון גרויס גערעטעניש. מאַרקזיצערנס האָבן אויסגעזונגען די ביליקע פרײַזן פון די פּירות וואָס האָבן פאַרשמעקט דעם מאַרק. קינדער מיט פאַרשמירטע פּנימער שפּילן זיך אין די גאַסן, נאַשן שוואַרצע קאַרשן און לאַכן פון דער וועלט. פּלוצים — אַ מגיפה. קליינע קינדער פאַלן ווי פליגן. יעדן טאָג פּויקט מען טרעוואָגע. מען רופט צונויף די אײַנוווינער און מען זאָגט זיי אָן וויאַזוי זיך צו פירן: וואַשן די הענט פאַר יעדן עסן. קאָכן דאָס וואַסער איידער מען טרינקט. די שיינע קאַרשן האָט מען באַגאָסן מיט נאַפט. די מאַרקזיצערנס האָבן געבראָכן די הענט, געשאָלטן די פּאָליציי, און געבעטן דעם רבונו של עולם ער זאָל אָפּשטעלן די מגיפה.

אין איינעם אַזאַ טאָג וואָס האָט אויסגעזען ווי נאַכט, האָט מען צוליב עפּעס אַ פאַרהוילענער סיבה, וואָס האָט געהאַט אָדער ניט געהאַט אַ שייכות צו דער מגיפה, באַשטימט צו שטעלן אַ חופה אויפן בית־עולם צווישן מײַן מומע באַשעס דינסטמיידל מיטן שטאָטישן בעדער. די געשעעניש האָט אויפגערודערט דאָס שטעטל. יונג און אַלט האָבן באַגלייט די כּלה באַרג־אַרויף צום הייליקן אָרט. ווי אַזוי דער צונויפגעפּאַרטער שידוך האָט געזאָלט אָפּשטעלן די מגיפה, האָט קיינער ניט געוווּסט. אויך האָט קיינער ניט אָפּגעפרעגט פאַרוואָס דווקא דאָס אָרעמע דינסטמיידל מיט אַן עלטערן אַלמן מיט דרײַ קינדער, און פאַרוואָס דווקא אויפן בית־עולם? דאָס אויסטערלישע פון דעם צוזאַמענשטעל איז גענוג געווען צו מאַכן גלייבן אַז אַזוי און ניט אַנדערש וועט פּאַסירן אַ נס...

בכבודיקע בעלי־בתים האָבן געטראָגן די שטאַנגען פון דער חופה. מײַן מומע באַשע, פאַרוויקלט דעם קאָפּ מיטן יום־טובדיקן שאַליק, האָט געפירט די כּלה אונטערן אָרעם. איך זיץ אויף מײַן טאַטנס אַקסל און זע די כּלה לאָזט זיך פירן. מען פירט זי צו צו האַלב־אײַנגעזונקענע מצבות ווו אירע עלטערן ליגן באַגראָבן. אַ פירזאָגערן, מיט אַ פאַטשיילע ביז איבער די אויגן, זאָגט איר עפּעס אונטער. נאָר די כּלה האַלט די ליפּן פאַרשלאָסן. זי וויגט זיך הין און צוריק. אירע אַקסלען צוקן, נאָר פון

איר מויל קומט קיין קלאַנג ניט אַרויס דער ווינט דרייט מיט איר לאַנגן שלייער. אויך דאָס קלייד וואָס זי טראָגט איז לאַנג ביז צו די פיס.

אונטער דער אָפענער חופה שטייט שוין דער חתן און וואַרט. ער טראָגט אַ שוואַרצע קאַפּאָטע, אַ ברייטן קאַפּעליוש. צוויי פון זײַנע על־טערע קינדער שטייען בײַ זײַן זײַט. אַנטקעגן איבער אים שטייט אַ ייִד מיט אַ ווײַסער באָרד. ער קוקט אַרײַן אין אַ ספר און שאָקלט זיך כּסדר. די מומע באַשע פירט די כּלה צו צו דער חופה. אין שטיבל פון צדיק וועמענס זכות דאַרף בײַשטיין אין אָפּצושטעלן די מגיפה, שטייט דער קברן מיט אַ טויט עופּעלע אונטערן אָרעם. לעבן אים שטייט אַ קלעזמער מיט אַ פידל אין דער האַנט.ביידע וואַרטן אויף אַ צייכן. דער זקן מיט דער ווײַסער באָרד האַלט אין איין זאָגן אַ תפילה בלחש. די מומע באַשע ווישט די אויגן. דער כּלה׳ס אויגן זענען טרוקן. דער חתן נעמט איר האַנט. נאָר דאָס רינגל קאָן ער ניט געפינען. ער זוכט אין אַלע קעשע־נעס. די כּלה שטייט, גלייך ווי עס גייט איר גאָרניט אָן. אירע אויגן זענען געווענדט צו איין איינציקן שטראַל וואָס רײַסט זיך דורך די אָנ־געלאָדענע וואָלקנס, הויך איבער די קעפּ פון די אונטערפירער, איבער דעם ברייטן, שוואַרצן קאַפּעליוש פון חתן, איבער דעם ייִד מיט דער ווײַסער באָרד איבער דעם קלעזמער מיטן פידל, דעם קברן מיטן טויטן קינד אונטערן אָרעם. זי רעדט מיט פאַרמאַכטע ליפּן. אירע אויגן שמייכלען. מיט אַ מאָל אַ וואָלקן־בראָך. אַ בליץ צערײַסט דעם הימלישן דעקטוך. ווי אַ שפּיז געצילט פון אַן אומגעזעענער האַנט, מײַדט אויס דעם וואַלד, היפּט־איבער דעם טײַך, די וואַנט אַרום בית־עולם, ווען ער גרײַכט די חופה פאַלט די כּלה טויט.

ס׳איז געוואָרן אַ בהלה. אַלע שטופּן זיך צום אויסגאַנג. אַלע לויפן. דונער און בליץ לויפט אונדז נאָך. איך קלאַמער זיך צו מײַן טאַטנס שטאַרקן נאַקן. מיר דאַכט אַז די טויטע כּלה לויפט אונדז נאָך. זי לויפט איבער די קעפּ פון די לויפנדיקע. איר לאַנגער שלייער פאַרטשעפּעט אין אַ ווײַסן וואָלקן הענגט אַראָפּ ביז צו דער ערד. אַ קול פון אַ שופר רופט אויס „מזל טוב!‟ אַ בת־קול ענטפערט: ברוך דיין אמת!

דאָס פײַפל פון אַנטרײַבער רײַסט זיך אַרײַן אין דער וויזיע. איך שטיי אויף און פאָלג נאָך דעם רוף. עס דעמערט. פייגל טשאַטעווען אין דער

לופּט. אויטאָמאָבילן שטופּן זיך צום אויסגאַנג. נאָר דער דימיון מאָלט נאָך אַלץ די חתונה אויפן בית־עולם, ער מאָלט די פּראַכט און די מיסטעריע. איינמאָל איינגעפּלאַנצט אין זכרון, האָט דאָס בילד געוואָרט גאַנצע פופציק יאָר. טאָקע ניט ווי יענע פאַרכישופטע פּרינצעסין, וועמען אַ קוש פון פּרינץ האָט אויפגעוועקט. זי, דאָס דינסטמיידל, האָט פון פּרינצן ניט געוווּסט, ניט געהערט און ניט געזען. אפשר מאָל האָט זי אַריינגעקוקט אין דער טיפקייט פון ברונעם ווו זי פּלעגט שעפּן וואַסער. ס׳קאָן געמאָלט זיין אַז זי האָט דאָרט געלאָזט אַ טרער, אָדער גאָר צוויי? די טרערן זענען אויפגעגאַנגען פון דער טיף פון ברונעם צו דער הייך פון וואָלקנס. דאָרט האָבן זיי זיך פאַראייניקט מיט די טרערן פון פאַרברענטע כלות, וואָס זענען אויפגעגאַנגען מיטן רויך פון אוישוויצער קוימענס. אַזוי אינאיינעם האָבן זיי געוואַנדערט איבער ים און יבשה, און געבליבן הענגען אונטערן שלייער פון אייביקייט...

אין דער זאַמלונג

7 אַ נאַכט אין די אַדיראָנדאַקס (במקום אַ פֿירוואָרט)
11 דער ראַנדעוווּ
23 אַן עקסקורסיע אויף צוריק
29 יאָסעלע
39 אינדיאַנער זומער
50 די באַלאַדע פֿון אַ חלום
58 דער קרבן
66 זשיזעל
78 מיט נעבעטיקע און הייַנטיקע שכנים
89 די זיצערקע אויף דער זיבעטער עוועניו
94 אויפֿן וועג צום גט
104 דער איבערגעבליבענער
113 אין געווּעט מיטן גורל
124 דאָס רויטע שירעמל
135 איר לעצטער טאַנץ
148 דאָס וואַרטן אויפֿן שמאַטילניק
161 די צווילינג־שוועסטער
170 אַ לידל פֿאַר אַ ייִדישער נשמה
173 דער אויסגעטראַכטער
182 אויף קבר־אָבֿות
190 דער ווונדער־קוואַל
203 אַ שניי־שטורעם אין זומערלאַנד
213 הערשעלע דער טוקערינס
221 בלאָט, בלאָף, אָדער טראַומע
229 די נסיעה אויפֿן טעלעפֿאָן
233 געראַטעוועט אַ ייִדישע נשמה
239 נאָסטאַלגיע
247 יאָסעמיטע־פּאַרק